STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06389

NISHT DERBRENTE SHAYTN

Mordechai Wolf Bernstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי וו. בערנשטיין

נישט־דערברענטע שייטן

דער שער־בלאַט פון בוך איז פון די זעלטענע פּראַגער
„סליחות״ פון יאָר 1541. — זע זייטן 241—248.

אָנהייב־אותיות פון די קאַפּיטלען
ספּעציעל געצייכנט פון נ. גראַנאַט

אַרגענטינער

ייוואָ־ביבליאָטעק

נומער זיבעצן

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן ביי דער מיטווירקונג
פון אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט, ווי אַ מתנה פאַרן מחבר
צו זיין ווערן אַ בן־חמישים

מרדכי וו. בערנשטיין

נישט דערברענטע שייטן

יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט
יי וו אָ
בוענאָס-איירעס, 1956

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by:
M. W. BERNSTEIN, Buenos Aires

Hecho el Depósito que marca la Ley

INDUSTRIA ARGENTINA

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 31 DE MARZO DE 1956, EN LOS TALL. GRAF. "ZLOTOPIORO HNOS.", GASCON 1231, BUENOS AIRES.

דער כתב־יד פון די „נישט־דערברענטע שייטן"
איז פֿאַרענדיקט געוואָרן צו דער 35סטער יאָרצײַט
ג׳ חשון תרפ״א   ג׳ חשון תשט״ז

נאָך מיין טאַטן און רבין

משה בן נח־אשר

דעם דערציער פון יידישע דורות
אין האָראָדאָק, קרינקי און ביטען.

אויך ער איז געווען אַ דירעקטער קרבן פון דייטשער אכזריות בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

זאָל דאָס בוך פאַרבייטן זיין צעשטערטע מצבה, וואָס איז אויסגעריסן און געשענדעט געוואָרן דורך די נאַצישע וואַנדאַלן, און זייערע ווייסרוסישע משרתים, צוזאַמען מיטן גאַנצן בית־עולם אין ב י ט ע ן.

דאָס אחריות פֿאַר די ווי‌סנשאַפֿטלעכע שטאַנד־פּונקטן וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט אין די אויסגאַבעס פֿון ייִוואָ, טראָגן די מחברים גופֿא.

אינהאַלט:

נישט־דערברענטע שייטן — 9

א. פון אונטער אַרכיוו־שטויב:

דורך פיר הונדערט אַרכיוון — 17
ווי אַזוי דעראַבערט מען די פעסטונג עהרנברייטשטיין — 25
„יידישע גנבים און רויבער־באַנדעס" — 40
פאַרשווונדענע פנקסים — 56
אין פרעמדער געפאַנגענשאַפט — 82
פון אַ קלויסטערשער ווידוי־כראָניק — 91
די געשיכטע חזרט זיך איבער — 95

ב. פאַרמעטן וואַרטן אויף אַ תיקון:

טויזנטער כתב־ידן מאָנען — 107
פאַרברענטע ספר־תורהס, געשענדעטע יריעות — 127
אויסגעקויפט דעם „נירנבערגער מחזור" — 135
די גראַטעוועטע הגדה פון דאַרמשטאַט — 149
אַ זעלטענער „מורה־נבוכים" כתב־יד — 157
דער אויגסבורגער „מוהל־ביכל" — 162
דער „שנאָדער־בוך" פון ווערל — 166
די „מעמאַר־ביכער" פון קאָבלענץ — 171
צוויי רעצעפטן־כתב־ידן אין אַלט יידיש פון די יאָרן 1474 און 1509 — 183

ג. ספרים רעדן:

דער גילגול פון אַ ספר — 225
אין אליה בחורס דרוקעריי — 231
אומבאַקאַנטע פראַגער „סליחות" — 241
די טאַנהאַוזענער „זולתות" — 245
שפייער אָן אַ מנין — 249
ווי אַזוי איז מען מקבר אַש פון קדושים? — 255

ד. צווישן מוזיי־רעליקוויעס:

וו זענען אהינגעקומען אונדזערע קונסט־אוצרות? — — — — — — 265

צוויי „מזרחים" אין פירשטלעכן מוזעאום פון אמארבאך — — — — — 285

צוואנציק חנוכה־לאמפן אין רהייניש מוזעאום — — — — — — — 292

דריי „שלח־מנות־טעלער" פון ווירצבורג — — — — — — — — — 299

די גונצענהאוזענער תורה־שילדן — — — — — — — — — — — 314

די געטינגענער תורה־ווימפלען — — — — — — — — — — — 318

דער ברענענדיקער דארן — — — — — — — — — — — — — 342

סוף־וואָרט — — — — — — — — — — — — — — — — — 347

נישט־דערברענטע שייטן

הלא זה אוד מצל מאש.

**
*

איז נישט דער דאָזיקער אַ שייט
אַרויסגעריסן פון פייער ?

(זכריה, קאַפּיטל ג׳, פסוק ב׳)

ניט צוליב מליצה הייסט דאָס דאָזיקע בוך נישט־דערברענטע שייטן. איך האָב גענומען דעם נביא זכריהס פון פייער אַרויסגעריסענעם שייט ווי אַ סימבאָל פאַר דעם אַלעמען וואָס וועט ווייטער דערציילט ווערן. אַלע פאַקטן און געשיכטעס, אַלע באַריכטן מיט זייערע פּרטים זענען ממש, אין פּשוטסטן זין פון וואָרט און באַגריף נישט־דערברענטע שייטן.

יעדער פון זיי איז שוין געווען אויפן וועג צום פלאַקערדיקן שייטערהויפן; אָט זענען זיי שוין געלעגן ביי דער אויפגעפראַלטער טיר פון קאַלכאויוון — זיי זענען פון דאָרטן אָבער אַרויסגעריסן געוואָרן, על־פּי־נס, אַנטרונען געוואָרן פון דער פאַרלענדונג.

אַ גרויסער טייל פון זיי איז טאַקע נישט פאַרצוקט געוואָרן פון די בראַנדפּייערן; די פלאַקערצונגען פון שייטער האָבן זיי נאָר „באַלעקט“ און געבליבן זענען זיי צוגעסמאַליעטע האָלעוועשקעס, נישט־דערברענטע שייטן...

טראָגן זיי אויף זיך סימנים פון דער נישט־דערברענטקייט, סימנים וואָס דערציילן וועגן דעם מאַרטירער־וועג צום גיהנום...

איך האָב די דאָזיקע נישט־דערברענטע שייטן געטראָפן אויף שריט און טריט אויף דער עמלקישער ערד, אומעטום, ווו איך האָב נאָר געשטעלט מיין פוס.

זכריה הנביא האָט אין זיין מיסטעריע־וויזיע געזען איין איינציקן שייט, וואָס איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון פייער: אוד מצל מאש! איך האָב זיי געזען אין די סך טויזנטער, אין די הונדערטער טויזנטער.

„אין די לאַבירינטן פון תקופות" האָב איך שפּאַצירט דורך דוממים, דורך דעם שטיינערדיקן געפלאָנטער פון צייט; איך האָב געפּרווט זיך דורכרעדן מיט שטיינער פון ווענט; פאַרפירן שמועסן מיט קאַרניזן, רעליעפן און זיילן פון אור־אַלטע געביידעס; כ'האָב אַראָפּגענידערט אין מקוואות־קעלערן און געקלעטערט צו די שפּיצן פון מינסטער־טורעמס, כדי פאַנאַנדערשיפרירן איינגעקריצטע אותיות אין שטיין און האָלץ. קורץ, דער אָביעקט פון מיינע „לאַבירינטן" איז געווען ווענט, גאַסן, געביידעס און פלעצער — זעלטן פּאַלאַצן, אָפטער חורבות. שטיין און האָלץ האָבן באַקומען לשון און מיך געפירט דורך די שטעגן און אומוועגן פון פאַרשניטענעם אשכנז.

**
*

די נישט־דערברענטע שייטן איז אַ ווייטערדיקער אַריינדרינג אין די דאָזיקע טויזנט, און טאָקע מער, אשכנז־יאָרן.

טרעטנדיק אויף יענע פאַרצייטיקע פּלעצער; שפּאַצירנדיק דורך די צעפּלינ־דערטע גאַסן; אַראָפּנידערנדיק אין די פאַרוויסטע אונטערערדן; קריכנדיק צו די חוצפּהדיק־פאַריסענע גאָטישע טורעמס — אומעטום, ממש אומעטום, האָב איך געפונען די נישט־דערברענטע שייטן; אומעטום האָב איך געטראָפן אַ צוגעסמאַליעטע האָלעוועשקע.

אין אַלע העכער 800 שטעט און שטעטלעך, דערפער און דערפלעך, וואָס איך האָב דורכגענישטערט, זוכנדיק די שפּורן פון מיט בלוט אָפּגעגאַנגענעם אשכנז האָב איך זיי באַגעגנט.

אין די הונדערטער היימאַטס־מוזעאומס — סיי אין די אויסגעשטעלטע וויט־רינעס, סיי אין די קעלערן, ווו זיי זענען פאַרשטעקט — זענען זיי פאַראַן, אונ־דזערע נישט־דערברענטע שייטן.

אין די כל־המינים אַרכיוון — פאַרצייכנט אין גראָבבענדיקע רעפּערטאָר־יומס, אָדער איינגעשלאָסן אין פּאַסציקלען אין פייער־קאַסעס — ליגן זיי, אונ־דזערע צוגעסמאַליעטע האָלעוועשקעס.

אין מלוכהשע, שטאָטישע, פּריוואַט־אַדעליקע ביבליאָטעקן — אויף פיינע אויסגעפּוצטע פּאָליצעס, אָדער באַדעקטע מיט דיקער שטויביקער נאַכלעסיקייט — שטייען זיי, אונדזערע פון פייער אַרויסגעריסענע שייטן.

כ'האָב זייער לשון פאַרשטאַנען; געוווּסט וואָס זיי דערציילן און אויסגעפילט זייערע פאַרלאַנגען:

— גיט אונדז אַ תיקון, האָבן זיי זיך געבעטן;
— נעמט אונדז אַרויס פון געפאַנגענשאַפט, איז געווען זייער בקשה;
— העלפט אונדז קומען צו דער מנוחה, איז געווען זייער פאַרלאַנג.

פלעג איך נאָך יעדן וויזיט ביי אונדזערע פּאַרמעט־פּליטים, אַנטרונענע פון די שריפות פאַרשרייבן די בקשות און...

— —

— —

וואָלט איך דאָ געדאַרפט דערציילן די גרויסע עפּאָפּעע פון „אַרויסנעמען פון געפאַנגענשאַפט" מיליאָנען נישט־דערבערענטע שייטן. איז דאָס אַן אַנדער טעמע. לאָמיר נאָר דערמאָנען, אַז מיליאָנען זענען געקומען צו זייער מנוחה, האָבן טאַקע געפונען זייער תיקון.

און דאָס אייגנטלעך איז טאַקע מיין שכר פאַר יענעם קאַשמאַר־שפּאַציר, וואָס איך בין געגאַנגען צווישן די דאָזיקע אודים מצלים מאש.

נישט איין מאָל פלעגט נאָך אַ לאַנגן טאָג פון איינזאַפּן אין זיך דעם שטיקנדיקן שטויב, אָדער אַש — צייטנווייז ביידע צוזאַמען — אַרויפשווימען די פראַגע:

— למי אתה עמל? פאַר וועמען האָרעוועסטו? אפשר איז בעסער, אַז דער „שייט" זאָל בלייבן אויף זיין אָרט? אפשר גאָר נישט אויפוועקן אים פון זיין פאַרטשאַדעטן דרימל?

— אולי, אפשר דאַרפן גאָרנישט די בשר־ודמס־פּליטים, דער מענטשלעכער איבערבלייב, די דאָזיקע צוגעסמאַליעטע האָלעוועשקעס? אפשר ווילן זיי גאָרנישט די יעניקע וואָס זענען אַדורך דעם זיבן־מאָל־זיבן גרויזאַמען גיהנום, אַז די נישט־דערבערענטע שייטן זאָלן זיי דערמאָנען וועגן זייער נעכטן?

איך פלעג פרוון פאַריאָגן די דאָזיקן מחשבותן, הגם דער ספק האָט געטאַטשעט. איך בין געוואָרן אַ שקלאַף פון די „שייטן".

שפּעטער האָב איך זיך געקענט איבערצייגן, אַז מיין ספק איז געווען אַ פאַלשער, אַ נישט־באַרעכטיקטער. מיט יאָרן שפּעטער, נאָך מיין גאַנג צווישן די נישט־דערבערענטע שייטן האָב איך געלייענט אַ ליד, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דאַן פאַר מיר ווייטן אַרגענטינע. אַ ליד, ווו עס ווערט אויסגעזונגען די בענקשאַפט נאָך די דאָזיקע „שייטן", ווו עס איז דאָ אַן אויפפאָדערונג צו דער שפּורן־זוכעריי, אין וועלכער איך בין געווען איינגעשפּאַנט.

עפּעס ווי אַ מין רוח־הקודש האָט אַרויסגערעדט פון דעם ליד פון מ. יאַליס „איך זוך די שפּורן".

***

דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן פונקט אין יענעם יאָר (1948) ווען איך האָב אָנגעהייבן מיין שפּאַציר דורך די „לאַבירינטן" אין גייעג נאָך די „שייטן". ביז מיין קומען אין אַרגענטינע האָב איך דאָס ליד נישט געזען. און דאָרטן איז דאָך אַזוי קלאָר אויסגעדריקט מיין דעמאָלטיקע שטימונג. ווילט זיך דאָס דאָזיקע ליד אַריינגעמען אין דעם אַריינפיר צו די נישט־דערבערענטע שייטן.

מרדכי וו. בערנשטיין

עס בענקט אויס מ. יאַליס:

איך זוך די שפּורן...

(צום אָנדענק פון מיין פעטער דניאל הערשגאַל)

איך זוך די שפּורן פון דעם נעכטן,
באַטראָטענע פון דורות שליאַכן,
כ׳גיי אין מיין חלום איבער וועגן,
וואָס אָנגעצייכנט האָבן זיידעס
מיט צער און גלויבן אין די הערצער...

כ״זוך און נישטער אין זכרון
דעם הייליק־כשרן אַמאָל,
וויל אויפמונטערן דעם טוי פון שפּראָצונגען,
געקעכלט אין שטילע ציטערן
פון תמימותדיקע צייטן...

פאַרוואָקסן זענען זיי, די שפּורן,
מיט גראָזן שטעכיקע און ווילדע,
דעם מערדערס בלוטיקע ידים
נאָך מער פאַרווישט דעם גלייכן גאַנג
פון זיידעס איינגעהויקערטע...

נאָר נישט פאַרשלינגען איז בכוח
קיין קראַפט, ווי מעכטיק זי זאָל זיין,
דאָס דממהדיקע קול פון אבות הייליקע,
וואָס טראָגט זיך אין דעם אומענדלעכן רוים...

אויף קעפּ געבויגענע פון צער,
זי וועט צוריק אַרויפשטעלן די קרוין,
וואָס האָט מיט גייסט געפינקלט,
צוריק אונדז פירן אויף שפּורן טייערע,
וואָס מענטש און צייט האָבן אכזריותדיק,
אַזוי וואַנדאַליש צעטראָטן און פאַרטונקלט...

מ. יאַליס

(„אידישע צייטונג״ 12.V.48)

פון דאָזיקן ליד, וואָס איז נישט באַפרייט פון נאָסטאַלגיע־אויסברוך, ביז דעם טרעטן אויף די שפורן איז אַ גרויסער מהלך, נישט נאָר אין שטח. אינעם ליד רעדט זיך וועגן גיין אין חלום און נישטערן אין זכרון. ביי מיר איז עס געווען נישט חלום נאָר וואָר; נישט זכרון נאָר היינט.

פאַר מיינע דעמאָלטיקע ספיקות זענען אָבער די דאָזיקע שורות אַ ווייטערדיקע סאַטיספאַקציע, אַ באַווייז, אַז ערגעץ־ווו האָט זיך דאַן געצויגן אַ געהיימע בענקשאַפט צו די ווייטע אומזעבאַרע „שייטן".

**

נישט־דערברענטע שייטן זענען איינגעטיילט אין פיר טיילן:

א. פון אונטער אַרכיוו־שטויב;
ב. פאַרמעטן וואַרטן אויף אַ תיקון;
ג. ווען ספרים וואַלטן גערעדט;
ד. מוזעאום־רעליקוויעס באַקומען לשון.

אין זיי איז אַריין אַ ברוכטייל פון מיינע „קליענטן", די געוועזענע קאַנדידאַטן פאַרן גהינום־פלאַקער.

גאַר גרויסע טיילן פון די דאָזיקע „שייטן" זענען שוין, ווי פריער דערמאָנט, געקומען צו מנוחה; זיי האָבן באַקומען אַ תיקון אין אַלע אונדזערע תפוצות. עס וועט אויסקומען וועגן דעם אין די באַזונדערע קאַפּיטלען צו דערציילן.

זיי געפינען זיך ראשית אין מדינת־ישראל (אין דער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק און מוזעאום „בצלאל") און אין אַמעריקע (בעיקר אין דער גרויסער ביבליאָטעק פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט). דאָרטן זענען זיי געקומען אויסגעלייטערטע, כדי ווייטער דערפילן זייער שליחות — צו באַגלייטן דאָס פאָלק איז זיין גאַנג פאַרויס.

אויך דאָס געהערט צו יענעם שכר פאַר מיינע נע־ונדן צוזאַמען מיט די „שייטן".

נאָך מער וועט דער דאָזיקער שכר פאַרגרעסערט ווערן אויב די, וואָס וועלן מיט מיר מאַכן די עקסקורסיע צו די „שייטן", וועלן מיטלעבן דעם אומרו מיינעם ווען איך האָב זיי געזוכט; אויב זיי וועלן אויספילן דעם נשמה־צאַפּל פון יעדן „שייט" באַזונדער ווען עס האָט זיך געוויגן זיין גורל — צי זאָל ער בלייבן אַ געפאַנגענער ביי דער סיטרא־אחרא, אָדער באַקומען אַ תיקון.

וועט עס זיין אַזוי, וועל איך וויסן, אַז מיין מי האָט געהאַט אַ זין.

לאָמיר, בכן, גיין און זיך באַהעפטן מיט אונדזערע, פון פייער אַרויסגעריסענע, שייטן.

א.

פון אונטער ארכיוו שטויב

דער שער פון דער אָפּטיילונג א׳. (זייט 15):
שער־בלאַט פון דעם פּנקס פון דער חברה־קדישא אין וואַרשטיין, וועסטפאַלן, וואָס איז צוגערויבט געוואָרן פון די נאַציס און געפינט זיך פילמירט אין דער פעסטונג עהרנברייט־שטיין (די סיגנאַטור רסא אויבן באַדייט רייכס־זיפּען־אַמט; די נומערן מיינען דעם נומער פון דעם פילם (זע קאַפּיטל „פאַרשוווּנדענע פּנקסים“, זייטן 56—81).

דורך פיר הונדערט יאָר אַרכיוון

פון די ווי־כטיקסטע אויפגאַבעס וואָס איך האָב געהאַט ביי מיינע שטודיע־נסיעות איבער דעם נאָך־היטלערישן דייטשלאַנד, איז געווען דורכצוניפערן די דאָרטיקע אַרכיוון.

נישטאָ נאָך אַזאַ מדינה, ווו די אַרכיוויסטיק זאָל נישט שטיין אויף אַזאַ הויכער מדריגה פון פּרעציזקייט, „דייטשע אָרדענונג און פּינקטלעכקייט" און דערצו די כאַראַקטעריסטישע פאַר זיי „היימאַטס־ליבע" זענען געווען די הויפּט־גורמים, וואָס די אַרכיוון אין דייטשלאַנד זענען מוסטערן פאַר אַנדערע אין גאָר דער וועלט.

זענען די דאָזיקע אַרכיוון, פּונקט ווי אומעטום, געוואָרן פון די וויכטיקסטע מקורים פאַר געשיכטע־פאָרשער, היסטאָריקער פון פאַרשידענע געביטן. אין די דאָזיקע דייטשן אַרכיוון זענען אויך, מיט אַ גאָר ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט, צופגעהיט געוואָרן אָן אַ שיעור דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון די יידן. נאָך אין ערגעץ איז אַזאַ אייגנאַרטיקע באַציִונג צו יידישע אַרכיוואַליען נישטאָ ווי אין די דייטשע אַרכיוון. די „זאָרג" און „ליבע" וואָס עס איז אַרויסגעוויזן געוואָרן צו די יידן אויף דער דאָזיקער ערד איז געקומען צום אויסדרוק אין די כל־המינים אַרכיוון, וואָס עקזיסטירן אין די באַזונדערע לענדער פון דייטשלאַנד.

אויפן סמך פון די דאָזיקע אַרכיוון זענען טאַקע געשריבן געוואָרן הונדערטער וויכטיקע שטודיעס וועגן דער געשיכטע פון יידן אין דייטשלאַנד. אַלגעמיינע געשיכטע־ווערק און רעגיאָנעלע מאָנאָגראַפיעס, וואָס דערגרייכן אין די הונדערטער. דיסערטאַציע־אַרבעטן פאַר דאָקטאָר־טיטלען אין די הויכשולן, אויף יידיש־געשיכטלעכע טעמעס זענען אויפן גרונט פון די דאָזיקע יודאַיקאַ־אַרכיוואַליען געמאַכט געוואָרן.

צעזייט און צעשפּרייט זענען די דאָזיקע מאַטעריאַלן אין הונדערטער ערטער. זיי געפינען זיך אין די מלוכהשע אַרכיוון (שטאַאַטסאַרכיווע) פון די באַזונדערע לענדער; אין די שטאָטישע אַרכיוון; אין די אַדל־אַרכיוון און אין אַ ריי פּריוואַטע אַרכיוו־זאַמלונגען.

די יודאַיקאַ־אַרכיוואַליען אין די דאָזיקע ערטער זענען אויך פון פאַרשיי־דענעם כאַראַקטער. עס זענען דאָקומענטן און אַקטן פון דער געגעבענער אינס־טיטוציע, ענינים וועגן ייִדן מיט וועלכע די דאָזיקע אינסטיטוציע האָט געהאַט צו טאָן (מלוכה, שטאָט־פאַרוואַלטונג, אַדעליקער שטאַם וכדומה), אָדער ייִדישע אַר־כיוואַליען, אַזעלכע וואָס זענען פריִער געווען ייִדישער אייגנטום (אַרכיוון פון קהילות אָדער אַנדערע אינסטיטוציעס) און זענען בשעתם אַריינגעגעבן געוואָרן אין דעם אַלגעמיינעם אַרכיוו.

ביז אַ געוויסער צייט פלעגן די אויפגעקלערטע קהילות אין דייטשע שטעט און שטעטלעך אַריינגעבן זייערע זאַמלונגען אין די מלוכהשע אָדער שטאָטישע אַרכיוון. ערשט פון יאָר 1905, ווען דער „געזאַמטאַרכיוו דער דויטשען יודען" אין בערלין האָט אָנגעהויבן צו זאַמלען די פאַרשידענע דאָקומענטן און אַקטן, זענען שוין די כל־המינים יודאַיקאַ־אַרכיוואַליען איבערגעגעבן געוואָרן אין דאָ־זיקן „געזאַמטאַרכיוו", וואָס אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר פילאָזאָפיע יעקב יאַ־קובסאָן, איז עס געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטו־ציעס פאַר ייִדישער געשיכטע.

חוץ די מלוכהשע, שטאָטישע און אַדל־אַרכיוון זענען נאָך געווען ביי אַ ריי קהילות אַרכיוון פון אויסערגעוויינטלעכער באַדייטונג, הן מיט דעם שלל פון אויפגעקליבענע מאַטעריאַלן, הן מיט דער אָרדענונג וואָס עס האָט דאָרטן גע־הערשט. יעדע קהילה האָט זיך באַמיט איר אַרכיוו צו האַלטן ווי אַמבעסטן, ווי אַמשענסטן, באַרייכערן אים און פאַרגרעסערן די זאַמלונגען. די חשיבות פון אַ קהילה האָט זיך טאַקע גערעכנט אויך לויטן מצב פון איר אַרכיוו.

חוץ די דאָזיקע אַרכיוון זענען געווען יודאַיקאַ־אַרכיוואַליען אין ערטער, וווהין די פאָרשער האָבן כמעט נישט געהאַט קיין דריסת־הרגל. ראשית, די קלויס־טער־אַרכיוון. דאָרטן זענען געווען אוצרות מיט דאָקומענטן און אַקטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו ייִדן. אין די עקזיסטירנדיקע קלויסטערס איז דער צוטריט פאַר וויסנשאַפטלער בכלל און ייִדן בפרט געווען פאַרווערט. עס זענען אויך געווען איינגעשפּאַרטע אַדל־שטאַמען, וואָס זיי פלעגן אין זייערע אַרכיוון נישט אַריינ־לאָזן קיינעם, נישט געוואָלט, אַז זייטיקע זאָלן זיך דערוויסן „סודות פון דער משפחה".

די היטלער־הערשאַפט און די צווייטע מלחמה האָט אין דעם מצב פון יו־דאַיקאַ־אַרכיוואַליען אַריינגעבראַכט גאָר אַ סך ענדערונגען. עס איז געווען באַ־קאַנט, אַז אין די אַלגעמיינע אַרכיוון איז פאַרגעקומען אַ גייעג נאָך ייִדישע מאַטעריאַלן. די כל־המינים „יודען־קענער" האָבן גענומען נישטערן אין די אַר־כיוון אויסצוגעפינען וואָס מער מאַטעריאַלן וועגן ייִדן. בכלל איז „יודענטום" געוואָרן אַ ספּעציעלע „וויסנשאַפט" אין דעם דריטן רייך און עס איז פאַר־




דאָקומענט אין העברעאיש
פֿון יאָר 1377, ווו די יידן
אין וואָרמס האָבן זיך פאַר־
פליכטעט צו געבן דער
שטאָט אַ הלוואה (באַונס)
פֿון 20.000 מאַרק. דער דאָ־
קומענט געפינט זיך אין
ווערמסער שטאָטישן
אַרכיוו. נומער פון דאָקו־
מענט 6693.

שטענדלעך, אַז די יידישע אַרכיוו־מאַטעריאַלן זענען פאַר די דאָזיקע „וויסנ־שאַפטלער" געווען אַ גאַר וויכטיקער ענין.

נאָך דעם צוזאַמענבראָך פון נאַציזם האָט זיך געשטעלט אַ פראַגע: וואָס האָבן די היטלער־יונגען געמאַכט מיטן אָנגעזאַמלטן פון דורות מאַטעריאַל אין די אַרכיוון? צי זענען זיי געבליבן, אָדער מען האָט זיי ערגעץ־ווו פאַרשלעפּט.

ווייטער האָב איך געהאַט אַ דאָקומענט, אַרויסגעגעבן פון דער נאַצישער צענטראַלע פאַר אַרכיוו־פלעגע, אַז מען זאָל גאַר באַזונדער זיך אינטערעסירן מיט די אַרכיוון פון די יידישע געמיינדעס און אינסטיטוציעס און אַז מען זאָל זיי ווי געהעריק „אויפבעוואָרען" — גוט אויפהיטן. אין דעם פּרט האָט זיך געשטעלט אַ ריי פראַגעס:

— וואָס האָט געטאָן די געשטאַפּאָ מיט די קאָנפיסקירטע יידישע אַרכיוון?
— צי זענען זיי צעשטערט געוואָרן, אָדער געבליבן גאַנץ?
— אויב גאַנץ, ווו געפינען זיי זיך?
— און אויב מען וועט שוין יאָ געפינען די דאָזיקע צוגעגזלטע אַרכיוון, ווי אַזוי באַקומט מען זיי צוריק אין יידישע הענט?

איך מוז זיך מודה זיין, אַז דאַן, ווען איך האָב אין פראַנקפורט ביי ד״ר יהושע סטאַר באַקומען די ערשטע נאָטיצן וועגן וואָס איך דאַרף טאָן אין ענין פון די יידישע אַרכיוואַליען האָב איך זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז דאָס וועט אויסוואַקסן צו אַזאַ ריזיקער עובדא. אין גאַנג פון דער אַרבעט זענען אַרויסגע־שוווּמען נייע פּראָבלעמען, שוועריקייטן און אָפטמאָל קוריאָזע געשיכטעס.

בכדי דעם דאָזיקן קאַפּיטל געבני צו איבערגעבן, מיינט אָנצושרייבן אַ ביב־ליאָטעק אַ גאַנצע. יעדער אַרכיוו וואָס איז דורך מיר באַאַרבעט געוואָרן קאָן אויספילן אַ גאַר דיקן באַנד. יעדער אויסגעפונענער אַרכיוו, וואָס איז צוגעגזלט געוואָרן האָט צו דערציילן אמתע יציאת־מצרים־געשיכטעס.

עס זענען אויך פאַראַן ענינים, וואָס דאַרפן וואַרטן ביז מען וועט מיט זיי קענען קומען צו דער עפנטלעכקייט. אין מיין סיזיף־אַרבעט פון אויסגראָבן די הונדערטער אַרכיוון און פון זיי אויסשיילן דעם יידישן יאָדער, האָבן מיר גע־האָלפן צענדליקער „אומבאַקאַנטע זעלנער" — טייל פון די געוועזענע נאַציס. רשעים, וואָס האָבן מיט זייער איצטיקער מיטאַרבעט געוואָלט אָדער אויסקויפן זייער פאַרגאַנגענהייט, אָדער (און דאָס לרוב) געפעלן צו ווערן די נייע באַלע־באַטים, ווענעמענס באַפעלן זיי דאַרפן אויספירן. געווען אָבער אויך צווישן זיי אמתע חסידי אומות העולם, וואָס זענען בימי היטלער געווען אין זיינע גהינום־לאַגערן און נאָך דער נאַצישער מפּלה געשטעלט זיך צום דינסט פון זייערע ליידנס־ברידער — און די דאָזיקע יחידים האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב, און אָפטמאָל אויך כבוד, אַז זיי האָבן געקענט העלפן די לעבנגעבליבענע מיט וואָס נישט איז.

איך וואָלט דאָ געדאַרפט דערמאָנען נעמען — האָבן עס די יעניקע פון דער

ערשטער קאַטעגאָריע נישט פאַרדינט און די צווייטע, וואָס האָבן עס כשר פאַר־דינט, פאַרלאַנגען נישט קיין געצאָלט (אַפילו אין דער דאָזיקער פאָרעם) פאַר דעם וואָס זיי האָבן אויסגעפילט זייער פליכט.

דאָס וואָס איך וויל אָבער דערמיט זאָגן איז, אַז אָן דער דאָזיקער מיטהילף און קאָאָפּעראַציע וואָלט איך מיין עובדא ביי דער דאָזיקער אַרבעט נישט געקענט דורכפירן.

עס איז נישט דער אָרט און נישט די געלעגנהייט פאַר פּרטים. אין אַלגעמיינע שטריכן:



פּריווילעגיעס פון דייטשע שררות פון מיטלאַלטער פאַר די יידן אין וואָרמס. געפינען זיך איצט אין דעם וואָרמסער שטאָטישן אַרכיוו.

עס זענען דורך מיר באַארבעט געוואָרן די מלוכהשע אַרכיוון פון בייערן, דאָס מיינט דער צענטראַלער הויפּט־לאַגער אין מינכען און די פיליאַלעס אין: אַמבערג, באַמבערג, לאַנדסהוט, נויבורג ביים דאַנאַו, קאָבורג, נירנבערג, ווירצבורג, שפייער.

מלוכהשער אַרכיוו פון ווירטעמבערג אין שטוטגאַרט, לודוויגסבורג און עסלינגען.

מלוכהשע אַרכיוון פון באַדען, העסען, רהיינפּאַלץ, זאַקסען, האָהענצאָלערן, (קאַרלסרוהע, דיסלדאָרף, מינסטער, פראַנקפורט, קאָבלענץ, געטינגען, האַמבורג, האַננאָווער, וויסבאַדען, וואָלפענביטעל).

שטאָטישע אַרכיוון: מינכען, וואָרמס, ווערטהיים, רעגנסבורג, האַמעלן, הילדעסהיים, מאַרבורג, ברוינשווייג, פרידבערג, אַלטאָנאַ, אַנסבאַך, בינגען, באַד־דירקהיים, פלאָס, ליבעק, מעמינגען, באַד־מערגנטהיים, נערדלינגען, רויטלינגען, ראַמוויל, זולצבאַך, שווינפורט, נויוויד.

פון די שטאָטישע אַרכיוון האָב איך נאָר אויסגערעכנט 25 פון אַ עלכע ערטער, וווּ די יידישע געשיכטע איז מיט זיי געקניפּט און געבונדן.

פון גאָר באַזונדער כאַראַקטער זענען די אַדל־אַרכיוון, די אַרכיוון פון די פּאַרשידענע פירשטן, גראַפן און ריטער, וווּ יידן האָבן בשעתו באַקומען שוץ. די דאָזיקע אַרכיוון זענען דורכגעוויקט מיט יידיש בלוט און שוויס — רדיפות און דערינדעריקונגען אָבער אויך בלעטלעך פון „שוץ און דולד״ — דאָס אויפנעמען זיי אין צייטן פון גירושים.

פון די כאַראַקטעריסטישע אַדל־אַרכיוון וואָס איך האָב באַארבעט וועל איך דערמאָנען:

1. פירשטלעך־לייניגענישער אַרכיוו אין אַמאָרבאַך;
2. פירשטלעך־איסענבורגישער אַרכיוו אין בירשטיין;
3. פירשטלעך־קאַסטעלישער אַרכיוו אין קאַסעל;
4. פירשטלעך־פירשטענבערגישער אַרכיוו אין דאָנאַוּעשינגען;
5. גראַף־סולמס־רעדלסהיימער אַרכיוו אין פרידבערג;
6. פירשטלעך־האָהענלאָהישער אַרכיוו אין נויענשטיין;
7. פרייהער פאָן קריילסהיימער אַרכיוו אין נירנבערג;
8. גראַף־פאַפענהיימער אַרכיוו אין פאַפענהיים;
9. פירשטלעך טורן־טאַקסיס־אַרכיוו אין רעגנסבורג;
10. פירשטלעך־האָהענצאָלערישער אַרכיוו אין זיגמאַרינגען;
11. פירשטלעך לעווענשטיין־ראָזענבערגישער אַרכיוו אין ווערטהיים;
12. פירשטלעך לעווענשטיין־פרוידענבערגישער אַרכיוו אין ווערטהיים;

13. גראַף פֿאָן שענבראָנישער אַרכיוו אין וויזענטהייד;
14. גראַף־נויווידישער אַרכיוו אין נויוויד.
15. העסען־ראַטענבורגישער האַפּאַרכיוו אין מאַרבורג.

אויך פֿון די אַדל־אַרכיוון האָב איך אויסגערעכנט נאָר אַ טייל, 15 כאַראַק־טעריסטישע. יעדער פֿון די דאָזיקע אַרכיוון האָט זיין באַזונדער יחוס. אין איינעם למשל (פֿון בירשטיין) זענען דאָ די רייכסטע אַרכיוואַליען וועגן די פֿראַנקיסטן; דער נויווידער איז פֿון באַזונדער אינטערעס צוליב דער געשיכטע פֿון דער דאָר־טיקער יידישער דרוקעריי; דער קאַסטעלישער אַרכיוו האָט אָן אַ שיעור מאַטער־יאַל אין יידיש (דאָס זעלביקע אויך דער אַרכיוו פֿון פּאַפּענהיים).

אין מיין אַרבעט האָב איך זיך נישט נאָר באַקענט מיט די אַרכיוון, נאָר טאַקע מיט זייערע יידישע מאַטעריאַלן און געלאָזט מאַכן רעפּערטאָריומס פֿון די דאָזיקע אַרכיוואַליען.

כדי זיך צו שאַפֿן אַ באַגריף פֿון דעם אינהאַלט פֿון די דאָזיקע רעפּער־טאָריומס דאַרף דאָ צוגעגעבן ווערן, אַז די רעפּערטאָריומס האָבן נאָר קורצע רעגעסטן (פֿאַרצייכענונגען) פֿון אַקטן, אָפּטמאָל איז אַ פֿאַרצייכענונג פֿון איין שורה געמיינט אַ סעריע מיט אַקטן־בענד. בכלל האָבן די רעפּערטאָריומס וואָס זענען דורך מיר צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן ביז זעקס טויזנט מאַשינדרוק־זייטן (6.242). נעמענדיק אין דורכשניט אויף יעדער זייט נישט מער ווי 15 רעגעסטן, הייסט עס ביז ניינציק טויזנט אַקטן־זאַמלונגען, לפֿי־ערך זענען באַאַרבעט גע־וואָרן העכער דריי מיליאָן דאָקומענטן.

עס וועט לסוף זיין וויכטיק צו פֿאַרצייכענען די צייט מיט וועלכע די דאָזיקע מאַטעריאַלן באַשעפֿטיקן זיך.

די עלטסטע דאָקומענטן זענען פֿון יאָר 996; די לעצטע 1946.

דאָס הייסט אַ משך פֿון כמעט קיילעכדיקע טויזנט יאָר.

אין די דאָזיקע יודאַיקאַ־אַרכיוואַליען ווערן דערמאָנט ביז 3000 (דריי טויזנט) געאָגראַפֿישע פּונקטן, וווּ עס האָבן געוווינט יידן.

אין אַלגעמיינעם סך־הכל האָבן מיר דאָ די מקורות פֿון טויזנט יאָר אשכנז אין 3000 יידישע ישובים.

וואָס דאָס מיינט?

די דורך מיר געמאַכטע רעפּערטאָריומס געפֿינען זיך איצט אין דעם צענ־טראַלן אַרכיוו פֿאַר יידישער געשיכטע אין דער וועלט, אין ירושלים, און קאָפּיעס אין דעם יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט — ייוואָ אין ניו־יאָרק. עס קען דעריבער אַ פֿאָרשער זיצן אין ירושלים אָדער אין ניו־יאָרק און „אַריינקוקן" אין די אַרכיוון פֿון גאַנץ דייטשלאַנד. ער קען אויסקלייבן וואָס פֿאַר אַ געביט ער וויל נאָר און ער האָט אַ פֿולע רשימה פֿון די נייטיקע אים מאַטעריאַלן. ער

דאַרף נאָר אָפּשרייבן די געהעריקע רעגעסטן פון די רעפּערטאָריומס (זיי זענען אַלע נומערירט מיט דעם צייכן פון געהעריקן אַרכיוו) און אַרויספּאָדערן קאָפּיעס פון די דאָזיקע דאָקומענטן.

***

דאָס אַלץ האָט געהאַט צו טאָן מיט מאַטעריאַלן וועגן ייִדן, וואָס האָבן זיך געפונען פון פריִער אין דייטשן באַזיץ. אַ באַזונדער קאַפּיטל זענען די צוגעגזלטע בעת דער נאַצי־צייט ייִדישע אַרכיוון. וועגן זיי דערצייל איך ווייטער באַזונדער.

פון דער עפּאָפּעע פון מײַנע נישטערונגען אין די קרוב פיר הונדערט אַרכיוון ברענג איך אין די נישט־דערברענטע שייטן אַ פּאָר געשיכטעס וואָס איך האָב זיך אָנגעטראָפן בעתן יאָגן זיך נאָך די „נעכטיקע טעג“. איך האָב זיך געמוזט באַגרענעצן נאָר מיט געציילטע ממש, אַנדערש וואָלט איך קיינמאָל נישט פאַר־ענדיקט דער דאָזיקער טויזנט און איין קוריאָז־עפּאָפּעע.



אַ קול־קורא פון די ראשים פון שפּייער פון יאָר 1333 אין מלוכהשן אַרכיוו פון שפּייער.

ווי אַזוי דעראָבערט מען די פעסטונג עהרנברייטשטיין

עהרנברייטשטיין איז נישט קיין פעסטונג פון עפּעס אַ העלדן־לעגענדע, נישט קיין אויסגעחלומטער שלאָס פון אַ קינדער־מעשה. אַזאַ פעסטונג איז פאַראַן און געפינט זיך אויף איינעם פון די באַרימטע און מאַלערישע וועגן פון דעם רהיין.

„ווי אַזוי דעראָבערט מען די דאָזיקע פעסטונג״, — האָבן זיך אין משך פון יאָרהונדערטער געשטעלט פאַרשידענע מלחמה־פירער, סטראַטעגן, גענעראַל־שטאַבן. די דאָזיקע פעסטונג וואָס איז אויפגעבויט אויף אַ הויכן פעלזיקן באַרג ביי קאָבלענץ, אין יענעם פלאַץ, ווו דער מאָזעל פאַראייניקט זיך מיטן רהיין, האָט שוין איר רייכע געשיכטע. אַלע מלחמות, וואָס עס האָבן זיך אין משך פון יאָרהונדערטער געפירט ביי די רהיינבערגן, האָבן געהאַט צו טאָן מיטן פּראָבלעם — ווי דעראָבערט מען די פעסטונג עהרנברייטשטיין.

איך פאַר מיר איז די דאָזיקע „סטראַטעגישע״ אויפגאַבע געשטאַנען אין משך פון גאַנצע צוויי יאָר. ווי אַזוי דרינגט מען אַריין אין דער דאָזיקער פעסטונג? די דאָזיקע שאלה האָט מיך אַ לאַנגע צייט געמאַטערט. עטלעכע מאָל בין איך שוין געשטאַנען צופוסנס פון דעם רויטן שטיינערנעם פעלדז און ליידיק אַוועק. געפּרוּווט גיין און אַריינגעגאַנגען דורך די ברייטע טויערן, וואָס זענען אַלט יאָרהונדערטער, און די פעסטונג נישט דעראָבערט. אַ פּאָר מאָל בין איך געגאַנגען דורך די געדרייטע הינטער־טרעפּ — 278 שטיגן, וואָס שלענגלען זיך דורך אָפּגרונטן און הענגען ערטערווייז אויף משקולתן און בין ווידער אַוועק אַן אַנטוישטער. איין מאָל בין איך אַריינגעפּאָרן מיט אַן אָפיציעלער פראַנצויזישער מיליטער־מיסיע און ווידער אַן דערפּאָלג. איך האָב די פעסטונג נישט איינגענומען.

איך בין לאַנגע שעהן געשטאַנען אויפן העכסטן פונקט פון דער דאָזיקער פעסטונג, ווען טוריסטן קלעטערן אַרויף און באַטראַכטן דעם פּרעכטיקן אַרום. פון דאַנען זעט מען דאָס וואונדערבאַרע שלענגלען זיך פון דעם רהיין צווישן די הונדערטער וויינבערג, פון צווישן וועלכע עס סטאַרטשען אַרויס שלעסער און

פּאַלאַצן, טייל שוין חרובע, און פון דאַנען זעט מען אויך, ווי עס שנײַדט זיך אַרײַן דער מאָזעל, וואָס קומט פון טריער, אין דעם רהיין. אָט טאַקע אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ, ווו די ביידע טײַכן פּאַראייניקן זיך, געפינט זיך די באַרימטע „דויטשע עקקע", ווו עס איז בשעתו אויפגעשטעלט געוואָרן דער גרויסער קייסער־דענקמאָל פון די האָהענצאָלערן.

צווישן הונדערטער טוריסטן בין איך געשטאַנען און אויך געקוקט אויף דעם ווונדער פון דער נאַטור און דערבײַ זיך פאַרטראַגן אין די מחשבותן צו אונדזער געשיכטע, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן ווינקל.

אונטן ליגט רחבותדיק קאָבלענץ. עס פליסט דער רהיין פון קעלן און באַן קיין מאַינץ, וואָרמס און שפּייער — צו די קהילות פון שו״ם. און שווימענדיק פון קעלן האָט ער זיך, דער רהיין, אָפּגעשטעלט בײַ באַכראַך, בײַ באָפּאַרד. אין די אַלע מקומות איז עס געשטאַנען אונדזער וויגעלע, פון דאַנען שעפּן מיר עס עד־היום אונדזער יניקה... ער שווימט, דער רהיין, און שווײַגט. אפשר האָט ער פאַרגעסן וואָס עס דערציילן אונדזערע כראָניקעס וועגן דעם, וואָס עס איז געשען על נהרות רהיינוס... אָדער אפשר ווייסן זיי יאָ, די קייטן פון די ווײַנבערג, וועגן די חכמי־רהיינוס, נאָר זיי שעמען זיך וועגן דעם צו דערציילן?

און אָט איז דער מאָזעל. ער קומט פון אַ צווייטער זײַט, פון טריער, פון דעם אָרט, ווו מיט טויזנט יאָר צוריק איז אויסגעשפּינט געוואָרן דער פאָדעם פון אונדזער הײַנט, פון דעם אָרט, וואָס איז געהייליקט מיט די קדושי טריער...

איז נאָך וואָס בין איך דאָ אויפן העכסטן פונקט פון דער פעסטונג עהרנברײַטשטיין, וואָס הענגט איבער קאָבלענץ הבירה? צוליב וואָס האָב איך איינגעשטעלט און געקלעטערט אויף די קרוב דרײַ הונדערט צעבראָכענע שטיגן; זיך



די פעסטונג עהרנברײַטשטיין בײַ קאָבלענץ, ווו עס געפינען זיך די ריזיקע אַרכיוו־אוצרות צו דער געשיכטע פון די יידן אין דײַטשלאַנד.

געדראַפּעט אויף כמעט גלאַטע ווענט, דורכגעקראָכן די טונעלן פון די רויטע שטיינפעלדזן?...

זיי, די איבעריקע טוריסטן, זענען זיך מחיה מיט דעם אויסבליק צו דער „דויטשער עקקע". אָט גייען זיי אין דעם אַלטערטום־מוזעאום, ווו עס זענען אָפּ־געהיט שטיינערנע און הילצערנע טראָפּייען פון אַ צוויי טויזנט יאָר. אַנדערע זע־נען אַריין אין דער „הערבערגע", דאָס אָפּרואָרט פאַר די קלעטערערס. טייל האָבן זיך אַנגעזעטיקט מיט דער פּאַנאָראַמע און אַריין אין דער „וויינשטובע" זיך אונ־טערהאַלטן מיטן עכטן מאָזעלער וויין...

איך בין אַוועק אָפּשלאָגן טירן, וווהין איך רייס זיך שוין אַ פּאָר יאָר. איי־זערנע טירן; פאַרקראַטעוועטע פענצטער. דיקע שטיינערנע ווענט... — זיי זענען פאַר מיר פאַרהאַקט.

צוויי יאָר ווי איך האָב געזוכט תחבולות אַהין אַריינצוקומען. אין נירנבערג זאָגט מיר דער ד"ר פרידאַלין סאַלערער, דער פאַרוואַלטער פון דער מלוכהשן אַרכיוו — אָ, ווען איך זאָל קאָנען זיך אַריינבאַקומען אין דער פעסטונג עהרנ־ברייטשטיין, דאַן וואָלט איך געהאַט, ווי ער זאָגט, אַ וואָרן שאַץ, גאַנצע אוצרות מיט ייִדישע מאַטעריאַלן וואָלט איך דאָרט געפונען.

געווען איז עס אין אָנהייב 1949. איך האָב פאַרצייכנט דעם אַדרעס — פעס־טונג... ביי קאָבלענץ.

קום איך אין אָפענבאַך, דאָרטן ווו עס האָט געאַרבעט די קאָמיסיע, וואָס האָט צונויפגעקליבן די אַנגערויבטע דורך די נאַציס ייִדישע קולטור־אוצרות, און ברענג די ידיעה צום ד"ר יהושע סטאַר, דער ממונה אויף דער דאָזיקער אַרבעט (אין יאָר 1951 טראַגיש אומגעקומען אין ניו־יאָרק). ד"ר סטאַר האָט אַ שמייכל געטאָן — אדרבא, זייט אַ בריה, נעמט איין די דאָזיקע פעסטונג...

איך רעד מיטן ד"ר ווינקלער, דער גענעראַל־דירעקטאָר פון די בייערישע אַרכיוון. אפשר ווייסט ער אַ וועג צו דער פעסטונג. ער פאַרקנייטשט זיין הויכן שטערן, זיינע גרויע וואָנצעס לאָזן זיך אַראָפּ.

— לידער, מיין הער, ווייסט דאָך, איך האָב דיר געגעבן פרייען צוטריט אין מיין בערייך (געביט) אין אויגסבורג, אין רעגנסבורג, אין באַמבערג, אין אַמ־ערג, אין נויבורג און פּאַסאַו. אָבער עהרנברייטשטיין?... ניין, אַהין גרייכט נישט מיין מאַכט...

איך פרוּוו מזל ביי די שטוטגאַרטער מיללערס, ביי די דירעקטאָרן פון די ווירטעמבערגער אַרכיוון, ביי די לייטערס פון דעם לודוויגסבורגער אַרכיוו.

— אום גאָטעס ווילען... עהרנברייטשטיין? דאָס איזט דאָך אוממעגליך.

איך האָב געפּרוּווט שטעלן אויף גאָר זיכערע קאָרטן — די סאָציאַליסטישע אַרכיוואַרן, וועלכע פלעגן שטענדיק אין אַ שוועריקייט מיר קומען צו הילף מיט

ראַט און טאַט. אויך דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז שווער איינצונעמען די דאָזיקע פעסטונג.

זיצנדיק אַמאָל, געווען איז עס אין יאָר 1950, אין דעם קאַבינעט פון דעם וואָרמסער אַרכיוו־ און מוזי־דירעקטאָר אילערט, האָט מיר דער לעצטער באַוויזן געשיכטלעך, אַז אין משך פון יאָרהונדערטער, ווען די גאַנצע רהיין־געגנט איז שוין געווען אַ דעראָבערטע דורך די אָנגרייפערישע חיילות, האָט זיך נאָך אַלץ די פעסטונג פון קאָבלענץ, עהרנברייטשטיין, געהאַלטן. גיט ער מיר צו פאַרשטיין.

— האָט איר, הער בערנשטיין, מאַקע דעראָבערט העכער 400 אַרכיוון; איר האָט טאַקע איינגענומען הונדערטער און הונדערטער פאָרטן, אָבער די דאָזיקע פעסטונג איז אומבאַזיגבאַר.

וואָס מער שוועריקייטן איך האָב געהאַט, אַלץ שטאַרקער איז געווען מיין יצר־הרע אַריינצודרינגען אין דעם דאָזיקן פאַרכישופטן, בעסער געזאָגט, אויף טויזנט שלעסער פאַרריגלטן באַסטיאָן.

געהערט האָט קאָבלענץ צו דער פראַנצויזישער אָקופּאַציע־זאָנע. אין איין טייל פון דער פעסטונג זענען טאַקע געווען איינגעשטאַציאָנירט פראַנצויזישע זעלנער, אַ געוועזענער גאַרניזאָן פון פרעמדן לעגיאָן, וואָס איז פריער געשטאַנען ערגעץ־ווו אין מאַראָקאָ. איך האָב געפרווט מזל ביי זיי. דער קאָמענדאַנט פון גאַרניזאָן, אַ פריינט פון דעם פאַרטרויאונגס־מאַן פון לייטער פון דער יידישער געמיינדע אין קאָבלענץ, האַרי בעער, האָט מיר אויך געזאָגט, אַז מיינע באַמיונגען זענען ווי שלאָגן דעם קאָפּ אינעם שטיינערנעם פעלדז. וואָס ער קאָן יאָ פאַר מיר טון, ער וועט מיך צוזאַמענברענגען מיטן לייטער פון דעם אוצר, וואָס איך זוך. ער וועט מיר געבן אַ געלעגנהייט פון אַ צוזאַמענטרעף מיט ד״ר הירש־פעלד, וואָס איז דער פאַרוואַלטער פון יענעם געהיימנישפולן דעפּאָזיט, וואָס ליגט אויף די ליפּן פון אַלעמען.

אויף איינעם אַ נאָכמיטיק בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צום קאָמענדאַנט פון גאַרניזאָן, אַ פראַנצויזישער מיליטערישער אויטאָ (אייגנטלעך אַן אַמעריקאַנער דזשיפּ) האָט מיך גענומען פון דעם האָטעל „רהיינלאַנד“ און אַריינגעפירט דורכן „פאַראַדנעם כאָד“ אין דער פעסטונג אַריין, אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דעם קאָמענדאַנט.

אין דעם בלויען סאַלאָן (געוועזענער זיצונג־זאַל פון עפּעס אַמאָליקע פּרינצן אויף די וויכע באַגילדעטע שטולן, עקספּאָנאַטן פון יאָרהונדערטער, זענען געזעסן איינגעלאַדענע דייטשע פריינט פון דעם גאַסטגעבער, דעם פראַנצויזישן קאָמענדאַנט און האָבן, ווי עס זאָגן די רהיינלענדער, צווישן זיך „געשוועצט“ („געמוטלט“ אויפן וואַרשעווער לשון).

דער פראַנצויזישער מאַיאָר, אַליין אַ לאָטרינגער, וואָס האָט געקענט גוט דייטש, האָט מיר פאָרגעשטעלט און, אגב, צוגעטשעפּעט צו מיר אַ פּאָר טיטלען, וואָס לא היה ולא נברא, משמעות כדי צו „באַווירקן“ די יעניקע, ווען מען האָט געדאַרפט „ווייך“ מאַכן. און אַזוי בין איך לויט דער ריי צוגעקומען צו דעם

וועמען איך האָב געזוכט, צו הירשפעלדן, דעם זעלבסטהערשער פון דער פעס־טונג, ריכטיקער, פון די באַהאַלטענע דאָרטן אוצרות.

אויף דער דאַזיקער געלעגנהייט האָב איך דאָך לאַנג געוואַרט. מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט און אָנגעהויבן האָב איך, אַז זײַן נאָמען איז גאָר אַ ייִדיש־לעכער. דער דאַזיקער אַלטער פּראָפעסאָר, וואָס איז שוין דאַן געשטאַנען ערבֿ זײַן עמעריטור (אויפן היגן לשון: כּובֿילאַציע), האָט זיך נישט פאַרלוירן. יאָ, ער איז טאַקע אַן אָפּשטאַמיקער פון ייִדן. נישט ווייניק אומאַנגענעמלעכקייטן האָט ער געהאַט אויסצושטיין אין דער צייט פון דעם „דריטן רײַך״ צוליב זײַן נאָמען. דער „זיפּען־אַמט״ (דער נאַצישער משפּחות־כּשרות־אַמט) האָט געגנישטערט, גע־זוכט, געזיפּט, אָבער... ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט פאַרוואַלטעט מיט אַלע אַרכיוון, וואָס האָבן געהאַט צו טון מיט פאַמיליען־פאָרשונג, מיט די משפּחה־ביימער. ער, דער ממונה פון דעם צענטראַלן שטאַנדעס־אַמט־אַרכיוו, האָט אין זײַנע הענט געהאַט אַלע דאָקומענטן וועגן דעם גאָרנישט „אַריש־ריינעם״ יחוס פון אַ סך גדולים פון דעם היטלער־אַפּאַראַט. האָט מען אים צורו־געלאָזט. און לגבי אים זענען נישט חל געווען די נירענבערגער פּאַראַגראַפן, ווײַל זײַן „ייִדיש״ בלוט האָט זיך שוין אויסגעמישט אין די 7 גענעראַציעס נישט־ייִדישע עלטערן און אור עלטערן. על־פּי־שטרייכער וואָלט ער געווען טריף ביזן 4טן דור, אָבער ער איז שוין 7 דורות „אַריש״.

מיר האָבן דעם שמועס אַריבערגעפירט אויף אַנדערע רעלסן. פון ייִדישע משפּחה־נעמען זענען מיר טאַקע אַריבער צום באַרימטן עהרנברייטשטיינער אַר־כיוו, וווּ עס זענען אויפגעזאַמלט די מאַטריקלען פון גאַנץ דייטשלאַנד, די געבורט־ביכער, די פאַמיליע־כראָניקעס, חתונה־אַקטן וכדומה.

דאָס דאַזיקע געשפּרעך האָט געדאַרפט עפענען אַ ווייטערדיקע שפּאַרונע אין דער געשטורעמטער פעסטונג. איך האָב געוואָלט וויסן נישט וועגן די מאַט־ריקלען; עס איז מיר געגאַנגען צו דערוויסן זיך, וואָס עס איז געוואָרן מיט די ייִדישע אַרכיוון פון הונדערטער קהילות פון די ביידע זײַטן פון רהיין און מאָזעל, פון מאַין און לאַהן, פון זיעג און נאַהע, וואָס מען האָט געזאָלט ברענגען אין דער דאָזיקער פעסטונג.

צוויי יאָר, ווי מיר האָבן געזוכט אַ שליסל צו דער דאַזיקער פעסטונג. אָט האָבן מיר אים שוין אין האַנט. איין אומפאָרזיכטיקער שריט און אַלע באַמיִונגען קאָנען צונישט ווערן.

נאָך האַלבע נאַכט, ד״ר הירשפעלד איז „באַרוישט״. דער מאָזעלער אַלטער ווײַן האָט געווירקט. ער דריקט אויס זײַן באַוווּנדערונג, וואָס איך, אַן „אָסט־יודע״, איז אַזוי באַהאַוונט אין דער דײַטשער היימאַט־געשיכטע וואָס באַציט זיך צו ייִדן. ער גיט מיר זײַן וויזיט־קאַרטע צו זײַן פאַרטרעטער, צום פאַקטישן משגיח איבער דער פעסטונג, צום ד״ר שמידט. אַ רעקאָמענדאַציע, אַז ער, ד״ר שמידט, זאָל מיך גאָר פרײַנדלעך אויפנעמען.

מער האָב איך נישט געדאַרפט. דער ערשטער טראָפּיי איז געווען אין מײַנע הענט.

האַלב 4 פאַרטאָג. עס פאָרן אַוועק די לעצטע קאַטשן. דער געדרייטער וועג פון דער פעסטונג איז באַלויכטן פון די מיליטערישע פּראָזשעקטאָרן, כדי די קאַטשן זאָלן זיך נישט צעשמעטערן ביים דורכפאָרן די שמאָלע שטיינערנע שטעגן, וואָס טייל פירן דורך קאַנאַלן.

איך בלייב דער לעצטער. מיך פירט אָפּ דער זעלביקער דזשיפּ פון דעם פראַנצויזישן קאָמענדאַנט.

דער מאַיאָר געזעגנט זיך מיט מיר. איך פאַרשפּאָר אים דערציילן. ער האָט דעם גאַנצן אָוונט אָבסערווירט די „סטראַטעגישע אָפּעראַציע". איך ווייז אים די וויזיט־קאַרטע פון דעם אַלטן שומר־הסף, דעם אָפּהיטער פון דער פעסטונג.

קאָם־על־ע־פאַ — אויסגעצייכנט — זאָגט ער אין פראַנצויזיש, און גיט צו: ביי נאָפּאָלעאָנען האָט עס לענגער געדויערט איינצונעמען די פעסטונג.

געקריגן דעם שליסל צו עהרנברייטשטיין! דאָס מאָל וועל איך זיך שוין נישט שלאָגן דורך הינטערוועגן און דראָפּען איבער אָפּגרונטן. איצט גיי איך אויף אַן אייזערנעם בריק, דירעקט צום פאַרריגלטן קדשי־קדשים. אָפן איז פאַר מיר געוואָרן דער דרך־המלך צו דער ציטאַדעל.

געזוכט און געפונען!

געהאַלטן האָט שוין דערביי אַז איך זאָל אָנהייבן צווייפלען אין דעם אַלט־ייִדישן ווערטל: „יגעתי — מצאתי"... אָט האָב איך צוויי יאָר נאָכאַנאַנד זיך באַמיט, און נאָך ווי זיך באַמיט, אַריינצודרינגען אין דעם עהרנברייטשטיינער באַסטיאָן, און עס איז מיר נישט געלונגען. אָבער נאָך דעם ביינאַכטיקן צוזאַמענטרעף ביים פראַנצויזישן גאַרניזאָן־קאָמענדאַנט פון קאָבלענץ איז צו מיר צוריק געקומען די אמונה אין דעם דאָזיקן זאָג — איך האָב אָנגעהויבן גלייבן אין דעם מצאתי. מיר איז שוין פאַר די אויגן געשטאַנען דאָס בילד, ריכטיקער, די בילדער פון יענער פאַרשלייערטער וועלט, וואָס באַהאַלטן זיך אין די דיקע ווענט פון די קאַטאַקאָמבעס אין דער עהרנברייטשטיינער פעסטונג.

איך האָב מיין שאָפער, דעם פראַנצויזישן זעלנער, געבעטן נישט צו פירן מיך קיין קאָבלענץ אין דעם האָטעל „רהיינלאַנד". איך האָב זיך געטראַכט, אַז איך מוז וואָס־פריִער זיין אין דער פעסטונג. פון דער פעסטונג ביז אין שטאָט אַריין איז אַ גאַנצער גרויסער מהלך; ביז איך וועל אינדערפרי זיך אויסקלייבן, געפינען אַ קאָמוניקאַציע, וועט נאָך אפשר ווערן צו־שפּעט. איך האָב געוואָלט קומען און פאַרכאַפּן דעם ד"ר שמידט איידער דער אַלטער ד"ר הירשפעלד וועט זיך מיט אים קאָנען פאַרשטענדיקן. איך האָב געבעטן מיך צוצופירן צו דעם ערשטן־בעסטן גאַסטהויז, וואָס איז פאַראַן ביי דער פעסטונג. אין „נאָרמאַלע" באַדינגונגען וואָלט געווען שווער צו באַקומען פאַרטאָג אַ פּלאַץ. גיין וועקן די דייטשן,

רהיינלענדער דערצו, איז נישט פון די אנגענעמע עובדות. אָבער מיין באַגלייטער, דער פראַנצויזישער זעלנער, האָט געעפנט אַלע טירן, דורכגעבראָכן אַלע באַריע־רעס. איך האָב באַקומען אַ צימער טאַקע ביים צופוסנס פון די פעסטונג־שטיגן, דעם וועג פאַר טוריסטן. דער בעל־אכסניא האָט באַקומען אַ „באַפעל", אַז 7 פרי דאַרף איך געוועקט ווערן.

— אַך זאָ? נור צוויי שטונדן שלאָף? — האָט זיך דער רהיינלענדער געוווּנדערט. — און אַז דער זעלנער האָט אים געזאָגט, אַז יאָ, אַז ס'איז זייער וויכטיק, האָט ער זיך אויסגעצויגן אין אַ מיליטערישער פּאָזע און אָפּגעמאָלדן — יאַוואָל!

7 פרי האָב איך שוין געהאַט גרייט דעם פרישטיק. און געכאַפּט האָב איך אַ מציאה — מען האָט מיר גערעכנט דעם ספּעציעלן פּרייז ווי פאַר די אָקופּאַציע־לייט. באַלאָדן מיט נאָטיצן, אַ פאַרגרעסער־גלאָז און אַנדערע מכשירים, האָב איך זיך געלאָזט דורך די שווינדל־שטיגן און געקלעטערט צו דעם פעסטונג־שפּיץ.

די קרוב 300 טרעפּ, וואָס נאָרמאַל דויערט עס ביי אַ שעה צייט, האָב איך געמאַכט אין שיבוש, אין קאַרגע 20 מינוט. פּינקטלעך 8 אַזייגער בין איך געשטאַנען ביי דער טיר, ווו אַ גרויסע בראָנזענע, האַלב שוין פאַרגרינטע, טאָפל מעלדעט, אַז דאָס איז דער „שטאַטס־אַרכיוו קאָבלענץ". אַ קלענערע ווייסע גלאָזירטע טאָפל גיט צו „אָן גענעמיגונג איינטריט פאַרבאָטן".

נישטאָ קיין עלעקטריש גלעקל. עס הענגט אַ ישן־נושנדיק הענטל, צו וועלכעס עס איז אָנגעבונדן אַ דראָט. אַ צי מיטן הענטל, אַ צווייט מאָל, אַ דריט — — — עס באַווייזט זיך דער פאַרטיער.

— גריס גאָט! וואָס מעכטען זי? (אָן גאָט גייט עס נישט ביי זיי).

איך גיב אים די וויזיט־קאַרטע פון דעם ד״ר הירשפעלד. דער פאַרטיער נעמט אָן אַ מער זעלנערישע פּאָזע, ווערט ערנסט־אָפיציעל.

— ביטע מיין הער, צו איר דינסט, ביטע, קאָמען זי. דער אָבעראַרכיוואַראַט ד״ר שמידט קאָמט אום נוין אוהר... אויב איך וויל וואַרטן, לייגט ער מיר פאָר אַריינצוגיין אינעווייניק. איך קען אויך, אויב איך וויל, אַריינגיין אין דער „וויינשטובע". איך באַשליס צו וואַרטן אינעווייניק.

איך בין אַריינגעפירט געוואָרן אין דעם וואַרטזאַל פון דעם אָבעראַרכיוואַראַט ד״ר שמידט. אַ גרויס צימער, ריזיקע שטיינער־פּלאַטן אַנשטאַט אַ פּאַדלאָגע; די ווענט אומגעהויער דיק. מען זעט עס ביי די פאַרקראַטעוועטע פענצטער, מינדעסטנס אַ מעטער זענען דיק די ווענט; דער סופית — אַ סקלעפּיענע־אַרטיקער פון שטיין, האַלבקיילעכדיקע פעסל־געוועלבן, וואָס זענען אינמיטן אונטערגעהאַלטן מיט אַרקאָדן. שווערע דעמבענע, אונטערגעשעמידטע טישן; פּאַליצע־שענק מיט ריזיקע, אין פּאַרמעט־איינגעבונדענע קאָדעקסן.

— דאָס זינד אונדזערע רעפּערטאָריומס, זאָגט מיין באַגלייטער, דאָס זענען הייסט עס, די רעגיסטראַטורן, די קאַטאַלאָגן פון די אַרכיוואַליען, וואָס געפינען

זיך דאָ אין דעם דאָזיקן אוצר. און ביי מיר טראַכט איך: פאַלג מיך אַ גאַנג. אין די דאָזיקע קרוב טויזנט דיקע בענד וועל איך עס דאַרפן זוכן... כדי נישט צו לאַנגווייליקן זיך באַקום איך צו לייענען די סעריע „פאַרעפנטלעכונגען" — די ביולעטינען פון דעם קאָבלענצער מלוכהשן אַרכיוו. אַ ווילע זאָך האָט ער דערביי געטון. די דאָזיקע ביולעטינען פירן מיך אַריין אין דער סטרוקטור פון דעם אַר־כיוו. איך וועל פאַרשפּאָרן צו זוכן אין אַ רייע אָפּטיילונגען. איך וועל נישט דאַרפן נישטערן אין אַ רייע דעפּאָזיטן. איך מאַך די נויטיקע נאָטיצן. די שעה איז נישט געגאַנגען לאיבוד.

איך האָב נישט באַמערקט, ווען דער אָבעראַרכיוואַט איז געקומען. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט גאָר אַן אַנדער אַריינגאַנג. אַ פּאָר מינוט נאָך ניין איז ער צו מיר אַרויס אין זיין אַרבעט־כאַלאַט. אַ צעשמייכלטער, מיט דער כאַ־ראַקטעריסטישער העפלעכקייט־מינע פון די, וואָס ליגט שטענדיק אויף זייערע ליפּן — „צו איר דינסט", און טראַכטן טראַכטן זיי, ווי ווערט מען פון דיר פּטור...

איך ווער זייער פריינדלעך פאַרבעטן אין זיין קאַבינעט. עס פאַרבלענדט דער חילוק צווישן וואַרטזאַל. בילדער און סטאַטועס, שטולן און עטאַזשערקעס. נישט קיין ביוראָ, נאָר עפּעס אַ מוזיי־ווינקל.

איך ווער געבעטן צו נעמען פּלאַץ — ביטע הער, מיין הער — אָט דאָ זאָל איך מיך זעצן, און ער גיט צו וועלכע שררות און גרויסע לייט, מיליטער־פירער און בלוי־בלוטיקע אַדלמענער עס זענען אויף דעם שטול שוין אַלץ געזעסן... עס איז פון 14טן יאָרהונדערט...

— מיט וואָס קען ער מיר דינען?

ווען איך האָב אים געענטפערט, אַז איך וויל זיך באַקענען מיט דער פאַראַ־נענער אין זיין רשות יודאַיקאַ, האָב איך געמיינט, אַז אַ נכפה האָט אים אָנגע־כאַפּט. געל, גרין, בלוי און ווייס איז זיין צורה געוואָרן. אַ רעגנבויגן — נאָר אויף דער לינקער זייט. ער האָט אַ זופּ געטון פון דעם קרישטאָל־גלאָז, וואָס עס איז אויף זיין געשניצטן שרייבטיש געשטאַנען. ער איז געקומען צו זיך פון דעם ערשטן שאָק. — זאָ, זאָ, האָבען זי עס דען הערן גענעראַל־דירעקטאָר ד"ר הירש־פעלד געשפּראָכן?...

אַ שאלה צי איך האָב „געשפּראָכן", אַוודאי, צוליב דעם האָט ער מיך דאָך געשיקט אַהער.

אַ מינוטן־לאַנג שווייגן. אָבער ער איז נישט געזעסן ליידיק. ער איז צוגע־גאַנגען צו איינס פון די באַגלידעטע שענקלעך, זיך געפּאָרעט, ג ע ז ו כ ט, גענומען פון דאָרטן אַ שטיקל פּאַפּיר, צוריקגעקומען צום שרייבטיש און אָנגע־דריקט אַ קנעפּל. עס איז אַריין אַ באַאַמטער. אַריין ווי אַ זעלנער צו אַ גענעראַל אין שטאַב; עס האָט געפעלט די מעלדונג: „צום באַפעל".

הער ווילי, ביטע, צייגן זי דעם הער, ווי איז איר ווערטער נאָמען? פרעגט ער מיך. יאָ, דעם הער בערנשטיין, די אַקטן די היער פּאַרצייכנט זינד...

— יאַוואָל!...

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף מיטגיין. ער האָט אָבער ווייטער צו מיר געזאָגט, אומגעפּערט אַזוי:

איך וועל האָבן אַ לייכטע אַרבעט. פון די טויזנטער רעפּערטאָריומס האָבן שוין די נאַציס אַרויסגענומען די ייִדישע אַרכיוואַליען און זיי פאַרצייכנט אין אַ ספּעציעלן סעלעקטירטן קאַטאַלאָג. איך וועל נישט דאַרפן זוכן אין די הונדערטער בענד. אָבער... צו וואָס פאַר אַ צוועק דאַרף איך עס. איך זאָל וויסן, אַז דאָס זענען אַרכיוואַליען, וואָס ליגן שוין אין דאָזיקן אַרכיוו הונדערטער יאָרן. איידער דאָס „דריטע רייך" איז געקומען צו דער ממשלה. פאַרקערט. ווען נישט די זאָרג פון דעם הער גענעראַל־דירעקטאָר ד"ר הירשפעלד וואָלטן זייער פיל אפשר שוין געווען פאַרניכטעט. ער, דער דאָזיקער ד"ר הירשפעלד, האָט אַלץ געטון, אַז קיין שום ייִדישער דאָקומענט זאָל נישט פאַרשווינדן. און ער האָט מיר איבערגעהזרט די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי מען האָט געוואָלט דעם דערמאָנטן ד"ר באַזייטיקן צוליב זיין ייִדישן עלטער־עלטער־זיידן. אָבער, גיט ער צו, ער האָט צופיל געהיימניסע געוווּסט פון זייער פיל גרויסע נאַציס — טאַקע וועגן זייער גאַרנישט „אַרישער" אָפּשטאַמונג.

מיר האָבן זיך גענוי צוזאַמענגערעדט. איך האָב אים הייליק פאַרזיכערט, אַז מיר גייט נישט אין אַוועקנעמען די יעניקע אַרכיוואַליען, וואָס זענען דאָס אייגנטום פון דעם אַרכיוו פון קדמונים. אָבער... צי ווייסט ער נישט אַמאָל, וווּ עס געפינען זיך די ייִדישע אַרכיוון פון די רהיינפאַלצער קהילות — פון נויווידט, פון שפייער, פון וואָרמס, פון מאַינץ, פון קאָבלענץ.

יאָ, דאָס קען ער מיר גענוי זאָגן — — — ער בעט מיך, איך זאָל אים אַ ווײַלע אַנטשולדיקן. ער איז אַרויס און איז אַריינגעקומען מיט אַ צווייטן באַאַמטן. ער שטעלט אים פאָר — הער גאָלדשמיד, שטודיענראַט גאָלדשמיד...

איך זאָג מיין נאָמען. ער פרעגט איבער — עס אינטערעסירט אים, צי איך האָב געהאַט קרובים, בערנשטיינס, אין מעמעל און אין קעניגסבערג — ער איז מיט זיי צוזאַמען געווען אין דעם געטאָ־לאַגער טערעזיענשטאַט. אים האָט מען אַרויסגעפירט פון דרעזדען, זיי האָט מען געבראַכט פון מזרח־פּרייסן.

גאָלדשמיד, טערעזיענשטאַט... אַ נייער ציטאַדעל איז אַריבער אין מיין רשות.

ד"ר שמידט האָט אַ סך אַרבעט. ער פאַרבעט מיך צו זיין זיין גאַסט אויף מיטיק. ער ווינט טאַקע אין דער פעסטונג. ער גלייבט, אַז איך וועל מיט איין טאָג זיכער נישט פאַרטיק ווערן. ער וועט מיך שוין אויפזוכן, און ער גיט מיך איבער אין די הענט פון דעם פריערדיקן ווילי (פאַקטיש ווילהעלם) און דעם גאָלדשמיד, וועמענס נאָמען עס איז גאָטפריד. זיין ייִדישער נאָמען, וואָס מען

האָט אים געגעבן ביים ברית איז שלום. דער דאָזיקער שלום איז עס געווען מיין וועגווייזער. אָבער ווען נישט ווילהעלם, וואָלט איך גאָרנישט דערגרייכט.

אַרויסגייענדיק פון דעם קאַבינעט פרעגט מיך שלום, צי איך קען העברעיִש. זיין שאלה האָט געהאַט צוויי צילן — ערשטנס, האָט ער זיך אַליין געוואָלט איבערצייגן, צי איך בין טאַקע אַ ייד; והשנית, האָט ער געוואָלט צו מיר רעדן אין אַ לשון, וואָס זאָל פאַר דער אַרומיקער סביבה נישט זיין פאַרשטענדלעך.

מיר זענען אַריבער אויף העברעיִש. ער איז געווען אַ מיטגליד פון די „הבונים“, אַ געוויסע צייט שטודירט און געאַרבעט אין בערלין. זיין ביוראָ־פירער איז געווען שלום רודעל־אַדלער. געאַרבעט האָט ער פריִער אין דער וויל־טעטיקייט־צענטראַלע, וועמענס אָנפירער עס איז טאַקע געווען אַדלער. נאָכדעם האָט ער געאַרבעט אין דעם געזאַמטסאַרכיוו דער דויטשען יודען. ביים ד״ר יאַקובסאָן.

מיר האָבן אָנגעהויבן שמועסן וועגן געמיינזאַמע באַקאַנטע. אַז איך האָב אים דערמאָנט אַז מיט 2 וואָכן פריִער האָב איך זיך אין מינכען געטראָפן מיט דעם ד״ר אַלעקס ביין; אַז ער איז איצט דער פאַרוואַלטער פון דעם צענטראַלן ציוניסטישן און אויך יידיש־היסטאָרישן אַרכיוו אין ירושלים, האָט ער אויף מיר אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרווונדערטע אויגן. די דאָזיקע אויגן זענען גלייך אָנגעפולט געוואָרן מיט פייכטקייט און טרערן האָבן זיך אָנגעהויבן קייקלען אויף דעם גלאַט־ראַזירטן אָבער שטאַרק־צעקנייטשטן פּנים...

— מיין ליבער אַלעקס, דער לעבט? — עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער, שלום, האָט אים מיטגעהאָלפן ביים זאַמלען די מאַטעריאַלן צו דער גרויסער הערצל־ביאָגראַפיע, וואָס א. ביין האָט אָנגעשריבן. ער האָט פאַר אים אָפגעשריבן געוויסע דאָקומענטן.

און דאָ שטראַלט ער אויף... ער האָט ביז דעם מאָמענט נישט געגלייבט, אַז ער האָט צו טון מיט אַן אייגענעם. ווייל ביז היינט האָט נאָך קיין איין ייד נישט אַריינגעדרונגען אין דער דאָזיקער פעסטונג.

— זי מוסען מיין הילדע קענען לערנען. זיין הילדע מיינט ער זיין פרוי. זיין פרוי, וואָס שטאַמט פון די אָפענהיימערס. צוזאַמען זענען זיי געווען אין טערעזיענשטאַט. זי איז אַ געוועזענע לערערין פון „העבריעטאַ שטיפט“ אין דרעזדען: זי איז געווען אין דער פאַרוואַלטונג פון דער פרויען־פאַראייניקונג „אגודת נשים“? — דאָס איז געווען אויף דער גרויסער ברידערגאַסע 23... זי וועט זיך פרייען, די הילדע זיינע.

אויף מיין שאלה, ווי אַזוי איז ער אָבער אַריין אַהער אַרבעטן אין דער דאָזיקער פאַרכישופטער ציטאַדעל? איז געקומען אַ קורצע תשובה:

— דאָס מוז זיין דיסקרעט... זייער דיסקרעט... ד״ר הירשפעלד איז זיינער אַ קרובֿ! זיין מוטער איז פון די הירשפעלדס. מאַגנוס הירשפעלד איז אויך זייערער

אַ קרוב. און ער האָט געמוזט אונטערשרייבן אַ פאַרפּליכטונג, אַז ער קומט מיט קיינעם נישט אין באַציִונגען און דערציילט גאָרנישט פון דער אינערלעכער אַרבעט פון אַרכיוו.

דער דאָזיקער שלום גאָטפריד־גאָלדשמיד איז געוואָרן מיין פירער איבער די פעסטונג־לאַבירינטן און ווילהעלם איז געווען דער גולם, וואָס האָט מיינע „באַפעלן" אויסגעפירט.

דאָס קוויטל פון ד"ר הירשפעלד; דער מיטיק ביים אָבעראַרכיוורעט ד"ר שמידט; מיין נאָענטקייט מיטן שטודיענראַט גאָטפריד־גאָלדשמידט (אָדער ווי אַלע האָבן אים גערופן: הער שטודיענראַט גע. גע. — נאָר ביי די ערשטע אותיות פון זיין נאָמען און פאַמילע), האָט געמאַכט אונטערטעניק דעם גאַנצן פּערסאָנאַל פון דעם קאָבלענצער שטאַטסאַרכיוו.

און דאָס איז געווען אַ וויטערדיקער טריומף אין דער „קאַמפּאַניע" איינצונעמען עהרנברייטשטיין. איך האָב געפונען אַלץ, וואָס מען האָט געזוכט.

תקופות הינטער גראַטעס

אין משך פון אַ יאָר צייט בין איך געווען אַ מאָל 30 (דרייסיק) אין דער פעסטונג עהרנברייטשטיין. עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, אַז מיין וועג אין דער דייטשער מערבדיקער זאָנע האָט שטענדיק געפירט פאַרביי קאָבלענץ, די באַן־סטאַנציע, ווו מען דאַרף אַראָפּגיין כדי זיך צו דערשלאָגן צו דער פעסטונג. ביי מיינע נסיעות קיין באָן אָדער קעלן, אין דיסעלדאָרף אָדער אין מאַינץ, אין שפּייער, וואָרמס אָדער באַכאַראַך, פלעג איך מאַכן אַ הפסקה פון באַן צו באַן, און אַריינכאַפּן זיך אין דער פעסטונג.

עס זאָגט זיך אַריינכאַפּן זיך. מען האָט געדאַרפט זיך איבערשיפן אויף דער צווייטער זייט פון מאָזעל און ערשט פון דאָרטן אָנהייבן קלעטערן. עס האָט זיך שוין געמאַכט אַזוי, אַז די טאַקסיס ביים קאָבלענצער וואָקזאַל האָבן שוין, אָן פראַגעס, מיך געפירט צו דעם דאָזיקן פונקט.

און יעדעס מאָל, ווען איך פלעג זיך דראַפּען אויף די משקולות־שטיגן, פלעג איך אין דעם זען אַ מין סימבאָל: אָט דאָ, אין דעם דאָזיקן דרייעק, ביי דער „דויטשער עקקע", ווו עס פאַראייניקט זיך דער רהיינוס מיטן מאָזעל, איז דאָך אַ געקלעטער פון אַ יידישן יאָר טויזנט. אַזוי איז ער דאָך געגאַנגען דער דאָזיקער אשכנז־יאָרטויזנט. געדרייטע שטיגן, זיג־זאַגן... אָט כאַפּט זיך אַרויף דער וועג הויך, העכער, און פּלוצים פאַלט ער אַראָפּ אין אַן אָפּגרונט; אַ שטיקל אומפאַרזיכטיקייט, און מען ווערט צעשמעטערט אָן דעם רויטן שטיין.

רויטער שטיין, אפשר האָט ערגעץ־ווו זיך נאָך פאַרוואַלגערט אַ שפּראָץ פון בלוט פון די קדושים פון די קרייצצוגן... קרייצלער און האַקנקרייצלער... דאָ

האָבן זיי זיך געטראָפן. און אָט שאַרט מען זיך דורך אַ פינצטערן דורכגאַנג; מען מוז גיין פאַרזיכטיק, איינגעבויגן, טאַפּן אין דער פינצטער די פייכטע קאַלטע וואַנט פון דעם טונעל... אַזאַ קאַפּיטל איז דאָך אויך געווען אין דעם דאָזיקן יאָר־טויזנט — שטיל, פאַרטייעט, איינגעבויגן, פאַרזיכטיק... און אָט רייסט זיך אַריין אין טונעל אַ ליכט־פּאַס, אַ זונשטראַל האָט זיך אַריינגעשניטן דורך דעם פּעלדז — אַ נײַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע אשכנז.

און ווען איך האָב גאָלדשמידטן געזאָגט וועגן וואָס איך טראַכט בעת איך קלעטער איהער די קרוב 300 שטיגן, האָט ער מיר צוגעגעבן:

— אונד אין קעטטען געשמידט איז אונדזער מאַרטירער־געשיכטע, היער אין די ווענדע פאָן עהרנברייטשטיין...

אין משך פון אַ יאָר צייט האָב איך גענישטערט די פאַרקאָוועטע בלעטער פון אונדזער קדושים־געשיכטע. טויזנט יאָר האָב איך דאָ אויפגעבלעטערט. טאָ פון וואָס אָנהייבן; וועגן וואָס דערציילן?

דאָ, הינטער דער דיקער וואַנט, הינטער די פאַרגראַטעוועטע פענצטער, ליגט אַ געפּענטעטע די תקופה אשכנז. נייך, נישט איין תקופה, נאָר אַלע גלגולים פון דער דאָזיקער תקופה. אַ פילם־טאַשמע וויקלט זיך פאַנאַדער פון די ערשטע שריט, וואָס די תקופה האָט אָוועקגעשטעלט, און נאָכדעם אַלע אומוואַנדלונגען.

400 רעפּערטאַריומס פון אַ פּאָר הונדערט אַרכיוון, מלוכהשע, אַדעליקע, מיליטערישע, קלויסטערישע, פון געריכטן און אַמטן. אין זיי באַהאַלטן זיך גע־שיכטע־בלעטער, וואָס נאָר אַ טייל דערפון האָבן אויסגענוצט אונדזערע היסטאָ־ריקער.

איך האָב געמאַכט (עס רעדט זיך „איך" — עס איז צו מיין דינסט געשטאַנען דער „יאַוואָליקער" ווילי מיט אַ גאַנצן שטאַב) פאָטאָקאָפּיעס, אָפּשרייבונגען און אויסצוגן פון 1073 אַקטן־זאַמלונגען.

אין איינעם אַ שמועס מיט דעם ד"ר הירשפעלד, זאָגט ער צו מיר, אַז נאָך קיינער און קיינמאָל האָט מען אַזוי פיל נישט דורכגעשניטערט אין זיינע אַר־כיוואַליען. אין טייל אָפּטיילן איז עס געווען דער ערשטער אַריינבליק. ראשית, האָט עס אַ שייכות צו פאַרשידענע קלויסטער־אַרכיוון, צו די כל־המינים גלחישע כראָניקעס. די דאָזיקע זענען איצט צום ערשטן מאָל געעפנט געוואָרן.

איך פלעג כמעט יעדע וואָך אָפּנעמען פון מיין פאַרטרויאונגס־מאַן, פון שלום גאָטפרידן, ראַפּאָרטן, ווי עס האַלט מיט דער אַרבעט. און דער דאָזיקער שלום האָט מיט אויסערגעוויינלעכער פּינקטלעכקייט אויסגעפירט די שליחות.

און אַזוי זענען אַריבער אין רשות פון דער יידישער פאַרשונג די מאַרטירער־געשיכטעס פון יעדן ווינקל, וואָס איז צעלייגט על נהרות רהיינוס:

אָט איז דער רעפּערטאַריום פון די „קורפירשטנטומס" — עס זענען דאָ פאַרטאָטן: טריער, קעלן, מאַינץ, פּפאַלץ, נאַסאַו, סאַרבריקען...

אויפגעפראַלט זענען געוואָרן די אַרכיוון פון הערצאָגטום איליך און לוק־סעמבורג, פון די גראַפשאַפטן וויאַנדען, מאַנדערשייד, קראַנענבערג, רהיינעק און אַנדערע צענדליקער שררות...

אַט די דאָזיקע אַלע „לענדער" און „פּראָווינצן", וואָס זייערע שטעט און שטעטלעך זענען דאָך פּאַראייביקט געוואָרן אין אונדזער ספר־הדמעות — דאָס בוך פון טרערן.

אַראָפּגעריסן איז געוואָרן דער שלייער פון די קלויסטער־סודות. אין די גלחישע קראָניקעס איז געווען באַהאַלטן דער קוואַל פון עינוידיקע פּייניקונגען, די אינקוויזיציעס און טאָרטורן, די „בעקערונגען" — דער צוואַנג צו שמד. אויך פון דאָרט זענען אַרויסגענומען געוואָרן די פּרקים פון ייִדישן קידוש־השם, וואָס איז געווען פאַרבאָרגן. ליגן פאַר מיר איצט די אויסצוגן פון די ווייטערדיקע קלויסטערס:

קלויסטער בעסעליך, פון יאָר 1411.

פון הייליקן מאַרטיני, דעם וואָרמסער, וואָס געפינט זיך אין באָפּאַרד — פון יאָר 1281 און ווייטער.

פון בענעדיקטינער קלויסטער קאַרטהוזע ביי קאָבלענץ — פון 1375 און ווייטער.

פון דאָמיניקאַנער קלויסטער און פּרעדיקער־קלויסטער אין קאָבלענץ, פון די יאָרן 1370 און שפּעטער.

און אָט ציִען זיי זיך, די פרומע „ברידערלעך", איינע נאָך די אַנדערע, די „הייליקע פלאָרינער", די יעזויִטן, די „נאָנען פון מאַריענבערג", די „הייליקע קאַסטאַרער", די הייליקע און ווידער די הייליקע...

אָט אין די דאָזיקע פאַרשידענע באַשלוסן פון די „קאָלעגיעס", פון די אינק־וויזיציע־טיקוואָלים, זעט מען די אמתע סיבות פון די ייִדישע מאָרדן, פון די גזילות און רדיפות. נישט הימלישע ענינים, נישט דער ווילן אַריינצוברענגען די „נישט־גלויביקע" אין דעם הימלישן מלכות פון דער דרייאייניקייט האָבן זיי געוואָלט. ניין, דאָס ייִדישע פאַרמעגן האָט זיי געלאָקט. די דאָזיקע „הייליקע" כראָניקעס דערציילן וועגן פּראָצענטער און הלוואות, וועגן קניות און באַנקראָטן, וועגן אַרויסיאָגן דעם אָדער יענעם ייִד, כדי צוצורויבן זיין הויז, זיין פעלד, זיין ווייגאָרטן.

יאָ, וועגן ייִדישע וויינגערטנער און וויינבערג דערציילן די דאָזיקע, ביז נישט לאַנג פאַרשלייערטע, גלחישע אַרכיוו־וואָלומינען.

אַז מיר האָבן זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די מאַטעריאַלן פון ערשטן האַלבן יאָרטויזנט, טאַקע ביזן יאָר 1500, האָבן מיר זיך גענומען צום צווייטן האַלבן יאָרטויזנט. 142 אַרכיוון פון קרייזן, פון געגנטן, פון שטעט און דערפער.

אַ שפּאַנענדער קאַליידאָסקאָפּ האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט. דאָס זענען נישט

עפעס טרוקענע פאַרשטויבטע אַרכיוו־בלעטער; עס איז לעבעדיק לעבן. אָט זעען מיר, ווי עס וואַקסט, ווי עס בויט זיך אַ ייִדיש לעבן. דער אָנהייב אין צוויי שטעט — שפּעטער זענען שוין די ייִדן אין צען, אין הונדערט. אָט זענען זיי געציילטע איינצלנע „שוציודען" און „הויף־פאַקטאָרן", און אָט שוין זענען זיי גאָר „געמיינ־דעס", מיט „פּרנסים", מיט „יודן־בישאָפן".

מען יאָגט זיי אַרויס פון איין אָרט; וואַקסן זיי אַרויס אין אַ צווייטן.

אָט גיט מען זיי אַ פּלאַץ פאַר אַ „פרידהאָף" (בית־עולם), און שוין הערט מען די אָנקלאַגעס וועגן אַ פרידהאָף־שענדונג (מיט הונדערטער יאָרן צוריק!).

הונדערטער עדיקטן, פאַראָרדענונגען קעגן ייִדישע „רויבער־באַנדעס" און קעגן „בעטלער"; ווי צו האַנדלען מיט פלייש און וועגן האַנדל מיט ווייַן; און אָט זעען מיר שוין אין יאָר 1757, אַז עס איז פאַראַן אַן עקספּאָרט פון אייזנפאַבריקאַטן, וואָס עס פירן ייִדן.

פון 500 ייִדישע קהילות זענען דאָ זייערע ביודזשעטן וויפל רבנים זיי האַלטן אויס; וויפל שולן האָבן זיי; ווי גרויס איז דער שכר־לימוד און וואָס לערנט מען אין די דאָזיקע שולן.

איבערגעמישט אַ בלאַט — פון וואַנען נעמען זיך די ייִדישע פאַמיליען־נעמען.

אַ ניי קאַפּיטל — קאַמף מיט בעל־מלאכהשע צעכן. מיט וואָס מעגן זיך יאָ און מיט וואָס טאָרן זיך נישט באַשעפטיקן די ייִדישע האַנטווערקער.

און אָט איז די פראַנצויזישע הערשאַפט. דער „סנהדרין". און ווידער אַ דריי דאָס רעדל, און עס הייבן זיך אָן נייע גירושים.

דוכט זיך קלייניקייטן, אָבער לייענט:

1טער סעפּטעמבער 1725 — עדיקט, אַז קריסטלעכע דינסטן דאַרפן אין ייִדישע הייזער נישט אַרבעטן.

3טער אויגוסט 1730 — די ייִדן אין אָבערוועסעל טאָרן נישט פאַרקויפן קיין פלייש אין דעטייל.

20סטער יוני 1744 — די קצבים אין קאָבלענץ פאַרגלייכן זיך מיט די ייִדן וועגן דער שחיטה.

25סטער אָקטאָבער 1770 — אַ שטרענגער עדיקט קעגן די פרעמדע ייִדן צוליב „דער מגיפה, וואָס עס הערשט אין פוילן".

6טער יולי 1664 — דער גראַף פון מאַנדערשייד גיט 6־יאָריקן שוץ פאַר דריי ייִדישע דאָקטוירים אין מאַנסעל.

1783 — ווי אַזוי עס האָט זיך געשמדט אַ ייִדיש מיידל מיטן נאָמען קלאַרע פיליפּינע טוגוט אין באָוענסדאָרף.

יעדע פון די דאָזיקע אַקטן־בענדער וואָלט געקענט דינען פאַר דערציילערס, פאַר שרייבערס ווי אַ קאַנווע פאַר אַ סך בענדיקע ראָמאַנען.

און אַזוי האָבן מיר „אויסגעליידיקט" דעם עהרנברייטשטיינער ציטאַדעל. „באַפרייט" איין תקופה נאָך דער צווייטער. „דעראָבערט" איין באַסטיאָן נאָכן צווייטן.

אַז מיר האָבן שוין געהאַלטן ביים סוף, האָט מיר איינער פון די דאָרטיקע באַאַמטע צוגעטראָגן אַן אַקטן־פּאַסציקל, אַ באַנד מיט פּאַפּירן, וואָס איז אינגאַנצן נישט געווען אַריינגעטראָגן אין די רעפּערטאַריומס. הכנעהדיק אונטערטעניק, ווי יעדער דייטש, ווען ער דינט, גיט ער צו:

— דאָס איז בעזאָנדערס אינטערעסאַנט...

איך האָב דעם אַלטדייטש פון די פאַרגעלטע בלעטער, בפרט די אַמטשפּראַך, נישט פאַרשטאַנען. גאָלדשמידט האָט זיך געזעצט איבערזעצן. ער האָט זיך אין דעם פאַרטיפט, אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז איך וואַרט אויף זיינע אויפקלערונגען. ער האָט אָנגעהויבן מישן איין בלאַט נאָכן צווייטן, אַרויסכאַפּן שטיקלעך פון דעם און יענעם דאָקומענט. מען האָט געפילט, אַז די געשיכטע פאַרכאַפּט אים. איך האָב אים אַ פרעג געטון, וואָס עס איז.

— אַבער, דאָס איסט דאָך אוממעגליך! דאָס איסט דאָך עטוואָס ניכט געהערטעס! דאָס איסט פאַבלהאַפט!

וואָס איז פאַבלהאַפט? וואָס האָט ער דאָרט געפונען? דאָס האָט ער מיר דערציילט ביים מיטיק. אַ געשיכטע פון אַ ייִדישן גנב, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם.

איך האָב אים געבעטן דעם גאַנצן פּאַסציקל איבערזעצן אין היינטיקן מאָדערנעם דייטש. איך האָב נישט איינמאָל נאָכדעם דאָס דאָזיקע אַקטן־פּעקל געהאַלטן, שטודירט, אַרויסגעלייענט די דאָזיקע מעשה־נורא, און ביי זיך געטראַכט, ווען אַפילו נאָר צוליב דעם אַליין האָט געלוינט צו דעראָבערן די פעסטונג עהרנברייטשטיין.

„ייִדישע גנבים און רויבער־באַנדעס“

איידער איך קום דערציילן די מעשה־נורא פון דעם קידוש־השם פון דעם ייִדישן גנב וועגן וועלכן עס איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן דער איבערגעזעצטער אַקטן־באַנד, דאַרף מען זיך באַקענען מיט אַ טרויעריקן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון די דייטשע ייִדן וואָס הייסט „ייִדישע גנבים־ און רויבעד־באַנ־דעס“. דער דאָזיקער קאַפּיטל איז כמעט נישט באַאַרבעט געוואָרן אין אונדזער געשיכטע־ליטעראַטור. די קאָבלענצער אַקטן, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן די דאָזיקע „באַנדעס“ און ווו עס ווערן ציטירט אַ רייע „ווערק“ וועגן די דאָזיקע „דיעבס“, מערדער אונד רויבער־באַנדעס“ האָבן מיר געשטויסן זיך צו פאַראינטערעסירן מיט דעם און איך האָב געפונען אַן אויסערגעוויינלעך רייכן מאַטעריאַל וועגן דער דאָזיקער פּיין־עפּאָפּייע.

אונדזער אַקטן־באַנד (צו וועמען מיר וועלן זיך באַזונדער צוריקקערן) דער־ציילט, אַז אין דעצעמבער 1758 איז אין ווילדענבורג פאַרהאַלטן געוואָרן דער ייִד לעוו סאַמועל, וועלכער איז באַשולדיקט געוואָרן אין גניבה. בעת דער גניבה אין דעם פירשטס פּאַלאַץ האָט איינער פון די דינער אויסגעשאָסן און געטראָפן איינעם פון די גנבים אין רוקן. היות דער פאַרהאַלטענער לעוו סאַמועל האָט געהאַט אַ ווונד אין רוקן איז ער גענומען געוואָרן אונטער פאַרדאַכט, אַז ער האָט זיך אין דער גניבה באַטייליקט.

בעת דער „אויספאָרשונג“ איז אַרויסגעשווומען די שאלה, צי געהערט נישט דער דאָזיקער סאַמועל, צו אַ „רויבער־באַנדע“. כדי דעם ענין צו באַנעמען מוזן מיר דערווייל איבערלאָזן אונדזער פאַרדעכטיקן און טאַקע זיך באַקענען מיט די „באַנדעס“.

דאָס וויטערדיקע איז באַזירט אויף צוויי זעלטענע אויסגאַבעס — איינע איז פון דעם העסישן ריכטער יאָהאַן יאַקוב בירברויער, וואָס האָט זיך ספּעציאַ־ליזירט ביים אויסזוכן די ייִדישע „רויבער־באַנדעס“. זיין „ווערק“ הייסט (איבער־זעצט אין ייִדיש):

„באַשרייבונג פון די פאַראַנענע יידישע גנבים, מערדער־ און רויבער־באַנדעס וועלכע פאַרנעמען זיך מיט רויבערייען, מאָרד־אַקטן און גניבות אין גאַנצן רייך, ראשית אין דעם היגן האָכפירשטלעכן געביט און אויך אין די לענדער פון די קורפירשטן, פירשטן, גראַפן און ריטער און דאָסגלייכן אין די רייכשטעט, אין די פּאָרשטעט אאַ״וו״...

Beschreibung
Derer
Berüchtigten Jüdischen
Diebes-, Mörder-
und
Rauber-Banden,
Welche
seithero geraumen Jahren, hin und wieder im Reich, viele gewaltsame Beraubungen, Mordthaten und Diebstähle begangen haben,
vornehmlich
hiesigen Hochfürstlichen, sodann auch, denen umliegenden Churfürstlichen, Fürstlichen, Gräflichen und Ritterschaftlichen Landen,
Desgleichen
verschiedenen Reichs- und Hansee-Städten, samt allen deren Criminal-Gerichten, bey vorkommenden Fällen, zum nützlichen Gebrauch.

CASSEL,
Gedruckt bey Jeremias Estienne.
1758.

דעם ריכטערס יאָהאַן יאַקוב בירברויערס „באַשרייבונג״ וועגן די „יידישע גנבים, מערדער און רויבער־באַנדעס״. דערשינען אין קאַסעל, אין יאָר 1758.

דאָס דאָזיקע „ווערק״ איז דערשינען אין קאַסעל אין יאָר 1758.

ווען איך האָב זיך אין קאָבלענצער אַקטן־באַנד וועגן דעם יידישן גנב סאַמועל, אָנגעשטויסן אויף דער אַריינמישונג פון דעם דאָזיקן בירברויער און זיין בוך, האָב איך אָנגעהויבן צו זוכן די דאָזיקע מערקווירדיקע „גנבים־ענציקלאָפּעדיע״. געפונען האָב איך עס אין דעם גערמאַנישן מוזעאום אין נירענבערג און דערפון געמאַכט אַ פולע פאָטאָקאָפּיע.

די דאָזיקע „באַשרייבונג״ איז געוואָרן אַן אמתער מורה־דרך פאַר אַלע פּאָליציאַמטן, פאַר אַלע אויספאָרשער און קרימינאַל־באַאַמטע עס איז דאָרטן אָנגעפּיקעוועט מיט תורה און חכמה וועגן יידישע גנבים. איינגעטיילט אין די פאַרשידענע „פּראָפעסיעס״ און זייערע באַזונדערע אויפגאַבעס. און פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן דאָרטן די ליסטעס פון די מיטגלידער אין די פאַרשידענע גנבהשע, כמעט מאַסאָנישע „לאָזשעס״. נאָר לדוגמא וועלן מיר געבן דאָס וואָרט דעם דאָ־

זיכן ריכטער פון 18טן יאָרהונדערט. ער רעכנט אויס די באַזונדערע „אָפּטיילונ־גען", דהיינו:

„שרענקער" — דאָס זענען אַזעלכע וואָס געלאָדן מיט זאַק־פּיסטאָלעטן און גנבהשע אינסטרומענטן אַרבעטן ביינאַכט אין גרעסערע גרופּן פירן זיי דורך איינברוכן פון שרענק, קאַסטנס אאַ"וו;

„באַסקענער" — זיי פאָרן אויף פערד, קומען אין גאַר פאַרנעמע געזעל־שאַפטן, מען נעמט זיי אַריין צום איבערנעכטיקן און דעמאָלט „באַארבעטן" זיי זייערע גאַסטגעבער;

„ראָלער" — זיי שערן זיך אָפּ די בערד און גיבן זיך אָן פאַר קריסטן און זייער ספּעציאַליטעט איז צו „באַאַרבעטן" די סוחרים אין די איינפאָר־הייזער;

„שאָטענפעלער" אָדער „אופּטהונער" — זענען די יעניקע וואָס „באַאַרבעטן" די געשעפטן; זיי פּרוּוון כלומרשט עפּעס קויפן און באַגנבענען דערוויילן דעם קרעמער;

„מאַרשאַנדיפער" — דאָס זענען אַזעלכע וואָס גיבן זיך אָן פאַר יובעלירן, פאַר געלט־טוישערס, זייגערמאַכערס און גאָלדשמידן און זיי באַשווינדלען די קונים;

„קוטענשיבער" — דאָס זענען די יעניקע וואָס וואַרטן פאַר די טירן פון הייזער. אינדערפרי, ווען מען עפנט די טירן שליכן זיי זיך שטיל אַריין און באַהאַלטן זיך ערגעץ און ווען די הויז־מענטשן גייען אַוועק „באַאַרבעטן" זיי די דירות;

„עסקאָקער" אָדער „לאהו" — ספּעציאַליסטן פאַר דער ווינטער־צייט;

„יאַמאַקענער" — זיי „אַרבעטן" זומערצייט אויף די דערפער, ווען די פּויע־רים זענען באַשעפטיקט ביי פעלד־ און גאָרטן־אַרבעט. זיי ברעכן זיך אַריין אין שטאַלן, שייערן און טוען זייער מלאכה;

„שאָקגענגער" — דאָס זענען יריד־גנבים;

„קיסלער" — דאָס זענען פשוטע קעשענע־גנבים און בייטלשניידער;

„פאַטסענירער" — דאָס זענען אויף אונדזער לשון „פּרעטענזיע־גייער", וואָס טעראָריזירן די גנבים גופא.

בירברויער באַשרייבט געגוי ווי יעדער מין פון די גנבים „אַרבעט", וואָס פאַר אַ מכשירים ער באַנוצט; ווי אַזוי יעדע גרופּע קליידט זיך באַזונדער; וועגן די פאַרוקן און אַנדערע פאַרזיכטיקייטן וואָס ווערן באַנוצט.

טאָ וואָס האָט עס אַלץ אַ שייכות צו יידן? וויזט ער אויף אַז די דאָזיקע עלף גרופּן זענען טאַקע אויסשליסלעך יידן. ער דערקלערט, אַז דער יידישער

קהל דעקט און היט־אָפּ די דאָזיקע גנבים. ער זאָגט עס אין זיין אַריינפיר, בזה הלשון (איבערגעזעצט אין יידיש):

„זיי, (די גנבים) רופן זיך שנאָרער־ אָדער בעטל־יידן און גייען איבער דער מדינה און בעטן כלומרשט נדבות. זיי באַקומען פון די יידן־פאַרשטייער פרייע בילעטן אַרומצופאָרן, זיי קריגן עסן און טרינקען און וווינען אין די קהלשע הכנסת־אורחים־הייזער. זייער אָפט גייען זיי (די גנבים) מיט צעריסענע אין שמאַטעס קליידער. גאָר אָפט זענען זיי פאַראַן צווישן די יעניקע דאָרפגייער, וואָס האַנדלען מיט ברילן, שנורן, בענדער, קנעפלעך און אַנדערע קלייניקייטן"...

דער דאָזיקער „ריכטער" שיסט דאָ צוויי האָזן מיט איין מאָל: ערשטנס, זענען די קהל־לייט פּראָטעקטאָרן פון די גנבים, והשנית, ער לערנט דער דאָרפישער באַפעלקערונג נישט צו קויפן ביי די יידישע דאָרפגייער.

דער מחבר פון דעם „ווערק" רעכנט אויס 321 נעמען פון יידישע מיטגלידער פון „באַנדעס" למיניהם, לויט זייערע „ספּעציאַליטעטן". יעדער נאָמען איז באַגלייט מיט די גענויע באַשרייבונגען, אויסזען, עלטער, משפּחה־צושטאַנד און די פאַרשידענע צונעמענישן וואָס ער האָט אין דער חברה.

אין די דאָזיקע רשימות געפינען זיך ביי טייל נעמען די באַמערקונגען:

„אין דער תּפיסה געשטאָרבן"...

„אים דעם אייזן (דאָס הייסט געשמידט אין קייטן) געשטאָרבן"...

„זיך אויפגעהאַנגען אין דער תּפיסה"... (אין איין תּפיסה, אין דעטמאָלד, האָבן זיךביידע יידישע אסורים — הירש האַלענדער און סאַלאָמאָן נוח אויפגעהאַנגען);

„אויף דער טאָרטור געשטאָרבן"...

די אָפטע פאַלן ביי די „טאָרטורן", ווו די „גנבים" האָבן זיך מודה געווען, זענען פאָרגעקומען אין קאַרלסרו, אין ליפּשטאַט, אין דרעזדען, אין ווילסבורג.

היות בירברויער שטעלט פאַר די דאָזיקע גניבהשע און רויבערישע פאַכן פאַר „יידישע", ווייזט ער אַרויס אַן אַ שיעור „יידן־קענטעניש". ראשית וואַרפט ער אַן אַ גרויסע צאָל העברעיִשע ווערטער וואָס עס באַנוצן די גנבים, כדי דער זייטיקער עולם זאָל זיין נישט פאַרשטיין. דהיינו: „מאַסעמאַטע" (משא־ומתן) הייסט דער אַקט פון דער גניבה; „באַלדאָבער" (בעל־דבר) דער יעניקער וואָס פירט אויס די „מאַסעמאַטעס"; „קאָכומען" (חכמים) און „פראשען" (עכברושים), סינאָנימען פאַר „אייגענע", פון גנבים פון פאַך. „גאָיעמס" (גויים) זענען די קריסטן און „בענאיסראָעלס" (בן־ישראל) זענען די יידן; „מאָסער" (מסור) דאַרף נישט קיין פאַרטייטשונג. ווייטער רעכנט ער אויס די נעמען פון יידישע חדשים, ווען זיי פאַלן אומגעפער אויס אין פאַרגלייך מיט די וועלטלעכע, כדי בעת אויספאָרשונגען גענוי באַשטימען די דאַטעס פון די גניבות אָדער מערדערייען.

אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַרנעמט ביי אים די געשיכטע פון יידישע נעמען

און פון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט איז פון זייער וויכטיקייט דאָס קאַ־פּיטל וועגן די ווינדעלעך בעת די ברית־מילהס. מיר האָבן דאָ די זעלטענע באַ־שרייבונג פון דעם אויסנייען די נעמען פון די געמלטע אויף די פּאָפּולערע אין דייטשלאַנד, „תורה־ווימפּלען". *)

און דער דאָזיקער „ספּעץ" גיט אין זיין בוך אַ מוסטער פון אַ פאַרהער, ווי אַזוי זאָל מען אַ ידישן גנב אויספרעגן. מיר וועלן פון דאָרטן אַרויסנעמען גע־ציילטע פראַגן:

פראַגע 1: ווי הייסט ער מיטן נאָמען און פאַרנאָמען?
פראַגע 2: וואָס פאַר אַ נאָמען האָט ער באַקומען בעת דעם ברית?
פראַגע 4: מיט וועלכן נאָמען ווערט ער אויפגערופן צו דער תורה?
פראַגע 7: ווי הייסט דער ראַבינער וואָס האָט אים מל געווען?
פראַגע 8: ווו געפינט זיך זיין „ווימפּל"?
פראַגע 12: ווו איז ער געווען דעם 4טן, 5טן, און 6טן חשוון?

און דאָ קומען מיר צו איינעם פון די וויכטיקסטע מאָמענטן, צום „מודה זיין זיך". אויב — זאָגט דער דאָזיקער „ריכטער" בירברויער, פון די ענטפערס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז טאַקע אַלץ אין אָרדענונג (ער האָט אָנערקענט זיין גניבה) איז גוט, אויב נישט, זאָל מען אים נעמען אויף טאָרטור... עס ווערט אויך אָנגעגעבן מיט וואָס פאַר אַ מיטלען ער זאָל „פּאַלטירט" ווערן, ווי לאַנג דאָס זאָל דויערן...

נישט אין ידישער דאָרף־הענדלער אָדער סוחר, ביי וועמען מען האָט צוגענומען סחורה און נישט געוואָלט באַצאָלן, איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַ „גנב" און ער האָט זיך „מודה געוועזן".

פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון דעם מין ליטעראַטור איז אינטערעסאַנט, אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן מערן און מערן אַזעלכע מינים ליסטעס פון „ידישע רויבער און גנבים". אַ גאַר גרויסע צאָל איז דערשינען אין 19טן יאָרהונדערט. איין „ווערק" פון דעם מין וואָס איך האָב אונטערן האַנט, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1823 אין בייערן און איר מחבר איז אַ געוויסער קאַרל שטוהלמילער, וואָס טיטולירט זיך: „קעניגליך־־בייערישער פּאָליציי־קאָמיסאַר, פאַרשטאַנד דעס צוואַנגס־אַרבייטסהאַוזעס צו פלאַסענבורג אונד מיטגליד דעס ציווילדינסט אָר־דענס דער בייערישער קראָנע". ווי מיר זעען, אַ גאַר גרויסע שישקע, אַ פאַר־גייער פון די נאַצישע אַרבעטס־לאַגערן.

אין זיין „ווערק" וואָס איז געבויט אויף די מאַטעריאַלן פון זיין „אַנשטאַלט" און אַנדערע קוועלן ברענגט ער העכער 600 נעמען פון ידישע „גנבים און מער־

*) זע זייט 318 און ווייטער.

דער״. און אויך דאָ איז פאַראַן „תורה״ און „חכמה״, ווייל די נעמען זענען ממש אַן אוצר פאַר דער יידישער שפּראַכפאָרשונג. מיר האָבן אָבער דאָ נאָך אַ נייעס — „יידישע געאָגראַפישע נעמען״ מיט וועלכע די גנבים באַנוצן זיך, למשל:

בייערן — חזיר־מדינה;
בערלין — מקום בית;
דרעזדען — מקום דאַלעד;
עסטרייך — קירעשע מאַטינע (מדינה);
שווײַנפורט — חזיר־מקום;
שאַפּהאַוזען — באָק־מקום;
פּוילן — פּלאַנכע;
פראַנקרייך — צערפעס (צרפת).


Vollständige Nachrichten

über

eine polizeyliche Untersuchung

gegen jüdische, durch ganz Deutschland und dessen Nachbarstaaten verbreitete Gaunerbanden.

Eingeleitet, und bis jezt geführt zu Plassenburg im Obermainkreise des Königreichs Baiern,

von

Karl Stuhlmüller,

Königlich baierischen Polizen-Commissair, Vorstand des Zwangsarbeitshauses zu Plassenburg, und Mitglied des Civilverdienst-Ordens der baierischen Krone

August 1823.

קאַרל שטוהלמיללערס „פאָלשטענדיקע נאַכר־כטען״ וועגן די יידישע „גאַונער־באַנדעס״. דערשינען אין יאָר 1823.

דער דאָזיקער נײַער „וועגווײַזער״ האָט אַ רײַכערן צעטל, נישט נאָר מיט נעמען נאָר אויך מיט שפּראַך־עלעמענטן. אָט דערוויסן מיר זיך נאָך אַ גרויס בינטל ווערטער און סינאָנימען פון דעם גניבהשן לשון, ווי:

כילעפען — אויסזוכן געלט (חילוף);
קאָשער (כשר) — אַז די גניבה איז אַדורך כשורה;
סליכענען — מסרן (אויך אין וואַרשעווער לשון).

בכלל איז געוואָרן אַ גרויס גערעטעניש אויף ווערטערביכער פון דער „גנבי־בהשער יידישער און ציגיינערישער שפּראַך". דאָס געהערט אָבער צו אַן אַנדער טעמע.

***

לאָמיר אויך פאַרצייכענען, אַז בעת דער נאַצי־הערשאַפט איז דער ענין „יודען־גאַונער" געוועזן אַ גאַנגבאַרע סחורה אין דער אַנטי־יידישער היטלעריס־טישער גיפט־פּראָפּאַגאַנדע. איינער פון די נאַציסטישע פען־באַנדיטן, פון דער באַ־רימטסטער שטרייכערישער יידן־העצערישער כנופיא, דר. יאָהאַן פאָן לעערס האָט צווישן זיינע אַנדערע העצערישע פאַמפלעטן אָנגעשריבן אַ „ווערק" אונטערן נאָמען „יודענטום אונד גאַונערטום", בערלין 1940.

אגב, דרייט זיך דער דאָזיקער „ספּעץ" אַרום אין אַרגענטינע, ווו ער איז איינער פון די הויפּט־מאַכער פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן נאַצי־אָרגאַן „דער וועג", וואָס דערשיינט שוין 10 יאָר אין בוענאָס־איירעס.

דער אַריינפיר וועגן די „יידישע באַנדעס" איז געווען נייטיק, כדי מיר זאָלן באַגרייפן דאָס וואָס עס איז געשען מיטן פריער דערמאָנטן יידישן גנב, אָדער קרבן פון אַ בלבול, שמואל לעוו, ווי אַזוי מען האָט אים געכאַפּט, ווי מען האָט אים „געפּאַרשט" און אין וואָס ער האָט זיך מודה געווען און ווי אַזוי ער איז אומ־געקומען על־קידוש־השם.

SPECIFICATION
Deren im Land hin und wieder herum vagirenden Ertz-Diebischen Juden-Bande,
Gedruckt zu Mannheim in der Chur-Fürstl. Hoff- und Universit. Buchdruckerey, durch Matthias Oberholtzer 1736.

אַן אָפיציעלע „ספּעציפיקאַציאָן" פון דער העסישער רעגירונג וועגן די „דיבישען יודען־באַנדע". געדרוקט אין מאַנהיים, אין יאָר 1736.

די גניבה אין דעם פירשטנטום פאַן סאַלם

אַז מיר ווייסן שוין די ספּעציעלע „אויפמערקזאַמקייט" וואָס עס איז געווען אין 18טן יאָרהונדערט אין דייטשלאַנד צו „יידישע רויבער און גנבים", קענען מיר שוין גענוי דערציילן די געשיכטע מיט דער גניבה, וואָס עס איז דעם 26סטן

נאָוועמבער 1758 פאַרגעקומען אין אַ שטעטל אָסבאַך, וואָס האָט געהערט צום קרייז ווילדענבורג, אַן אייגנטום פון די פירשטן פאָן סאַלם.

דער דאָזיקער יחוסדיקער פירשטן־שטאַם איז געווען גאָר שטאַרק און האָט פאַרמאָגט אייגענע פּראָווינצן. פאַקטיש זענען עס געווען אַזש דריי אָפּצווייגן די פירשטן סאַלם־סאַלם, וואָס האָבן געהאַט זייער הויכגעריכט אין ווינדעסהיים; די פירשטן סאַלם־קירבורג, וואָס זייער רעזידענץ איז געווען אין קירן און די רהייך־גראַפן פאָן גרומבאַך. מיר האָבן אויסגערעכנט די אַלע דריי שררות, ווייל אַלע דריי האָבן זיך אַ לאָז געטון צו כאַפּן און נאָכדעם „באַקערן" (איבערצייגן נאָך אַ געהעריקער „אויספאָרשונג") דעם „יודענדיב", און לסוף זיך באַטייליקט אין דער צערעמאָניע פון דער עפנטלעכער הינריכטונג.

און געשען איז עס, לויט די קאָבלענצער אַקטן, אַזוי:

אין איינער אַ נאָוועמבער־נאַכט פון 1758 האָט אַ „יידישע איינברעכער־באַנדע" (אַזוי הייסט עס אין פּראָטאָקאָל) געפּרוווט זיך אַריינרייסן אין דער וווינונג פון די ברידער שטום. די איינברעכער זענען איבערראַשט געוואָרן אינמיטן דער אַרבעט. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, האָבן זיי צוגענומען אַ גאָר גרויסן רויב און זענען אַנטלאָפן. מען האָט נאָענט פון דאָזיקן מקום פאַרהאַלטן אַ ייִד, וואָס איז געווען פאַרוווּנדעט. די האַזענבאַכער, דאָס אָרט, ווו מען האָט אים פאַר־האַלטן, האָבן אים געבראַכט אין דער תפיסה פון ווילדענבורג, וואָס געהערט צו די פירשטן פון סאַלם.

דער „אַמטמאַן" (צעזאַר איז זיין נאָמען), האָט אים גענומען אויפן פאַרהער. און דער ייִד, לעוו סאַמועל, האָט געלייקנט שטייף און ביין, ער האָט זיך נישט מודה געווען אין דעם פאַרגעוואָרפנעם פאַרברעכן. וואָס שייך דער ווונד, האָט ער דערציילט, אַז ער איז הינטער דער שטאָט באַן דורך דראַגונער פאַרוווּנדעט געוואָרן.

דער דאָזיקער ענין האָט אַרויסגערופן גרויס אויפמערקזאַמקייט, און אין די אַקטן געפינט זיך דער ערשטער געמיינזאַמער בריוו פון אַלע דריי פירשטן־שטאַ־מען מיט אַ טענה צום אַמטמאַן צעזאַר, פאַרוואָס ער האָט אַזוי שפּעט צוגעשיקט דעם פּראָטאָקאָל, און דער עיקר, פאַרוואָס ער האָט נישט אָנגעהויבן ביי דעם פאַרהער אָנצוווענדן דעם... „ספּעציאַליאַ אינקוויזיטיאַ...", וואָס דאָס מיינט, וועלן מיר שפּעטער זען.

די דריי פירשטן־קאַנצעלאַריעס פאָדערן אויף צוצוטרעטן צו אַ גרינטלעכער אויספאָרשונג. עס האָט זיך שוין דערווייל געפונען אַ געוויסער קאַספּאַר רעפּער, וואָס האָט אָנגעגעבן, אַז ער האָט ביים „דיבשטאַל" איינעם פון די גנבים געשאָסן אין רוקן, אַזוי, אַז מען זאָל זיי קאָנפראָנטירן. ווידער זאָל מען אויסלייגן פאַר דער עפנטלעכקייט דעם הוט און דעם פּאַרוק, וואָס איינער פון די גנבים האָט פאַרלוירן, און מען זאָל עס „דערקענען".

הכלל, מען נעמט זיך צו דער „פֿאַרשונג". פֿאַרשטייט זיך, אַז קאַספּער האָט תיכף „דערקענט", אַז דאָס איז טאַקע די פּלייצע פֿון דעם גנב, וועמען ער האָט בײנאַכט אין דער פֿינצטער געשאָסן. עס אַנטשטייען אָבער אַ רייע שאלות.

ראשית, שווימט אַרויס די פֿראַגע, צי מען זאָל אַריינציִען אַ ראַבינער אין דעם ענין, היות מען וועט ביי אַ טייל ייִדן דאַרפֿן אָפּנעמען אַ שבועה, צי מוז דערביי זיין אַ ראַבינער...

ווידער האָט מען זיך געשטעלט די פֿראַגע, צי דער ייִד, וואָס איז פֿאַרוווּנדעט, איז פּעיִק צום פֿאָלטער (צו די אינקוויזיציע־טאָרטורן). און אין אַ בריוו פֿון 23סטן דעצעמבער פֿרעגט איין שרה ביי דעם צווייטן, צי וואָלט מען נישט געדאַרפֿט וועגן דעם האָבן די מיינונג פֿון דעם יורידישן פֿאַקולטעט פֿון היידעלבערגער אוניווערזיטעט (!).

אַרום דער פֿראַגע איז נישטאָ קיין אייניקייט. דער סאַלם־קירבורגישער האָפֿראַט, פֿאָן באַך, הייסט מען זאָל דעם ייִד נעמען אויפֿן „געוויינלעכן דריי גראַד פֿון פֿאָלטער" (צובינדן הענט צו איין ראָד, פֿיס צו אַ צווייטן ראָד און מיט הייס אייזן דראָען דעם געזעס) און „צווינגען אים צו בעקענטעניש".

דער האָפֿראַט עמבדען איז ביי אַן אַנדערע מיינונג; מען מוז אָנפֿרעגן ביי דעם יורידישן פֿאַקולטעט, ווייל אין דעם פֿאַל האַנדלט זיך עס וועגן אַ מענטשנס לעבן און נישט וועגן אַ „קאַצענקאָפּ".

דערווייל איז די מעשה מיט דער גניבה באַקאַנט געוואָרן אין די שכנותדיקע טעריטאָריעס און דער העסישער ריכטער יאָהאַן יאַקוב בירברויער, וואָס האָט זיך באַקאַנט געמאַכט מיט זיין „פֿערברעכער־אַלבאָם" וועגן די ייִדישע „רויבער־באַנדעס", האָט צוגעשיקט זיין גרייטקייט צוצוהעלפֿן אַרויסבאַקומען ביים ייִד די נייטיקע ידיעות.

פֿון היידעלבערגער יוריסטן־פֿאַקולטעט איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז מען זאָל דעם ייִד נעמען „פֿאָלטערן".

און אָט איז אַ ווייטערדיקער בריוו, ווו מען גיט אָנווייזונגען וועגן דעם „פֿאָלטער": ווען עס וועט קומען דער „מייסטער"; אַז מען זאָל דעם ייִד „זאָרג־פֿעליק באַוואַכן"; מען זאָל אים אין „אייזן שליסן", אויב מ׳האָט עס ביז איצט נישט געטון; מען זאָל אַ ספּעציעלע קאַמער צוגרייטן, אין וועלכער עס זאָלן זיין גרייט „אַלע אַרטען פֿאָן טאָרטור אין אַללען פֿאַלל פֿאָרגענומען ווערדען מעגען". באַזונדער ווערן אויסגערעכנט די מכשירים: צוואַנגען, שפּיזן, קוילן, גאָפּלען מיט 2, 3 און 4 ציינער, שטריק, און רימענס, אייזערנע באַרשטן און פֿייער־אויסהאַלטנדיקע ציגל... אויסער דעם, גיט מען צו אין דעם פּאָסקריפּטום צום בריוו:

„איינע גוטע זאַמדאוהר (זאַמד־זייגער) זאָל צוגעגרייט ווערן, וואָס זאָל אָפּצייכענען יעדע שטונדע אונד פֿערטל",

כדי צו האַלטן אַ גענויעם חשבון ביי די טאָרטורן.

אין די קאָבלענצער אַקטן געפינען זיך נישט די פּרטים פון דער „טאָרטור״; עס ווערט נאָר קורץ איבערגעגעבן, אַז:

„דער יודע וואַרדע אין דער צייט פאָם 30 יאַנואַר ביז צום 3 פעברואַר געפאָלטערט אונד פערהערט״.

נאָך דער דאָזיקער „אויספאָרשונג״ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער „גנב״ האָט זיך פולשטענדיק מודה געווען, נישט נאָר אין דער דאָזיקער גניבה, נאָר אויך אין אַנדערע פיר גניבות. אמת, ער קאָן זיך נישט דערמאָנען ווען און ווו...

ווען מען האָט אָנגעהויבן נאָכפאָרשן די דאָזיקע „גניבות״, וועגן וועלכע דער יוד האָט דערציילט בשעת מ׳האָט דורכגעפירט דעם „פאָלטער״, האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז אין די דאָזיקע ערטער זענען אַזוינע נישט געשען, און אויך, אַז ביי אַ טייל עקזיסטירן גאָרנישט אַזעלכע מקומות.

פון היידעלבערגער אוניווערסיטעט קומען צווייפלהאַפטע מיינונגען וועגן דעם גאַנצן ענין, אַז דאָס „מודה״ זיין זיך שטימט עפּעס נישט. עס זענען נישטאָ קיין גענוגנדע באַוויזן.

די פירשטן האַלטן אָבער, אַז דער יוד איז שוין „רייף״ צו טויטשטראָף, געשטיצט אויף זיינע דערקלערונגען בעתן „פאַרהער״.

דאָ קומט אַרויס אַן אַנדערער פּלאַן: מען וועט דעם יוד באַגנעדיקן מיטן תנאי, אַז ער זאָל אויסגעפינען די שולדיקע אין די גניבות. אויפן לשון פון די אַקטן הייסט עס, ער זאָל ווערן אַ „פליישמאַן״ — געמיינט אַ שפּיצעל־פּראָוואָקאַטאָר. פאַרשטייט זיך, אַז ער וועט פריִער זיך דאַרפן טויפן, שמדן.

דער דאָזיקער פאָרשלאַג ווערט אָפּגעוואָרפן, ווייל מען האַלט, אַז דאָס שמדן זיך בשעת דער מורא פאַרן טויט וועט קיין שום דערפאָלג נישט האָבן ביים שפּעטערדיקן „פליישמאַן״, וועלכער וועט זיך צוריקקערן צו זיינע „די־בענגעזעלן״, צו זיינע גניבישע חברים, און וועט פאַרזעצן זיין רויבלעבן.

אַ גאַנצער פּאַק מיט אַקטן פאַרנעמט זיך מיט דער פראַגע, צי זאָל מען דעם יוד לעוו סאַמועל יאָ נעמען פאַר אַ „פליישמאַן״ אָדער נישט. טייל באַ־ווייזן, אַז אין מאַנהיים איז פאַראַן אַזאַ „פליישמאַן״, אָבער ער האָט פאַרפירט, ער האָט זיך טאַקע געטויפט: ער האָט טאַקע צוגעזאָגט איבערצוגעבן זיינע „קאָמפּליצן״, אָבער ער האַלט נישט וואָרט. עס האָט זיך נישט געלוינט — נישט פאַר דער קירכע, ווייל זיין „קריסטלעכקייט״ איז גאָרנישט קיין גע־הויבענע, און אויך נישט פאַר די אויספאָרשער, ווייל ער ברענגט נישט קיין שום ידיעות.

חוץ דעם האָבן די פירשטן צווישן זיך נישט געקענט דורכקומען, צו וועלכער אמונה מען זאָל דעם דאָזיקן נייעם „קריסט״ אַריינגעמען — צו דער קאַטוילישער קירכע אָדער צו דער פּראָטעסטאַנטישער. איבערגעלאָזט האָט מען עס דעם יוד צו באַשטימען, וואָס פאַר אַ גייסטלעכן ער וויל. אין בעסטן פאַל וועט

מען אים שיקן צוויי, אזא און אזעלכן, און ער זאָל צווישן זיי ביידע אויסקלויבן...

פּלוצים איז אַרויסגעשוווּמען נאָך אַן ענין. בעתן „פאַרהער“ האָט דער ייִד דערציילט, אַז ער האָט גאָר אַן אַנדערן נאָמען אויך — דויבעלגען, אַז דאָס איז זיין אמתער נאָמען.

דערביי איז גאָר עולה לגדולה געוואָרן דער קאַטוילישער ריכטער ביר־ברויער, דער יעניקער וואָס האָט אַרויסגעלאָזט זיין באַרימטן אַלבאָם פון די „יידישע רויבער און מערדער“. ער באַקומט פּאָפּולאַריטעט. מען באַשטעלט ביי אים אַזש 14 עקזעמפּליאַרן פון זיין בוך.

ווידער זענען געקומען פון היידלבערגער אוניווערסיטעט באַומרויִקנדיקע ידיעות. דאָרטן האָט מען נישט געפונען קיין שום יסוד, כדי דעם ייִד צו פאַר־משפּטן, און מען האָט אָנגעהויבן שיקן שטאַפּעטן איבער גאַנץ רהיין־לאַנד, כדי צונויפצוקלייבן מאַטעריאַלן קעגן דעם ייִד לעוו סאַמועל אַליאַס דויבעלגען.

אין ווילדענבערג, אין דער תפיסה, ווו דער „גנב“ איז געזעסן, האָט מען דערווייל אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דער... תליה. זי איז צו אַלט און עס איז פאַ־ראַן אַ מורא, אַז זי וועט נישט אויסהאַלטן.

דעם 27סטן פעברואַר 1759 קומט אַ רעגירונגס־אינסטרוקציע:

מען זאָל די תליה אַביסל אויסבעסערן; מאַכן אַ נייע, וועט צופיל „אויפזען ערעגען“...

עטלעכע חדשים האָט מען נאָך אַלץ געזוכט אין פאַרשידענע ערטער „באַ־לעסטנדע“ מאַטעריאַלן קעגן דעם אַרעסטירטן ייִד, פאַר וועמען מען האָט געדאַרפט געפונג חטאים, כדי ער זאָל באַקומען טויטשטראָף.

אין די קאָבלענצער אַקטן זענען פאַראַן ראַפּאָרטן און באַריכטן פון באָן, פון קאַסטעלאַון, פון הערצאָגטום בערג אין דיסעלדאָרף, פון שטרימינג, פון מאַנ־היים און אַנדערע ערטער פון גאַנצן דייטשן לאַנד.

דער האָפראַט גריסנער פון דעם פירשט סאַלם־קורבורג באַקלאָגט זיך אָבער אין זיינעם אַ בריוו צום האָפראַט עמבדען פון דעם פירשט סאַלם־סאַלם, אַז:

..."ער האָט מורא, אַז דער אורטייל פון היידעלבערגער פאַקולטעט וועט צו מילד אויספאַלן, ווייל סוף־כל־סוף האָט דער יודע „געשטאַנדען“ נאָר, אַז ער איז געווען אַ שומר ביי דער גניבה, און מען האָט בשום אופן נישט אַרויסבאַקומען, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין דער גניבה. עס דראָט די געפאַר, אַז דער דאָזיקער בייזער קערל וועט ווידער איבער דער וועלט זיך אַרומדרייען".

נאָכאַמאָל אויפן „פאָלטער“ נעמען קען מען נישט, ווייל אַלע „גראַדן“ פון טאָרטור זענען שוין אויסגענוצט געוואָרן.

דערווייל איז אַרויסגעקומען נאָך אַ פאָרשלאָג, מען זאָל דעם אַרעסטירטן פון

ווילדענבורג צוזאַמענפירן מיטן „פליישמאַן" פון מאַנהיים, דעם געוועזענעם ייד סאַמועל בעקער. אפשר וועט דערביי עפּעס נייעס אַרויסגעבראַכט ווערן, און עס וועט שוין זיין „באַלאַסטנדער" מאַטעריאַל.

אָבער דער מאַנער, דער געליטענער שטום, טענהט אין אַ בריוו צו די אויס־פאָרשער, אַז מען דאַרף נישט וואַרטן; אַז ער וועט סיי־ווי זיין פאַרמעגן נישט צוריקקריגן, און די אויספאָרשונג פאַרציט זיך צו לאַנג, און ער ווערט בדלות פון די קאָסטן, וואָס די דאָזיקע אויספאָרשונג נעמט צו (משמעות, אַז דאָס איז איז געגאַנגען אויף זיין חשבון).

***

אַזוי האָט עס זיך געצויגן ביז דעם 6טן דעצעמבער 1759. אַ גאַנץ יאָר האָט מען געקליבן מאַטעריאַל. דעם ייד האָט מען ווידער עטלעכע מאָל גענומען אויפן „פאָלטער", און אַז עס זענען שוין געווען גענוגנדע „באַווייזן", האָט דאָס היידעל־בערגער געריכט פון יורידישן פאַקולטעט געגעבן דעם פּסק:

שולדיק; טויטשטראָף „דורך דער שטראַנג" (אויף דער תליה).

דער באַריכט וועגן אויספירן פון דער שטראָף, און ווי אַזוי עס האָט זיך זיך פאַרהאַלטן דער באַשטראָפטער „גנב", פאַרנעמט אין די קאָבלענצער אַקטן 14 זייטן.

סאַמועל לעוו גייט אויף דער תליה...

נאָכדעם ווי פון היידעלבערגער יוריסטן־פאַקולטעט איז אָנגעקומען דער אורטייל — טויטשטראָף דורך הענגען, — האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנצער פּאַפּיר־שטורעם צווישן די דריי פירשטלעכע שטאַט־אַרדינאַציעס. איינע איז געווען איי־פערזיכטיק, פאַרוואָס מען וועט דורכפירן די עקזעקוציע נישט אין „איר" הער־שאַפט; אַ צווייטער האָט געהאַט אויסצוזעצן, פאַרוואָס האָט מען זיין „הויף" מיט זיינע „מייסטערס" אויסגעמיטן בייצוזיין בעת דעם „פאָלטער". אַ באַרג מיט בריוו, פּרעטענזיעס, אָנקלאַגעס. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די עקזעקוציע דאַרף פאָרקומען צווישן 2טן און 4טן יאַ־נואַר 1760, און דאָס אין דעם תפיסה־אָרט, אין ווילדענבורג.

אַ נייע שוועריקייט האָט זיך אַרויסגערוקט: ווו נעמט מען אַ ספּעציאַליסט אַ תליון? די „האָפראַטן" פון צווײ שטאַטן פרעגן דעם דריטן: „ריכטיק, די עקזע־קוציע וועט דורכפירן דער ווילדענבורגער ווייסענמייסטער (תליון), אָבער ער האָט אַזאַ מין מלאכה שוין לאַנג נישט געמאַכט, טאָ ווער קען גאַראַנטירן, אַז ער וועט עס ווי געהעריק דורכפירן. צי קען מען אים געבן אין די הענט „באַאַרבעטן" אַ מענטש?"...

פון די ווייטערדיקע דאָקומענטן ווייזט זיך אַרויס, אַז די עקזעקוציע דאַרף זיך פאַרוואַנדלען אין אַ „שטאַטסאַקציאָן אין דער קליינער הערשאַפט", אַז דאָס דאַרף ווערן אַן אָפיציעלע מלוכה־אונטערנעמונג...

און די לעצטע אינסטרוקציע איז אַרויס צום „אַמטמאַן" צעזאַר פון וויל־דענבורג:

1) באַשטעלן דעם אַקטואַריוס (ריכטער) יאַקאָבי; 2) צוגרייטן די תליה זי זאָל קענען אויסהאַלטן דאָס געוויכט פון אַן אָביעקט; 3) זיך פאַרשטענדיקן מיטן ווילדענבורגער „שאַרפריכטער", צי ער וועט זיך אונטערנעמען דורכצופירן דאָס דאָזיקע שטיקל אַרבעט.

דער „אַמטמאַן" צעזאַר האָט זיך דערוויל דעדשראָקן — צופיל טומל, צופיל רעש פאַר אַזאַ קליינער „הערשאַפט" ווי זיינע. עס וועלן קומען אַזויפיל „האָכ־אַדעליקע" און ער האָט נישט פאַר זיי גענוג פּראָדוקטן, גענוג וויין, גענוג בעט־צייג און טישצייג. ער ווענדט זיך בכן צו דער פירשטן־קאַמער אין קירן, מען זאָל אים אַרויסהעלפן אין די דאָזיקע זאַכן.

ווייטער שרייבט ער, אַז מען מוז די תליה איבערבויען, ווייל די אַלטע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דורכגעפוילט, זי וועט דאָס געוויכט נישט אויסהאַלטן.

***

אין אַ באַזונדערן פּאַקעט פון דאָזיקן אַקטן־באַנד געפינט זיך דער ספּעציע־לער באַריכט פון דער עקזעקוציע, וואָס עס האָט צוזאַמענגעשטעלט דער ספּעציעל־באַפולמעכטיקטער „האָפראַט" ראָאָס. 14 זייטן מיט 11 ביילאַגעס האָט דער דאָ־זיקער ראַפּאָרט. פון דער דאָזיקער באַשרייבונג וועלן מיר אַרויסנעמען אַ רייע קורצע פראַגמענטן.

...די ווילדענבערגער אונטערטאַנען זענען דורך דער פירשטלעכער אָרדי־נאַציע גערופן געוואָרן „אונטער געווער" כדי צו פאַרהיטן אַ צו־גרויסן צוזאַמענ־לויף און מעגלעכע אַרויסטרעטונגען פון פאָלק...

...אַ קאַטוילישער גייסטלעכער און אַ פּראָטעסטאַנטישער פּאַסטאָר האָבן פאַרגעלייגט דעם פאַרמישפּטן, ער זאָל אַרויסטרעטן פון יידנטום. דער פאַרמיש־פּטער האָט עקשנותדיק אָפּגעוואָרפן די פאָרשלאַגן. ער האָט דערקלערט, אַז ער וויל שטאַרבן ווי אַ ייִד...

...אינדערפרי, אין דעם טאָג פון דער הינריכטונג, האָט דער ייִד לעוו סאַ־מועל פאַרלאַנגט אַ ראַבינער, אָבער דאָס איז אים „נישט געשטאַטעט" געוואָרן...

...דער פאַרמישפּטער האָט געבעטן, מען זאָל אים אויפן קאָפּ דערלויבן צו האָבן אַ ווייס „קליינמיצכען" (אַ קליין היטעלע — יאַרמלקע), וואָס ער האָט זיך אַליין צוגעגרייט. ער האָט אויך געבעטן, מען זאָל אים צו דער תליה מיטגעבן

דאָס קליין „העברעיִשע ביכליין" (אַ סידור, אַ תנ"ך?), וואָס ער האָט ביי זיך שטענדיק. דאָס איז אים דערלויבט געוואָרן...

..דער ייד איז געגאַנגען אומדערשראָקן. ער האָט, אָן קיינעמס הילף אַראָפּ־געשליידערט די „פּוסלאָפּען". אַליין ביזן האַלבן לייטער אַרויפגעגאַנגען. דערביי האָט ער זיין באַגלייטער (דעם תליון) געבעטן, אַז יענער זאָל פעסט צודריקן צו זיין קאָפּ דאָס ווייסע היטעלע. די גאַנצע צייט האָט דער פּאַרמישפּטער געהאַלטן מיט זיך דאָס „קליינע העברעיִשע ביכליין" און אָן אויפהער געשריגן: „אַדאָנאַי", „אַדאָנאַי" (משמעות „שמע ישראל", ווו עס חזרט זיך איבער דער שם אדני)...

...ער האָט נישט געוואָרט, אַז דער תליון זאָל טון זיין רעכט; ער האָט אָפּ־געשטויסן דעם לייטער און אונטער דעם אויסרוף „אַדאָנאַי" איז ער געבליבן אין דער לופטן...

...עטלעכע הונדערט מעטער פון דעם עקזעקוציע־פּלאַץ, אין טאָל, האָט זיך געפונען אַ גרויסע מחנה יידן. ווען דער פּאַרמישפּטער איז געוואָרן אַראָפּגעשטויסן פון לייטער, האָט זיך די מאַסע אַ וואָרף געטון אויפן באָדן און אויסגעבראָכן מיט אַ יאָמערלעך געשריי...

**
*

דער באַריכט־שרייבער איז נישט קאַרג אויף שילדערונגען פון דעם דאָזיקן „היסטאָרישן און איינדרוקפולן" טאָג. ער שילדערט דאָס געמיט פון די „הער־שאַפטן" און ווי אַזוי דאָס „פאָלק" האָט רעאַגירט: וועגן דעם וועטער, און אַפילו וועגן דעם „רייכלעך צוגעגרייטן טיש מיט די רהיינער ווייגען"... ער פאַרגעסט אויך נישט איבערצוגעבן אַ רייע שמועסן, וואָס ער האָט אונטערגעהערט, און אויך „זאָגעס" (לעגענדעס), וואָס עס ווערט ביים פאָלק דערציילט. איינע אַזאַ גייט איבער, אַז מיט 40 יאָר צוריק איז אויפן זעלביקן פּלאַץ, אויף אַן ענלעכן „פייערלעכן" אופן, געהאַנגען געוואָרן אַ ייד, וואָס איז געווען אַ געשמידטער אין קייטן. זיין האַלדז און זיינע פיס און הענט זענען געווען „געפעסלט אין אייזן". דער דאָזיקער ייד פלעגט נאָכדעם קומען און קלינגען מיט די קייטן אין די הייזער פון די פויערים. און די פויערים דערציילן, אַז אַ לאַנגע צייט נאָך דער עקזעקוציע האָט מען אין דעם גלאָק־קלאַנג פון דער אָרטיקער קירכע געהערט דעם קייטנקלאַנג פון דעם געהאָנגענעם ייד...

מיט דעם איז דער אקטנבאַנד נישט פאַרענדיקט. עס זענען צו אים פאַר־איינגיקט אַ רייע צוגאָבעס, באַריכטן, ראַפּאָרטן, קאָרעספּאָנדענץ — אַ מין נאָכ־ווייעניש פון דער געשיכטע. אַ פּאָר פון זיי וועלן מיר דאָ ברענגען.

**
*

די אָרומיקע דאָרפסלייט האָבן דערלאַנגט אַ פּעטיציע צום פירשטלעכן הויף, אַז מען זאָל באַזייטיקן דעם „גאַלגען" (תליה); מען זאָל עס אַריבערפירן אין אַן

אַנדער פּלאַץ, ווייל נאַכט נאָך נאַכט, דאָ אין איין דאָרף, דאָ אין אַ צווייטס, קומט דער געהאָנגענער לעוו סאַמועל און שרעקט די איינוווינער. ער קלאַפּט אין די שויבן און שרייט אַריין דעם „פלוך" (קללה) „אַדאָנאַי", „אַדאָנאַי". פון דער צייט אָן האָבן אויך די קי אויפגעהערט צו געבן מילך ווי פריִער. די פּאַסטוכער טרייבן נישט זייערע סטאַדעס צום אָרט פון דער עקזעקוציע, ווייל די קי ווילן דאָס דאָר־טיקע גראָז נישט פרעסן (אויף דעם אָרט איז, משמעות, געווען אַ פּאַשע־פּלאַץ).

**
*

אַ ראַפּאָרט פון דער קאַנצעלאַריע פון דער געהיימער פעלדשוץ (זשאַנדאַר־מעריע) באַריכטעט, אַז נאָך דער עקזעקוציע פון דעם „גנב" האָבן זיך פאַרמערט די גניבות אין דעם גאַנצן אַרום. די גניבות ווערן אויסגעפירט מיט וווּנדער־לעכער פאַכמענישקייט; עס בלייבן קיין שום שפּורן, גלייך ווי „טויפעל גייסטער" וואָלטן עס דורכפירן. איבערהויפּט זענען די גערליטענע די יעניקע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די אויספאָרשונגען פון דעם „גנב". דער ראַפּאָרט גיט דערביי אָן, אַז פון דער לעצטער צייט זעט מען בכלל נישט קיין וואַנדערנדיקע ייִדן אין דעם גאַנצן „בערייך" (געגנט), זיי מיידן אים אויס.

**
*

אַ דריטער דאָקומענט — אַ פאַרטרויליכער בריוו פון דעם פּראָטעסטאַנטישן גייסטלעכן צו זיין „דורכלויכט, דעם האָכאַדעליקן, פון גאָט־געבענטשטן..." אאַ"וו.

...„ער האַלט פאַר זיין אונטערטעניקייט־פליכט צו מעלדן, אַז אין יאַנואַר פון דעם יאָר איז אין ווילדענבורג פאַרגאָסן געוואָרן אומשולדיק בלוט. ביים „בייכטן" (די ווידוי־צערעמאָניע, וואָס עס האָבן די קריסטן, ווען זיי דערציילן דעם גייסטלעכן זייערע עבירות) איז אים קלאָר געוואָרן, אַז די גניבה ביי די ברידער שטום האָבן אויסגעפירט אייגענע „גלויבנסגענאָסן"... ער האָט מורא, דער גייסטלעכער, אַז דער צאָרן פון גאָט זאָל נישט אַראָפּנידערן אויף אונדזער ווילד־געוואָרענעם ווילדענבורג"...

ער פירט אויס: „ליידער קענען מיר אונדזערע הענט נישט אָפּוואַשן און זאָגן: מיר זענען אומשולדיק אין דעם פאַרגאָסענעם צדיקס בלוט". דערביי האָט דער גלח צוגעשטעלט אַ סימן פון דער עוואַנגעליע „מאתיא, קאַפּיטל 27, פסוק 24" (פּילאַטוסעס זאָג וועגן יעזוסעס קרייציקונג).

אויפן דאָזיקן בריוו האָט דער „האָפראַט" צוגעשריבן:

„דיזער אַלטער דומקאָפּ איז זאָגאַר איין גאָטלעסטערער. ער מעכטע איין פּילאַטוס זיין און דער שמוציקער יודע זאָל איין צווייטער יעזו ווערן...".

**
*

אין מאַי 1760 איז דער גאַנצער ענין באַטראַכט געוואָרן אויף אַ צוזאַמענ־קום פון די „האַכאַדעליקע" פון אַלע דריי שטאָמען. אויך די האַפּראַטן, אַמטמע־נער, אָרדינאַטאָרן זענען דערביי געווען. וואָס ס'איז דאָרט גערעדט געוואָרן, איז נישטאָ אין די אַקטן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן די „פּלוידעריי" (געמיינט די דיסקוסיעס) נישט צו פאַרשרייבן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן דעם אַקטן־באַנד וועגן דאָזיקן ענין פאַרחתמענען מיט טריוואַקס און באַפּעסטיקן מיט די זיגלען פון אַלע דריי סאַלמישע פירשטן־שטאַמען. ער זאָל זיך געפינען אין דעם געהיימען סייף פון די פירשטלעכע מישפחה־פאַפּירן. ערשט נאָך 200 יאָר, ווען „אונדזערע אַלע לעבנס־זינדערייען" וועלן פאַרגעסן ווערן, זאָל מען עס אַרייננברענגען אין דעם געוויינלעכן פירשטלעכן אַרכיוו.

דער דאָזיקער באַפעל פון דער פירשטלעכער מישפחה איז נישט אויסגע־פּילט געוואָרן. כמעט אַ יאָרצענדלינג האָט געפעלט צו דעם 200 יאָר־טערמין בעת איך האָב באַקומען דעם פאַסציקל אַרכיוואַליען וועגן דאָזיקן מערקווירדיקן קידוש־השם־פאַל.

די „לעבענדיגע זינדערייען" פון די פירשטן סאַלמס זענען שוין לאַנג אַרויס־געוואָרפן געוואָרן אויף דעם מיסטקאַסטן פון דער געשיכטע; זייערע גיטער און „הערשאַפטן" זענען שוין לאַנג נישטאָ; זייערע אַרכיוון זענען צעשטויבט געוואָרן און דער געדעכעניש נאָך זיי איז שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן; זיי האָבן זיך אַליין אויפגעפרעסן. דער דאָזיקער אַקטן־באַנד איז דורך אַ צופאַל גאַנץ געבליבן און אַריינגעפאַלן אין דער פעסטונג עהרנברייטשטיין. איינער פון די פרעטענדענטן אויף אַ ירושה פון די סאַלמס האָט געמיינט, אַז דאָ ליגט אונטער דעם טריוואַקס פאַרחתמעט אַ גרויס פאַרמעגנס, האָט ער עס אָפּגעהיט פאַר קינדס־קינדער. ער האָט זיך נישט דערוואַרט ביז די 200 יאָר. אויך זיינע קינדער האָבן עס נישט דערלעבט. צוזאַמען מיט אַלע „געהיימע" אַקטן איז, נאָכן צוזאַמענברוך פון נאַ־ציזם, אויך געעפנט געוואָרן דאָס דאָזיקע ווילדענבורגער אַרכיוו־פּעקל, און אַזוי איז עס אַריינגעקומען אין אונדזער סעריע פון די נישט־דערבערענטע שייטן.

**
*

סוף־דבר: אין דעם גרויסן צעטל פון מאַרטירער, פון די פאַרפייניקטעד ורך דער עמלקישער אכזריות; אין דער ריזיקער רשימה פון אומשולדיק אומגעבראַכטע דאַרף אַריינגענומען ווערן דער ייִד־וואַגאַבונד סאַמועל לעוו, אַליאַס דייבלונגען.

קרוב 200 יאָר האָט זיין געדעכעניש געוואַרט אויף דעם דאָזיקן תיקון.

פאַרשוווּנדענע פּנקסים

מיט דעם אַקטנבאַנד וועגן דעם קידוש־השם פון דעם „גנב“ לעוו סאַמועל האָט זיך די עפּאָפּעע פון דער פּעס־טונג פון עהרנברייטשטיין נישט פאַרענדיקט. איך האָב דאָרט אַנטדעקט אַ געהיימניס וואָס האָט מיך פאַרפאָלגט די גאַנצע צייט פון מיינע נישטערונגען אין די באַהעל־טענישן פון די דייטשע אַרכיוון, מוזייען און ביב־ליאָטעקן.

איך האָב געהאַט אַן אויפגאַבע אויסצוגעפינען די צוגעגזלטע פּנקסים און אַנדערע ביכער פון חברות ביי די די פאַרשידענע קהילות אין דייטשלאַנד. דאָ, אין דעם קאָבלענצער אַרכיוו איז מיר אויפגעקלערט געוואָרן די דאָזיקע געהיימ־ניש, פון דאַנען בין איך אַרויס מיט דער גרעסטער צאָל טראָפּייען דעראָבערטע אויף דעם פראָנט־אָפּשניט. מען דאַרף וועגן דעם דערציילן, עס פאָדערט זיך אָבער אַ געוויסער אַריינפיר.

**
*

קהילה־פּנקסים, פּנקסים פון חברות און ראשית־כל פון חברה־קדישא, איז אַ זאַך וואָס עס איז באַקאַנט איך אַלע קהילות, אין אַלע תפוצות דייטשלאַנד איז אין דעם פאַל נישט געווען קיין אויסנאַם. אין די דייטשע קהילות איז אָבער געווען נאָך אַ מין פּנקס וואָס עס האָט כמעט געהאַט יעדע קהילה און געהייסן האָט ער דער מעמאָר־בוך. וועגן דעם איז אין דעם בוך פאַראַן אַ ספּעציעלער קאַפּיטל. *)

די דאָזיקע מעמאָר־ביכער זענען אויף אַ מאָדנעם מיסטעריעזן אופן פאַר־שוווּנדן געוואָרן. ביי די נאָכפאָרשונגען פון פאַרשידענע צוגערויבטע דורך די נאַציס מאַטעריאַלן, פלעג איך גאָר אָפט זיך אָנטרעפן אויף דעם פאַקט וואָס עס פלעגן זיך צופּגעפינען טויזנטער אַקטן און דאָקומענטן און געפעלט האָבן דווקא

*) זע זייטן 171—182.

די פּנקסים פון דער קהילה, די פּנקסים פון חברה־קדישא, פּראָטאָקאָל־ביכער פון פאַרשידענע געזעלשאַפטן און דער עיקר די מעמאָר־ביכער.

עס איז בכן געווען אַ מיינונג, אַז די דאָזיקע פּנקסים האָבן אפשר די ייִדן גופא ערגעץ־ווו באַהאַלטן, ווייל דאָס פעלן פון דעם מין אַרכיוואַליען איז געווען אַזאַ סיסטעמאַטישער, אַזאַ רעגלמעסיקער וואָס האָט נישט געלאָזט צווייפלען, אַז דאָס איז נישט קיין צופעליקייט. פון דער צווייטער זייט איז געווען פאַרדעכטיק פאַרוואָס זאָלן עס מאַכן די ייִדישע קהילות, און ווי אַזוי האָבן זיי עס דורכגעפירט אומעטום? און וואָס איז דער זין דערפון?

ביז איינמאָל האָט זיך אַ הייב אויף געטון די קאָרטינע און איך האָב דערזען די הינטערקוליסן פון דער דאָזיקער געהיימניש.

אין יאָר 1949 האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין ווירצבורגער מלוכהשן אַרכיוו, אין דער דאָרטיקער פיליאַלע פון בייערישן שטאַטס־אַרכיוו זאָלן זיך געפינען די צוגעגזלטע ייִדישע אַרכיוון פון די קהילות פון יענעם טייל בייערן וואָס עס הייסט אונטערפראַנקען. אָנהייבנדיק צונויפצושטעלן מיינע אינפאָרמאַציעס; צונויפבינדן אַלע ידיעות וועגן דעם צוזאַמען מיט די ראַפּאָרטן פון פאַרטרויאונגס־מענער האָב איך געהאַט אין מיינע הענט די פאַקטן אַז עס דאַרפן זיך ערגעץ אין ווירצבורג, אָדער אַרום ווירצבורג, געפינען די אַרכיוון פון מינדעסטנס אַ פופציק ייִדישע קהילות, צווישן זיי אַזעלכע וואָס האָבן אַ גאָר רייכע געשיכטע ווי ווירצבורג, אַשאַפענבורג, קיסינגען, בורגרעפאַך, מאַסבאַך, שווײַנפורט, מיינשטאָקהיים וכדומה. (וועגן דעם ענין בכלל דערצייל איך אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל).

ווען איך בין געקומען צום דירעקטאָר פון דעם ווירצבורגער מלוכהשן אַרכיוו, ד"ר פראָוענדאָרפער און אָנגעהויבן פרעגן וועגן די דאָזיקע אַרכיוון, האָט ער זיך תחילת געמאַכט כלא־ידע, ער באַרשטייט נישט, הייסט עס, וועגן וואָס איך רעד. אַז ער האָט געזען, אַז איך ווייס יאָ וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט ער באַקומען לשון און דערציילט, אַז יאָ, די זאַכן זענען פאַראַן, זיי זענען אָבער „פאַרלאַגערט" — זיי געפינען זיך ערגעץ מחוץ ווירצבורג.

געמיינט האָט ער מיך אָפּצופטרן — געוווּסט האָט ער אַז איך פאָר דעם זעלביקן טאָג אין אַשאַפענבורג. אָבער איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז איך וועל „נעמען צייט" און אין אַ וואָך אַרום וועל איך ביי אים זיין — — זאָל ער צוגרייטן צום „אָנשאַוען". דאָ האָט ער זיך נישט ווילנדיק אַרויסגעכאַפּט — „אָבער אום גאָטעס ווילען, זי ווערדען דאָך ניכט 36 קיסטען..." — איך וועל דאָך נישט קענען דורכקוקן 36 קאַסטנס...

— הכלל, איך האָב שוין געהאַט דעם ערשטן פאָדעם, שוין פון אַן אָפיציעלער פּערזאָן: זעקס און דרייסיק קאַסטנס!

און דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז איך האָב אין דעם זעלביקן אָוונט, אין

אשאַפּענבורג, ביי דעם דעמאָלטיקן אָרטיקן פאָרזיצער פון דער ספּ״ד (סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטיי דויטשלאַנדס), אָטאָ סערלינגער, באַקומען אַ כמעט פולע רשימה פון די קהילות, וועמענס אַרכיוון עס זענען אין 1938, בעת דער גרויליקער „קריש־טאַל־נאַכט״ אין חודש נאָוועמבער, צוגערויבט געוואָרן דורך די נאַציס.

אָטאָ סערלינגער, אַ מעטאַל־אַרבעטער פון די גרויסע „מאַן״־פאַבריקן (מאַן זענען די ראשי־תיבות פון די דריי שטעט, ווו עס געפינען זיך די גרויסע מע־טאַל־פאַבריקן: מאַנהיים, אויגסבורג, נירענבערג), דער געווערקשאַפט־פאָרשטייער איז פון 1933, נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, געווען דער אונטערערדישער פאַרטרויונגס־מאַן פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. זיין פרוי, אַ ייִדישע, איז אויסבאַהאַלטן געוואָרן אין אַ משוגעים־אַנשטאַלט אין באַד־נוישטאַט. זי איז גע־ווען (ביז מען האָט איר אַנטדעקט און ליקווידירט) די יעניקע וואָס האָט אין איר „משוגעים־צימער״ געזאַמלט אַלע ידיעות וועגן די ייִדן. דער דאָקטאָר פון אַנ־שטאַלט, היינט דער פירער פון אַ דעפּאַרטאַמענט אין דעם געזונטהייטס־מיניס־טעריום פון דער באַנער רעגירונג, אַ מיטגליד פון אַדענאַוערס קריסטלעך־דעמאָ־קראַטישער פאַרטיי, האָט דעם מאַן איבערגעגעבן אַלע נאָטיצן פון זיין „משוגענער״ פרוי. דאָרטן איז געווען אַ שלל מיט ידיעות. צווישן זיי אויך וועגן די צוגערויבטע אַרכיוון.

פון דער דאָזיקער רשימה וואָס האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזן פאַר גאָר פּרעציז, האָב איך באַקומען דעם ערשטן באַגריף פון דעם גרויסן אוצר וואָס עס דאַרף זיך געפינען אין די הענט פון דעם דאָזיקן ד״ר פראַוענדאָרפער פון ווירצ־בורגער אַרכיוו.

ביי מיין צווייטן באַזוך איז דער דאָקטאָר שוין געווען גאָר ווייך. און אין זיין קאַבינעט, אין דער אַזוי גערופענער „רעזידענץ״, איינע פון די שענסטע פּאַלאַצן פון ווירצבורג, ווו עס געפינט זיך דער אַרכיוו, האָט ער מיר אָנגעהויבן דערציילן: „זיך פאַרענטפערן״ ווי אַזוי די אַרכיוון זענען געקומען צו אים; ווי אַזוי ער האָט זיי „געראַטעוועט״. ווען נישט דאָס וואָלטן זיי זיכער פאַרניכטעט געוואָרן אאַ״וו.

זאָל דאָ דערביי געזאָגט ווערן, אַז אַ געוויסער אמת איז פאַראַן אין דעם, נישט נאָר אין דעם קאָנקרעטן פאַל. אין דער פאַרניכטונג פון די ייִדן אין דייטש־לאַנד, אין דער אומברחמנותדיקער אויסראָטונג פון ייִדישע מענטשן האָבן די דייטשן „אָפּגעהיט״ די דאָקומענטן פון די ייִדן. אָן ספק איז פאַראַן אַ דאָזע אמת אין דעם, אַז דאָס וואָס עס זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן גרויסע קולטור־היס־טאָרישע אוצרות וואָס האָבן אַ שייכות צו ייִדן, האָט אין דעם אַ „פאַרדינסט״ די פאַרשאָלטענע דייטשע גרינטלעכקייט, פּינקטלעכקייט, באַפעל־געהאָרכזאַמקייט. עס איז געווען אַ באַפעל — די ייִדן אויסראָטן. די דאָקומענטן — אָפּהיטן. און די ס״ס־און ס״א־באַנדעס האָבן דאָס אָפּגעהיטן...

ווען ער האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן וואָס ער פאַרמאָגט אַלץ פון „ייִדישן

באַזיץ״ האָב איך אים איבערגעריסן און אָנגעהויבן לייענען דעם צעטל. איך האָב געזען ווי עס קאָרטשען זיך זיינע געהירן, ווי אַזוי ער ווערט אינעווייניק צעדראָלן — ער האָט נישט געקענט באַנעמען ווי אַזוי איז צו מיר געקומען די דאָזיקע „געהיימניש״, וועד האָט עס מיר אין משך פון דער וואָך איבערגעגעבן די רשימה פון „זיינע״ אַרכיוואַליען. ער האָט זיך באַהערשט און ער האָט פון צווישן די ציינער אַרויסגעבראַכט:

— „האָט פיליכט דער גאָטזעליקער ד״ר מאַגנוס ווײַנבערג מאַנכע שריפטן דאַריבער איבערגעלאַסען?״.

דער דאָזיקער ד״ר מאַגנוס ווײַנבערג, איינער פון די אינטערעסאַנטסטע ראַבינערס אין בייערן איז געווען דער היסטאָריקער פון די דאָרטיקע קהילות. ער איז פאַרשיקט געוואָרן אין געטאָ טערעזיענשטאַט ווו ער איז אומגעקומען. דעם דאָזיקן ראַבינער ווײַנבערג האָט מען טאַקע אַרויסגענומען פון אַרכיוו, ווו ער האָט געאַרבעט.

איך האָב נישט געקענט פאַרראַטן מיין אינפאָרמאַטאָר, דעם אַשאַפענבורגער פריינד, וואָס איז נאָכדעם געוואָרן איינער פון די פירנדיקע טוער אין דער איצ־טיקער ספ״ד, דעם פאַרשטאָרבענעם קורט שומאַכערס רעכטע האַנט, היינט אַ דעפּוטאַט פון פאַרלאַמענט און איינער פון די פירער פון דער ווידערגוטמאַכונג־קאָמיסיע אין דער באָנער רעגירונג. איך האָב געמוזט „צוגעבן״, אַז איך שטיי אין פאַרבינדונג מיט ד״ר ווײַנבערגס זון אין לאָנדאָן, ווו ער איז אַ לערער אין אַ טעמפּל.

מיין ענטפער האָט אים באַרויקט און ער האָט דאַן אַרויסגעלייגט דעם גאַנצן ענין אַזוי קלאָר, אַזוי ברייט און אָפן, אַז איך בין ממש נשתומם געוואָרן פון דעם ריזיקן אוצר וואָס איך האָב דערזען פאַר מיינע אויגן.

„דערזען״ האָב איך פאַרלויפיק דעם רעפּערטאָריום, די רשימה פון די אַר־כיוואַליען. און געהאַט האָט זי 1113 אַקטן־זאַמלונגען, דער לפי־ערכדיקער סך־הכל פון די דאָקומענטן האָט געמיינט אַ פּאָר הונדערט טויזנט; זיי האָבן אַ שייכות צו קרוב 500 יידישע ישובים און נעמען אַרום די געשיכטע פון די דאָזיקע ישובים פון די יאָרן 1747 ביז 1942, הכלל די לעצטע 200 יאָר יידישע געשיכטע אין דעם קרייז. דאָס מיינט פון זייער אויפקום אין 18טן יאָרהונדערט ביז זייער אומקום.

דורכקוקנדיק די רשימה האָב איך כסדר אָנגעהויבן זיך אָנצוטרעפן אויף פאַ־זיציעס ביי וועלכע עס האָט זיך געפונען די באַמערקונג „דער געשטאַפּאָ אָפּגע־געבן״. נאָכן אויפשטעלן די דאָזיקע „אָפּגעגעבענע״ מאַטעריאַלן האָט זיך גע־וואָרפן אין די אויגן, אַז דאָס האָט זיך טאַקע געהאַנדלט אין די יעניקע אַקטן־בענד ווו עס זענען געווען רשימות מיט נעמען. ראשית די מאַטריקעל־ביכער, ווו עס זענען געווען פאַרצייכנט די געבורטן, די חתונות און די געשטאָרבענע.

גראַד די דאָזיקע ביכער, צוזאַמען מיט די פאַרשידענע מעמאַר־ביכער און חברה־קדישא־ביכער ווי עס זענען געווען נעמען, — דאָס איז געפעלן געוואָרן דער געשטאַפּאָ.

צוגענומען האָט עס די געשטאַפּאָ אין די לעצטע חדשים פון 1941 און אין די ערשטע חדשים פון 1942.

אויף מיין פראַגע צו וואָס האָט די געשטאַפּאָ געדאַרפט גראַד די דאָזיקע רשימות מאַטעריקעל־ביכער, וכדומה, איז געקומען דער קורצער ענטפער:

— פיר דאָס זיפּפענאַמט...

פאַרן זיפּנאַמט: וואָס „זיפּט" ער דער דאָזיקער אַמט? צו וואָס האָט ער עס געדאַרפט? פאַרוואָס האָבן אים די דאָזיקע אַקטן אינטערעסירט?

כדי אויף דעם באַקומען אַ תשובה, דאַרף מען דערציילן וואָס איז דאָס דער דאָזיקער „זיפּפענאַמט", וואָס איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס אין דער היטלעריסטישער מדינה.

טהרת המשפחה — על־פי נירענבערגער געזעצן

זענען מיר, הייסט עס, געקומען צום „זיפּפענאַמט" — דער דאָזיקער אַמט וואָס „זיפּט", האָט עס גענומען די יידישע פּנקסים, רשימות פון געבוירענע, חתונה־געהאַטע, געשטאָרבענע; אין די הענט פון דאָזיקן אַמט זענען עס אַריינגעפאַלן די יעניקע אַקטן וועלכע איך האָב אַרומגעזוכט.

דאַרף מען זיך דאָ גאָר קורץ אָפּשטעלן אויף איינע פון די פונדאַמענטן, אויף די יסודות פון דער נאַצישער „אידעאָלאָגיע" און אויף די וועגן און אופנים ווי אַזוי זי האָט באַהערשט, באַווירקט, באַאיינפלוסט און דערנאָך באַקרעפטיקט איר ממשלה.

דער נאַצישער אַנטיסעמיטיזם, דאָס פּערדל וואָס אַלע רעאַקציעס און שוואַרצע כוחות אין דער וועלט, אין פאַרשידענע צייטן און ערטער, האָבן אויסגענוצט, האָט זיך בימי היטלער מיט נאָך „עפּעס" אויסגעצייכנט. דער נאַצישער באַגריף פון „ייד" איז אויסגעברייטערט געוואָרן אויף דורות צוריק. אין טייל ערטער (פּוילן, למשל) זענען געווען אָפּטע פאַלן ווען אַנטיסעמיטישע פירער זע־נען געווען אָפּשטאַמיקע פון יידן; אין רוסלאַנד האָבן טייל משומדים געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער שוואַרצער מאה; אין מיטלאַלטער זענען משומדים־גלחים געוועזענע יידן, געווען די אָרגאַניזאַטאָרן פון בילבולים און גזירות. אין דעם היטלער־דייטשלאַנד איז דאָס נישט געווען מעגלעך. מיט דורות צוריק האָט דער הייניקער דייטש געקענט פאַררעכנט ווערן ווי אַ „ייד". מען האָט בודק געווען די „אַרישע" ריינקייט פון יעדן דייטש ביז די עלטער־עלטער־זיידעס און — באָבעס.

בכלל איז דער געביט פון פאַמיליע־פאָרשונג געווען אַ גאָר פאַרשפּריי־טער ענין אין דייטשלאַנד. הונדערטער ספּעציאַליסטן זענען געווען באַשעפטיקט ביים צוזאַמענשטעלן „שטאַם־ביימער" פון משפחות. צענדליקער ביוראָען, צייט־שריפטן, ספּעציעלע אינסטיטוטן, האָבן זיך דערמיט פאַרנומען.

ווייט נאָך איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, ווייט פאַר די אָנ־גענומענע געזעצן, האָבן שוין „אינסטיטוטן" געאַרבעט, וואָס האָבן אויסגעזוכט די מישפּחות וואָס זענען „פאַראומרייניקט" געוואָרן. דער אַנטיסעמיטישער „סע־מי־קירזשנער לעקסיקאָן" האָט געפירט אַ גענויעם רעגיסטער אין וועלכע אַדע־ליקע מישפחות עס פליסט „פרעמד" בלוט; וועלכע פירשטן, באַראָנען, פּרינצן, האָבן אין זיך „צומישונג" פון נישט־ריינעם בלוט. עס איז, איידער היטלער איז נאָך געקומען צו דער מאַכט, דערשינען אַ ספּעציעלע ענציקלאָפּעדיע אונטערן נאָמען „סיגיללא ווערי". 4 בענד זענען פון דאָזיקן „סיגיללא ווערי" דערשינען, יעדער באַנד צו העכער ווי 1.200 טאָפּל־עמודימדיקע זייטן. די דאָזיקע 4 בענד זענען דערשינען אין די יאָרן 1929—1931 און דערגייען נאָך ביזן אות פּ. (וואָרט „פּאָלאַק"). ווען אין 1933 איז היטלער געקומען צו דער מאַכט, האָט מען געזען, אַז אין דער דאָזיקער ענציקלאָפּעדיע זענען נאָך נישט אַריינגענומען געוואָרן אַלע „יידן". האָט מען אָפּגעשטעלט די אויסגאַבע און מ'האָט געגרייט אַ פרישע, אַן „אויסגעבעסערטע" אויסגאַבע, וווּ יעדער אות זאָל זיין אַ באַנד, העכער 20 בענד מיט די נעמען פון „יידן" האָט געדאַרפט אַרויסגעגעבן ווערן.

די נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע קעגן דעם וועלט־יידנטום האָט זיך אָנגעהויבן גאָר פרי אָבער די פּראַקטישע אָנווענדונג פון דעם באַגריף „ייד" — ווער איז אַ ייד? — איז באַשטימט געוואָרן דורך די טרויעריק־באַרימטע נירנבערגער ראַסן־געזעצן.

עס וואָלט אונדז צו־ווייט פאַרפירט ווען מיר שטעלן זיך אָפּ אויף דעם מבול פון די געזעצן וואָס האָבן „לעגאַליזירט" דעם רויב, די גזילה, די מאָרדן און שענדונגען פון די נאַציס. אין סוף מאַרץ 1933 איז היטלער געקומען צו דער מאַכט און דער ערשטער אַנטי־יידישער געזעץ איז געווען פון 7טן אַפּריל 1933. דער לעצטער אַנטי־יידישער געזעץ וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען, איז פון 1טן סעפּטעמבער 1944. פאַר דער צייט זענען דורך דער נאַצישער אָנפירונג (נישט רעכענען די כל־המינים אָרטיקע פאַראָרדענונגען, און אויך נישט אין די אָקו־פּאַציע־לענדער) אַרויסגעגעבן געוואָרן העכער 350 אַנטי־יידישע געזעצן פון דער צענטראַלער רעגירונג אין דייטשלאַנד.

אין ספּעציעלע געזעצן האָט מען אויפגעקלערט ווער זענען דאָס די „יידן". נייע באַגריפן: „יידן", „אַריער" און „נישט־אַריער". צווישן דעם „ייד" און דעם „אַריער" איז נאָך געווען אַ גאַנצע גראַדאַציע פון „נישט־אַריער" — „האַלבע" יידן, „פערטל" יידן, „אַכטל" יידן און אַזוי ווייטער.

עס איז געוואָרן אַ געיעג נאָך „אורקונדעס", נאָך „שטאַם־ביימער"; עס זע־נען אַרייַן אין די פּעדערן די כּל־המינים „פאַמיליענפאָרשער". און עס זענען געוואַקסן „מומחים" ווי אויף היזון. עס האָבן זיך אָנגעהויבן נישטערונגען אין פאַרשידענע אַרכיוון; אין רשימות פון פאַראיינען; אָפּשרייבן מצבות אויף ייִדישע בית־עולמס; נעמען פון פרענומעראַנטן אויף ייִדישע צייטשריפטן און ביכער; אַנאָנסן אין ייִדישע צייטשריפטן פון יאָרצענדליקער צוריק.

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ נייע „וויסנשאַפט" — ייִדישע פאַמיליען־נעמען. און דער געזעץ האָט עס „געבייליקט". פון די הונדערטער אַנטי־ייִדישע געזעצן וועלן מיר דערמאָנען נאָר 5 — די פּרעלודיע צו דער ראַסן־וואַקכאַנאַליע און דעם געזעץ וועגן דער ראַסן־ריינקייט.

דעם 17טן יאַנואַר 1934 האָט דער אינערן־מיניסטער אַרויסגעגעבן דעם געזעץ וועגן פאַרבאָט צו ענדערן די פאַמיליען־נעמען;

דעם 25סטן יוני 1935 איז וועגן זעלביקן ענין אַרויס אַ נייער, מער „פּרע־ציזער" געזעץ, וואָס דערלאָזט נישט זיך „דורכשמוגלען" מיט פאַמיליען־נעמען;

דעם 15טן סעפּטעמבער 1935 ווערט אָנגענומען דער געזעץ „צום שוץ דעם דויטשען בלוטעס און דער דויטשען עהרע" (די טרויעריק־באַרימטע נירנבער־גער געזעצן);

דעם 14טן נאָוועמבער פון דעם זעלביקן יאָר קומט די ערשטע פאַראָרדענונג ווי אַזוי אויסצופירן דעם „געזעץ פון שוץ... און עהרע"...

דעם 26סטן נאָוועמבער פון זעלביקן יאָר קומט דער געזעץ פון אינערן־מיניסטער וועגן דעם באַגריף „ניכט־אַריער".

עס האָבן זיך אָנגעהויבן יענע שווידער־געשיכטעס און סצענעס, געריכטן און אינקוויזיציעס וועגן „ראַסנשאַנדע"... בין לילה איז דייטשלאַנד, וווּ עס האָבן געוווינט ביז 600 טויזנט ייִדן, פול געוואָרן מיט מיליאָנען „ייִדן" (!) און די צאָל איז כּסדר געוואַקסן.

די דאָזיקע געזעצן פון „שוץ פון בלוט און ערע" האָט געקאָסט אַ סך קעפּ דער נאַצי־פּאַרטיי גופא. גאָר אַ גרויסע צאָל פון אירע אָנפירער, שטורמיסטן פון „עס־עס", לייטערס פון שטורעם־באַטאַליאָנען, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר „ייִדן", אין בעסטן פאַל פאַר „ניכטאַריער".

עס האָט זיך אָנגעהויבן די סדרה פון דער נאַצישער „טהרת המשפּחה"...

מיט דער דאָזיקער גרויסער „ריינקייט"־באַוועגונג האָט אָנגעפירט דער „זיפּפענאַמט" וואָס האָט געהאַט אַ ריי קאָמיסיעס, סוב־קאָמיסיעס, פאָרשונג־שטעלעס, שטודיע־אַמטן און צענדליקער צייטשריפטן. די צענטראַלע צייטשריפט האָט געהייסן „אַלגעמיינעס זוכבלאַט פיר זיפּפענפאָרשער" מיט אַן אונטערקעפּל: „צוגלייך נאַכריטען־בלאַט דער רייכסשטעלע פון זיפּפענפאָרשונג אונד דעס אַמ־טעס פון זיפּפענפאָרשונג דעס נ. ס. ד. א. פּ."...

דאָס איז געווען דער צענטראַלער אַמט, וווּהין מען האָט זיך געוואָנדן מיט שאלות. דאָ איז געווען אויפגעזאַמלט מיליאָנען „שטאַמביימער". פון דאַנען איז אַרויס די תשובה, צי דער אָדער יענער איז „ריין" ביז דעם און דעם דור, אָדער ער האָט אַ „צומיש"...

אין יעדן נומער הונדערטער „שאלות" און הונדערטער „תשובות".

פאַרשטייט זיך, אַז ראשית־כל האָט יעדער נאַצי, יעדער „פאַרטיי־גענאָסע", געדאַרפט זיין „ריין". דער פאַראַגראַף 3 פון דעם סטאַטוט פון דער נאַצי־פאַרטיי האָט געזאָגט:

„יעדער אונבעשאָלטענע אַנגעהעריגע דער דויטשען פאָלקעס, דער דאַס אַכצענטע לעבנסיאַר פאָלענדעט האָט און ריין אַרישער אַבקונפט איסט...".

אין איינעם פון די נומערן פון דער פריער־דערמאָנטער צייטשריפט (פון 20סטן יוני 1937) ווערט געענו אויפגעקלערט, וואָס עס הייסט „ריין־אַרישע אַב־קונפט". עס מיינט, עס זאָל נישט זיין ביי זיינע „פאָרפאָרען" (אורעלטערן) „קיין אַרט פרעמדער בלוטאיינשלאַג; ד"ה קיינע פאַרמישונג מיט יידישן אָדער פאַרביגעס בלוטע נאַכצווייזען איסט". יעדער דאַרף ברענגען אַ „שטאַמבוים", אַז זיינע „פאָרפאָרען" זענען פריי פון „בלוט־פערמישונג".

ווו נעמט מען אַזאַ באַווייז? — אויף דעם איז דער „זיפּפענאַמט".

און דאָ קומען פאַראַגראַפן, ביז וועלכע יאָרן מען דאַרף גיין צוריק, ביז וועלכע „פאָרפאָרען" מען דאַרף עס נאָכווייזן די „ריינקייט".

עס קומען פאַרשידענע דינים וועגן „פערטל", „אַכטל" און אַנדערע ברוכ־טייל פון „יידישקייט" און „ניכטאַרישקייט".

סתם אַ מיטגליד פון דער נאַצי־פאַרטיי דאַרף ווייזן זיין ריינקייט ביז דעם יאָר 1800. — מיטגלידער פון דער „עס־עס" די פירער, דאַרפן ווייזן זייער „כשרות" ביזן יאָר 1750.

אויך די ווייבער פון די דאָזיקע „גענאָסען" דאַרפן נאָכגעפּרווט ווערן...

הכלל, עס איז אַוועק אַ גע־יעג נאָך די זיידעס, עלטער־זיידעס און אורעלטער־זיידעס און באָבעס.

אָט צוליב וואָס מען האָט געדאַרפט די יידישע רשימות, די געבורט־ביכער, די רשימות פון נפטרים אאַז"וו.

טייל נאַציס האָבן עס געזוכט, כדי עס וואָס שנעלער צו פאַרניכטן, ווייל דאָרטן האָט מען געקאָנט געפינען זייערע אַן עלטער־באָבע. דער גרעסטער טייל איז אָבער אַוועק צו דעם „זיפּפענאַמט".

**
*

עס איז פאַר דער יידישער נאָך־מלחמה־פאָרשונג געשטעלט געוואָרן אַן אויפגאַבע צו געפינען די דאָזיקע געגזלטע ביכער, די דאָזיקע אַקטן פון גרויסער

געשיכטלעכער באַדייטונג. אויסזוכן זיי און זיי געבן אַ תּיקון האָב איך גענומען אויף זיך.

און אָט קומט דער ד״ר פּרויענדאָרפער פון ווירצבורג און גיט מיר דעם ערשטן „שליסל״ — אַ שליסל. אָבער וווּ געפינט זיך די טיר פון דאָזיקן שליסל?

אין וועלכן אָרט האָט די געשטאַפּאָ פאַרשטעקט די דאָזיקע אוצרות וואָס האָבן געדאַרפט העלפן „אויסזיפן״ די אומריינע, די פאַרשמוציקטע „גענאָסן״? צי עק־זיסטירן זיי נאָך בכלל די דאָזיקע פּנקסים און ביכער?

פון ווירצבורג ביז קאָבלענץ איז אַ מהלך; אָבער צופאַלן און אַ ביסל מזל און איך האָב די גזילות פון „זיפּפענאַמט״ געפינען.

טויזנטער קהילות אין בלעכענע פּושקעס

דאָס דערוויסן זיך אַז די געשטאַפּאָ האָט צוגענומען די פּנקסים איז אָבער געווען אין טייל פון דער געלייזטער רעטעניש עס איז געבליבן דער צווייטער, דער וויכטיקסטער — ווּהין האָבן עס די ברוינע מחבלים, די „טהרת־המשפּחה־ניקעס״ פון דעם אַמט וואָס „זיפּט״ אַהינגעטון די צוגעגזלטע פּנקסים און מאַ־טריקל־ביכער? צי עקזיסטירן זיי נאָך בכלל?

איך האָב געפרווט מזל אין דעם באַרימטן אַראָלסען, ווו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע מינים נעמען־רשימות. דאָרטן איז דערווען גאָרנישט געווען באַוווסט. עס האָבן אָנגעהויבן צו מיר קומען די פאַרשידנסטע אינפאָרמאַציעס, איינע סתירותדיקער פון די צווייטע. ביז איינמאָל האָט מען איבערגעגעבן, אַז ערגעץ אין דער מיזרח־זאָנע, אין דעם סאָוועטיש־קאָנטראָלירטן טייל פון דייטש־לאַנד געפינט זיך דער דאָזיקער אוצר פון יידישע דורות אין דייטשלאַנד.

נאָך אַ גענויער חקירה־ודרישה האָט דערציילט דער ראַפּאָרט, וואָס איך האָב באַקומען פון מערב־בערלין (וואָס איז געבראַכט געוואָרן פון מיזרח) אַז דאָס וועגן וואָס עס האַנדלט זיך איז גאָר דער באַרימטער, איינציקער אין דער וועלט מיט זיין רייכקייט, „געזאַמטס־אַרכיוו דער דויטשער יודען״. אויך די דאָזיקע ידיעה איז געווען פון גאָר גרויסער וויכטיקייט, ווייל דער דאָזיקער אַרכיוו איז אויך געווען אַן אָביעקט פון זוכענישן. זאָל דאָ איצט שוין דערמאָנט ווערן, אַז דער דאָזיקער אוצר איז אויך געראַטעוועט געוואָרן ער געפינט זיך שוין אין יידישע הענט. ווי אַזוי ער איז אַריבער אין יידישן רשות, לאָז איך צו דערציילן דעם ד״ר אַלעקס ביין, דעם פירער פון די יידישע אַרכיוון אין מדינת־ישראל.

און אָט אַזוי צופעליק קומען אין מיינע הענט די צוגעגזלטע פּנקסים, נישט די פּנקסים גופא — נאָר די ערשטע אויטענטישע אינפאָרמאַציעס. און געשען איז עס אַזוי:

אין דעם „יענער־וועלט״ אינדזל, ווי די אַרכיוואָרן רופן דער עהרנברייט־

שטיינער פעסטונג, איז פֿאַראַן אַ רעסטאָראַן — אַ טיפּישע רהייַנישע „ווײַנשטובע", וואָס באַדינט הן די יעניקע וואָס אַרבעטן אין די פֿאַרשידענע אַמטן וואָס געפֿינען זיך אין דער פעסטונג — די אָנגעשטלעטע אין אַרכיוו, אין רהייַנישן מוזיי, טייל פֿון דער „בעזאַצונג" (פֿון די פֿראַנצויזישע אָקופּאַציע־סאָלדאַטן) און אויך די טוריסטן, די אויספֿלוגן וואָס קומען זייער אָפֿט אין דעם דאָזיקן אָרט. איינמאָל, זיצנדיק אין דער דאָזיקער „ווײַנשטובע", ווערט מיר פֿאָרגעשטעלט אַ געוויסער הער טראַובע — איינער פֿון די לייטער פֿון נאָך אַן אַרכיוו וואָס געפֿינט זיך אויף דעם דאָזיקן פֿעלדז.

פֿון מיין פּראַקטיק האָב איך געוווּסט, אַז יעדע אַזאַ באַקאַנטשאַפֿט ברענגט עפּעס. איך ביז נאָך קיינמאָל נישט אַרויס ליידיק (מיט אינפֿאָרמאַציעס) פֿון קיין שום אַרכיוואַר, שטודיענראַט, קוסטאָש וכדומה — פֿון יעדן האָב איך עפּעס „גענאַשט" און באַרייכערט די ידיעות וואָס זענען געווען וויכטיק פֿאַר די נאָכפֿאָרשונגען. איך האָב אָבער זיך נישט פֿאָרגעשטעלט, אַז דער דאָזיקער טראַובע וועט עס זיין דער יעניקער וואָס וועט עפֿענען די טויערן צו דער פֿאַרשווּנדענער וועלט פֿון די צוגעגזלטע דורות.

קורץ, אין דעם שמועס דערציילט ער מיר, אַז ער איז פֿון די ממונהס אין דעם „פּערזאָנענשטאַנדאַרכיוו" וואָס געפֿינט זיך טאַקע דאָ, אין דער פעסטונג „עהרענברייטשטיין". היות, ער האָט זיך געוואָלט אַרויסווייזן מיט זיין פֿאַרמעגן, דערציילט ער וואָס אַלץ ער פֿאַרמאָגט אין זיין אַרכיוו פֿון פּערזאָנען; וואָס פֿאַר אַ געגענטן, וויפֿל דורות; וויפֿל יאָרהונדערטער עס זענען אַלץ ביי אים „בעוואַרט". און זאָגט מיט שטאָלץ, אַז קיין שום משפּחה אין דייטשן בעררייך, אַרייַנגערעכנט אויך עסטרייך, עלזאַס־לאָטרינגען, טיראָל, שווייץ א"אַ קענען נישט צוזאַמענשטעלן קיין „שטאַמביימער" אָן דער הילף פֿון זיין „פּערזאָנענשטאַנדאַרכיוו".

איך האָב געפֿילט, אַז דער הימל עפֿנט זיך, אַז אָט שטיי איך ביים ראַנד פֿון דער גרויסער דערגרייכונג; איך האָב מורא געהאַט צו פֿרעגן וועגן די ייִדישע „שטאַמען", כדי פּריצייטיק נישט דורכלעבן קיין אַנטוישונג. אָבער עס איז מיר איינגעשפּאָרט געוואָרן די סעריע שאלות און ענטפֿערס. אין דעם מבול פֿון רייד, אין דעם שטראָם פֿון באַרימערייען, איז דער דאָזיקע טראַובע אַליין געקומען צו דעם קאַפּיטל. ער האָט אַלץ אויסגערעכנט וואָס ער פֿאַרמאָגט, וואָס אַלץ דער אַרכיוו זיינער קען באַווייזן און אויפֿטון, ביז ער איז געקומען צו זיין לעצטן גאווה־שטאַפּל און דערקלערט — אויב איך וויל נאָכפֿאָרשן וועלכע נישט איז ייִדישע גענעראַציע, מוז איך צו אים אָנקומען, ווייל „היער זינד די אַלע יודישען שטאַמען אויפֿבעוואַרט"...

איך האָב זיך געמאַכט כלא־ידע, ווי איך באַנעם נאָך נישט וואָס ער מיינט. געוואָלט ער זאָל מיר מער אויפֿקלערן, דערציילן; ביי זיך האָב איך שוין געוווּסט

— איך בין דאָ אויפֿן ריכטיקן שפּור. — די גזילה פֿון די ברוינע באַנדיטן איז הייסט עס אַהער, אין דער דאָזיקער פֿעסטונג, מגולגל געוואָרן.

ער האָט נאָך לאַנג גערעדט, דערציילט, באַרימט זיך. מיר זענען געזעסן קעגנאיבער דעם פֿענצטער, אַרויסגעקוקט צו דער „דויטשער עקקע" — דאָרט ווו עס גיבן זיך שלום־עליכם דער רהיין מיטן מאָזעל — די צוויי טייכן, וואָס זענען פֿול מיט ייִדיש בלוט. און אין דעם צונג־קלאַפּעריי פֿון טראָובען האָב איך נאָר איין זאַך באַנומען — דאָ אַהער, אין דער וויגעלע פֿון ייִדישן דייטשלאַנד, דאָ אַהער, ווו עס איז מיט טויזנט יאָר צוריק געלייגט געוואָרן דער נוסח אשכנז, האָבן עס די אור־אייניקלעך פֿון די קרייצטרעגער, די „האַקנקרעציקע", געבראַכט די נעמען, די רשימות, די ליסטעס פֿון קדושים, די אָפּשטאַמיקע פֿון קדושים...

***

טראָובע האָט באַמערקט אַז איך הער זיך נישט צו צו זיינע געשיכטעס. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און טאַקע געפֿרעגט, צי עס אינטערעסירט מיר נישט די דאָזיקע זאַך? ער מיינט, אַז דאָס וואָלט יאָ געדאַרפֿט זיין וויכטיק פֿאַר מיינע שטודיען...

זיין שאלה האָט מיך אויפֿגעוועקט פֿון מיין מחשבות־עקסקורסיע. איך האָב אָבער בשום־אופֿן נישט געוואָלט אַרויסווייזן מיין „איבעראַשונג". איך האָב גע־ענטפֿערט, אַז איך טראַכט ווען זאָל איך נעמען צייט „אַנצושאַוען" זיינע זאַמלונ־גען. איך מוז מאָרגן זיין אין טריער, די איינציקע פּאַסיקע צייט וואָלט געווען טאַקע היינט, טאַקע איצט, גלייך נאָכמיטיק. דערביי גיב איך צו — פֿיל צייט וועט דאָך דאָס נישט נעמען...

טראָובע האָט זיך באַליידיקט — וואָס הייסט „נישט פֿיל צייט?" ער האָט העכער 20 „ראָומען" (צימערן), אין יעדן צימער עטלעכע צענדליק פּאָליצעס מיט פֿאַכן; אויף יעדער פּאָליצע הונדערטער מאַטריקל־ביכער: דאָס מיינט צענדלי־קער קילאָמעטער מיט אַקטן... היינט די פֿילמען וואָס ער האָט? און די לאַבאָ־ראַטאָריע... וואָס הייסט „נישט פֿיל צייט?" ער האָט נישט קעגן דעם, אַז מיר זאָלן גלייך גיין, אדרבא, ער וויל שוין תיכּף, אויפֿן אָרט מיר איבערצייגן, אַז איך דערשאַץ נישט זיין פֿאַרמעגן...

פֿון גרויס התפּעלות האָט ער באַצאָלט אויך פֿאַר מיין מיטאָג. — עס איסט אים איינע עהרע.

מיר זענען אַוועק אין אַ צווייטן טייל פֿון דער פֿעסטונג. מיר זענען צוגע־קומען צו אַ טיר מיט אַ קליין שילדל: „קאַבלענץ פּערזאָנענשטאַנדאַרכיוו 1". אַ שווערע האַמעטנע טיר האָט זיך געעפֿנט, מיר זענען אַרויף אויף ברייטע, אַלטע שטיינערנע טרעפּ און זיך געלאָזט דורך צימערן, לאַבירינטן פֿאַרשטעלטע מיט

הויכע פּאַליצעס. אַ ריח פון אַ פאַרדופּענער אַלטקייט האָט אַ שלאָג געטאָן. ביי יעדן צימער און האָל האָט טראַובע אויסגערופן נעמען, ווי אַ קאָנדוקטאָר אין טראַמווי רופט אויס די גאַסן. מיר זענען אַדורכגעגאַנגען, רעכענענדיק די אויס־גערופענע נעמען, גאַנץ דייטשלאַנד און אומעטום ווו אַ דייטשיש פוס איז ערגעץ געשטאַנען. קעניגסבערג, מעמעל, דאַנציק, וואַלגאַ־דייטשן, עלזאַס, עלבאַ־געביט, ליצמאַנשטאַט־לאָדזש, נעמען פון אַדעליקע שטאַמען, פירשטן און אַנדערע „דורכ־לויכטן" — דאָ זענען זיי אַלע געלעגן „איינגעבונדן" אין די מאַטריקל־ביכער, אין די שטאַם־רעגיסטראַטורן.

מיר זענען געקומען אין זיין קאַבינעט.

טראַובע איז געווען איבערצייגט, אַז מיין גיין מיט אים איז נאָר משום העפלעכקייט, ווייל איך האָב אים נישט געקענט אָפּזאָגן און ער האָט געפּרוווט מיך איבעררײַשן. ער רופט אַריין איינע פון זיינע מיטאַרבעטערינס. ער בעט מיך איך זאָל אָנרופן עפּעס אַ נאָמען פון אַ שטאָט אָדער פון אַ משפחה וואָס אינטערעסירט מיך. איך וועל זיך איבערצייגן, זאָגט ער, אַז זיינע זאַמלונגען האָבן אַ ווערט אויך פאַר די יידישע פאָרשער.

איך ווייס נישט צוליב וואָס עס האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט די שטאָט מערקיש־פרידלאַנד, אַ שטאָט אין פּאָמערן, ווו עס האָט בשעתו פאַרנומען דעם כסא־הרבנות רבי עקיבא אייגער.

אין צוויי מינוט אַרום האָט אונדז אַרויסגערופן דער אינעווייניקסטער אַפּאַ־ראַט, מיר זאָלן באַוויליקן אַריינצוקומען אין דער לאַבאָראַטאָריע. אין די ווייטער־דיקע צוויי מינוט שפּעטער האָט זיך געדרייט אַ פילם; אויפן לייוונט האָבן זיך באַוויזן די בלעטער פון דעם פנקס פון דער קהילה־קדושה מערקיש־פרידלאַנד: יידישע אותיות; פאַרצייכענישן פון פאַרשידענע חברות; און אָט — אַ פּראָטאָקאָל פון דער לעצטער תפילה אין דער מערקיש־פרידלענדער סינאַגאָגע, אין יאָר 1937 — צו דעם הונדערטסטן יאָרצייט נאָך רבי עקיבא אייגער...

— פילייכט מעכטן זי נאָך וואָס אָנשאַוען?...

***

מיר זיצן צוריק אין טראַובעס קאַבינעט.

איך זיץ ווי אויף הייסע קוילן. איך וויל וואָס מער וויסן, איך מוז דערגרייכן ביזן פינאַל פון דער דאָזיקער אַנטדעקונג. איך ווייז אָבער נישט אַרויס מיינע התפעלות. איך מוז מאָרגן זיין אין טריער — אין דער שטאָט ווו עס שטייט נאָך גאַנץ דער געטאָ פון טויזנט יאָר צוריק. איך האָב זיך אָפּגערעדט מיטן דעקאַן פון דעם דאָרטיק קאַטוילישן גלחים־סעמינאַר אַז איך וועל אין דעם טאָג קענען אַריינקומען אין דעם קאַטוילישן דיעצעזיע־אַרכיוו. עס וועט זיין דער

ערשטער פאַל וואָס אַ ייִד וועט באַטרעטן דעם דאָזיקן אַרכיוו. עס פּאַרט מיט מיר דער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט פון באַדענער לאַנדטאַג, וואָס וועט מיר אַריינפירן אין דעם „קאַרל מאַרקס מוזיי״, וואָס געפינט זיך אין טריער, אין דעם הויז ווו קאַרל מאַרקס איז געבוירן געוואָרן (אָדער געוווינט).

איך לאָז בכן רעדן טראַובען. ער רעדט מיר צו, איך זאָל „פאַרשיבען״ מיין טריערער נסיעה. דאָס איז מיר אוממגלעך — איך זאָג אים צו די צווייטע וואָך, צוריקוועגס, זיין אין זיין קעניגרייך...

און דערווייל כאַפּ איך אַ קוק אין דעם ייִדישן „ווינקל״... אַ קליין ווינקל וואָס איז באַהאַלטן אין אייזערנע שענק.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די צוגעגזלטע ביכער, פּנקסים, רשימות זענען דורך דעם „זיפּפענאַמט״ פילמירט געוואָרן!!!

און אין דעם „ווינקל״ געפינען זיך דריי טויזנט בלעכענע פושקעס מיט די דאָזיקע פילמען.

אין בלעכענע פושקעס ליגן זיי, די פאַרשניטענע ייִדישע קהילות, די פאַרשוואונדענע ייִדישע דורות...

אין אַ כישוף־לאַבאָראַטאָריע

אַ חודש צייט בין איך געזעסן, עטלעכע שעה אַ טאָג, אויפן שפּיץ פון דעם פעלדזיקן עהרנברייטשטיין, איינגעשלאָסן אין דעם פינצטערן צימער פון דער לאַבאָראַטאָריע פון דעם „שטאַנדעסאַמט־אַרכיוו נומער 1״. אויף דעם עקראַן האָט זיך באַוויזן אַ פילם נאָך אַ פילם, אין טאַשמע נאָך דער צווייטער האָבן אַריינגעפירט אין פאַרגאַנגענע תקופות, אין פאַרשוואונדענע צייטן — און דאַן האָב איך ריר אַ טראַכט־געטון:

וואָס וואָלט געווען מיט דער וויסנשאַפט, ווי וואָלטן אויסגעזען אונדזערע פאַרשונגס־אַרבעטן, ווען מיר וואָלטן נישט געהאַט די אַלע טעכנישע דערפינדונגען, די וואונדער־מכשירים, וואָס האָבן אונדזער גרויסן ערד־קיילעך פאַרוואַנדלט אין אַ „קליין שטעטל״, ווו מען קאָן אַלץ דערגרייכן מיט די הענט. די דאָזיקע מחשבות זענען געקומען טאַקע דאָרט אין דער לאַבאָראַטאָריע, ווו די פאָטאָגראַפיע, די פאָטאָקאָפּיע און דער מיקראָפילם האָבן באַוויזן זייערע וואונדער.

לאַנגע יאָרהונדערטער זענען געלעגן ריזיקע קולטור־אוצרות באַגראָבן אונטערן אַרכיוו־שטויב. פאַרשלאָסן אין דיקע קאַסטן־ווענט זענען זיי געווען פאַרלאַגערט אין טיפע פון פייער געשיצטע קעלערן. אין דיקע הילצערנע טאָוולען מיט פאַרמעט איבערגעצויגן און פאַרקלאַמערט מיט מעטאַל־שלעסער און צוגעפעסטיקט מיט קייטן צו זייער אָרט. נאָר יחידי סגולה האָבן געהאַט די זכיה און די מעגלעכקייט אַנצוקוקן די דאָזיקע וואונדער. זעלטן איז געווען די מעגלעכקייט

פֿאַר ברייטערע קרייזן צו פֿאַרשן און צו באַאַרבעטן די דאָזיקע וויכטיקע היס־טאָרישע מאַטעריאַלן, די נויטיקע מקורות.

אין פֿאַרשידענע ביבליאָטעקן, אַרכיוון, מוזעאומס און פּריוואַטע זאַמלונגען ליגן ווערטפֿולע דאָקומענטן, יקר־המציאותדיקע מאַנוסקריפּטן. קיינער ווער אָבער די דאָזיקע אוניקומס נישט אַרויסגעבן מחוץ דעם רשות, ווו זיי געפֿינען זיך. געפֿינט זיך אַ פֿאַרשער, וועלכער מוז עס האָבן פֿאַר זיינער אַן אַרבעט, מוז ער זיך בכן מטריח זיין פֿון דער פֿרעמד צו דעם געגעבענעם אָרט, ווו די מאַטעריאַלן ליגן. מאַכן עס דורך אַ שליח קאָן ער אויך נישט, ווייל אָפּטמאָל קאָנען נישט די אָרטיקע די שפּראַך פֿון דאָקומענט. ווען מען ביים איבערשרייבן דורכלאָזן אַ פּרט, אַ קליינעם תג אפֿילו, ענדערט זיך דאָן דער זין, דער אינהאַלט פֿון גאַנצן דאָקומענט. איז דער פֿאַרשער געצוווּנגען צו זען אַליין דעם אָריגינאַל.

ווי מאַכט מען אָבער אַזאַ בחיפּזונדיקע נסיעה? ווי קומט מען עס „אויף שנעל" פֿון ירושלים ביז מינכען? ווי איז עס מעגלעך אַזוי, „אויף גיך", זיך אַ כאַפּ־צו־טון פֿון ניו־יאָרק ביז האַמבורג? פֿון אָקספֿאָרד קיין בוענאָס־איירעס? פֿון באָמביי ביז גענף?

וויפֿיל פּלאָנטערס און צרות האָבן אָנגעמאַכט די כל־המינים „איבערשריי־בערס"! ראשית איז אין טייל ערטער שווער געווען צו געפֿינען אַזאַ איינעם, וואָס קען זיך פֿונאַנדערקלייבן אין די אַלטע שריפֿטן; שנית טרעפֿן ווערטער, וואָס אין „ספֿעק" מוז זיך מיישב זיין מיט אַ צווייטן, וואָס פֿאַר אַן אות, וואָס פֿאַר אַ צייכן דאָס איז. פֿון דאַנען טאַקע האָט זיך גענומען די גרויסע צאָל גרייזן און פֿעלערן אין ספֿרים, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן פֿון אַלטע כתב־ידן; פֿון דאַנען די כל־המינים נוסחאות און וואַריאַנטן. און וויפֿיל מאָל דאַרף מען טאַקע צוליב דעם פֿאַרגלייכן צוויי און מער מאַנוסקריפּטן פֿון זעלביקן ווערק. ליגט איינער אין רוים אין דער ביבליאָטעק פֿון וואַטיקאַן, דער צווייטער איז אין ירושלימער אוניווערזיטעט און דער דריטער איז גאָר אין בריטישן מוזיי. זייט אַ בריה און מאַכט „שפּרינגענדיק" אַ קאָנפֿראָנטאַציע פֿון אַלע דריי אָריגינאַלן.

די פֿאָטאָגראַפֿיע האָט אָנגעהויבן איבערגעבן נישט נאָר דעם אינהאַלט פֿון דעם מאַנוסקריפּט. עס איז געווען אַ טרייע קאָפּיע פֿון כתב־יד, חוץ דעם, וואָס עס איז געווען אוממעגלעך צו מאַכן טעותים ביים איבערשרייבן, זענען אויך גע־עפֿנט געוואָרן מעגלעכקייטן פֿון אַנדערע פֿאַרשונגען און קאָנסולטאַציעס. עס איז, למשל, דערמעגלעכט געוואָרן פֿון דעם כתב פֿעסטצושטעלן, ווער דער שריי־בער איז געווען, אויב דער מאַנוסקריפּט איז געווען אַן אַנאָנימער. אָפּטמאָל פֿעלט די דאַטע, ווען עס איז געשריבן געוואָרן אָדער דאָס אָרט, פֿון וואַנען עס שטאַמט דער געגעבענער קאָדעקס. די וויסנשאַפֿטלער, די מומחים האָבן די דאָ־זיקע נויטיקע דאַטעס געקאָנט פֿעסטשטעלן, האָבנדיק פֿאַר זיך דעם אָריגינאַל.

עס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט פֿון צוזאַמענאַרבעטן, פֿון נאָענטער קאָלעק־

טיווער פאָרשונג פאַר פאַרשידענע אינסטיטוטן, וואָס געפינען זיך ווייט פון זיך אויף אַ מרחק פון אַ סך טויזנטער קילאָמעטער.

היינט קאָן מען אויספאַרטיקן מיט איין מאָל אַ גרעסערע צאָל קאָפּיעס. עס קענען בכן עטלעכע וויסנשאַפטלער, וועלכע געפינען זיך אין באַזונדערע ווינ־קעלעך אויף דער וועלט, באַארבעטן איינצייטיק איין טעמע און אַלע האָבן זיי אונ־טער דער האַנט די נויטיקע מקורות פון אומעטום.

אויב די דאָזיקע דערפינדונג איז געווען פון אומגעהויערן נוצן פאַר דער גאַנצער וועלט, איז עס פאַר אונדז, דעם עם מפוזר ומפורד, וואָס אונדזערע קול־טור־אוצרות זענען צעזייט און צעשפרייט איבער אַלע שבעה ימים, די פאָטאָקאָ־פּיע־דערפינדונגען געוואָרן אַ מין קיבוץ־גליות. מען קאָן היינט אַלע וויכטיקע און נויטיקע כתב־ידן און ווערק, וואָס געפינען זיך אין פאַרשידענע ערטער, צו־נויפקלויבן אין איין אָרט אָדער אַפילו מאַכן קאָפּיעס און האָבן זיי אין פאַר־שידענע ערטער.

איך וועל פּרוּוון אויפן סמך פון מיין פּראַקטיק אין אַ פּאָר ביישפילן צו אי־לוסטרירן, וואָס די דאָזיקע דערפינדונג באַדייט פאַר אונדזער וויסנשאַפט.

אין מיינצער גוטענבערג־מוזעאום האָב איך געפונען אַ פּאָר זייטלעך פון אַ וווּנדער־באַרן כתב־יד פון בראשית און אַן אַלט העברעיִשן פיוט מיט אַן או־אַבי־שער א־בערזעצונג.

אין נירענבערג האָב איך געפונען אַ נישט־באַקאַנטן קבלה־כתב־יד, וואָס שטאַמט פון דער שפּאַניש־פּאָרטוגעזישער ספערע מיט אַן אונטערשריפט שלמה מולכו.

די דאָזיקע עקספּאָנאַטן איז מעגלעך געווען צו דעשיפרירן נאָכדעם ווי איך האָב זיי צוגעשיקט צום ירושלימער אוניווערזיטעט. צוגעשיקט האָב איך, פאַר־שטייט זיך, זייערע פאָטאָקאָפּיעס, ווייל די כתב־ידן האָט מען נישט געקאָנט באַקומען.

אין דער מינכענער מלוכהשער ביבליאָטעק געפינען זיך עטלעכע הונדערט זעלטענע העברעיִשע כתב־ידן. צווישן זיי 6 אַלט־יידישע זעלטנהייטן, צווישן די לעצטע אויך איינע פון די עלטסטע איבערזעצונגען פון דעם „בן המלך והנזיר" (וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעיִש פון רבי אברהם בר חסדאי הלוי אין 13טן יאָרהונדערט). דער דאָזיקער מאַנוסקריפּט איז נייטיק געווען דעם ייִדיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ניו־יאָרק. די פאָטאָקאָפּיע פון אַלע מינ־כענער זעלטענע ייִדישע כתב־ידן געפינען זיך שוין אין ניו־יאָרק. מען האָט פאַרשפּאָרט „אַראָפּצוכאַפּן" זיך קיין מינכען.

אַ ווייטערדיקע מדרגה פון דער פאָטאָקאָפּיע־טעכניק איז געוואָרן דער מיקראָפילם. דאָס איז געווען אַן אמתע איבערקערעניש. די דאָזיקע דערפינדונג האָט דערמעגלעכט, אַז גאַנצע ווערק מיט טויזנטער זייטן פון גרויסן פאָרמאַט,

אַלטע פּרעסע־אָרגאַנען, זאָלן אויף פּילם־טאַשמעס „אַראָפּגעכאַפּט" ווערן און צו־געגלעך ווערן פאַר וויסנשאַפטלער, וואָס שטודירן טויזנטער קילאָמעטער ווייט פון דעם אָרט ווי די דאָזיקע געפינען זיך.

אָט געפינען זיך אין קאַרלסרוהע, אין דער באַדענער לאַנדעס־ביבליאָטעק, העברעיִשע כתב־ידן און צווישן זיי די עלטסטע ייִדישע גלאָסאַרן אויף תנ"ך פון דער באַרימטער רויכלין־קאָלעקציע. דער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינס־טיטוט האָט עס געמוזט האָבן. דאָס זענען פון די עלטסטע ייִדישע שפּראַך־דאָקו־מענטן. איך האָב אויסגעזוכט די דאָזיקע קאָדעקסן, געפונען די יקר־המציאותן. אָבער ווי זאָלן עס אויסנוצן אונדזערע פאָרשער פון ניו־יאָרק? האָבן זיי עס איצט באַקומען אויף קליינע מיקראָ־טאַוולען.

אין האַמבורגער אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן די דאָרט געוועזענע עטלעכע הונדערט זעלטענע העברעיִשע כתב־ידן. צווישן זיי זע־נען געווען העכער 30 אַלט־ייִדישע מאַנוסקריפּטן. דער ייִוואָ האָט עס געמוזט האָבן. און פיר טויזנט זייטן זענען פון די האַמבורגער קעלערן „אַריבערגעשווו־מען" אין קליינע קעסטלעך קיין ניו־יאָרק אין די שטודיר־צימערן פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. עס קומען אַהין די פאָרשערס פון טעאָלאָגישן אינס־טיטוט. עס קומען די וויסנשאַפטלער, וואָס האָבן זיך אין דעם גענייטיקט. זינט יאָרצענדליקער האָבן זיי אָנגעהויבן שטודיעס און נישט געקאָנט פאַרענדיקן, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט די מקורים. איצט זענען אַלע מניעות באַזייטיקט געוואָרן.

און אַזוי זענען אַריבער אין רשות פון ייִדישע אינסטיטוציעס אַ סך הונ־דערטער ווערק מיט צענדליקער טויזנטער דפים.

איינע פון די גרעסטע אַקציעס איז געווען דאָס, וואָס פריינט ד"ר נחמיה אלוני, פון דער ישראלדיקער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע האָט דורכגעפירט אין דייטשלאַנד. מיר האָבן פון אַלע דייטשע זאַמלונגען געמאַכט פּילמען, פון אַלע כתב־ידן מיט ייִדישע אותיות און אויך פון אַזעלכע, וואָס האָבן אַ שייכות צו ייִדן.

און די קונסט פון די דערפינדונגען שטייט און שטייגט. אָט האָט מען ביז מיט אַ געוויסער צייט צוריק געקאָנט אַראָפּנעמען אויפן פּילם נאָר שוואַרץ אויף ווייס (אָדער פאַרקערט). ווי גיט מען זיך אָבער אַן עצה מיט פאַרביקע כתב־ידן, מיט די פאַרשידענע אָרנאַמענטן, מיניאַטורן, קינסטלערישע אותיות, וואָס זענען פון פאַרשידענע קאָלירן? אויך די דאָזיקע מניעות זענען באַזייטיקט געוואָרן. עס ווערן באַשאַפן קאָפּיעס מיט אַ מער בולטן בילד פון די קאָלירן, פון די פאַר־שידענע קנייטשן און שאָטנס פון דעם רעגנבויגן־קאָליר. אַ שוועריקייט איז גע־ווען מיט די גאָלד־ניואַנסן. אויך דאָס איז לעצטנס שוין דערגרייכט געוואָרן.

נאָך מער — טייל, פון אַלטקייט שוין האַלב־צעפאַלענע דאָקומענטן, וווּ די אותיות זענען שוין געווען קוים לעזבאַר, זענען געוואָרן „יונג" און „לעבעדיק" אונטער דעם כישוף פון די נייע אַנטדעקונגען.

טאָג־טעגלעך בין איך געזעסן צו עטלעכע שעה פאַרשפּאַרט אין די פינצ־טערע צימערן פון אַזאַ כישוף־לאַבאָראַטאָריע. דאָ אַהער טאָר נישט אַריינדרינגען קיין איין ליכט־שטראַל. אין דער דאָזיקער פאַרצויבערטער לאַבאָראַטאָריע האָב איך געזען, ווי אַזוי עס זענען אַרויסגערופן געוואָרן פאַרשווּנדענע וועלטן, פאַר־געסענע צייטן, אָפּגעמעקטע לאַנדשאַפטן. גייסטער פון „יענער וועלט" האָבן זיך באַוויזן אויפן ווייסן קראַן. זיי האָבן גערעדט, דערציילט, אַריינגעפירט אין זייער געוועזענעם לעבן, שטייגער — געפירט מיך ביי דער האַנט פון זייער געבורט ביז זייער אַוועק אין דער אייביקייט.

אַן עקסקורסיע אויף „יענער וועלט"

פאַקטיש איז עס נישט געווען קיין עקסקורסיע, וואָס מיר האָבן געמאַכט צו „יענער וועלט", נאָר די „יענע וועלט" האָט אַראָפּגענידערט צו אונדז... זי איז געקומען „צוגאַסט" אַהער, אויף דעם עולם התחתון. ומעשה שהיה כך היה — און געשען איז עס אַזוי:

איך האָב דערציילט וועגן דעד „כישוף־לאַבאָראַטאָריע", וואָס איז איינגע־אָרדנט אויפן שפּיץ פון דעם שטיינערנעם פעלדז אין דער עהרנברייטשטיין־פעס־טונג, ווו מען האָט פאַר מיר געדאַרפט דעמאָנסטרירן די פילמען, וואָס די גע־שטאַפּאָ מיט איר „זיפּפענאַמט" האָבן געמאַכט פון די צוגעגזלטע יידישע ביכער, פּנקסים, רשימות וכדומה.

די פאַרוואַלטונג פון דעם „שטאַנדעסאַמטאַרכיוו" האָט געשטעלט צו מיין דיספּאָזיציע צוויי באַאַמטע, איינעם א ספּעציאַליסט פּיי דער פילם־מאַשין און איינעם, וואָס האָט געדאַרפט פון די בלעכענע פּושקעס אַרויסנעמען איין „דינג" נאָכן צווייטן, צוגרייטן די פילם־ראָלקעס פאַר דעם אַפּאַראַט.

די „דינגע" זענען געווען געסדרט, מיט נומערן, מיט שיפערן, מיט סיגנאַ־טורן. עס זענען אויסגעלייגט געוואָרן די ערשטע הונדערט פּושקעס. אויפן ערשטן פּלאַץ גייט פּאָמערן... יענע קהילות, וואָס געפינען זיך אויף יענער זייט פון דעם אייזערנעם פאָרהאַנג, דאָרטן, ווו ס'איז נישטאָ קיין צוטריט צום פאָרשן, צו זען, וואָס עס איז געוואָרן פון די הונדערטער געוועזענע יידישע קהילות.

אויסגעשטעלט די פּושקעס; צוגעגרייט דעם אַפּאַראַט; גלייכגעמאַכט דעם עקראַן; זיך באַזאָרגט מיט ספּעציעלע „אויגן"; די שטאָרן אַראָפּגעלאָזט; אין אַ ווינקל ברענען צוויי רויטע לעמפּלעך און מען האָט זיך מכין געווען צום „כישוף". דער מאָטאָר הייבט־אָן צו אַרבעטן.

אויפן עקראַן איז „יענע וועלט" געקומען מיטן קאָפּ אַראָפּ... די מייסטערס האָבן זיך נישט פונאַנדערגעקליבן אין די יידישע אותיות. די נומעראַציע פון דער

געשטאָפּאָ איז געווען ווי אין נישט־ייִדישע ביכער, פון לינקס צו רעכטס, במילא זענען די זייטן געווען אַזוי אַריינגעטון אין אַפּאַראַט...

איך האָב זיך דערמאָנט אין דער מעשה אין תנ״ך, ווי שאול המלך איז גע־גאַנגען צו דער מכשפה אַרויסרופן „יענע וועלט־גייסטער״. דערציילט די לעגענ־דע, אַז די מכשפה האָט גלייך דערקענט, אַז דאָס איז דער מלך, הגם שאול האָט זיך פאַרשטעלט, געקומען צו איר אינקאָגניטאָ. און דערקלערט האָט זי אים, דער־ציילט ווייטער די לעגענדע, ווייל די גייסטער זענען געקומען מיט דעם קאָפּ אַרויף... נישט ווי געוויינלעך די פּשוטע מענטשן, מיטן קאָפּ אַראָפּ...

איך האָב אַ לאַנגע צייט געלאָזן לויפן „יענע וועלט״ מיט דעם קאָפּ אַראָפּ; געטראַכט האָב איך טאַקע וועגן יענער כישוף־שפּעלונקע, וווהין עס איז געקומען דער מלך שאול, אַרויסצורופן „יענע וועלט״... אויך „יענע וועלט״ האָט געדאַרפט קומען מיטן קאָפּ אַראָפּ... נאָר ער איז געווען אַ מלך, האָט דער אַרויסגערופענער גייסט געהאַט דרך־ארץ... ווער ווייס, וואָס פאַר מאַשינעס יענע כישוף־לאַבאָראַ־טאָריע האָט געהאַט! אפשר אויך אַזעלכע מינים מכשירים, מיט מאָדנע שוואַרצע אויגן, מיט כישוף־„לינדזן״, מיט שיינוואַרפערס, מיט דורכשטראַלנדיקע שטראַם־פיילן?... אפשר האָט זיך שאולס גייסט אויך געדאַרפט באַווייזן אויף אַן עקראַן... אין חדר, געדענק איך, האָבן מיר טאַקע נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי האָט זיך עס דער גייסט באַוויזן!

מיין טראַכטן האָט איבערגעריסן די מעלדונג פון דעם אַפּעראַטאָר — „פילם נומער 97, אַשענהאַוזען, טירינגען, איז בעענדעט״...

ער האָט הייסט עס, שוין „דורכגעלאָזט״ דעם פילם נומער 97, און ער רע־פּאָרטירט ווייטער: „27 אויפנאַמעז״ — 27 בלעטער געמיינט, האָט ער באַוויזן.

דער צווייטער משרת איז שוין געווען גרייט מיט אַ ווייטערדיקער פילם־ראָלקע.

— האַלט! מיר מאַכן דאָס נאָכאַמאָל, די אַנדערע זייט. דאָ האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז די טאַשמע איז געווען אַריינגעלייגט פאַרקערט. ווידער איז דער מאָטאָר געלאָזן געוואָרן אין גאַנג. אָנגעטון די „אויגן״ און ווידער איז נומער 97 אַרויף אויפן עקראַן.

און דער ערשטער „גייסט״ פון דער עקסקורסיע האָט זיך פאָרגעשטעלט — עס איז טאַקע די קהילה־קדושה אַשענהאַוזען, וואָס געפינט זיך אין דער מדינה טירינגען, היינט ביי די סאָוועטן. עס איז אַ פולע ליסטע פון די מצבות אויפן דאָרטיקן ייִדישן בית־עולם. אַלע מיט ייִדישער שריפט. עס דעפילירן פאַרביי די פאַרשידענע מורנוס, אלופים, קצינים, פּרנסים... איך מאַך מיינע נאָטיצן.

— דער נעכסטער! — פאַרלאַנג איך ביים „מכשף״.

— יאָוואָל! — עס קומט נומער 95, ווידער אַשענהאַוזען...

ווידער האָט די כישוף־מאַשין אַ רויש־געטון. און עס זענען געקומען דורות

פון 200 יאָר און מער פון דער דאָזיקער קהילה קדושה. עס האָבן פאַרביידעפֿי־לירט: געבוירענע — אין דעם ליסטעס פון די, וואָס מען האָט געמלט — פון די יאָרן 1739 ביז 1838; חתונות — פון 1831 ביז 1901; נפטרים — געשטאָרבן פון 1775 ביז 1938.

— נומער 95 בעענדעט, 141 אויפנאַמען!

איך מאַך אַ חשבון — 141 אויפנאַמעס, אויף יעדער זייט 20 נעמען, ביז 3,000 גייסטער פון פאַר 200 יאָר וואָס האָבן פאַר מיר דורכמאַרשירט. דערציילט וועך, מיט וועמען ער האָט זיך מתחתן געווען; ווען דער נייער דור איז אויפגע־קומען, ווען זיי האָבן זיך געזעגנט מיטן עולם האמת. איך האָב געפֿונען אינטע־רעסאַנטע נעמען. איך מאַך די נאָטיצן.

מיר זיצן שוין אַ שעה צייט אין דעם כישוף־לאַבירינט און ערשט צוויי פילמען „אָנגעשויט" און מיר האָבן העכער 3,000! נייך, מען דאַרף עס מאַכן שנעלער.

— דער נעקסטער! עס קומט דער וויטערדיקער!

— דער נעקסטער, נומער 96. ווידער אַשענהאַוזען. 344 אויפנאַמעס. אַ קאַ־לײידאָסקאָפּ פון ייִדישע דורות. פריִער האָבן מיר געהאַט דעם בראשית פון דער קהילה. דער נומער 96 מיט זיינע 344 אויפנאַמעס האָט אונדז געבראַכט ביז צום סוף — די טאַשמע האָט אונדז געגעבן די געבורטן, חתונות און נפטרים ביז דעם יאָר 1939.

קהילה־קדושה אַשענהאַוזען פון טירינגען איז געקומען „צו־גאַסט". פּונקט 200 יאָר, פון 1739 ביז 1939, האָבן זיך רעפּרעזענטירט. אפשר האָט דער ראַ־בינער פון דער דאָזיקער קהילה, דער דאָקטער וויסען, וואָס איז געזעסן אין איינזנאַך, געפּלאַנט אַ 200־יאָריקן יובל פאַר דער קהילה־קדושה אַשענהאַוזען?

איך האָב שפּעטער אַרויסגעצויגן מיינע נאָטיצן וועגן דער קהילה, וואָס איז די ערשטע אַראָפּ פון איר „גייסטער־מנוחה", אָדער, ריכטיקער, אַרויס פון איר בלעכענער פּושקעלע אויף דעם עקראַן.

איך האָב פאַרגליכן:

מיט 200 יאָר צוריק איז עס געווען אַ קהילה; אויף איר בית־עולם ליגן סאַמע קצינים, אלופים און פרנסים; אויף די קרוב 500 אויפנאַמעס זענען פאַראַן ביז 10,000 שורות מיט נעמען; צען טויזנט.

אין יאָר 1933 זענען עס געווען בסך־הכל 12 ייִדישע נפשות (צוועלף). גע־האַט האָבן זיי אַ בעט־זאַל. דער פאָרזיצער פון דער דאָזיקער „אַ מנין עדה", זיגמונד באַכראַך, האָט גאָר געוווינט אין קאַלטענגאַרטהיים און געהאַט האָבן זיי אַ לערער פאַר די... דריי (!) קינדער, וואָס די „קהילה" האָט דאַן פאַרמאָגט; און אַ שוחט האָבן זיי אויסגעהאַלטן; און אַ מקווה האָבן זיי געהאַט, אַלץ די דאָזיקע 12 ייִדן (שוין מיט זייערע פרויען און קינדער). זיי האָבן נאָך געהאַט אפּיטרופּסות

איבער אַנדערע שכנותדיקע ישובים. חוץ דער דערמאָנטער קאַלטענאַרטהיים האָבן נאָך צו דער קהילה געהערט קאַלטענזונטהיים מיט 5 יידן און אָפּפער־האַוזען מיט 2 יידן...

200 יאָר פון אַ קהילה קדושה האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט פון „יענער וועלט", געקומען און זיך פאַרגעשטעלט.

וואָלט עס געווען אין יענער מכשפה־הייזקע, וואָלטן אפשר די גייסטער אַ פרעג־געטון:

— צוליב וואָס האָט איר אונדז אַראָפּגערופן אויף אייער זינדיקער וועלט?

— צוליב וואָס האָט איר אונדז געשטערט אין אונדזער אייביקער רו?...

אָנשטאָט די „גייסטער" האָט זיך דער אַפּאַראַטאָר אָפּגערופן:

— וואָס נון? וואָס מאַכט מען ווייטער?

— פאַרטזעצן.

— יאַוואָל! דער נעקסטער!

— יאַוואָל! דער נעקסטער! נומער 325, בלייכעראָדע, 81 אויפנאַמען! —

— דער נעקסטער! יאַוואָל! נומער 326, ווידער בלייכעראָדע, 382 אויפנאַמען.

מיט בלייכעראָדע האָבן מיר דעם ערשטן טאָג פאַרענדיקט. די דאָזיקע קהילה האָט זיך פאַרגעשטעלט מיט אַ פּנקס, געפירט אין יידיש (!) פון יאָר 1759 און ווייטער. און מיט אירע געבורטן, חתונות, ברית־מילהס און פטירות פאַר די 200 יאָר. בלייכעראָדע. ווער פון אייך האָט געהערט אַזאַ מין נאָמען? פון זאַקסן דער מדינה, איז זי געוואָרן אַריינגעקוועטשט אין דער פּושקע נומער 325 און 326, כדי צו קומען און דערציילן וועגן אירע 200 יאָר.

ווו איז איצט דער פאַרזיצער פון דער קהילה, אַטאָ שלעזינגער? האָט ער באַוויזן ערגעץ־ווו ניצול צו ווערן? אָדער ער איז אַוועק אויף די טויזנטער וועגן פון אומקום? און ווו איז דער לערער פאַר רעליגיע־אונטעררייכט גוסטאַוו פריי־האַוף, וואָס האָט אין היטלערס צייטן אָנגעפירט מיט אַ פאָלקס־שולע, ווו עס האָבן געלערנט זעקס קינדער!? וואָס איז געוואָרן מיט יוסף שווער, דעם פאַר־זיצער פון דער חברה־קדישא, וואָס האָט געהאַט 42 מיטגלידער? און די פאַרזי־צערין פון דעם יידישן פרויען־פאַריין אידאַ ראָטענבערג, וואָס איז מיט איר געשען? און מיט אירע 40 מיטגלידער?

און ווייסט איר, וויפיל מיטגלידער עס האָט געהאַט די געמיינדע בימי היט־לער? 107 נפשות. פון זיי 42 אין דער חברה קדישא, 40 אין פרויען־פאַראיין; 6 קינדער אין דער פאָלקס־שולע.

און וואָס איז געוואָרן מיט דער סינאַגאָגע, וואָס איז געשטאַנען אויף דער אַבערגעבראָער־שטראַסע? און איז נאָך גאַנץ דער בית־עולם, וועמעס אַלע נפטרים עס האָבן צו מיר אַראָפּגערעדט פון דעם ווייסן לייוונט פון דעם עקראַן?...

— מאַכן וויר ווייטער? — פרעגט אונטערטעניק דער „מכשף" נומער 1.

— ניין, מאָרגן וועלן מיר פאָרזעצן.

— פייעראָבענד בעגינט! עס איז שוין דער סוף פון אַרבעטס־טאָג, — רופט זיך אָן דער „מכשף" נומער 2.

**
*

אַ פּאָר הונדערט שעה האָב איך אָפּגעגעבן אויף אויפצונעמען די „געסט" פון יענער וועלט. יאָרן און יאָרן — טויזנטער פּאַפּיר־בויגנס דאַרף מען, כּדי צו דערציילן די „געשפּרעכן" מיט די „גייסטער". איך וועל נאָר ברענגען בקיצור אַ פּאָר ציפערן.

איך האָב „דורכגעלאָזט" 3187 פילמען. זיי האָבן אַ שייכות צו 1002 קהילות (דעם געגויעם צעטל נאָך לענדער — שפּעטער): אויף די דאָזיקע פילמען זענען פאָטאָגראַפירט 42.010 בלעטער, קרוב אַ פערטל מיליאָן; די דאָזיקע אויפנאַמען באַציִען זיך צו פּנקסים, רעגיסטראַטורן, מעמאָר־ביכער, רשימות וכדומה פון די יאָרן 1700 ביז 1941, — 240 יאָר ייִדישע געשיכטע פון דייטשלאַנד.

„יענע וועלט" — אַרויסגענומען פון דער „רו" אין די בלעכענע פושקעס — האָט דערציילט, געזעדט. איך האָב פאַרשטאַנען זייער לשון, געוואָרן היימיש מיט יעדן קעסטעלע...

— דער נעקסטער! יאַוואָל! נומער 1205, מאַיסקינג; נומער 966 — פראַנקפורט; נומ. 1631 — קאַסעל; נומער 140 — באַנבערג; נומער 2120 — מינכען; נומער 1690 — קאַטאָוויצע... — יאַוואָל! — דער נעקסטער; יאַוואָל — דער נעקסטער! נומער, נומער... קעסטעלע נאָך קעסטעלע...

— פינף טויזנט טאָפּלטע „יאַוואָלס" פון די „מכשפים" האָבן חדשים־לאַנג געקלונגען אין מיינע אויערן. איך בין פון זיי קוים פּטור געוואָרן. איך האָב זיך אָבער נישט באַפרייט פון מיינע „זעאונגען" מיט די „יענעוועלטיקע"; פאַרגעדענקט זייערע „געשפּרעכן".

מיליאָנען „גייסטער" דערציילן...

אומגעפער אַ 200 שעה בין איך אויסגעזעסן אין דער עהרנברייטשטיינער כישוף־לאַבאָראַטאָריע און עס האָבן פאַר מיר דורכדעפילירט מיליאָנען גייסטער. עס האָט זיך יעדעס לאַנד באַזונדער פאָרגעשטעלט. אָט גייט רהיינלאַנד מיט אירע 14 קהילות; נאָך איר גייט וועסטפאַלען מיט 44 קהילות; און איצט קומט שלעזוויג־האָלשטיין מיט 7 קהילות; העסען — מיט 278 קהילות; האַנאָווער — מיט

118 קהילות; בייערן — מיט 122 קהילות; ווירטעמבערג — מיט 70 קהילות; האָהענצאָלערן — מיט 17 קהילות. לאַנד נאָך לאַנד, געגנט נאָך געגנט — אַלע האָבן זיי זיך געמאָלדן, „ראַפּאָרטירט" מיט דייטשער פּינקטלעכקייט און אָר־דענונג.

— קהילה — די און די; דאָטע — די און די; כך וכך געבורטן אַזויפיל און אַזויפיל חתונות; אַזאַ צאָל, להבדיל, גטן; אַזאַ מספר נפטרים...

אַ סענסאַציע ממש האָט אַרויסגערופן דער „גייסטער־באַטאַליאָן" פון יענער זייט אָדער־נייסע־ליניע, פון די געגנטן, וואָס זענען באַזעצט דורך די סאָוועטן אָדער וואָס געהערן איצט צו פּוילן. אויב וועגן די קהילות פון דער זייט „אייזער־נעם פאָרהאַנג" האָט מען געקאָנט דאָ און דאָרטן געפינען מאַטעריאַלן, דאָקומענטן, איז וועגן יענע געביטן שוין כמעט געווען אַ מין אַפּזאָגן זיך פון זיי — „פאַרפאַ־לענע", פון זיי וועט מען זיך גאָרנישט קענען דערוויסן. ווייזט זיך אַרויס אַז די געשטאַפּאָ האָט אויך פאַר דעם „געזאָרגט". — די בלעכענע פושקעלעך האָבן באַהאַלטן די שיריים פון אַזעלכע גרויסע און וויכטיקע קהילות ווי ברעסלוי און קעניגסבערג, פון שטעטין און שווערין, פון קאַטאָוויץ און דאַנציג — פון ברעס־לאַו, למשל, זענען אָפּגעהיט געוואָרן 62 פילמען, אויף וועלכע עס זענען פאַראיי־ביקט געוואָרן העכער צען טויזנט בלעטער געשיכטע פון דער דאָזיקער עיר ואם בישראל!!! קעניגסבערג איז אויפגעשטאַנען „תחית המתים" מיט קאַרגע צוויי טויזנט בלעטער; קאַטאָוויץ מיט 7 פילמען און אויך ביי 2.000 בלעטער.

טאָ נעמט זיך אַביסל געדולד און מאַכט אַ שטיקל חשבון — טויזנט מיט צוויי קהילות האָבן „אַראָפּגערעדט" פון עקראַן; גערעדט האָבן זיי מיט דער שפּראַך פון דריי טויזנט הונדערט זיבן און אַכציק פילמען; טייל פון די דאָזיקע פילמען האָבן געהאַט צו 900 (ברעסלאַו), 700 (פראַנקפורט), 600 (נירענבערג), 500 (קאַרלסרוהע), 400 (דרעזדען), 300 (מאַגדענבורג) און אַזוי ווייטער, בלעטער. בקיצור 428 טויזנט בלעטער האָבן „דערציילט", אַ פערטל מיליאָן דפים האָבן באַקומען לשון.

אמת, אַ מאָדנע „שפּראַך" און אַ מערקווירדיקער „שמועס" איז דאָס געווען...

זיצסט אין אַ גאַנץ באַקוועמען פאָטעל, אַזאַ ווי נאָר די דייטשע „טעכניק" קען צוגרייטן; שווייגסט, עס איז שטיל, הערסט נאָר דעם כסדרדיקן טיקטאַק־גערודער פון דעם אַפּאַראַט; דו ביסט שוין דער באַלעבאָס פון דעם דאָזיקן כישוף־אַפּאַראַט; די „מכשפים" זענען נאָר דיינע באַדינער — דו ביסט דער צויבער־מייסטער; דו האַלסט אין האַנט דאָס הענטל פון אַפּאַראַט — ווילסטו „דעפּעלירן" די בלעטער שנעל, גיך, נאָך גיכער; ווילסטו, — מאַכסטו זיי לאַנגזאַמער, פּאַמע־לעך; אַזאַ „יענערוועלטיקער" ספּאָרט; געפעלט דיר נישט דער „גאַסט", דריקסטו שטאַרקער אויפן קנעפּל — ער לויפט „גאַלאָפּ" — אין אַ מינוט גיבן אַ שווינדל־

ורך אַ 50 זייטן; געפינט אָבער ביי דיר חן אַן אַנדער פילם, מאַכסטו אים לאַנג־אַם שפּאַצירן — שורה נאָך שורה...

אַ פערטל מיליאָן בלעטער, ביז צען מיליאָן שורות! אַ ריזן־אַרמיי פון הע־ער 200 יאָר יידיש לעבן אין העכער 1.000 קהילות, געוועזענע קהילות, פאַר־שניטענע, נאָך וועלכע עס איז נאָך געבליבן אַ זכר אין בלעכענע פושקעס.

אויפן טיש שטייט די „נאָרמע" פאַרן היינטיקן טאָג. וואָס וועלן זיי דער־ציילן די דאָזיקע פאַרקאָוועטע „גייסטער", וואָס וועלן אָט באַלד לויט מיין „באַפעל" ווערן לעבעדיק, אָנהייבן זיך באַוועגן?...

***

נישט איינמאָל וועט מיר אויסקומען זיך צוריקקערן צו די דאָזיקע „געפּענ־טעטע דורות"; נישט איין יידישער פאָרשער וועט זיך איינשליסן אין כישוף־לאַבאָראַטאָריעס און אַמאָל חדשים זיצן אויף איין בלעטל פון אַן אַלטן פנקס. איך וויס שוין איצט, אַז די פאָטאָגראַפיעס פון די 98 פילמען, 4.964 בלעטער, וואָס איך האָב סעלעקטירט פאַר דעם „ייוואָ" אין ניו־יאָרק, וואָס זיי האָבן באַקו־מען, זענען געוואָרן אַן אָביעקט פאַר גרויסאַרטיקע שטודיעס.

טאָ ווי קען מען גאָר קומען און וועלן איבערדערציילן וואָס די דאָזיקע מיליאָנען „גייסטער" האָבן אַלץ דערציילט וועגן די חידושים איבער חידושים; וווּנדער איבער וווּנדער, וואָס אַלץ איך האָב זיך דאָרט דערוווּסט.

אַ פּנקס פון יאַסטראָוו, פּאָמערן, 169 בלעטער אין יידיש וואָס אַלץ דעקן זיי אויף פאַר די יאָרן 1816 ביז דעם אומקום פון דער קהילה.

אָט באַשעפטיקן זיך יידישע היסטאָריקער, יידישע סאָציאַל־וויסנשאַפטלער מיטן פּראָבלעם וועגן „שוץ־יידן", וועגן דער גרופּע הויפּט־פאַקטאָרן, פון וואַנעט עס זענען אַרויסגעקומען די ראָטשילדס, די אָפּענהיימערס, די ווערטהיימערס, די קאַללעס — די בלעכענע פושקעלע נומער 2.995 וועט זיי עפענען אוצרות — עס איז אַ סעריע מיט די „שוץ־יודען".

אָט איז די פושקעלע מיט די נומערן 2042 און 2043 — נישט מער ווי 130 בלעטער האָבן די פילמען. און וואָס אַלץ זיי האָבן דערציילט אויף זייער שטום־לשון: מיר האָבן אַ חברה־קדישא־פנקס, מיר ווייסן ווער עס זענען געווען די חברה נושאים און די תקנות פון דער חברה. ווידער — אַ גענויע באַשרייבונג, געשיכטע, פּלאַן פון דעם בית־החיים; ווייטער די געשיכטע פון דער סינאַגאָגע און אַ גענויע ליסטע פון די תשמישי־קודש וואָס זענען דאָרטן פאַראַן. מיר דערוויסן זיך די צאָל, ווער, ביי וואָסער געלעגנהייט עס האָט עס מנדב געווען. אַ שלל מיט שטייגער־לעבן, צערעמאָניע, מנהגים און פירונגען.

און אפשר אינטערעסירן אייך די יידן „וואָס זענען געפאַלן פאַרן פאַטער־

לאַנד״? די יעניקע ייִדן, דײַטשע פּאַטריאָטן, וואָס זענען געגאַנגען „פיר קייסער אונד פאַטערלאַנד״. אויך וועגן זיי וועלן אייך רעפּאַרטירן די פילם־טאַשמעס. קעסטעלע נומער 2159 פון גלאַדבאַך, זאָגט אייך מיט דער גענויער דײַטש־מיליטערישער פּינקטלעכקייט: פּערסאָנאַליען, אין וועלכע רעגימענטן, וואָסער ראַנג, וועלכע פאַרדינסטן, וואָס פאַר אָן אויסצייכענונגען, אויף פראָנטן, ווען פאַרווונדעט, ווען געפאַלן...

אינטערעסירט אפשר עמעצן דער סאָציאַלער, דער עקאָנאָמישער מצב פון ייִדן אין 19טן יאָרהונדערט. נעמט ער דאָס קעסטעלע 481, ער האָט דאָרט אַ דעטאַלירטן צוזאַמענשטעל פון יאָר 1826 — וויפיל „געווערבעלויטע״, וואָסערע פאַכן אַאַז״וו. זענען עס געווען אין דער קהילה ברוינע.

אָט פאַרנעמען זיך ייִדישע וויסנשאַפטלער מיט ייִדישע פאַמיליע־נעמען — זוכן זיי דעם בראשית, ווער, ווו, ווען, פאַרוואָס האָט מען אַזאַ אָדער אַנדער פאַמיליע־נאָמען אָנגענומען. יעדער מקור איז אַ געווינס, אַ דערגרייכונג. זאָלן זיי עפענען די קעסטעלעך, הונדערטער זענען זיי דאָ, און זיי וועלן האָבן שליסלען צו זייערע פאָרשונגען.

היינט די סעריע מיט „מוהל־ביכלײַנס״ — די רעגיסטן וואָס יעדער מוהל האָט געפירט פון זײַן „קונדשאַפט״. יעדער מוהל מיט זײַן סיסטעם. אַ קאָלעקציע וואָלט מען פון זיי געקענט צוזאַמענשטעלן — פון אין העברעיִש־געפירטע מיט 150 יאָר צוריק, ווו עס זענען פאַרצייכנט, חוץ דעם „נולד״, חוץ די עלטערן, אויך דער סנדק, דער בעל־מציצה, די „געפאַטערס״ (קוואַטערס) — ביז די לעצטע, מאָדערנע צײַטן.

און די יעניקע וואָס, זוכן „טעקסטן״ פאַר מצבות, טיטלען און נוסחאות — די דאָזיקע האָבן דאָ „מוסטער־קאָלעקציעס״ אין די הונדערטער. פאַר לומדי־תורה און פאַר גומלי־חסד; פאַר נשים צנועות און בתולות תמימות; פאַר גבירים און שתדלנים; פאַר פשוטע ייִדן און בעלי־יחוס.

אויך וועגן די אָפּטריניקע, די „אויסגעטראָטענע אַוס דעם יודענטום״ — די אַוועקגעגאַנגענע פון דער ייִדישער אמונה — זיי האָבן אויך זייערע ליסטעס. עס האָט זיי, אמת, פון גאָרנישט פאַרהיט. פאַרקערט, די דאָזיקע ליסטעס, די „דעקלאַראַציעס״ פון די „אַרויסגעטראָטענע״, האָבן אָפּגעמסרט זייערע אייניקלעך. נישט זעלטן האָט איינער פון די נאַצי־גדולים טייער באַצאָלט פאַר די דאָזיקע „ליסטעס״...

היינט קוריאָזן אָן אַ שיעור. שטעלט אייך פאָר, אַז עס איז פאַראַן אַ שטעטל מיטן נאָמען בערנשטײַן, און געפינען געפינט ער זיך אין בראַנדענבורג.

די געוועזענע קהילה האָט געפונען „מנוחה״ אין דעם פושקעלע נומער 289. פאַרשטייט איר דאָך אַליין, אַז מיט דער קהילה־קדושה בערנשטײַן האָב איך גע־

האָט אַ לענגערן געשפּרעך, הגם דער פילם פאַרמאָגט נישט מער ווי 12 דפים. אָבער איך האָב זיך דערוווּסט וועגן לעבן פון 50 יאָר פון אַזאַ קליין עדהלע, פון די יאָרן 1825 ביז 1874. בערנשטיין האָט אין יאָר 1933 פאַרמאָגט 20 יידישע נפשות; די קהילה האָט געהאַט אַ פאַרזיצער (גוסטאַוו עפראַים) און אַ וויצע־פאַרזיצער (מאַרטין האַאַזע) און אַ „האַלבן" חזן און שוחט (קאַרנפעלד, וואָס האָט געוווינט אין אַ שכנותדיקע קהילה, פּיריטץ). און אַ סינאַגאָגע איז דאָרט געווען, געשטאַנען איז זי אויף דער סינאַגאָג־שטראַסע און אַ לערער איז געווען וואָס האָט געלערנט מיט... איין קינד!

איך האָב אויך געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו איבערצייגן, אַז די שטאָט, וואָס ווערט מיט אַזוי פיל חוזק אַרויסגעזאָגט — האָצנפּלאָץ — איז טאַקע אַ שטאָט, מיט אַ קהילה — אַ סעריע מיט דאָקומענטן וועגן דער צאָל יידן און זייערע ענינים פון יאָר 1735, מיט העכער 200 יאָר צוריק! די דאָזיקע קהילה האָצנפּלאָץ, אַרום וועלכער עס האָט זיך געפירט, בימי מהר"ם מלובלין, גאַנצע דין־תורות, איז געקומען פריש און לעבעדיק, הגם אַזאַ זקנה, און דערציילט וועגן אירע ערשטע יוגנט־יאָרן. און געטון האָט זי עס דורך דעם פילם נומער 1.539.

אפשר אינטערעסירן אייך וועלט־סוחרים? יידישע קאָמערציאַנטן וואָס האָבן זיך געשניטן אין מרחקים, וואָס האָבן פאַרבונדן מדינות מיט מדינות? — איר וועט וועגן דעם געפינען אין דעם פילם נומער 907 — דאָרט ווערט דערציילט וועגן „לייפּציגער מעסע־באַזוכער פון די יאָרן 1675 ביז 1764"...

***

נאָך יעדן „טאָג־שמועס" מיט די פילם־געסט האָב איך געהאַט משונהדיקע חלומות — חלומות אויף דער וואָר. מרחקים זענען געוואָרן נאָענט; פאַרצייטיקע תקופות זענען געוואָרן אַקטועל; אומבאַקאַנטע וועלטן האָבן זיך ממש נאָענט פאַר די אויגן אַנטפּלעקט.

און עס האָט זיך נאָכדעם דערמאָנט דער אַפאָריזם: „ממר יצא מתוק" — פון דאָס ביטערניש וועט אַרויסגיין די זיסקייט. צי האָבן געוווּסט די נאַצי־משחיתים, אַז זיי גרייטן צו מאַטעריאַלן פאַר דער יידישער אייביקייט? צי האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז מיט זייער אייפער פון „זיפּן" האָבן זיי, קעגן זייער אייגענעם ווילן געבראַכט דערצו אַז עס זאָל בלייבן אַ געדעכעניש פאַר די דורך זיי פאַרשניטענע דורות?

זיי האָבן עס זיכער נישט געוווּסט.

זאָל די וויטערדיקע טאַבעלע געבן אַ באַגריף וועגן דעם שלל פון מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון לעצטע יאָרהונדערטער אין דייטשלאַנד און די

שכנותדיקע לענדער, וואָס עס געפינען זיך אין די דאָזיקע „פושקעס". עס זענען דאָרטן פאַראַן די פּילמען פון די פּנקסים, מאַטריקל־ביכער, מוהל־ביכער וכדומה, פון:

ל. נ.	געגנטן	צאָל פילמען	צאָל קהילות	פאַר די יאָרן	צאָל זייטן
1.	רהיינלאַנד־פפאַלץ — — — — — —	24	14	1817—1940	833
2.	נאָרדהיין־וועסטפאַלן — — — —	79	44	1803—1941	4472
3.	שלעזוויג־האָלשטיין — — — — — —	27	7	1771—1941	1272
4.	העסען — — — — — — — —	869	278	1709—1941	56685
5.	האַננאָווער — — — — — — — —	373	118	1743—1939	11447
6.	באַיערן — — — — — — — — —	442	122	1727—1940	43891
7.	נאָרדבאַדען — — — — — — — —	235	92	1733—1940	24344
8.	נאָרד־ווירטעמבערג — — — — — —	337	70	1741—1940	29395
9.	ווירטעמבערג ־ האָהענצאָלערן —	127	17	1751—1940	14848
10.	רוסיש־באַזעצטע זאַנע — — — —	282	111	1700—1940	25068
11.	מזרח־זייט אָדער און נייסע — — —	377	120	1736—1940	35247
12.	פאַרשידענע — — — — — — — —	15	9	1793—1940	478

בסך־הכל: 3187 פּילמען, 1002 קהילות און 248010 פּילמירטע זייטן.
אַ פערטל מיליאָן זייטן!

קענט איר שוין פאַרשטיין וואָס עס דערציילן אַלץ די דאָזיקע מיליאָנען שורות.

פון באַזונדערער וויכטיקייט זענען די פּאָזיציעס 10 און 11 — די געביטן, וואָס געהערן צו פּוילן־רוסלאַנד און פון דער מזרח־טייל פון דייטשלאַנד. דאָרטן ווערט דאָך גאָרנישט געטון כדי צו אָפּהיטן די ייִדישע רעשטלעך פון פאַרשניטענע קהילות. דאָרטן איז אַזאַ זאַך ווי געשיכטע פון ייִדן אויף די דאָזיקע געביטן נישטאָ. בלייבן די „בלעכענע פושקעס" פון דער עהרנברייטשטיינער פעסטונג דער איינציקער מקור פאַר יענער געשיכטע.

און נאָך אַ וויכטיקער פּרט — די ידיעות פון די פּילמירטע מאַטעריאַלן דערגרייכן ביז דעם לעצטן אָטעם־צוג פון די ייִדישע ישובים — מיר האָבן אין זיי דעם סוף־פּסוק פון דעם קאַפּיטל ייִדן אין דייטשלאַנד. אַ סוף־פּסוק פון אַן אָפּגעשלאָסענער תקופה.

פון צווישן דעם פערטל מיליאָן בלעטער האָב איך אויסגעקליבן ביי 5000 זייטן. זיי זענען פון די פּילמען „אַרויסגערופן געוואָרן" און געפינען זיך איצט אין ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט ייִוואָ אין ניו־יאָרק. בעיקר האַנדלט זיך עס וועגן פּנקסים, תקנות־ביכער וכדומה, געפירטע אין ייִדיש.

אין פרעמדער געפאַנגענשאַפט

פריִער איז מיר אויסגעקומען, אגב־אורחאדיק, צו דערמאָנען אַ ריי פרטים וועגן די אַרכיוון פון די דייטשע ייִדישע געמיינדעס, וואָס זענען דורך די נאַציס צוגענומען געוואָרן. צוליב גאָר אַ סך טעמים איז נישט מעגלעך גענויער צו דערציילן וועגן דעם אופן, בעסער געזאָגט, די סך אופנים, ווי אַזוי עס איז געלונגען אויסצוגעפינען די ערטער וווהין עס זענען פאַרשלעפּט געוואָרן די דאָזיקע אָנגעזאַמלטע דורך דורות אוצרות, וואָס זענען פון די ייִדן מיט ציטער און ליבע אָפּגעהיט געוואָרן. איך קען אויך נישט דערציילן (אָן דער הרשאה פון ד״א אַלעקס ביין, דעם לייטער פון דעם הארכיון הציוני המרכזי — ציוניסטישער צענטראַלער אַרכיוו — ירושלים) ווי אַזוי עס איז אַרויס פון פרעמדע הענט דער גראַנדיעזער אוצר (עטלעכע צענדליק קאַסטנס) פון דעם פריִער שוין דערמאָנטן „געזאַמטסאַרכיוו דער דויטשען יודען“. איך גלויב און האָף, אַז יבוא יום, עס וועט קומען אַ טאָג און מען וועט קענען אין פריידן און מיט אַ פולן מויל, וועגן דעם דערציילן. דעמאָלט וועט אויפגעהויבן ווערן דער שלייער, וואָס פאַרדעקט איינע פון די שפּאַנענדיקסטע געראַנגלען פון אַ גרויסער פדיון־שבויים־אַקציע — פון אַ נישט־גלייכן געראַנגל, וואָס האָט נישט איר ביישפּיל אין אונדזער געשיכטע. איינע פון די ענערגישסטע אַקציעס אַרויסצוראַטעווען פון די הענט פון דער נאַצישער סיטרא־אחרא די געדעכעניש פון ייִדישע יאָרהונדערטער אין דייטשלאַנד.

עס איז אָבער נייטיק, אַזוי מיין איך, אין די נישט־דערבּרענטע שייטן צו ברענגען יענעם טייל פון די פאַקטן, וואָס זאָלן באַקענען דער ייִדישער וועלט־בכלל (נישט דווקא די יעניקע וואָס פאַרנעמען זיך מיט וויסנשאַפטלעכע שטודיעס און פאָרשונגען) מיט דעם וואָס אַלץ עס איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן און ווו זיי געפינען זיך. און נאָך מער איז דאָס פון גרויסן נוצן פאַר די יעניקע וואָס אינטערעסירן זיך מיט אונדזער עבר און זוכן מקורים צו זייערע אַרבעטן.

הגם איך קען נישט, ווי פריִער געזאָגט, איבערגעבן אַלע פרטים, מוז איך דאָ דערציילן וועגן איין איינציקן פרט, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם

פּאַקטישן שליסל, מיט וועלכן עס זענען געעפנט געוואָרן די טויערן, ווו עס זענען הינטער שלאָס און ריגל געלעגן געפּענטעט אונדזערע געשיכטע־אוצרות.

***

געוועזן איז עס אין דעם טרויעריק־באַרימטן דאַכאַו. כ'בין אַהין געקומען נישט אָנצוקוקן דעם עמק־הבכא, דעם טרויער־טאָל פון הונדערטער טויזנטער. דאָס מאָל בין איך דאָרטן געווען צו גאַסט ביים היינט באַקאַנטן אין ישראל וואָרט־קינסטלער שמאי ראָזנבלום, אָנגעטראָפן האָב איך דאָן דאָרטן צופעליק אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלער עקסקורסיע פון נאָצי־קרבנות פון פאַרשידענע לענדער, וואָס זענען געקומען אויף „קבר־אבות" אין דאָזיקן געוועזענעם נאַצישן גהינום. איך בין מיט זיי מיטגעגאַנגען און דאָרטן געטראָפן איינעם פון די זעלטנסטע מענטש־לעכע טיפּן, וואָס האָבן זיך אָפּגעהיט אין דער עמלקישער גזע. אין געוועזענעם לאַגער האָט זיך דאָן געהאַלטן ביי שאַפן אַ גרויל־מוזיי, וואָס זאָל אויף דור־דורות פאַראייביקן די רישעות פון אונדזער דור. צווישן די טוער אין דעם מוזעאום האָב איך אָנגעטראָפן איינעם, נאָך וועמענס שאָטן איך האָב זיך חדשים־לאַנג געיאָגט און נישט געקענט געפינען.

אַליין איז ער מיט עטלעכע יאָר צוריק געווען אַ קאַטוילישער גייסטלעכער, אַן אַספּיראַנט פון דער באַרימטער קאַטוילישער הויכשול פון פּאַסאַו. אין די 20 יאָרן האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די גלחישע סוטאַנע און געוואָרן פון די אָנפירער פון דעם דייטשן פריידענקער־פאַרבאַנד און נאָכדעם געווען טעטיק אין דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. פאַרלאָזנדיק זיין פּאַראָפיע הינטער רע־גנסבורג איז ער געוואָרן אַ באַאַמטער אין איינע פון די פיליעס פון דעם בייע־רישן מלוכהשן אַרכיוו (שטאַטסאַרכיוו). ער האָט זיך, ווי ער דריקט זיך אויס, געוואָרצעמט אין דעם שטויב פון גענעראַציעס, וואָס וועט איבערלעבן די לעבע־דיקע שענדער פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

אין יאָר 1933, גלייך נאָך דעם היטלער־זיג, ווערט ער אַרעסטירט. נאָכן אונטערשרייבן אַ פאַרפליכטונג, אַז ער וועט זיך נישט באַשעפטיקן מיט פּאָלי־טישע אַקציעס ווערט ער באַפרייט, ער בלייבט אויף זיין אַרבעט ווי אַ ספּעציאַ־ליסט, אַן אַרכיוואַר. גאָר אָפט פלעגט אים די געשטאַפּאָ נעמען אין אירע לאַפּעס, אָבער ביז 1939 איז ער אַרויס טרוקן. ערשט מיטן אויסברוך פון פּויליש־דייטשן קריג ווערט ער אַרעסטירט און גייט דורך אַ צענדליק נאַצישע „אויסבעסערונג"־הייזער. ער ווערט אין 1945 באַפרייט אין דאַכאַו, וואָס איז פאַרנומען געוואָרן פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

נישט געקוקט אויף זיין גאָר טיפן עלטער און זיינע 6 נאַצישע לאַגער־יאָרן איז ער געבענטשט מיט אַ זעלטענעם זכרון. ער האָט טאַקע זיין זכרון עקס־פּלואַטירט און אָנגעשריבן אַ ריזיק ווערק מיט אַ פּשוטן נאָמען: „איך בין געווען דער עדות פון דעם".

ער האָט געזוכט אַ פאַרלעגער פאַר זיין אַרבעט און עד־היום נישט געפונען. און עס איז טאַקע שווער צו געפינען, בפרט אויף דייטש און אין דייטשלאַנד, אַ פאַרלאַג וואָס זאָל אַרויסגעבן אַ באַשולדיקונג־אַקט פון צען בענדער.

כ׳האָב זיך מיטן דאָזיקן כתב־יד באַקענט. דער דריטער באַנד איז געווידמעט דאָס יאָר 1938 — דער בלוטיקער „קרישטאָל־נאַכט“ פון נאָוועמבער 1938. אין דאָזיקן באַנד איז אויך פאַראַן אַ קאַפּיטל וועגן די „בעשלאַגנאַמטע“ אַרכיוון פון די צעפּלינדערטע און פאַגראָמירטע יידישע געמיינדעס. די וויטערדיקע 7 בענד זענען געווידמעט די 7 לאַגערן דורך וועלכע ער איז אַדורך; עס גייען דאָרטן פאַרביי טויזנטער נעמען, זייער גורל — פון וואַנען זיי זענען געקומען, ווער זיי זענען געווען און זייער סוף.

דער דאָזיקער קאַפּיטל, וועגן די אַרכיוון, געשריבן פון איינעם וואָס האָט געהאַט דערמיט צו טאָן האָבן פאַר מיר אַנטפּלעקט אָן אַ שיעור נייע פּרטים; איך האָב פאַר אונדזער זאַך באַקומען אַ שלל מיט אויספירלעכע ידיעות. איך האָב אין אַ סך פאַלן אויפגעהערט צו טאַפּן אין דער פינצטער. אגב, ביי אים האָב איך באַקומען די פאַרבינדונג צו אָטאָ סערלינגערן, וואָס איך האָב שוין דערמאָנט אין פריערדיקן קאַפּיטל „פאַרשווונדענע פנקסים“ (זייט 56 און ווייטער).

דאָס ווערטפולסטע איז אין דעם קאַפּיטל געווען די קאָפּיע פון אַן אָפּי־ציעלן דאָקומענט וואָס ווערט דאָרטן געבראַכט; אַ דאָקומענט וואָס ווייזט שוואַרץ אויף ווייס, אַז די צוגעגזלטע דורך די נאַצישע יונגען בעת דער „קרישטאָל־נאַכט“ יידישע אַרכיוו־דאָקומענטן זאָל אַריינגענומען ווערן אין די מלוכהשע אַרכיוון.

דאָס איז דער ווערטלעכער טעקסט פון דעם דאָקומענט:

Der Generaldirektor des
staatslichen Archivs Bayerns.
Nr. 3237/Bsl.

München, Hauptstaatsarchiv
Ludwigstr. 23/0.
25. November, 1938.

An den
Herrn Regierungspräsidenten
von Oberfranken und Mittelfranken.
Betreff: Sicherung geschichtlich wichtiger Akten der
Verwaltungsbehörden.

Jm Vollzug der Auseinandersetzunge des Reiches mit dem Judentum erwachsen auch bei den Stellen und Behörden der inneren Verwaltung Akten, deren Wichtigkeit für die künftige Geschichtsforschung schon heute ausser Zweifel steht. Jch verweise z.B. auf die Verordnung über die Anmeldung des Vermögens

der Juden vom 26. 4. 1938. RGBL I S 415, Die Dritte Verordnung zum Reichsbürgergesetz vom 14. 6. 1938 RGBL I S 627, die Verordnung zur Ausschaltung der Juden aus den deutschen Wirtschaftsleben vom 12. 11. 1938, RGBL I S 1580.

Jch ersuche ergebenst für die Sicherung der Akten, die auf Grund dieser Vorschriften erwachsen, sowie aller sonstigen den jüdischen Fragekomplex betreffenden Akten behufs ihrer späteren Abgabe an die staatlichen Archive Sorge tragen und anordnen zu wollen, dass die fraglichen Akten gemäss § 12 der Bek. vom 31. 3. 1932 (GVBL S 190) mit der Bezeichnung "Staatsarchiv" versehem werden und dass dieser Vermerk auch in die zugehörigen Aktenverzeichnisse aufgenommen wird.

Mein Ersuchen erstreckt sich sowohl auf die Akten Jhrer Stelle, als auch die der ihnen unterstellten Behörden.

i. V.
gez.: *Dr. Knöpfer.*

פון דאָזיקן דאָקומענט, וואָס איז אַ פֿאַראָרדענונג פון דעם גענעראַל־דירעקטאָר פון די בייערישע מלוכהשע אַרכיוון איז צו זען, אַז די אַקציע פון איינגלידערן די ייִדישע אַרכיוו־אַקטן איז געווען אָרגאַניזירט אין אַ צענטראַלן מאַסשטאַב און באַרעכטיקט געוואָרן אויפן סמך פון אַ ריי פריִערדיקע נאַצישע אַנטי־ייִדישע דעקרעטן. עס ווייזט, אַז עס איז געווען אַ בכיוונדיקע שטרעבונג צו פאַרווישן די שפּורן פון דער גזילה.

וויבאַלד, אַז עס איז אַרויס אַ באַפעל צו „זיכערן" די ייִדישע אַרכיוואַליען איז שוין געווען קלאָר, אַז זיי מוזן זיך געפינען אין די דאָזיקע פיליאַלעס פון דעם אַרכיוו. די דאָזיקע קאָפּיע האָט טאַקע געהאָלפן צו עפענען נישט איין פאַרריגלטע טיר. אמת עס זענען געווען מיכשולים און אָן אַ שיעור נסיונות. אין טייל ערטער פלעגט אויסקומען צו קעמפן קעגן אַ באַרג מיט תירוצים און אויסריידן. למען־האמת זענען אין אַ טייל ערטער די נייע פירער פון די אַרכיוון געווען אומבאַהאָלפן און אַליין נישט געוווסט צי עס געפינען זיך ביי זיי די דאָזיקע מאַטעריאַלן און וווּ זיי געפינען זיך. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז דער רוב פון די אַרכיוון זענען אין דער צייט פון דער מלחמה אַרויסגעפירט געוואָרן און געלעגן פאַרלאַגערט אין פאַרשידענע פעסטונגען אָדער אין שאַכטן און בערגהיילן. עס איז, בכן, אויסגעקומען צו באַהאַנדלען יעדן פאַל באַזונדער און אָנווענדן אומעטום פאַרשידענע „סטראַטעגיעס". נישט זעלטן פלעגט טאַקע אויסקומען אַליין, ביי דער מיטהילף, וואָס דער אַרכיוו פלעגט אויסטיילן, צו איבערוואַרפן פעק מיט אַקטן כדי צו דערגרייכן צום ייִדישן „דעפּאַזיט" (אַזוי איז עס איידל אָנגערופן געוואָרן).

איי רעזולטאַט פון לאַנגע מיזאַמע נאָכפאָרשונגען זענען אָפּגעזוכט געוואָרן:

אין דעם קעלער פון בייערישן מלוכהשן אַרכיוו, פּיליאַלע נירנבערג, זענען געפונען געוואָרן די אַרכיוון פון 39 (ניין־און־דרייסיק) קהילות. אין משך פון 2 חדשים האָב איך דעם דאָזיקן ריזיקן מאַטעריאַל אויסגעסדרט און צונויפגענוגע־שטעלט אַ רעפּערטאַריום פון קרוב זעכצן הונדערט (1.596) אַקטן־בענדער, וואָס מיינט אַרום אַ מיליאָן דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון די דאָזיקע קהילות.

און האַנדלען האַנדלט זיך עס וועגן קהילות, וואָס געהערן צו די עלטסטע אין אשכנז; קהילות וואָס ציִען זייער יחוס פון ווייטער יאָרהונדערטער און זענען געקניפּט און געבונדן מיט קרובהשאַפט פון אונדזער מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום זאָלן דאָ טאַקע אויסגערעכנט ווערן די דאָזיקע קהילות:

בעכהאָפען, בעראָלצהיים, ברוק און ערלאַנגען, בורגהאַסלאַך, קראַנהיים, דאָרנהיים, עגענהאַוזען, פויכטוואַנגען, פּאָרט, היידענהיים, היטענהיים, איקעלהיים, לערבערג, לענקערסהיים, קאַובענהיים, אָטענסאָאָס, פּאָהאָרעס, פּאַפּענהיים, שיינ־פעלד, שנייטאַך, שנאַדזענבאַך, שאָפּפלאַך, שאַרוויינזאַך, סוגענהיים, טהאַלמעסינג, אולפּעלד, טרויכטלינגען, אוללשטאַדט, פעסטענבערגסרויט, וואַסערטרידינגען, ווייִ־גענהיים, ווייסענדאָרף, וועלבהאַוזען, אופּענהיים, ווינצבאַך, ווינצהיים, נירנבערג, פיורט, היטענבאַך, גונצענהאַוזען.

איך וועל נאָר אַרויסכאַפּן אַ פּאָר מוסטערן פון דעם ריזיקן מאַטעריאַל פון די דאָזיקע יחוסדיקע קהילות, צווישן זיי די באַרימטע קהילות נירנבערג, פיורט, שנייטאַך.

1) שנייטאַך — האָט למשל 13 אַקטן־בענד. צווישן זיי אַ קהילה־פּנקס, וווּ חוץ די קהילה־כראָניק און באַשלוסן זענען דאָרטן אויך פאַראַן פאַרשידענע פּריווילעגיעס און שוץ־בריוו, וואָס די אָרטיקע קהילה האָט דערהאַלטן פון פאַר־שידענע שררות. דער דאָזיקער פּנקס איז אין יידיש און איז אָנגעהויבן אין יאָר 1492.

2) בייכהאָפען — צווישן די 6 אַקטן־זאַמלונגען איז אויך דאָ אַ חברה־קדישא געפירט פון יאָר 1765 און ווייטער. היות אין בעכהאָפען איז געווען אַ בית־עולם פאַר אַ צענדליק קהילות פון אַרום, האָט דער פּנקס די געשיכטע פון די אַלע קהילות.

3) היטענהיים — פון די 4 אַקטן־זאַמלונגען וועל איך דערמאָנען 2 פּנקסים: פון דער חברה קדישא פון יאָר תקפ״ד (1824) און ווייטער און פון דער חברה „ביקור חולים״ פון יאָר תקפ״ז (1827) און ווייטער.

4) אָטענסאָאָס — 2 פּנקסים פון חברה „שומרי שבת״ און פון דער חברה „ביקור חולים״.

5) אולפעלד — האָט 78 בענד מיט אַקטן. צווישן זיי דריי פּנקסים: קהילה־פּנקס וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן אין יאָר תקנ״ז (1796) און איז געפירט גע־וואָרן ביזן יאָר 1929; אַ „ספר התקנות״ פון דער חברה „אוהבי טוב״, אַ פּנקס פון

יאָר תנ״ד (1694) וועלכער ווערט פאַרענדיקט אין תקפ״א (1820) ווו עס געפינען זיך זייער פיל חידושים פון אילפעלדער רבנים.

6) גונצענהויזען — האָט 482 אַקטן־בענד. דער פאַראַנענער דאָרטן פנקס איז פון יאָר 1703 ביז 1822.

7) אַנסבאַך — 277 אַקטן־בענד, צווישן זיי אַ תקנות־בוך פון דער קהילה, וואָס איז געפירט געוואָרן פון יאָר תע״א (1710) ביז תקל״א.

אין די דאָזיקע 39 אַרכיוון פון די קהילות געפינען מיר אויך ידיעות פון אַנדערע שכנותדיקע קלענערע ישובים, ווו עס זענען נישטאָ קיין קהילות. מיר האָבן דאָרטן אַן אַ שיעור פאַקטן פון ייִדישן לעבן און שאַפן אין משך פון יאָר־הונדערטער. צענדליקער און צענדליקער אַקטן וועגן איינקויפן פלעצער אויף בית־עולמס און בוי־אַקטן פון בתי־מדרשים; רבנות־כתבים און קאָנטראַקטן מיט אַנדערע כלי־קודש; וועגן פאַלן פון עלילת־דם אָדער אַנדערע פורעניות אין די קהילות. אין דעם פעקל פון אַנסבאַך געפינט זיך למשל דער גאַנצער אַרכיוו פון דעם פירער פון דער אגודת ישראל רבי יעקב ראָזענהיים, היינט אין מדינת־ישראל. (בעיקר בריוו געשריבן צו הרב פ׳ קאָן).

אַן ענלעכן אוצר האָב איך אויסגעפונען אין דער פיליאַלע פון דעם ביירישן מלוכהשן אַרכיוו אין ווירצבורג. אין דעם קאַפּיטל „פאַרשווונדענע פנקסים״ (זייטן 56 א״וו) האָב איך וועגן דעם דערמאָנט אגב־אורחאדיק. דאָ וויל איך צוגעבן אַ פּאָר פּרטים.

אין די דאָרטיקע מאַטעריאַלן געפינען זיך די אַקטן פון 22 לאַנדקרייזן פון די ייִדישע קהילות, בסך־הכל העכער טויזנט אַקטן־זאַמלונגען פון הונדערט ייִדישע קהילות פון דעם רעגירונג־באַצירק אונטערפראַנקען.

פון דעם ריזיקן מאַטעריאַל פון די העכער טויזנט אַקטן־זאַמלונגען וועל איך נאָר אַ פּאָר געציילטע אַרויסכאַפּן:

1) האַמעלבורג — אַ פנקס פון „הקדש״ פון די יאָרן 1477 ביז 1827 און 1827 און אַ פנקס פון „חברה קדישא״ פון די יאָרן 1822—1832.

2) פאַפּענהאַוזען — אַ פנקס פון „חברה קדישא״ פאַר די יאָרן 1867—1937.

3) קליינבאַרדאָרף — עס פלעגן אָבער געבראַכט ווערן צו קבורה די ייִדן פון 26 קליינע ישובים — פנקס פון „חברה קדישא״ אין העברעיִש און ייִדיש פון יאָר 1800. פון 1905 ווערט ער שוין געפירט אין דייטש.

4) אונסלעבן — קהילה־פנקס אין העברעיִש און ייִדיש פון 1739 ביז 1851.

5) באַד־נוישטאַט — דריי קהילה־פנקסים אין העברעיִש און ייִדיש פון די יאָרן 1798—1847.

6) עס געפינען זיך ליסטעס פון יידישע האַנדווערקער און ערדאַרבעטער אין יאָר 1844 אין אַ ריי קהילות;

7) פון גאָר באַזונדערן אינטערעס פאַר דער מזרח־אייראָפּעישער וואַנ־דערונג אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט זענען די העכער 20 טאָגביכער פון דער וואַנדערונגס־אונטערשטיצונג־קאַסע, וואָס געפינען זיך אין דעם ווירצבורגער טייל פון די דאָזיקע אַרכיוון. דאָרטן זענען פאַרשריבן געוויי די אַלע אויסלענדישע (בעיקר פון רוסלאַנד־ליטע־פּוילן) יידן וואָס האָבן באַ־קומען אונטערשטיצונג. די ביכער הייבן זיך אָן פון יאָר 1863, דאָס מיינט נאָכן צווייטן פּוילישן אויפשטאַנד און זענען געפירט געוואָרן ביזן יאָר 1938. פון די 80 יאָרן (נאָך די פּאָגראָמען פון 1881, אין רוסלאַנד) זענען פאַראַן 4 ביכער. טויזנטער נעמען פון הונדערטער רוסיש־ליטוויש־פּוילישע שטעטלעך זענען דאָרטן פאַרצייכנט.

אַ וויכטיקע דערגרייכונג איז געווען דאָס אויסגעפינען די יידישע קהילה־אַרכיוון אין דעם מלוכהשן בייערישן אַרכיוו אין נויבורג ביים דאַנאַו. דאָ זענען פאַראַן די קהילה־אַרכיוון פון אַלטענשטאַט, אָסטערבערג, אילעראייכען און דער עיקר פון דער גאָר אַלטער און יחוסדיקער איכענהויזען, ווו עס איז מיט אַ 400 יאָר צוריק געווען אַ יידישע דרוקעריי, ווו עס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן (1544) דער באַרימטער סידור אין יידיש פון יוסף בן יקר.


קומט הער איר ורומן ורויאן

דא ווערט איר הויפש דינג שויאן · איר ווערט עש
וואל גיווארן איין תפלה בוס נאכנן יאר · וואל בור
טייטשט אונ בשיידליך · דרום קומט אונ קויפט
ווידליך : איר ווערט זי זונשט בור־זויאן דען זיא
וואשן ניט אוין דען בויאן: אויך איז זי ניט צו טייער
· אום איין קרונן איז זי אוייער אונ עטוו נעהר־הלט
איר אויך שטארק · גידרוקט צו איכנהויזן אין דעם
מארקט אין דעם יאר זא מן צלט דרייא הונדרט אונ
ויר · גוט העלף אונש דש ויר זי בולענדן שיר · א וו

אַריינפיר צום סידור אין יידיש פון יוסף בן יקר, געדרוקט אין איכענהויזן אין יאָר 1544. איין עקזעמפּליאַר פון דאָזיקן סידור געפינט זיך אין דער בייערישער מלוכהשער ביבליאָטעק אין מינכען.

אין דער פיליע פון דעם מלוכהשן בייערישן אַרכיוו אין אַמבערג האָב איך זיך דערוווּסט דעם גורל פון די אַרכיוון פון די 10 יידישע קהילות פון יענעם קרייז, דהיינו:

1) רעגנסבורג, 2) אַמבערג, 3) ווײַדען, 4) כאַם, 5) ביירויט, 6) זולצבייַרג, 7) נוימאַרקט, 8) פלאָס, 9) האָף, 10) זולצבאַך. בסך־הכל זענען עס פון די דאָזיקע 10 געמיינדעס ביז 800 אַקטן־זאַמלונגען.

אַ באַזונדער גורל האָבן געהאַט די יידישע קהילה־אַרכיוון, וואָס זענען אַריינגעקומען אין באַמבערגער אָפּטיילונג פון דעם בייערישן מלוכהשן אַרכיוו. זיי זענען פון דאָרט שוין אין יאָר 46—1947 אַרויסגענומען געוואָרן (דורך דעם פאָרשטייער פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין באַמבערג בנימין אָרענשטיין) און איבערגעגעבן געוואָרן דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע אין מינכען.

עד־כאן די בייערישע יידישע קהילה־אַרכיוון.

איך האָב אָבער ווי געפאַנגענע אין דער פרעמד געפונען דעם אַרכיוו פון דער יידישער קהילה אין עסלינגען (הע̇כער הונדערט אַקטן־בענד); און דעם קהילה־אַרכיוו פון פרוידענטאַל (37 אַקטן־בענד פאַר די יאָרן 1590—1705).ביידע קיהלות פון ווירטעמבערג. דער ערשטער אַרכיוו האָט זיך געפונען אין דעם בירגער־מייסטער־אַמט אין עסלינגען, דער צווייטער איז אין דעם ווירטעמבערגישן מלו־כהשן אַרכיוו אין לודוויגסבורג.

***

אַ באַזונדער געשיכטע — פאַקטיש מיסטעריע — זענען די אַרכיוון פון יידישע קהילות אין דער פפאַלץ — אַהער גייען אַריין די קהילות פון שפּייער און אַרומיקע 15 גאָר אַלטע יידישע ישובים. אַלע דאָקומענטן וועגן דעם ווי אַזוי זענען אַריין אין דעם דעם מלוכהשן אַרכיוו אין שפּייער זענען געפונען גע־וואָרן — די מאַטעריאַלן גופא זענען ערגעץ ווו „פאַרלאַגערט״.

אַן איבערראַשונג איז געווען פאַר מיר דאָס געפינען דעם פולן אַרכיוו פון דער יידישער קהילה אין נויוויד ביים רהיין, אַ יידישע קהילה, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען מיט אַ דרוקעריי, אין וועלכער עס איז מיט אַ 200 יאָר צוריק געדרוקט געוואָרן די ערשטע יידישע צייטונג (אין יאָר 1751 „דער גראָסע שאַו־פּלאַץ״). עטלעכע הונדערט אַקטן־זאַמלונגען זענען אָפּגעהיט אין דעם שטאַטישן אַרכיוו פון נויוויד.

אין דער אַלט־יחוסדיקער רהיין־קהילה בינגען איז דער קהילה־אַרכיוו אָפּ־געראַטעוועט געוואָרן און געפינט זיך טיילווייז אין דער שטאַטישער אַקטן־זאַמ־לינג און טיילווייז אין דער קהילה־געביידע פון מאַינץ.

גאָר כאַראַקטעריסטיש איז דער גילגול פון דעם אַרכיוו פון דער קהילה פון קעניגסבערג. די קרוב טויזנט אַקטן־זאַמלונגען פון דער דאָזיקער עיר ואם בישראל זענען פאַרוואָגלט געוואָרן קיין גאָסלאַר אין נידערזאַקסן.

איך האָב שוין פריער דערמאָנט — נישט וועגן אַלץ קענען מיר דערציילן און וועגן די דערמאָנטע מוזן מיר אַ טייל פּרטים פאַרשווייגן. אָבער דאָס גע־בראַכטע איז שוין גענוג כדי צו באַגרייפן וואָס פאַר אַ גרויסער פאָלקס־אוצר עס איז „שבוי בין הכותים": אין געפאַנגענשאַפט ביי פרעמדע.

⁂

גראָד איצט, ווען עס ווערט אַזויפיל געטון פאַר צונויפקלייבן דער שארית־הפליטה, נישט דווקא דער פיזישער; ווען עס ווערט אַזויפיל געזאָרגט וועגן מחיה־מתים זיין די פאַרשניטענע ישובים, לכל־הפחות זיי זאָלן נישט פאַרגעסן ווערן פון פאָלקס־זכרון; ווען עס ווערט געגרייט דער גרויסער פנקס הקהילות, טאָר נישט פאַרזען ווערן דער ריזיקער אויטענטישער מקור צו דער געשיכטע פון די הונ־דערטער פאַרשניטענע קהילות פון אשכנז.

צו דער דאָזיקער גרויסער עובדה האָב איך געפרווט צוטראָגן מיין באַ־שיידענעם צושטייער.

פון אַ קלויסטערישער ווידוי־כראָניק

ווען איך האָב פריִער דערציילט וועגן די פֿאַרשידענע מינים פון אַרכיוון, ווו עס זענען פֿאַראַן מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון ייִדן, האָב איך דערמאָנט די קלויסטער־אַרכיוון. טייל פון די דאָזיקע זאַמלונגען זענען שוין מיט יאָרן צוריק, ביים אויפלייזן די פֿאַרשידענע קלויסטער־אָרדנס און הייליקע „ברידער־געמיינשאַפטן", אַריבערגעגאַנגען אין רשות פון די מלוכהשע אַרכיוון. טייל עקזיס־טירנדיקע קלויסטערס היטן נאָך אָפּ זייערע אַרכיוון און זענען, אין זייער רוב, טאַבו.

בעת מיינע באַזוכן אין נויבורג ביי דאנאַו, האָב איך אין דאָרטיקן מלוכהשן אַרכיוו געטראָפן אַ ריזיקע זאַמלונג פון אַזוי־גערופֿענע קירכען־ביכער, וואָס שטאַמען טאַקע אין זייער מערהייט פון די געוועזענע קלויסטערשע אָרדנס.

דערציילט מען מיר, אַז צווישן דער דאָזיקער גאָר גרויסער זאַמלונג איז געווען אַן אוניקום, אַ דיקער באַנד, געשריבן אויף פֿאַרמעט און אין משך פון 250 יאָר געווען פֿאַרמאַכט מיט אייזערנע קלאַמערס־שלעסער. דער דאָזיקער באַנד איז געווען אַ כראָניק וואָס עס האָט געפירט אַ גייסטלעכער, וועלכער האָט אָבער איבערגעלאָזט אַ צוואה, אַז נישט פריִער ווי מיט 250 יאָר נאָך זיין טויט זאָל מען עפֿענען די שלעסער פון דאָזיקן בוך.

אין יאָר 1942 האָט זיך פֿאַרענדיקט דער באַשטימטער טערמין און מ'האָט געעפֿנט דעם דאָזיקן, מיט סודות אַרומגעוועבטן און מיט נייגיר אָנגעוואַקסענעם, עקספּאָנאַט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויף די עטלעכע הונדערט פֿאַרמעט־זייטן האָט דער גייסטלעכער פֿאַרשריבן גאָר טשעקאַווע פּרטים וועגן דעם וואָס עס פלעגן אים דערציילן זיינע פֿאַראַפּיע־אָנהענגער בעתן „ווידוי".

ווי באַוווסט זענען די דערציילטע דעם גלח חטאים ביים ווידוי אַ שטרענגער סוד, וואָס ער טאָר עס קיינעמס נישט דערציילן — אַפּילו ווען עס האַנדלט זיך וועגן די שווערסטע פֿאַרברעכנס. ער מוז שווייגן, ווייל דאָס וואָס עס ווערט דער־

ציילט בעתן „ווידוי" איז עס נאָר פאַר גאָט, און פאַר זיין פאַרמיטלער — דעם גייסטלעכן.

דער דאַזיקער גלח, וואָס האָט מיט קרוב אַ 300 יאָר צוריק אָנגעהויבן צו פירן זיין ווידוי־כראָניק, האָט דאָרטן נאָר פאַרשריבן די יעניקע פאַקטן, וואָס ער האָט געהאַלטן, אַז זיי פאַרדינען פאַראייביקט צו ווערן, אַז:

...„מיט צייטן שפּעטער, ווען דער זכר פון די היינטיקע זינדערס וועט שוין פון אונדזער זינדיקער ערד פאַרשווינדן; ווען זיי און מיר וועלן שוין פון לאַנג זיך געפינען, האָפנטלעך, אונטער די פליגלען פון דער באַרעמהער־ציקייט און נישט זיי און נישט זייערע קינדס־קינדער וועלן שוין צוליב די דאָזיקע זינד נישט ליידן, זאָלן אָבער די שפּעטערדיקע דורות וויסן פון די באַגאַנגענע מענטשלעכע שוואַכקייטן און זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכל..."

(פון דעם אַריינפיר צו דער דאָזיקער כראָניק).

אין יאָר 1942 האָט טאַקע איינער פון די אַרכיוו־מיטאַרבעטער באַקומען דעם אויפטראַג צו באַאַרבעטן דעם דאָזיקן קאָדעקס און מאַכן דערצו אַן אינדעקס. ווי עס איז אָנגענומען אין די דייטשע אַרכיוון דאַרפן אַזעלכע ווערטער ווי „יודע", „יודען" און „יודענטום" אַרויסגעוויזן ווערן ווי „שלאַג־ווערטער" אינעם אינ־דעקס. אין דעם דאָזיקן בוך האָבן זיך טאַקע געפונען אַ ריי געשיכטעס וואָס האָבן אַ שייכות צו ייִדן און זיי זענען אין אינדעקס פאַרצייכנט געוואָרן.

ווען די נאַציסטישע אַרכיוו־לייטונג האָט זיך באַקאַנט מיט דעם אינהאַלט פון דעם דאָזיקן ווידוי־בוך, גאָר באַזונדער מיט די „ייִדישע ענינים", האָט דער נאַצי־קאָמיסאַר באַפוילן צוריק איינצופאַקן דעם דאָזיקן „דומקאָפּ־געשוועץ"; אַז מ׳זאָל די דאָזיקע „שייסדינגע" פון דעם אַלטן „יודענקנעכט" צורו לאָזן און נישט פאַר־לירן דערויף די טייערע צייט.

איך האָב דעם דאָזיקן אוניקום אויפגעזוכט און באַקענעגדיק זיך מיט די קוריאָזן, וואָס זענען דאָרט פאַרשריבן פון פאַר 250 יאָר צוריק, האָב איך פאַר־שטאַנען פאַרוואָס דער נאַציסטישער משגיח האָט געהייסן מ׳זאָל די דאָזיקע כראָניק „אַרויסציִען פון געברויך".

פון דער סעריע „ייִדישע ענינים" וועל איך דאָ נאָר דערציילן דריי:

א. די שאלה פון דער גויאישער דינסט...

געשען איז עס אין גאָטס יאָר ....16.

אין איר „בייכטע" (ווידוי) האָט די מאַגד הילדעגאַרד, די מעלקערין פון דעם האָפּפּאַקטאָר דען יודע גומפּריך דערציילט, אַז...

...הכלל, זי איז פון דעם דאָזיקן יודע גומפּריך שוואַנגער געוואָרן און גע־

בוירן אַ זון. דער יודע גומפּריך האָט זי נישט באַצוואונגען, זי האָט זיך אים מיט גוטן ווילן און רעכטן פאַרלאַנג איבערגעגעבן. ער, גומפּריך, באַצייט זיך זייער גוט צו איר... ער האָט זאָגאַר געגעבן דעם „יונג". ער האָט פאַר איר געבראַכט די יידישע הייבאַם פון גינזבורג.

פרעגט זי, די דאָזיקע גאָטפאַרכטיקע הילדעגאַרד:

— צי איז עס געווען אַ פאַרברעכן זיך אָפּצוגעבן מיט אַ יודע?

צי מיינט נישט דער גייסטלעכער, אַז מ'דאַרף דאָס קינד „יידישן", דאָס איז דאָך אַ „יודענקינד"?

— צי מיינט נישט דער הייליקער פאָטער, אַז זי באַגייט אַ זינד, וואָס זי וועט אַ „יודענקינד" פון זיין פאָטערס גלויבן אָוועקרייסן?

— צי דאַרף זי, די מאַגד הילדעגאַרד לאָזן אין דער קירכע טויפן איר זון וואָס האָט אַ יידישן טאַטן?

די מאַגד הילדעגאַרד האָט איר „יודעניונג" נישט „גע־יידישט". אַזוי האָט איר געעצהט דער גייסטלעכער.

מיט העכער 250 יאָר שפּעטער איז אָבער די דאָזיקע געשיכטע קאַפּויר געקומען. עס איז אַרויסגעשווומען דער פאַרדאַכט, אַז דער נאַצישער גאַו־לייטער פון אולם ביים דאַנאַו זאָל גאָר זיין אַן אור־אור־אור־אייניקל פון דעם... האָפּיודע גומפּריך...

ב. אַ מעשה מיט אַ הינקעדיקן פערד

אוז געשען איז עס אין דעם יאָר ..16.

דער גלויביקער יאַקוב פון צימעסהאַוזען דערציילט...

...האָב איך געמוזט מיינע זעקס פערד פאַרקויפן. צום נאָענטן יאַרמאַרק קיין טאַנהאַוזן האָב איך זיי געדאַרפט פירן, אין דעם יאָהאַנעסטאָג.

אָבער ביים יודע גאָטשאַלק, וועלכער איז צום יאַרמאַרק געפאָרן זענען גע־ווען בעסערע פערד. וועט ער קומען מיט זיינע פערד וועל איך מיט מיינע בלייבן זיצן.

— —

...האָב איך אין דעם פערד, דעם בעסטן „שימעל" פון דעם יודע גאָטשאַלק אַריינגעזעצט אַ נאָגעל, ער זאָל הינקען און איך האָב טאַקע מיינע פערד פאַר־קויפט. דער יודע איז מיט זיין פערד געבליבן...

...„איך האָב אָבער דעם יודע ניט געבראַכט קיין שאַדן; איך האָב נאָכן יאַר־מאַרק, אין געהיים פאַרשטייט זיך, דעם נאָגעל צוריק אַרויסגעצויגן און דער גאָטשאַלק וועט זיין „שימעל" קענען פאַרקויפן אין איכענהויזען — אויפן יאַר־מאַרק פון דעם הייליקן פעטער...

— איז עס הייליקער פאָטער אַ פאַרברעכן?
— בין איך קעגן דעם יודע גאָטשאַלק באַגאַנגען אַ זינד?
— אויב יאָ, זאָל עס דער הייליקער יעזוס מיר מוחל זיין.
— אין נאָמען פון גאָט, פון זיין זון און פון הייליקן גייסט, אמן!

ג. דער צלם אויפן סינאַגאָגע־בוידעם

געווען איז עס אין גאָטס יאָר ..16.

דער גלויביקער קאָנראַד פון פישאַך דערציילט...

פאַר דעם „לאַנגן פאַסט־טאָג" (יום־כיפור) קלייבן זיך צוזאַמען אַלע יידן פון אַלע „פלעקן" (קליינע דאָרפישע ישובים) אין דער שטאָט אַריין, ווו עס איז דאָ זייערע „יודענשול". טוט אים שרעקלעך ווי, דעם גלייביקן קאָנראַד, וואָס די יידן, די אומגלויביקע בעטן צו זייער גאָט. וועלנדיק געפעלן ווערן „אונדזער ליבן הער גאָט", האָט ער גענומען אַ „קרויץ" (אַ צלם) פון דעם אַלטן „קירכהאָף" און עס ביינאַכט אַרויפגעטראָגן און אוועקגעלייגט אויפן בוידעם פון דער „יודענשול", גלייך איבער די „צען געבאָט מאָזעס" (דעם ארון־קודש, משמעות...).

— —

ליגט ער אַזוי דאָרטן אויף דעם בוידעם פון דער „יודענשול". עס פּלאָגט אים אָבער שטאַרק זיין געוויסן; ער קען נישט איינשלאָפן, דער גאָטספאַרכטיקער קאָנראַד. אָפט מאָל קומט אים צו חלום „גאָטס מאַמע" און בעט אים, אַז ער זאָל אַרויסראַטעווען איר „זון" פון יידישער געפאַנגענשאַפט; מאַנכע מאָל קומט גאָר דער טויטער פון קבר און פאָדערט זיין „קרויץ" צוריק...

— וואָס זאָל ער טון?

דער גייסטלעכער האָט אים געעצהט, אַז ער זאָל דעם צלם צוריק אַראָפּנעמען, צוריק אויף דעם פריערדיקן פלאַץ אַוועקלייגן.

שפּעטער איז קאָנראַד געקומען און אים איבערגעגעבן — ער קען שלאָפן רויק, נישט די „מאַמע" און נישט דער „טויטער" שטערן אים אין זיין נאַכטשלאָף.

***

אין דערמאָנטן קאָדעקס, די ווידוי־כראָניק, געפינען זיי אַ פּאָר צענדליק אַזעלכע „יידישע" קוריאָז־געשיכטעס וואָס קלינגען ווי פאָלק־מעשהלעך.

קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער נאַצישער משגיח פון אַרכיוו האָט נישט געקענט דולדן אַזאַ „געשווינץ" און געמוזט גוזר זיין מען זאָל עס באַהאַלטן.

פון דעם דאָזיקן קראַנץ האָב איך אַרויסגענומען דריי בלימעלעך, זאָלן זיי באַפוצן אונדזערע נישט־דערברענטע שייטן.

די געשיכטע חזרט זיך איבער...

צענדליקער און צענדליקער מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין דעם ווירטעמבערגישן שטעטל עסלינגען ביי שטוטגאַרט. ראשית איז נישט ווייט פון דאָרטן געווען די ביוראָ פון „אונראַ", שפּעטער „איראָ", וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט די ענינים פון די שארית־הפליטהניקעס; דאָרטן איז אויך גע־ווען (אין דעם פריִערדיקן באַרימטן ייִדישן בית־יתומים) איי־נער פון די גרעסטע אַזיל־פּונקטן פון דער שארית־הפליטה־יוגנט מיט שולן און וואַרשטאַטן פון „אָרט". איך האָב געהאַט צו טאָן מיט די דאָזיקע אינסטיטוציעס, אָבער בעיקר זענען מיינע דאָרטיקע וויזיטן געווען צוליב צוויי אַנדערע ענינים:

ראשית וועגן דעם גרויסן קהילה־אַרכיוו, וואָס איז געלעגן אין דעם שטאָט־ראַט און אחרון־אחרון: אין דעם דאָרטיקן מלוכהשן אַרכיוו האָבן זיך געפונען אַ סעריע מיט דאָקומענטן וועגן דער געשיכטע פון ייִדן אין עסלינגען בפרט און בכלל וועגן די ייִדן אין ווירטעמבערג. דאָקומענטן נישט באַקאַנטע דער ייִדישער גע־שיכטע־פאָרשונג וואָס באַציִען זיך צום מיטלאַלטער.

נישט גאָר לייכט איז אָנגעקומען צו קריגן די דאָזיקע דאָקומענטן. עס איז אָבער דערגרייכט געוואָרן.

בין איך אין עסלינגען שטאַרק היימיש געוואָרן; היימיש מיט ייִדישן בית־יתומים, וואָס איז שוין מער ווי 100 יאָר אַלט געווען (אין יאָר 1931 איז געפייערט געוואָרן די 100־יאָריקע עקזיסטענץ פון דעם אַנשטאַלט); היימיש מיט די 2 ייִדישע בית־עולמס — איינער אַן אַלטער, אַ געשלאָסענער און דער צווייטער, דער „נייער", וואָס געפינט זיך צוזאַמען מיט דעם נישט־ייִדישן בית־עולם. אויפן דאָזיקן „נייעם" בית־עולם איז פאַראַן איינע פון די מערקווירדיקסטע דענקמע־לער פון אונדזער היינטיקער תקופה; עס איז אַ מין ייִדיש־אוניווערסאַלער קדושים־מאָנומענט. אין מיטן פון דעם זייער שיין אָפּגעהיטן בית־עולם ליגט אַ פלאַכער ריזיקער שטיין, וואָס איז אויסגעהאַמערט אין דער פאָרעם פון אַ מגן־דוד. אין

מיטן פון דעם דאַזיקן, מיט קיין שום אָרנאַמענטן באַפּוצטן שטיין, געפינט זיך די קורצע אויפשריפט:

פּ. נ.
שמונים וחמשה יהודים מארצות שונות..
קרבנות האכזריות הנאצית הגרמנית.

די אויפשריפט דערציילט, אַז דאָ ליגט דאָס געביין פון 85 ייִדן פון פאַר־שידענע לענדער — קרבנות פון דעם גרויזאַמען דייטשן נאַציזם.

איך ווייס די נעמען פון די דאָזיקע 85 ייִדן — פון רוסלאַנד, ליטע, פּוילן, רומעניע, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, גריכנלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד און לוקסעמבורג.. ביי מאַנכע זענען נישט געווען די נעמען נאָר די לענדער פון וואַנען זיי שטאַמען. די דאָזיקע 85 האָבן דערלעבט די „פרייהייט״, — ווען די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט פאַרנומען די געביטן זענען זיי נאָך געווען לעבעדיק אין די צענדליקער קאָנצענטראַציע־און אַרבעטס־לאַגערן פון דער געגנט. זיי זענען אָבער שוין געשטאַנען אויפן שוועל פון טויט. ווען נישט די „באַפרייונג״ וואָלטן זיי אָפּגעפּירט געוואָרן אין די קרעמאַטאָריומס — איז זיי געשען דעם „גליק״ צו קומען צו קבר ישראל...

צענדליקער מאָל בין איך געגאַנגען דורך די מאָלערישע ווייַנבערג, וואָס ציִען זיך לענגאויס דעם נעקער־ברעג; איך האָב באַוואונדערט די אַרכיטעקטאָניק



די געביידע פון דעם יידישן בית־יתומים אין עסלינגען, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1831. אין יאָר 1931 איז געפייערט געוואָרן דער 100סטער אַניווערסאַר פון דעם אַנשטאַלט. נאָכן נאַצישן צוזאַמענבראַך איז דאָ געווען אַן אַזיל פאַר דער שארית־הפליטה־יוגנט.

פון די עסלינגער נעקער־בריקן; פון דעם פראַכטיקן מיטלאַלטערלעכן ראַטהויז מיט זיין זייגער־אָרקעסטער...

סוף־כל־סוף האָב איך באַקומען אין מיינע הענט דעם רעפּערטאָריום פון די יידישע אַרכיוו־דאָקומענטן. איך האָב אָנגעהויבן צעגלידערן; געגומען אויסזוכן די דאָזיקע מיטלאַלטערלעכע כראָניק־בלעטער פון דער יחוסדיקער קהילה עסלינגען.

און די דאָזיקע קהילה, וואָס אין אַלט־יידישע כתבים שרייבט זי זיך עסלנגן אָדער עסלינגאן, מתא על נהר נעקאר ומי מעינות, — די שטאָט וואָס ליגט ביים טייך נעקער און ביי קוואַלוואַסערן, איז טאַקע פון גאָר גרויסן יחוס. און איר יחוס איז אויסגעטונקען און געהייליקט מיט קדושים־בלוט. אין אַלטע יזכור־תפילות נאָך די שחיטות פון די יאָרן 1348—1349 ווערט שוין עסלינגען דערמאָנט. איינמאָל זאָגט זיך וועגן:

קדושי עסלינגן ובראשם הרב רב דוד...

און אַ צווייט מאָל:

יזכור אלהים הרוגי ושרופי קהילות עסלינגאן ולומדיה ויושביה...

ווען איך האָב דערהאַלטן די עסלינגער יידישע אַרכיוואַליען איז עס פּאַר דער דאָזיקער קהילה געווען אַ „יובל יאָר" — פונקט מיט 600 יאָר צוריק זענען דאָרטן פאָרגעקומען די שחיטות און שריפות פון „לומדיה ויושביה", דער 600סטער יאָר־טאָג: 1349—1949...

האָב איך געבלעטערט די 130 דאָקומענטן, וואָס האָבן אַ שייכות בעיקר צום 15טן און 16טן יאָרהונדערט און געטראַכט:

— די געשיכטע חזרט זיך איבער!

**
*

אין אַלגעמיין איז מיר געווען באַקאַנט די געשיכטע פון דער דאָזיקער אַלט־ווירטעמבערגישער קהילה; געוווּסט, אַז איר בראשיתדיקע דאַטע איז דאָס יאָר 1209; אַז אין יאָר 1241 האָט די דאָרטיקע קהילה געצאָלט דער רעגירונג אַ יערלעכן שטייער פון 30 זילבער־מאַרק.

די ווייטערדיקע מיילן־שטיינער פון דער געשיכטע פון דער דאָזיקער עדה האָבן דערציילט:

1340 — 1349 — שחיטות און שריפות;

1375 — ווידער אַ ישוב;

1490 — ווידער אַרויסגעטריבן;

1529 — 1543 — ווידער אַן אָרגאַניזירטע קהילה;

1543 — ווייטער אַרויסגעיאָגט;

אַ פּאָר הונדערט יאָר כמעט „יודענריין";

1806 — אַ נייער ישוב מיט אַ קהילה;
1807 — אַ נייער בית־עולם;
1817 — עס ווערט אויפגעבויט די סינאַגאָגע;
1831 — עס ווערט אויפגעבויט דער שפּעטער באַרימטער בית־יתומים;
איך האָב אויך געהאַט די באַפעלקערונג־סטאַטיסטיק פון דער עסלינגער קהילה:
1828 — 96 נפשות; 1831 — 101 נפשות; 1925 — 142 נפשות.
אין ערשטן היטלער־יאָר — 1933 — 128 נפשות מיט אַ צענדליק אינס־טיטוציעס;
1942 — קיין איין ייד;
אין דעם „יובל־יאָר" נאָך די שחיטות פון 1349 — אַ 200 יידישע פּליטים, יוגנטלעכע, קיין איין ייד פון עסלינגען.
דאָס זענען געווען די טרוקענע דאַטעס, ציפערן און פאַקטן.

**
*

די געשיכטע חזרט זיך איבער...

לייען איך ווידער אַמאָל און נאָך אַמאָל דעם רעפּערטאָריום פון די אַקטן צו דער געשיכטע פון די יידן אין דער „רייכשטאַדט" עסלינגען און זאָג מיר: און אפשר זענען עס גאָרנישט קיין אַלטע, פון מיטלאַלטער דאָקומענטן? דוכט זיך, אַז דאָס האָט דאָך גאָר אַ שייכות צו אונדזער גאָר נאָענטן עבר — אפשר איז אַ טעות אין די דאַטעס — אפשר נישט 1348, נאָר 1948! אפשר מיינט עס גאָר 1949 און נישט 1549?

— ניין! די דאָקומענטן זענען אויטענטישע, אָריגינעלע פון יאָרהונדערט־טער צוריק. אמת, אַנדערש אַ ביסל קלינגט די שפּראַך, גאָרנישט די „מאָדערנע" אַמטשפּראַך — אָבער דער אינהאַלט, דער זעלבער; דער זין דער זעלביקער. עס פעלט דער הייַנטצייטיקער אונטערשריפט אויף די דאָקומענטן, דער טראַפאַרעט „הייל היטלער!", אָדער דער „גייסט" — ער איז פאַראַן...

עס חזרט זיך איבער די געשיכטע...

5טער מאַי 1528:

קאַספּער מאַרטין, דאָקטאָר, פיסקאַל, עצהט דער שטאָט עסלינגען קיין שום יידן אין דער שטאָט אַרייַנצולאָזן... דער ראַט זאָל אונטער אַ האַרבער שטראָף פאַרווערן מיט די יידן צו האַנדלען...

— ניין! דאָס זענען נישט קיין אויסצוגן פון די נירנבערגער געזעצן פון 1933, די דאַטע אויפן דאָקומענט איז 1528.

עסלינגער יידן זענען אָבער עקשנים, גיבן זיך נישט אונטער. פון זעלביקן

יאָר, 1528, איז פאַראַן אַ דאָקומענט, אונטערגעשריבן פון די ייִדן לאַזאַרוס און שמעון פון עסלינגען. די דאָזיקע ייִדן (משמעות פאָרשטייער פון קהל) בעטן מען זאָל זיין לאָזן אויפבויען אַ שול און אַ שולהויף, אין וועלכן מ׳זאָל קענען אינעװייניק אויפשטעלן אַ סוכה. אויך זאָל מען זיי דערלויבן ,אַז אין דעם „ברודער־הויז״ (דעם נישט־ייִדישן) זאָלן זיי קענען פּראַווען זייערע חתונות און איינאָרדענען טענץ. זיי װעלן צאָלן דעם אַנגענומענעם צינש. זיי ווילן אויך אַ ייִדישן ריכטער, אַזוי ווי עס איז פאַראַן אין פראַנקפורט, וואָרמס און לאַנדאַו.

אין זעלביקן יאָר, 1528, האָבן די דערמאָנטע ייִדן אָנגעגעבן אַ ווענדונג צום ראַט פון דער שטאָט עסלינגען — מ׳זאָל די ייִדן וואָס זענען פון גאָט פאַרטריבן געוואָרן נאָך דער צעשטערונג פון ירושלים און צעשפּרייט צווישן די פעלקער, געבן שוץ, ווי דאָס טוען אַנדערע הערשאַפטן און די פּויפּסטן...

דאָ איז בייגעלייגט אַן אוניקום־דאָקומענט, אַ רעגולאַמין מיט ייִדישע אותיות וועגן די רעכטן און פליכטן פון די ייִדישע איינוווינער לגבי דער שטאָטישער מאַכט און וועגן זייערע באַציונגען מיט די נישט־ייִדישע מיטבירגער.

גייט אָן אַ לאַנגער קאַמף פאַר „דולד־ און שוץ־רעכט״ פון די ייִדן אין עסלינגען. עס ווערט אַרויסגעריסן, אויסגעבעטלט — נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר. ביז... מען פאַרטרייבט זיי פון דער שטאָט.

**
*

5טער יוני 1537 :

די ייִדן לאַזאַרוס פון עסלינגען; יעקב פון מונדעלסהיים; יעקב פון גינזבורג שרייבן צום ראַט פון עסלינגען, אַז דאָס אַרויסטרייבן די ייִדן וועט זיין צום שאָדן פון דער שטאָט...

אין אַ רשימה פון דער זעלביקער דאַטע ווערן געבראַכט די נעמען פון 266 ייִדן פון עסלינגען און ווירטעמבערג וועמען די נישט־ייִדישע איינוווינער זענען שולדיק חובות. דאָס וועט אפשר העלפן אָפּשרייען די גזירה...

משמעות, אַז מ׳האָט די ייִדן פולשטענדיק נישט פאַרטריבן. דער בירגער־מייסטער זאָרגט אָבער פאַר דער „ריינקייט״ פון זיינע בירגער, די פאָלקס־געזונט.

עס דערציילט דער דאָקומענט פון 5טן יוני 1539 :

„דער בירגערמייסטער און ראַט פון עסלינגען פאַרווערט אונטער שטרענגער שטראָף אַלע בירגער (דייטשן) מאַן אָדער פרוי, יונגט אָדער אַלט, צו באַטייליקן זיך אין ייִדישע חתונות אָדער צוקוקן זיך (!) צו ייִדישע פייערונגען אָדער גאָר מיט ייִדן צו טאַנצן״.

מיט 400 יאָר שפּעטער האָט עס געהאַט אַן אַנדער נאָמען: „ראַסן־שאַנדע״...

— די געשיכטע חזרט זיך איבער...

**
*

9טער אַפּריל 1543:

עס ווערן אויפגעפאָדערט אַלע עסלינגער ייִדן זיך צו שטעלן אין ראַט אין דעם טאָג פון ניינצנטן אַפּריל 1543, כדי אויסצוהערן אַ קייסערלעכן באַפעל".

— גורלדיקער 19טער אַפּריל, מיט 400 יאָר שפּעטער פון וואַרשעווער געטאָ. וואָס פאַר אַ „קייסערלעכער באַפעל" דאָס איז געווען דערציילט נישט דער דאָקומענט. די ווייטערדיקע דאָקומענטן קלערן אָבער אויף וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט:

— גירוש, אַרויסיאָגן די ייִדן. און דאָס האָט מען זיי איבערגעגעבן אין דעם פאַטאַלן טאָג פון ניינצנטן אַפּריל...

**
*

?טער דעצעמבער 1543:

דער בירגערמייסטער און ראַט פון עסלינגען בעטן די ראַטן פון ווירטעמבערג און דעם הערצאָג אולריך, אַז זיי זאָלן אַזוי וויליק זיין דורכצולאָזן די ייִדן וואָס וועלן פאַרלאָזן עסלינגען, אַז מען זאָל „זיכערן געלייט"...

**
*

13טער דעצעמבער 1543:

דער רענטקאַמעראַמט פון שטוטגאַרט בעט עסלינגען זי זאָל מודיע זיין:

„וויפל ייִדן מיט ווייב און קינד, האָב און גוטס, וועלן עס דורכציִען דורך דאָס ווירטעמבערגישע פירשטנטום"...

**
*

16טער דעצעמבער 1543:

ערשטע רשימה פון די ייִדן וועלכע „פאַרציִען פון עסלינגען": משה וואַלד, זיין פרוי גומע, 5 קינדער: יוסף, שלמה, מאַרטאַ,ביילע און אסתר — איין וואָגן...

אהרן בלאָך, זיין פרוי רחל, צוויי קינדער: פריידל און משה...

אַ צווייטע ליסטע: 5 משפחות, אין דעם 14 קינדער...

**
*

21סטער דעצעמבער 1543:

די פאָרשטייער פון דער שטאָט עסלינגען לענהאַרט פפאַסט און מאַריץ לוטץ זענען דורכגעקומען מיט די ראַט־פאָרשטייער פון שטוטגאַרט, אַז מ'זאָל געבן „גע־לייט" די ייִדן דורכצופאָרן דורך דאָס ווירטעמבערגישע פירשטנטום. די נעמען: ברוך, שמואל, משה, אברהם, משה, אהרן בלאָך, לאַזאַרוס, דער גרויסער יאַקלין, מיט זייערע ווייבער און קינדער, האָב און גוטס. זיי וועלן פאַרלאָדן ווערן אויף־



דאָקומענט אין יידיש אין העסלינגער מלוכהשן אַרכיוו: תקנות וועגן די באַציאונגען פון די יידן און זייערע מיטבירגער אין עסלינגען. זעלטענער דאָקומענט פון 16טן יאָרהונדערט.

10 וועגענער, יעדער וואָגן געשפּאַנט מיט 4 פערד. פאַר זיכערקייט און געלייט דאַרף מען דעם הערצאָג פון ווירטעמבערג באַצאָלן 120 גולדן.

**
*

24סטער יאַנואַר 1544:

דער בירגערמייסטער און ראַט פון עסלינגען שיקט אַ ראַפּאָרט די ראַטן פון שטוטגאַרט, אַז דעם 28סטן יאַנואַר וועט אָפּגיין דער דריטער יודען־טראַנספּאָרט. די ליסטע פון די דריי יודען־טראַנספּאָרטן ווערט בייגעלייגט.

„יודענטראַנספּאָרטן" — מיט 400 יאָר שפּעטער האָבן זיי אויך אַזוי געהייסן.

יאָ, מיט 400 יאָר פריִער האָט מען געפירט מיט פערד און וועגענער — די ציוויליזאַציע, די טעכניק און דער עיקר די „קולטור" איז נאָך דאַן נישט דערגאַנגען צו אַזאַ הויכער מדרגה ווי אין דער עראַ פון דעם „דריטן רייך"...

אָבער — די געשיכטע חזרט זיך איבער...

**
*

אָט בין איך געטראָטן אויף דיינע אויסגעפּלאַסטערטע שיינע גאַסן, די אויסגעפּוצטע מיט ווייַנבערג און נעקער־ברעג, עסלינגען.

אויף די זעלביקע גאַסן זענען מיט 400 יאָר פריִער, אויף וועגענער מיט פערד געפירט געוואָרן מיינע אור־אור־עלטערן.

איבער די זעלביקע בריקן טראָגט מיך איצט דער מיליטערישער דזשיפּ...

אויף די זעלביקע באַן־רעלסן האָט מען מיט 400 יאָר שפּעטער געפירט קיין טערעזיענשטאָט די אייניקלעך פון די לאַזאַרוסעס, אברהמס, ברוכס פון 1543...

און די קינדער פון דעם „אויסגעקוילעטן פאָלק" פּראַווען היינט אַ סדר אין דעם רחבותדיקן סאַלאָן פון דעם געוועזענעם יידישן בית־יתומים אויף דער היימבערגעשטראַסע נומער 25.

עס איז היינט די סדר־נאַכט פון אַ „יובל", פון אַ שחיטה־יובל — מיט זעקס הונדערט יאָר צוריק, פּונקט צום סדר, 1349 — 1949, האָט מען אויסגעקוילעט די קהילה עסלינגאן לומדיה ויושביה...

און היינט זיצט מען און מען לייענט ווידער די הגדה — אַן אַלט־נייע הגדה:

— די געשיכטע חזרט זיך איבער...

די סדר־זיצער זענען נישט־דערברענטע שייטן, אַרויסגעקומענע פון געטאָס, וועלדער, בונקערס, לאַגערן, און:

— אברהמל ווייַנשענקער, דער פּאַרטיזאַן פון הינטער בילגאָריי, דער צוקונפטיקער שלאָסער־אינסטרוקטאָר, זינגט אויס מיט זיין אייגענעם ניגון, דער ניגון פון זיין טאַטן דעם איזשביצער חסיד:

נישט־דערבערעגטע שייטן

— בכל דור ודור, אין יעדן דור און דור וויל מען אונדז פאַרניכטן, פאַרלענדן, אויסראָטן...

כייקע פלאַטניק, די פאַליעשער מיידל פון הינטער פאַהאסט־זאַהאראדזקי, גייט עפענען די טיר — נישט דורך אין גהינום־טיר איז זי דורך — אוישוויץ האָט גע־דאַרפט זיין די לעצטע סטאַנציע. הייבט זי אויף איר אויסגעטאָטוירטע האַנט און גיט אַ פּראַל אויף די טיר, און

— שפוך חמתך רייסט זיך אַרויס פון אַ 200 יונגע נישט־דערבערענטע שייטן.

און עס האַלט שוין דער סדר ביים סוף. זינגט מען אַ נייעם „אחד מי יודע״: מען חזרט איין אַ פריש־צאַפּלדיקן, נאָר וואָס פון נאָדל אַרויס, נייעם „חד־גדיא״.

שפּעט, גאָר שפּעט האָט זיך דער ערשטער סדר פון 1949 געענדיקט אין עס־לינגען. שוין אַוועקגעפאָרן דער דזשאָינט־פאַרשטייער; שוין נישטאָ די פאַר־שטייער פון דעם אַמעריקאַנער גאַרניזאָן. דער עולם גייט זיך אָבער נישט פאַנאַנ־דער — עס איז ליל שימורים... עס שלאָפט שוין לאַנג עסלינגען, און פון דעם באַרג, ווו עס שטייט דער אַזיל פאַר די יוגנט־פליטים טראָגט זיך דער רוף:

זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג...

***

אין יענעם פסח 1949 האָב איך געמישט די בלעטער פון פאַר 400 און 500 יאָר צוריק. אין מיין גאַסט־צימערל פון עסלינגער אַזיל האָב איך געזען ווי עס האָט זיך באַגעגנט דער „קייזערלעכער באַפעל״ פון 19טן אַפּריל 1543, מיטן „פאָלק פון צווישן פאַלנדיקע ווענט״ פון 19טן אַפּריל 1943.

ביידע אַפּרילס האָבן זיך איבערגערופן...

ביידע אַפּרילס האָבן זיך אָנגעקוקט...

און איבער דעם אַלעמען האָט זיך געטראָגן אַ נישט־געהערטער רוף:

— געדענקט, די געשיכטע חזרט זיך איבער, און אויף דער וואַך שטייען די נישט־דערעבערענטע שייטן.

ב.
פּארמעטן ווארטן אויף א תיקון

בלאַט פון מחזור־כתב־יד, געשריבן אין יאָר 1272 פון שמחה בן יהודה, געפינט זיך אין דעם שטאָטישן מוזיי אין וואָרמס. ביז דער נאַצי־הערשאַפט געווען אין דער רש״י־שול אין וואָרמס. דאָס בלאַט איז פון דעם פיוט „שערי רחמים״

טויזנטער כתב־ידן מאָנען

טויזנטער, אַ סך טויזנטער פון וווּנדערבאַרע עדות פון אונדזער הערליִשער קולטור־געשיכטע זענען דורכגעגאַנגען דורך מיינע הענט אין משך פון די פּאָר יאָר פון מיין וואַנדערן איבער דייטשלאַנד. פאַרגעלטע פּאַרמעטן פון אַלטקייט פון תקופות; פּאַרמעטן צעקנייטשטע פון לאַנגער און אָפטער באַנוצונג; יריעות, וואָס זענען פון גאָטספאָרכטיקע סופרים געשריבן געוואָרן בדחילו ורחימו און פאַרפּוצטע מיט מיניאַטורן און וויניעטעס, פּאָליאַנטן דורך אַנאָנימע קינסטלער־הענט.

אין די טויזנטער זענען זיי פאַראַן די דאָזיקע קולטור־ און קונסט־אוצרות אין דייטשלאַנד. צעזייט איבער הונדערטער און הונדערטער ערטער. אין ביבליאָטעקן, אין אַרכיוון און מוזעאומס. אין טייל ערטער געפינען זיי זיך אין רחבות, „לעבן אין לוקסוס", זענען אויסגעפּוצט און ווערן אָפּגעהיט. אין אַנדערע ערטער זענען זיי פאַרמאַכט, פאַרשלאָסן, פאַרפּאַקט אין ענגער פינצטערניש ערגעץ־ווו אין אונטערערדישע קעלערן. נישט אומעטום זענען זיי אַדורך די זעלביקע גילגולים און נישט אומעטום האָבן זיי דעם זעלביקן גורל.

דעם אמת געזאָגט, בין איך געווען ממש איבערראַשט צו געפינען אַזאַ שלל פון אונדזערע געלייטערטע פּאַרמעטן. נישט איין מאָל פלעג איך בלייבן ממש בשתומם דערזעענדיק „לעבעדיק" די געזוכטע עקספּאָנאַטן.

וואָס צו זוכן האָב איך געוווּסט; געהאַט צוגעגרייט די פּרטימדיקע נאָטיצן און ידיעות וועגן די געוועזענע אין דייטשלאַנד יִדישע כתב־יד־קאָלעקציעס. אָבער ווו זאָל מען זיי געפינען? וווהין האָט זיי דער ווירבל־שטורעם פון דער צייט פאַרטראָגן? צי זענען זיי אַרויס גאַנץ פון די עמלקישע לאַפּעס? צי זענען נישט געפאַלן אַ קרבן פון דעם מלחמה־וויכער?

זענען דאָך די שטעט, ווו די דאָזיקע זאַמלונגען האָבן זיך אַמאָל געפונען — צעשטערט געוואָרן. ליגן דאָך אין חורבות בערלין און מינכען; האַמבורג און שטוטגאַרט — די ערטער ווו עס זענען אין די דאָרטיקע ביבליאָטעקן געווען גרעסערע

קאָלעקציעס פון ייִדישע מאַנוסקריפּטן. ווער וועט זיך עס זאָרגן אין דער דאָזיקער מהומה מיט „ייִדישע ענינים"?

די דאָזיקע מחשבותן זענען אָבער פאַלש. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גראָד די דאָזיקע „ייִדישע" טיילן פון די דייטשע מלוכהשע, שטאָטישע אָדער אוניווערסי־טעט־ביבליאָטעקן זענען דורך די נאַציס אָפּגעהיט געוואָרן ווי אַ שוואַרצאַפּל פון אויג. גראָד האָבן די „ייִדישע" טיילן געגאַנסן פון אַ ספּעציעלער „זאָרג".

השגחה פּרטית? מזל? — טאָ פאַרוואָס האָבן נישט געהאַט קיין מזל די לעבע־דיקע יורשים פון די דאָזיקע קולטור־אוצרות? פאַרוואָס איז אויף די יעניקע וואָס האָבן געשאַפן די דאָזיקע רייכטימער געקומען די גזירה פון פאַרלענדונג און גראָד די „טויטע" פאַרמעגן האָבן איבערגעלעבט?

דאָ זענען געווען אַ סך סיבות. די וויכטיקסטע זענען טאַקע געלעגן אין דעם תוך פון דעם היטלערישן „דריטן רייך".

אַלץ וואָס ס'איז געווען „ייִדיש" איז געשטאַנען אין נאַצישן דייטשלאַנד אונ־טער ספּעציעל־באַשטימטע אָרדענונגען. זיי האָבן געמוזט אָפּגעהיט ווערן. די „ייִדישע" טיילן פון ביבליאָטעקן, פון מוזעאומס, פון אַרכיוון זענען טאַקע „סעלעק־טירט און אויסגעשאַלטעט" געוואָרן. זיי האָבן זיך אָבער געפונען אין ספּעציעלע זיכערע ערטער. דאָס איז דאָך געווען פון די וויכטיקסטע מאַטעריאַלן פאַר דער נייער נאַצישער „וויסנשאַפט" — די ראַסן־פאָרשונג און „יודענקונטשאַפט". ווען היטלער האָט אָנגעהויבן די מלחמה, פריער מיט פּוילן, און שפּעטער זיין מאַרש אויף מזרח, איז אַרויס אַ באַפעל צו פאַרזיכערן פון מלחמה־שאָדנס די וויכטיקסטע טיילן פון די אַרכיוון, ביבליאָטעקן און מוזעאומס. באַפעל איז באַפעל. זענען טויזנטער קאַסטנס פון הונדערטער ערטער אַרויסגעפירט געוואָרן אין זיכערע פונקטן, אין פעסטונגען און אין שוין נישט־גענוצטע מינעס; אין ווייטע קלויסטערס און אין היילן פון בערג. צווישן די דאָזיקע וויכטיקסטע טיילן האָבן זיך אַזוי אַרום געפונען די „ייִדישע" סעלעקטירטע מאַטעריאַלן.

נאָך איין מאָמענט איז געווען, אַ געשעפטלעכער. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ביי דער גאַנצער פּראָפּאַגאַנדע און אַקציע אויסצוראָטן ביזן לעצטן ייִדן האָבן די נאַ־צישע בעסטיעס געוווסט, אַז דאָס וועט זיי נישט געלינגען. זייער חלום איז טאַקע געווען, אַז עס זאָל אומעטום, אויפן גאַנצן ערדקוגל, טאָטאַל אויסגעראָטן ווערן יעדער ייִדישער נפש. אין דער פּראַקטיק האָבן זיי זיך גערעכנט דערמיט, אַז זייער'ע לאַפּעס וועלן נישט דערגיין ביז אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט; אַז אַמעריקע, יעדנ־פאַלס, וועט נאָך האָבן אירע ייִדן. און דאָ האָט זיך צעשפּילט די געשעפטלעכע אייגנשאַפטן פון די נאַציס — מ'וועט די דאָזיקע ייִדישע יקר־המציאותן, די ייִדישע קולטור־אוצרות פאַרקויפן, טאַקע די אַמעריקאַנער ייִדן וועלן עס ביי זיי אָפּקויפן.

עס איז באַקאַנט, אַז זיי האָבן פאַרקויפט גרויסע טראַנספּאָרטן פון ספרים און ביכער, אין מיטן פון דער מלחמה, קיין לוקסעמבורג אָדער אַן אַנדער לאַנד. דער

דאָזיקער טראַנספּאָרט איז געבליבן שטעקן אין בעלגיע. איך האָב טייל פון די דאָזיקע געגזלטע ביכער געפונען אין אַנטווערפּן.

וואָס עס זאָלן נישט זיין די סיבות, דער פאַקט איז, אַז מיט גאָר קליינע אויס־נאַמען איז כמעט אָפּגעראַטעוועט געוואָרן דער ריזיקער יידישער קולטור־היסטאָ־רישער פאַרמעג וואָס עס איז געווען אין דייטשלאַנד אין דער פאָרעם פון כתב־ידן.

גאָר גרויס איז ער דער דאָזיקער אוצר. עס איז שוין וועגן דעם פאַראַן אַ גאָר גרויסע ליטעראַטור. מיט בערך זעכציק יאָר צוריק האָט איינער פון די גרעסטע און ערשטע, יידישע ביבליאָגראַפן מאָריטץ שטיינשניידער, אַרויסגעגעבן אַ וואָגיקע אַרבעט וועגן די יידישע כתב־ידן 1). דאָרטן האָבן מיר אַ גראַנדיעז בילד פון דאָס דאָזיקע קולטור־רייכטום, וואָס האָט זיך שוין דאַן געפונען אין דייטשע הענט. דער דערמאָנטער מ. שטיינשניידער און שפּעטער אויך אַנדערע, האָבן באַאַרבעט אַ ריי גרויסע זאַמלונגען, געסדרט זיי, קאַטאַלאָגירט און עס זענען אַרויס עטלעכע גרויסע קאַטאַלאָגן וועגן אַ ריי זאַמלונגען (וועגן זיי ביי די באַזונדערע ערטער) פון יידישע כתב־ידן.

ווען איך האָב באַקומען דעם אויפטראַג זיך דערוויסן וועגן די דאָזיקע טויזנטער כתב־ידן, האָב איך בכן שוין געהאַט אין אַ געוויסן זין אַ יסוד פאַר מיינע זוכונגען. עס איז אָבער געווען אַ וועגווייזער אויף אַ וועג וואָס איז צעשטערט; ווו די בריקן זענען אויפגעריסן; ווו די געביטע דאַמבעס זענען חרוב; ווו די גאַנצע „טאָפּאָ־גראַפיע" איז אַ פאַרענדערטע.

אַ ווייטערדיקע שוועריקייט אין אויסזוכן און לאָקאַליזירן די זאַמלונגען איז געווען די, וואָס מיט גאָר גרויסן פאַרבאַהאַלט האָבן די פירער פון די אינסטיטוטן געוואָלט געבן די ריכטיקע אינפאָרמאַציעס. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז מען וועט עס ביי זיי צונעמען. מען האָט געמוזט אָנקומען צו „אינטערווענצן"; מען האָט געדאַרפט אָנווענדן אַ גאָר דעליקאַטע טאַקטיק, כדי אַרויסצובאַקומען ידיעות און שפּעטער טאַקע אָנקוקן די דאָזיקע פון פייער אַרויסגעראַטעוועטע שײַטן.

עס איז מיר געגאַנגען אין דריי וויכטיקע ענינים:

א. אויסזוכן די קאָלעקציעס, איבערגעבן זייער פאַקטישן מצב פאַר דער יידי־שער וויסנשאַפטלעכער וועלט;

ב. אויפמערקזאַם מאַכן אויף ניי־געפונענע קאָלעקציעס אָדער איינצלנע כתב־ידן;

ג. אויסבעסערן ,אין דער מאָס פון מיינע מעגלעכקייטן, די פאַראַנענע טעותים

1) Vorlesungen über die Kunde hebräischer Handschriften, deren Sammlungen und Verzeichnisse.

דערשינען אין לייפּציג אין יאָר 1897. אין יאָר 1937 איז דערשינען אַ צווייטע נישט־געענדערטע אויפלאַגע אין ירושלים.

אין די בשעתם אָפּגעדרוקטע קאַטאַלאָגן אָדער פּאַרעפּנטלעכטע באַריכטן. מוסיף זיין די יעניקע פּרטים, וואָס זענען אויסגעלאָזן געוואָרן.

און אַט ווילט זיך מאַכן אַ סך־הכל פון דעם דאָזיקן געפעכט. פון די העכער 800 פּונקטן האָב איך פון דעם מין געפונען (הן קאָלעקציעס, הן איינצלשטיק) אין העכער 100 ערטער. עס פאָדערט זיך אַ באַזונדער באַנד, און טאַקע אַ גאָר דיקער, כדי פּרטימדיק איבערצוגעבן אַלע מיינע אַנטדעקונגען און באַמערקונגען. איך וועל דעריבער נאָר ראשי־פּרטימדיק איבערגעבן ידיעות וועגן אַ ריי ערטער (גייענדיק מיטן סדר פון אלף־בית) ווו עס זענען אויפגעהיט געוואָרן די דאָזיקע אוצרות.

אין 100 ערטער בערך האָב איך די זאַכן פעסטגעשטעלט. עס איז אויסן גע־בליבן דער גאַנצער מזרח־דייטשער סעקטאָר ,וואָס איז רייך געווען מיט גרויסע זאַמלונגען פון דעם מין (לייפּציג, דרעזדען, ערפורט, ראָסטאָק, גאָטהאַ, האַללע און אַנדערע). אויך איז פון אונדזערע פאָרשונגען אַרויסגענומען דער טייל געוועזענער דייטשלאַנד, וואָס געפינט זיך ביי די רוסן (קעניגסבערג למשל, היינט קאַליניגראַד) און ביי פּוילן (שטעטין, ברעסלאַו, גלאָגאַו און אַנדערע), ווו עס זענען געווען יידישע כתב־יד־זאַמלונגען. אָבער אויך אין מערב־דייטשלאַנד וויס איך פון נאָך אַן ערך 150 ערטער, ווו עס זענען פאַראַן יידישע כתב־ידן און ווו עס איז מיר נישט געלונ־גען צו זיי צוצוקומען.

אין דער ווייטערדיקער רשימה ווערן נישט אַריינגענומען די כל־המינים פּנקסים, מעמאָר־ביכער און אַנדערע כראָניק־ביכער פון די קהילות. וועגן זיי דער־צייל איך אויף אַן אַנדער אָרט. דאָס גלייכן גיב איך אָפּ אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַר די „צעפליקטע יריעות" — די פאַרשידענע כתב־יד־פראַגמענטן, וואָס זענען אַדורך אַן אַנדער וועג, אַ יסורים־וועג.

הכלל מיר גייען כסדר:

אַנסבאַך:

אין דער דאָרטיקער רעגירונג־ביבליאָטעק געפינט זיך אַ קאָלעקציע יודאַיקאַ, וואָס שטאַמט פון אַ „קאָנפיסקאַציע" וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן ביי אַ רב פרענקל אין אָנהייב פון 18טן י״ה. צווישן דער קאָלעקציע האָב איך געפונען צוויי כתב־ידן: איינער אַ חיבור אויף יבמות, דער צווייטער אויף נדרים. ביז איצט זענען די דאָזיקע קאָדעקסן דורך קיינעם נישט דערמאָנט געוואָרן.

באַמבערג (בייערן):

חוץ די פאַרמעט־שטיקער, וואָס זענען פאַרנוצט געוואָרן ווי איינבאַנד־מאַ־טעריאַל געפינט זיך אין דער מלוכהשער ביבליאָטעק אַ קינסטלעריש געצייכנטע מגילה (קאַטאַלאָג פון די האַנטשריפטן, נומער 21). זי זאָל שטאַמען פון אומגעפער 16טן יאָרהונדערט. זי איז אַנדערש פון די אַנדערע אילוסטרירטע מגילות דערמיט,

וואָס ביי יעדער צייכענונג ווערט צוגעגעבן (אין העברעיִש) די באַדייטונג פון דער דאָזיקער אילוסטראַציע. וועגן דער מגילה איז ביז היינט נישט באַוווּסט געוועזן.

אין דער זעלבער ביבליאָטעק געפינען זיך עטלעכע צענדליק כתב־ידן אין דייטש און לאַטיין, וואָס האָבן אַ שייכות צו ייִדן.

בערלין:

אין דער פּרייסישער מלוכה־ביבליאָטעק זענען געווען ביז 330 העברעיִשע און ייִדישע כתב־ידן און 40 אינקונאַבעלן. די דאָזיקע קאָלעקציע, איינע פון די גרעסטע און רייכסטע, איז שוין בשעתו באַשריבן געוואָרן דורך מ. שטיינשניידער (2) און שפּעטער דורך אַנדערע דערגאַנצט געוואָרן. די דאָזיקע קאָלעקציע איז צוזאַמען מיט דער גאַנצער ביבליאָטעק איצט אַריבערגעפירט געוואָרן קיין מאַרבורג אין מערב־דייטשלאַנד און זי הייסט טאַקע „וועסט־דויטשע ביבליאָטעק". אַלע כתב־ידן זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. נאָך אַ באַשטימונג פון דער ביבליאָטעק־לייטונג איז דער איצטיקער פּלאַץ אַ צייטווייליקער. צוויי־דריטל פון די דאָזיקע כתב־ידן געפינען זיך אין מאַרבורג, און דאָס איבעריקע אין דעם אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין טיבינגען.

געטינגען:

די אָרטיקע אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק איז איינע פון די רייכסטע אין יודאַיִקאַ און העבראַיִקאַ. אין משך פון די יאָרהונדערטער איז זי כסדר באַרייכערט געוואָרן, הן פון קניות, הן פון געשאַנקען. די האַנטשריפטן־אָפּטיילונג פאַרמאָגט אַ גאַר אַנזעעוודיקע קאָלעקציע מיט אונדזערע כתב־ידן. די דאָזיקע זאַמלונג איז פאַרצייכנט אין דעם 3־בענדיקן קאַטאַלאָג פון דער ביבליאָטעק. וועגן צוויי מחזור־האַנטשריפטן איז שוין אין יאָר 1884 אָנגעשריבן געוואָרן אַן אויספירלעכע שטודיע. איך האָב אָבער דאָרטן אַנטדעקט אַ ריי כתב־ידן, וואָס זענען נישט געווען ביז איצט באַקאַנט. אויך האָב איך געקענט פעסטשטעלן אין אַ ריי פאַלן פעלערן אין דעם דערמאָנטן קאַטאַלאָג.

פון די נישט־אויסגערעכנטע אין קאַטאַלאָג וועל איך נאָר דערמאָנען צוויי ייִדישע כתב־ידן. איינער איז אַ חיבור אונטערן נאָמען „באר שבע". דער דאָזיקער בוך איז געשריבן געוואָרן אין תק"ג 1742 אין מעץ. ער איז אין זיבן טיילן און יעדער טייל איז אויף אַ נאָמען פון אַ פּרוי (משמעות 7 טעכטער). אין דער ביבליאָטעק זענען דאָ נאָר 3 טיילן: דער 5טער וואָס הייסט „באר שרה", דער זעקסטער — „באר רחל" און דער 7טער — „טאָר יוטאָ".

אַ וויכטערדיקער ייִדישער כתב־יד איז די געשיכטע פון יעזוסעס געבורט

2) Verzeichnis der Hebraeischen Handschriften von Moritz Steinschneider. Mit 3 Tafeln. (Die Handschriften-Verzeichnisse der Königlichen Bibliothek zu Berlin). Berlin, 1878-97.



טיטלבלאַט פון 7טן טייל פון דעם כתב־יד פון יידישן ספר „באר שבע״, וואָס געפינט זיך אין געטינגער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק. דער דאָזיקער טייל הייסט „טאר יוטאַ״. עס איז די זייט קנ״ה — 155 פון אַלגעמיינעם כתב־יד

(אַן אַנטיקריסטלעכע ווערסיע). דער דאָזיקער קאָדעקס איז געשריבן אין פּלאָצק, פּוילן. ער האָט געהערט צום פּראָפעסאָר פון סעמיטיק אין דער אוניווערזיטעט, מאַרק לידזבאַרסקי (אַן אָפּשטאַמיקער פון פּלאָצק?).

אויף איין קאָדעקס פון די פאַרצייכנטע אין קאַטאַלאָג כתב־ידן וויל איך זיך דאָ אָפּשטעלן. דאָס איז דער סידור, וואָס איז פאַרצייכנט אין דעם אוניווער־סיטעט־קאַטאַלאָג מיטן נומער: העבראַיקאַ 6 (אָריענטאַליאַ 10).

דער דאָזיקער „סידור" איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע וואָס מיר קאָנען — עס איז צווישן „סידור" און „מחזור".

אין אַלגעמיין האָט ער 197 פּאַרמעט־בלעטער און פון גאַר אַ קליינעם פאָרמאַט (13½ אויף 9½), אין פאַרגלייך מיט אַנדערע ליטורגישע כתב־ידן וואָס געפינען זיך אין פאַרשידענע זאַמלונגען.

דער צווייטער דף פון דאָזיקן „סידור" הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„אלו מאה ברכות שחייב אדם לומר בכל יום מובטח לו שהוא בן העולם הבא".

דער סדר פון די תפילות איז אַזאַ: וואָכעדיקער דאַוונען, נאָכדעם שבת־די־קער דאַוונען; ווייטער „סדר ראש־חדש"; נאָך דעם „ענין חנוכה"; נאָך חנוכה קומט „תפלת של פסח", וווּ עס זענען אַריינגעמישט אויך סוכות — פּיוטים. שפּעטער קומען „סדר תפלת שבועות", לסוף — די ימים־נוראים־יוצרות.

אויף בלאַט 197 איז מיט גאַר קליינעם כתב פאַראַן די דאַטע:

„השלמתי זה הסידור בחדש טבת יום י"א בשנת ר'ל'ח".

וואָס מיינט אין יאָר 1478.

דער וואָס האָט צונויפגעשטעלט דעם געדרוקטן קאַטאַלאָג האָט אָבער שלעכט איבערגעלייענט די דאַטע. אַנשטאָט רלח האָט ער געלייענט ולת און אויסגערעכנט, אַז דער דאָזיקער סידור איז פון יאָר 1676. אַ טעות אין קרוב 200 יאָר.

משמעות, אַז דער וואָס האָט געמאַכט דעם קאַטאַלאָג איז נישט געווען קיין ייִד. ווער עס קען נאָר דעם אופן פון שרייבן די ייִדישע דאַטעס וועט גלייך פילן, אַז דער ול"ת איז עפּעס נישט אויפן אָרט.

אָבער נישט נאָר צוליב דעם האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויפן דאָזיקן כתב־יד. נאָכן גוט באַטראַכטן אים האָב איך דאָרטן געפונען אַ היפּש ביסל קוריאָזן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז דורכגעגאַנגען אַ צענזור, ער איז דורך אַן אומ־באַקאַנטע האַנט „קאָריגירט" געוואָרן. אַ פּאָר פון די דאָזיקע אויסבעסרונגען וויל איך דאָ טאַקע ברענגען.

אין טייל תפילות האָט דער דאָזיקער „צענזאָר" אַרויסגעוואָרפן, דאָס הייסט פּשוט אויסגעקראַצט גאַנצע שטיקער, שורות אָדער ווערטער.

אין טייל ערטער האָט ער אויסגעקראַצט דעם פּריערדיקן טעקסט און אַריינגעשריבן אַנדערע ווערטער. אַזוי האָט ער אין דער ברכה „שלא עשני גוי" געענדערט מיטן אַריינשרייבן אויפן אויסגעקראַצטן זאַץ די ווערטער „שעשני ישראל". אין שמונה־עשרה האָט ער אַרויסגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער פון דער ברכה „ולמלשינים על תהי תקווה". אין „ובא לציון" האָט ער אין דעם אָפּזאַץ „ברוך הוא אלוהנו שבראנו לכבודו..." אַרויסגעוואָרפן די „געפערלעכע" ווערטער „והבדילנו מן התועים". אין „ישמח משה" האָט ער אין פּסוק „וגם במנוחתו לא ישכנו ערלים" דאָסט וואָרט „ערלים" פאַרביטן מיט „רשעים". אויך אין דעם „עלינו לשבח" האָט ער אַדורכגעפירט אַן אָפּעראַציע — אויסגעקראַצט דעם סוף נאָך די ווערטער „ככל המונם".

אָבער נישט נאָר צוליב דער פאַלש־אויסגעטייטשטער דאַטע און צוליב די „צענזור" פאַרדינט דער דאָזיקער קאָדעקס אַ געהעריקן אויפמערק — איך האָב דאָ געטראָפן, אַז די תפילה „כל נדרי", וואָס איז אומעטום אין אַראַמיש, איז גאָר אין דעם דאָזיקן געטינגער סידור אין העברעיש — אַ זעלטענער פאַל.

רעדנדיק וועגן דער דאָזיקער געטינגער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק דאַרף מען אויך דערמאָנען, אַז אויסער די דאָזיקע יידישע כתב־ידן געפינען זיך אין דער קאָלעקציע פון דעם עזבון פון באַקאַנטן העברעיסט און טעאָלאָג מיכאַעליס אַ סך פראַגמענטן פון העברעישע כתב־ידן און אַ גאָר גרויסע קאָרעספּאָנדענץ וועגן מאַנוסקריפּטן וואָס געפינען זיך אין אַנדערע ביבליאָטעק (וואָלפנביטעל, העלמשטעדט, שאַפהויזען).

דאָנאַוּעשינגען:

אין דעם דאָזיקן מאַלערישן אָרט אין שוואַרצוואַלד געפינט זיך די רעזידענץ פון דעם פירשטלעכן שטאַם פירשטענבערג. דאָ איז פאַראַן די גאָר פיינע און באַרימטע האָף־ביבליאָטעק פון דער דאָזיקער פירשטן־משפחה. אין דער דאָזיקער ביבליאָטעק געפינען זיך 5 כתב־ידן וואָס האָבן אַ שייכות צו יידן. זיי באַהאַנדלען ענינים פון יידישער געשיכטע, לעבנסשטייגער און שטאַמען פון 13טן, 14טן און 17טן יאָרהונדערט. איינער, למשל (קאַטאַלאָג נומער 722/22) איז „דערציילונגען וועגן יידן־געשפּענסטער און טייוול־געשיכטעס", געשריבן אין יאָר 1636 אין ליבעק, אין לאַטיין.

דאַרמשטאַט (העסען).

וועגן דאַרמשטאַט איז אין דער וועלט בעיקר באַקאַנט די „דאַרמשטאַטער הגדה", וועגן וואָס איך דערצייל באַזונדער. איך האָב אָבער דאָרטן געפונען ממש אַ ריזיקן אוצר. אַ פּאָר צענדליק העברעישע כתב־ידן. ליטורגיע (אַלטע מחזורים, קינסטלעך אויסגעפּאַרטיקט); תנ"ך־קאָדעקסן; פירושים. עס איז אויך דאָרטן פאַראַן איינע פון די עלטסטע כראָניקעס וועגן די קרייצצוגן־שחיטות.



בלאַט פון מחזור־כתב־יד פון יאָר 1348, געשריבן אין האַממעלבורג
געפינט זיך אין דער לאַנדעס־ביבליאָטעק אין דאַרמשטאַט.

האַמבורג:

אין דער מלוכהשער און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק זענען פֿאַראַן צוויי גרויסע זאַמלונגען פון העברעיִשע און יידישע כתב־ידן. איינע (355 שטיק) איז באַשריבן געוואָרן פון מאָריץ שטיינשניידערן 3) און די צווייטע, אַ קאָלעקציע פון חיים בן ברוך הלוי (168 פאַרשידענע כתב־ידן) וואָס פון איר איז אויך פאַראַן אַ קאַטאַלאָג: „מקדש מעט", האַמבורג תר"ס.

ביידע קאָלעקציעס זענען אָפּגעראַטעוועט. געפינען זיך אין פאַרזיכערטע קעלערן פון דער דאָזיקער ביבליאָטעק אין דער מאָאָדווידענשטראַסע 40.

אינטערעסאַנט צוצוגעבן, אַז די 1300 נישט־יידישע מאַנוסקריפּטן וואָס די דאָזיקע ביבליאָטעק האָט פאַרמאָגט פאַר דער מלחמה זענען אַלע פאַרלוירן געגאַנגען.

צווישן די דאָזיקע העכער 500 כתב־ידן זענען דאָ ביז 30 יידישע. דער ייוואָ פון ניו־יאָרק האָט זיך געניטיקט אין קאָפּיעס פון די דאָזיקע מאַנוסקריפּטן, וואָס זענען גאָר וויכטיקע מקורים צו דער פאָרשונג פון יידיש (צווישן אַנדערע זענען עס אַלט־יידישע טעקסטן, פון 16טן און 17טן יאָרהונדערט, צווישן זיי דער באַרימטער „קעניג־אַרטורס האָף"). פון די דאָזיקע יידיש־מאַנוסקריפּטן זענען דורך מיר אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן פילמען. בסך־הכל 28 פילמען מיט קרוב פיר טויזנט אויפנאַמעס.

זאָל דערביי דערמאָנט ווערן, אַז די פאַרבונדענע דערמיט הוצאות האָט געדעקט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן אין דער בריטישער זאָנע, אונטער דער פאַרזיץ פון יוסף ראָזענזאַפט.

האַנאָווער:

אין דער נידערזאַקסישער לאַנדעס־ביבליאָטעק האָב איך געפונען צוויי קבלה כתב־ידן פון 17טן יאָרהונדערט. בעת מיינע עטלעכע באַזוכן האָט מען אָבער נישט געקענט געפינען די באַרימטע אילוסטרירטע מגילה וואָס איז דאָרטן געווען.

וואָלפנביטל (נידערזאַקסן):

אין דער דאָרטיקער הערצאָג־אויגוסט־ביבליאָטעק זענען אָפּגעהיט געוואָרן די 13 העברעיִשע כתב־ידן, וואָס זענען פאַראַן אין דעם געדרוקטן האַנטשריפטן־קאַטאַלאָג 4).

---

3) Catalog der hebraeischen Handschriften in der Stadtbibliothek zu Hamburg und der sich auschlissenden in anderen Sprachen. Von Moritz *Steinschneider*. Hamburg, 1878.

4) *O. von Heineman*. Die Handschriften der herzoglichen Bibliothek zu Wolfenbuettel (1884-1903).



זייט 83 ב. פון דעם יידישן כתב־יד „מעשה־בוך”, וואָס געפינט זיך אין מינכענער מלוכהשער ביבליאָטעק (קאַטאַלאָג נומער 100). די אילוסטראַציע אויבן שטעלט פאָר אל־הו הנביאן וועלכער אַקערט און האַלט אַ ספר אויפן אַקעראייזן. אַ פאָטאָקאָפּיע פון גאַנצן קאָדעקס געפינט זיך אין דעם ייוואָ פון נאָרד־אַמעריקע.

חוץ לזה האָב איך אין דעם דאָרטיקן מלוכהשן מוזיי געפונען אַ מגילת אסתר און דריי העפטן פאַרשריבענע פּרעדיקטן. דער דירעקטאָר פון דעם מוזיי האָט מיר דערקלערט, אַז די דאָזיקע זאַכן זענען געפונען געוואָרן אין הויז פון דעם ראַבינער נאָך דעם פּאָגראָם פון דער „קרישטאַל־נאַכט", נאָוועמבער 1938. דאָן איז אויך די דאָרטיקן סינאַגאָגע פאַרברענט געוואָרן.



לעצטע זייט פון דעם יידישן כתב־יד פון קיניג אַרטור, וואָס געפינט זיך אין דער האַמבורגער מלוכהשער ביבליאָטעק (קאַטאַלאָג נומער 255).

וואָרמס:

אין דער דאָזיקער אַלטער קהילה פון שו״ם, די רש״י־שטאָט, זענען אין דעם אָרטיקן מוזעאום, צווישן אַנדערע אָפּגעראַטעוועטע שיריים, פאַראַן די צוויי פּאַרמעטענע מחזורים פון יאָר 1272, וועלכע האָבן זיך ביז דעם יאָר 1938, געפונען אין דעם רש״י־בית־מדרש. וועגן אַנדערע נישט־דערברענטע שייטן פון וואָרמס קומט מיר אויס צו דערציילן אין ווייטערע קאַפּיטלען.

זייט פון דעם מחזור־כתב־יד פון יאָר 1272, וואָס געפינט זיך אין וואָרמסער שטאָטישן מוזיי. ביז דער נאַצישער הערשאַפט געווען אין דער וואָרמסער רש״י־שול.

טיבינגען:

איך האָב שוין פריִער (ביי בערלין), דערמאָנט, אַז דאָ, אין דער אוניווער־סיטעט־ביבליאָטעק געפינט זיך אַ גרויסער טייל פון די כתב־ידן פון דער גע־וועזענער פרייסישער מלוכה־ביבליאָטעק. חוץ לזה זענען דאָ פאַראַן אַ ריי פּראַג־מענטן פון כתב־ידן און איינער פון די שענסטע מורה־נבוכים־קאָדעקסן. וועגן דאָזיקן כתב־יד דערצייל איך שפּעטער באריכות.

מינכען:

די גרויסע קאָלעקציע פון כתב־ידן פון דער מינכענער מלוכהשער ביבליאָ־טעק, 418 קאָדעקסן, וועגן וועלכע מאָריץ שטיינשניידער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ קאַטאַלאָג 5) איז פולשטענדיק גאַנץ. די דאָזיקע קאָלעקציע איז באַרימט דורך דעם תלמוד כתב־יד וואָס געפינט זיך דאָרטן און אַ סעריע פון יידיש־דייטשע טעקסטן.

די דאָזיקע כתב־ידן זענען געוואָרן אַן אָביעקט פון שטודיעס. אַזוי געפינען מיר ביי מאַקס עריקן אין זיין בוך „וועגן אַלטיידישן ראָמאַן און נאָוועלע"" (1926) קאַפּיטלען וועגן דעם מינכענער כתב־יד נומער 100. דאָרטן זענען צווישן אַנדערע פאַראַן די „מעשה בריעה וזימרה"; אַ „מעשה־בוך"· „די זיבן וויזן מייִנשטער"; עריק ברענגט גאַנצע קאַפּיטלען פון די דאָזיקע טעקסטן. אויסער דעם ציטירט ער דעם קאָדעקס נומער 355 („בוך דער אַלטן וויזן" און דעם קאָדעקס נומער 347 „בן המלך והנזיר"), אין זעלבן קאָדעקס איז אויך פאַראַן אַ יידיש־דייטשע אסתר־פאַרפראַזע.

אין דעם „לאַנדוי־בוך" (פילאָלאָגישע שריפטן פון ייִוואָ, באַנד 1, ווילנע 1926) איז פאַראַן פּראָפעסאָר וו. שטערקס שטודיע „אויס די אַלט־יידישע אוצרות פון דער מינכענער מלוכהשער ביבליאָטעק"", ווו ער באַשעפטיקט זיך מיט די דערמאָנטע יידיש־דייטשע קאָדעקסן.

די דאָזיקע כתב־ידן זענען פון די וויכטיקסטע מקורים פאַר דער ייִדיש־פאָרשונג און פון די מינכענער פינף קאָדעקסן זענען דורך מיר געמאַכט געוואָרן פאָטאָ־קאָפּיעס און זיי געפינען זיך אין דער ייִוואָ־ביבליאָטעק אין ניו־יאָרק.

מעטען (בייערן):

אין דעם קלויסטער פון די „באָרוועסע" ברידער אין מעטען איז פאַראַן איינע פון די מערקווירדיקסטע ביבליאָטעקן וואָס איך האָב געטראָפן. דער רוב איז טאַקע דאָ טעאָלאָגיש־פילאָזאָפישע ווערק. דער קלויסטער האָט אויך אַ העב־

---

5) Die hebraeischen Handschriften der K. Hof, und Staatsbibliothek in Muenchen. Beschriben von Moritz *Steinschneider*. Muenchen 1875.

אין יאָר 1895 איז אין מינכען דערשינען אַ צווייטע אויסגעבעסערטע און פאַר־גרעסערטע אויפלאַגע פון דעם דאָזיקן קאַטאַלאָג.

ראַיקאַ־אָפּטיילונג. צווישן די מאַנוסקריפּטן געפינט זיך אַ ספר־תורה, אין זייער קליינעם פאָרמאַט (ווי דער „ברודער"־ביבליאָטעקאַר האָט מיר איבערגעגעבן, האָט עס דער קלויסטער באַקומען צוגעשיקט פון דעם וואַטיקאַן) און אַ הפטורות־זאַמלונג, אויף עץ־החיימס. צווישן אַ גאַר גרויסע זאַמלונג פון כתב־ידן־פראַג־מענטן איז אויך פאַראַן איינער מיט אַ ווידוי־טעקסט.

מעמינגען:

אין דער דאָרטיקער שטאָטישער ביבליאָטעק האָב איך געפונען צוויי כתב־ידן פון דעם עין־יעקב. נישטאָ קיין יאָר, אָרט און נאָמען פון ספר. אין דער ביב־ליאָטעק זענען זיי שוין העכער 100 יאָר, געקומען פון אַ פירשטלעכער ביבליאָטעק.

נירנבערג:

וועגן דעם „נירנבערגער מחזור" דערצייל איך ווייטער באַזונדער. ער איז געווען אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק ביז ער איז דעראָבערט געוואָרן פון זלמן שאָקען.

אין דעם גערמאַנישן מוזיי זענען פאַראַןביידע נירנבערגער הגדות. איך האָב אָבער דאָרטן געפונען אַ מעמאָר־בוך (נישט געקענט פעסטשטעלן פון וועל־כער קהילה) און גאָר באַזונדער לוינט זיך אָפּצושטעלן אויף אַ תפילות־כתב־יד, אַ מין „סידור" אָבער נישט פון די נוסחאות וואָס זענען אונדז באַקאַנט. באַזונ־דער איז דאָס, וואָס די תפילות זענען אילוסטרירט. יעדע ברכה, יעדער מנהג איז דאָ באַגלייט מיט אַ געהעריקער צייכענונג. דער דאָזיקער קאָדעקס איז, ווי איך ווייס, אין ערגעץ נישט פאַרצייכנט. דער כתב־יד ווערט פאַרענדיקט מיט די ווייטערדיקע שורות:

„חזק ונתחזק הסופר לא ינזק. תם ונשלם תהילה לבורא עולם שיסעיני להתחיל ולסים למלך אל חי וקים לנ׳מו לברכה וגמר זאת הצלחה ביום ב׳ כ״ו כסלו שנת ש״ן לפ״ק".

אני אליעזר בן הקדוש רב מרדכי זצ״ל הי״ד (השם ינקום דמו).

דער דאָזיקער תפילות־בוך איז פון אליעזר דעם זון פון מאַרטירער מרדכי, געשריבן געוואָרן אין יאָר 1589, דעם 4טן דעצעמבער לזכר משה־אברהם, דעם זון פון שמעון גינזבורג.

חוץ דעם געפינען זיך זייער אַ סך העברעיִשע פראַגמענטן אין דער פיל־יאַלע פון דעם בייערישן מלוכה־אַרכיוו אין נירנבערג, אין דער אָפּטיילונג: „אַנסבאַך־היסטאָריקאַ". דאָס זענען אַ ריי רבנישע זאַמל־אַקטן פון 17טן יאָרהונ־דערט; פּריוואַטע בריוו; רבנישע שאלות ותשובות וועגן סיכסוכים, פּסקים וכדומה.

ערלאַנגען:

אין דער דאָרטיקער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק געפינען זיך אַלע 18 כתב־ידן וואָס זענען פאַרצייכנט אין דעם געדרוקטן האַנטשריפטן־קאַטאַלאָג פון י. ק.

אירמישער (1852). איך האָב אָבער פעסטגעשטעלט אַ ריי נישט־פּינקטלעכקייטן אין דאָזיקן קאַטאַלאָג און אויך, אַז עס זענען צוגעקומען אַ סעריע נייע כתב־ידן.

דער קאַטאַלאָג־נומער 6, למשל, איז אַ קליין זייער פיינער עומר־בענטשערל, געבונדן אין רויטן סאַפיאַן און אין אַ פוטעראַל. דער צוזאַמענשטעלער פון דעם קאַטאַלאָג האָט נישט באַמערקט, אַז אין דער וויניעטע פון דעם שער־בלעטל איז איינמאַנטירט „נגמר יום ב׳ (?) תקמ״ה" (1785). עס איז אויך נישט באַמערקט געוואָרן, אַז דער דאָזיקער אָריגינעלער עומר־בענטשערל האָט יידישע אויפקלער־רונגען.

דער עומר־בענטשערל פון יאָר תקמ״ה (1785) פון געטינגער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק (קאַטאַלאָג העבראַיקאַ, נומער 6)

דער נומער 13 איז אַ געצייכנטע הגדה פון יאָר 1747. אין קאַטאַלאָג ווערט נישט אָנגעגעבן, אַז אַ סך טיילן זענען אין יידיש.

חוץ די 18 אויסגערעכנטע כתב־ידן פון אירמישעס קאַטאַלאָג זענען נאָך אין דער דאָרטיקער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק פאַראַן אַ ריי מיט ליטורגישע כתב־ידן, מחזורים, אַ ספר־תורה (נישט פולשטענדיק), אַ הפטורות־זאַמלונג אויף עץ־החיימס; מגילות.

פאַפענהיים:

אין גראַפישן פאָן־פאַפענהיימישן אַרכיוו געפינען זיך 2 אַקטן־זאַמלונגען מיט יידישע כתב־ידן. פראַגמענטן פון חידושים אויף תנ״ך און תלמוד; דרשות פון די רבנים אין פאַפענהיים; אַ גרויסע קאָלעקציע פריוואַטע בריוו פון 17טן און 18טן יאָרהונדערט, טייל אויך אין יידיש.

פולדא:

אין דער דאָרטיקער לאַנדעס־ביבליאָטעק זענען פאַראַן 18 כתב־ידן. פון זיי האָט דער ראַבינער ד״ר מאַגנוס וויינבערג צוזאַמענגעשטעלט אַ קאַטאַלאָג. די דאָזיקע כתב־ידן זענען אַלע פאַראַן. ביים נאָכפאָרשן זיי האָב איך פעסטגעשטעלט

אַז ד״ר ווײַנבערג האָט נישט באַמערקט (אָדער דורכגעלאָזן) אַ פּאָר וויכטיקע פּרטים ביי אַ טייל פון די כתב־ידן 6).

אין כתב־יד נומער 7 „סוד ה׳״ אַ האַנט־בוך פאַר מוהלים איז ביי ווײַנבערגן נישטאָ, אַז די מוהל־רעצעפּטן זענען אין ייִדיש.

אין דער האַנטשריפט נומער 11 איז ביי ווײַנבערגן נישט אָנגעגעבן, אַז אויף די זײַטן 48—55 זענען אַ ריי רפואות און חולאתן פאַרטייטשט אין ייִדיש. אין זעלביקן כתב־יד פון זײַט 92 און ביזן סוף, פאַרטייטשט דער מחבר אַ ריי אַסטראָלאָגישע און אַסטראָנאָמישע טערמינען אין ייִדיש. דער מחבר הייבט דאָ טאַקע אָן מיט די ווערטער:

„ואתחיל לכתוב בלשון אשכנז שבעה כוכבי לכת״.

פראַנקפורט אַם מיין:

די געוועזענע אין דער מלוכהשער און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק קאָלעקציע פון העברעיִשע און ייִדישע כתב־ידן (400, חוץ אַ צען טויזנט גניזה־פראַגמענטן) איז פולשטענדיק אָפּגעראַטעוועט געוואָרן.

פאָמערספעלדען:

דער דאָזיקער מקום איז די רעזידענץ פון דעם גראַף פאָן שענבראָן. געזוכט האָב איך אין דאָרטיקן אַרכיוו עפּעס אַנדערש, אָבער אָנגעטראָפן האָב איך אויף 2 וווּנדערבאַרע מגילות. איינע פון 13טן יאָרהונדערט, די צווייטע פון 17טן. די צווייטע איז וווּנדערלעך מיט אירע צייכענונגען פון פאַרביקע בלומען־אָרנאַמענטן.

כאַראַקטעריסטיש איז דאָ אַ זעלטנהייט וואָס עס האָט דאָ אָנגעווענדט דער סופר. ווי באַוווּסט איז אין דער גאַנצער מגילה נישטאָ דערמאָנט גאָטס נאָמען. אָבער די בעלי־הסוד האָבן שוין אויסגעפונען פאַרשיידענע „שמות״ אין די ראשי־תיבות און סופי־תיבות. דער סופר האָט טאַקע גענומען די דאָזיקע ערטער און די געגעבענע ווערטער אויסגעטיילט מיט אַ ספּעציעלן גרעסערן שריפט.

אָט האָבן מיר אַ ריי ביישפּילן:

אָט איז דער פּסוק:

„ונשמע פתגם המלך אשר יעשה בכל מלכותו כי רבה היא וכל הנשים יתנו יקר לבעליהם״.

הכלל אין דעם היא וכל הנשים יתנו״ האָט ער געפונען דעם שם הו״יה.

אַ צווייטער פּסוק:

„ותאמר אסתר אם על המלך טוב יבוא המלך והמן היום אל המשתה״ ווידער האָבן מיר דאָ דעם שם הוי״ה אין די ראשי־תיבות פון „יבוא המלך והמן היום״

6) Die hebraeischen Handschriften der Landesbibliothek Fulda. Von *M. Weinberg*. (Jn: Jahrbuch der Jüdisch-Literatur Geselschaft, 1929).

נישט נאָר אין די ראשי־תיבות, אויך אין סופי־תיבות האָט ער די „שמות" אויסגעצייכנט, למשל:

„וגם מחר אני קרוא לה עם המלך וכל זה איננו שוה לי" בכל עת אשר אני רואה את מרדכי היהודי".

אין די סופי־תיבות פון „זה איננו שוה לי" איז פֿאַראַן אויף צוריק דער שם הוי"ה.

און אָט האָט איר אַ סופי־תיבות ווו מען קען אַהין און צוריק אַרויסלייענען אַ „שם":

„ויאמר המלך אחשורוש ויאמר לאסתר המלכה מי הוא זה ואי זה הוא". הין און צוריק לייענט זיך אהיה.

און נאָך אַמאָל דער שם הוי"ה אין סופי־תיבות:

„והמן עמד לבקש על נפשו מאסתר המלכה כי ראה כי כלתה אליו הרעה מאת המלך".

די סופי־תיבות פון „כי כלתה אליו הרעה" — איז דער שם הוי"ה.

אין זעלביקן אַרכיוו איז אויך פֿאַראַן אין כתב־יד אַ פֿראַגמענט פון זכריה.

קאַסעל:

עס זענען אָפּגעהיט געוואָרן די צוויי תנ"ך־כתב־ידן וועלכע עס באַשרייבט לעאָפּאָלד צונץ אין זיינע שריפֿטן. די דאָזיקע קאָדעקסן געפינען זיך איצט בתורת פיקדון אין מלוכהשן אַרכיוו אין מאַרבורג. אגב, איז איינער פון די דאָזיקע גאָר אַלטע פּאַרמעט־כתב־ידן דורך באַרבאַרישע הענט דורכגעשטאָכן מיט אַ שאַרפֿע זאַך פון טאָוול ביז טאָוול — עטלעכע הונדערט פּאַרמעט־זייטן זענען אַזוי גע־שענדעט געוואָרן.

קאַרלסרוהע:

אין דער דאָרטיקער באַדישער לאַנדעסביבליאָטעק זענען אָפּגעהיט געוואָרן די 18 העברעיִשע כתב־ידן, וואָס שטאַמען פון דער באַרימטער יאָהאַן רויכלין־קאָלעקציע. די דאָזיקע זעלטענע קאָלעקציע איז שוין באַשריבן געוואָרן דורך ס. באַער און ס. לאַנדאַוער. צווישן די דאָזיקע כתב־ידן געפינען זיך צוויי יידיש־גלאָסאַרן פון תנ"ך. איינער פון יאָר 1394, דער צווייטער פון 1410. די דאָזיקע יידישע תנ"ך־איבערזעצונגען זענען פון די גאָר פּריִעסטע יידיש־דאָקומענטן. פֿאַר דעם יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט — ייִוואָ אין ניו־יאָרק זענען דורך מיר אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן מיקראָפילמען פון דריי קאָדעקסן: נומער 8 — 194 זייטן; נומער 9 — 373 זייטן; נומער 13 — 485 זייטן — צוזאַמען 1052 זייטן.

דער דאָזיקער אוצר דערמעגלעכט איצט נישט איין וויסנשאַפֿטלער אין זיין פֿאָרשונג.

רעגנסבורג :

אין דעם שטאַטישן אַרכיוו איז פֿאַראַן אַ תנ״ך־כתב־יד, וואָס איז דורך קײנעם נישט פֿאַרצײכנט געוואָרן. ער איז פֿון 16טן יאָרהונדערט. די לעצטע בלע־טער גאָר אַלטע, ווײַזט אויס, אַז ער איז שטאַרק גענוצט געוואָרן, ווײַל זעקס מאָל האָט מען צוגעשריבן די ערשטע בלעטער — ער באַשטײט פֿון 6 פֿאַרשידענע האַנטשריפֿטן.

שטוטגאַרט :

געוווּסט האָב איך וועגן 1 תנ״ך כתב־יד וואָס עס האָט אין יאָר 1775 באַ־שריבן דער קריסטלעכער העברעיִסט שעללינג. דעם דאָזיקן קאָדעקס האָב איך געפֿונען אין דעם בענעדיקטינער קלויסטער אין בײַדאַן. דאָרט האָב איך אָבער אויך אָנגעטראָפֿן אויף אַ צווייטן עקזעמפּליאַר. דער ערשטער איז גענוי באַ־שריבן געוואָרן פֿון שעללינגען, אָבער דעם צווייטן, וועגן וועלכן די ייִדישע עפֿנטלעכקייט האָט נישט געוווּסט, איז כדאַי פֿאָרצושטעלן.

דער דאָזיקער כתב־יד, גרויסער פֿאָליאַ־פֿאָרמאַט, פּאַרמעט, איז געשריבן אין דרײַ עמודים אויף אַ זײַט. נאָך יעדן פּסוק מקרא גייט דער פּסוק תרגום. קיין שום פּירושים זענען נישטאָ חוץ די מסורה־באַמערקונגען. דער כתב־יד האָט 692 זײַטן ביז 2000 עמודים.

תורה — ביז זײַט 569;
רות — 570 — 574;
שיר־השירים — 574 — 579;
קהלת — 579 — 589;
איכה — 589 — 594;
אסתר — 594 — 605;
הפטרות — 605 — 692.

קיין שום סימן פֿון אָרט, יאָר און סופֿר איז נישטאָ. אויף דער לעצטער, ליידיקער זײַט זענען פֿאַראַן אַ ריי נאָטיצן ווי: יהושע ב״ר דוד ז״ל; דוד ב״ר יהושע שליט; יואל ברב יהושע שליט. זה התרגום יעקב ב״ר יקותיאל הלוי זלה״ה.

ביי אַ גרינטלעכער נאָכפֿאָרשונג האָב איך אָבער אין דער שטוטגאַרטער מלוכהשער ביבליאָטעק געפֿונען נאָך בערך דרײַסיק כתב־ידן ייִדישע און העברעיִ־שע ווי אויך 3 שומרונישע. צווישן זיי די צוויי ייִדישע רעצעפּטן כתב־ידן, וועגן וועלכע סע איז אין דעם בוך פֿאַראַן אַ באַזונדער אָפּהאַנדלונג.

פֿון די דאָזיקע אַלע כתב־ידן זענען דורך ד״ר נחמיה אלוני, פֿאָרשטייער פֿון בילדונג־מיניסטעריום אין ישראל, געמאַכט געוואָרן מיקראָפֿילמען. טייל זײַטן אַפֿילו פֿאַרביקע אויפֿנאַמען. פֿון די רעצעפּטן־ביכער האָב איך אויסגעפֿאַרטיקט אַ מיקראָפֿילם פֿאַרן ייִוואָ אין ניו־יאָרק.

***

ווי איך האָב שוין פריִער באַמערקט, גייען נישט אַריין אין דעם צעטל די יעניקע ערטער, ווו עס געפינען זיך געשענדטעטע פּאַרמעטן, זיי איז געווידמעט דער וויטערדיקער קאַפּיטל. אויך זענען דאָ אויסגעלאָזן די ערטער, ווו עס זענען פאַראַן פּנקסים און אַנדערע קהילה־כראָניקעס, זיי זענען דערמאָנט געוואָרן אין דער אָפּטיילונג אַרכוויאַליאַ.

אין אַלגעמיינעם סך־הכל:

דורך מיינע הענט זענען דורכגעבלעטערט געוואָרן ביז אַ 3000 ייִדישע פּאַר־מעטן־כתב־ידן, וואָס זענען על־פּי־נס אַרויס פון דעם פייער. געבליבן סיי די גווילים, סיי די אותיות. זיי זענען אָבער פּאַרט אין געפּאַנגענשאַפט. די אינסטי־טוציעס, ווו זיי געפינען זיך זענען טאַקע לרוב זייערע רעכטלעכע באַלעבאַטים, ווייל זיי געפינען זיך שוין דאָרטן לאַנגע, לאַנגע יאָרן — נישט זעלטן יאָרהונדער־טער. זיי ליגן אָבער ווי „פאַרפרוירן", זעלטן ווער עס קומט און וועקט זיי אויף פון זייער דרימל.

אַ גאָר גרויסער טייל, בעיקר די יעניקע קאָדעקסן וואָס האָבן אַ שייכות צו ייִדיש, זענען, ווי עס איז שוין אויף די געהעריקע ערטער באַמערקט געוואָרן, פּילמירט געוואָרן און די ייִדישע וויסנשאַפט האָט זיי אין איר רשות. דער רוב איז נאָך אַלץ אין כף־הקלע און וואַרט אויף אַ תיקון.

אין לעצטן יאָר פון מיין זיין אין דייטשלאַנד איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַטייליקן אין דער גרויסער אַקציע, אונטערגענומען פון דעם משרד התרבות פון ישראל, וואָס האָט דורך איר שליח, ד"ר נחמיה אלוני, נאָכגייענדיק מיינע צוזאַמענשטעלונגען פון די כתב־ידן. ס'איז געפּרוווט געוואָרן צו מאַכן פילמען פון אַלע פאַראַנענע אין דייטשלאַנד העברעיִשע און ייִדישע כתב־ידן. טיילווייז האָט עס אויך אַ שייכות צו שומרונישע און אויך נישט־ייִדישע קאָדעקסן וואָס האָבן אָבער אַ שייכות צו ייִדן.

די דאָזיקע אַקציע איז נישט געווען קיין פולשטענדיקע און אויסשעפּנדיקע, ווייל שוין שפּעטער האָב איך דערהאַלטן אַ סעריע אינפאָרמאַציעס וועגן נייע ערטער, ווו עס געפינען זיך קאָלעקציעס פון כתב־ידן, וווהין איך האָב פריִער נישט געקענט גרייכן. וועגן טייל קאָלעקציעס קען מען נאָך, אגב, איצט נישט רעדן, צוליב כמה וכמה סיבות.

***

דאָ איז געווען אַ כמו אַלגעמיינער איבערזיכט וועגן דעם דאָזיקן סעקטאָר פון די נישט־דערבערענטע שייטן. איך האָב אָבער פון דאַנען אַרויסגענומען גע־ווויסע איינצלנע פאַלן, וועמען איך האָב אָפּגעגעבן די וויטערדיקע קאַפּיטלען פון דעם דאָזיקן טייל.

פֿאַרברענטע ספֿר־תּורהס, געשענדעטע יריעות

אין דעם ש. אַנסקי־מוזעאום, וואָס האָט עקזיסטירט אין ירושלים דליטא, ביי דער ווילנער קהילה, איז איינער פֿון די מערק־ווירדיקסטע עקספּאָנאַטן געווען אַ פּאָר לאַפּטשעס, געמאַכט פֿון אַ צעפּליקטער ספֿר־תּורה. געשטאַמט האָט די דאָזיקע „פּראָדוקציע" פֿון די היידאַמאַקעס, פֿון די כמעלניצקי־שחיטות פֿון ת"ח און ת"ט.

נאָך די היטלערישע שחיטות פֿון תרצ"ח־תש"ד איז דער מין „פּראָדוקציע" אומגעהויער אויסגעוואַקסן, „רוי־שטאָף" איז געווען לרוב — פֿאַרברענטע ספֿר־תּורהס אין די טויזנטער, צעפּליקטע יריעות אין די צענדליקער טויזנטער.

זענען טאַקע היינט פֿול אַלע ייִדישע מוזעאומס, אומעטום, מיט כּל־המינים „מאָדערנע אויסאַרבעטונגען", וואָס די נאַצישע היידאַמאַקעס האָבן אויסגעפּאַר־טיקט פֿון די — דורך זיי געשענדעטע רייניקייטן.

און אַזוי ווי מיר לעבן דאָך מיט 300 יאָר שפּעטער פֿון כמעלניצקיס מער־דערייען, איז במילא די טעכניק און די פּראָדוקציע גופֿא אַן אַנדערע: און אגב איז דאָך די „קולטור" פֿון אָדער־רהיין, דאָנאַו, איסאַר־מיין לאַנד אין 20סטן יאָרהונ־דערט אָן אַ ספֿק אַ העכערע ווי אין זאַפּאָראַזשע,ביים פּרוט, בוג און דניעפּער. בפֿרט אין פֿאַרגלייך מיטן 17טן יאָרהונדערט.

האָבן טאַקע די ברוינע היידאַמאַקעס פֿון די ספֿר־תּורה־יריעות נישט גע־מאַכט קיין לאַפּטשעס נאָר „אײדעלע" דאַמען־טאַשן, דעליקאַטע, שטימונגפֿולע אַבאַזשורן אין זייערע געמיטלעכע שלאָף־צימערס; באַצויגן מיט זיי פֿויקן און באַ־לאַלייקעס; געמאַכט באַפּוצטע טאַבאַק־זעקלעך און ברילן־פֿוטעראַלן.

די דאָזיקע „גאַלאַנטעריע" קען מען זען אין בצלאל־מוזעאום אין ירושלים, אין מוזעאום פֿון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע, אין די ייִדישע מוזע־אומס אין פּאַריז, ניו־יאָרק, אאַ"וו.

מיר קומט אָבער אויס צו נעמען אין שוץ און זיין דער פֿאַרטיידיקער פֿון כמעלניצקיס גאַלאָוואָרעזעס און בויד־שניידער. קעגן מיין ווילן מוז איך זיי „רעהאַ־

בילעטירן" — זיי, די זאַפּאָראָזשער קאָזאַקן פון ת"ח און ת"ט זענען נישט געווען די ערשטע, וועלכע האָבן אויף אַזאַ אופן געשענדעט די יידישע הייליקייטן; נישט זיי זענען דאָס געווען די דערפינדער פון דער מעגלעכקייט צו פאַרוואַנדלען „פּראָ־דוקטיוו" די יריעות פון די ספר־תורהס. די בכורה קומט די דייטשן! זיי זענען געווען די אָנהייבער. למען האמת דאַרף מען אויך פעסטשטעלן, אַז זיי, די גער־מאַנען, די מערבדיקע „קולטור־טרעגער" האָבן נישט געהאַנדלט ווי די באַרבאַרן פון „אָסטן", די סלאַוון, יענע, פון מזרח, האָבן פון די יריעות געמאַכט לאַפּ־טשעס און זיי, די העכערע ראַסע, האָבן עס טאַקע פאַרוואַנדעט אויף „קולטורעלע צוועקן", זיי האָבן פון די תורה־פּאַרמעטן געמאַכט... איינבונדן צו ביכער. הונ־דערטער אַזעלכע בוך־איינבונדן האָב איך אין מיין נסיעה איבער דייטשלאַנד געטראָפן. אין יריעות און פּאַרמעט־כתב־ידן זענען איינגעבונדן ביכער, פאַמיליע־כראָניקעס, אַרכיוו־אַקטן, בוכהאַלטעריע־זשורנאַלן וכדומה. אַז מען שמועסט קולטור...

ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געזען אַזאַ מין איינבונד, האָב איך גע־מיינט, אַז עס איז אַ צופאַל. אָבער וואָס ווייטער און ווייטער האָב איך זיך איבער־צייגט, אַז דאָס איז אַ מאַסן־דערשיינונג, וועלכע דאַטירט זיך פון 15טן און 16טן יאָרהונדערט. שוין דאַן, מיט 500 יאָר צוריק, האָבן די עלטער־עלטער־זיידעס פון די ברוינע העמדער געקענט די דאָזיקע מלאכה.

**

אָט זענען נאָר געציילטעביישפּילן פון דעם וואָס איך האָב פון דעם מין „מערקווירדיקייטן" געזען.

אין קאָנסטאַנץ האָב איך ביים ד"ר ליינער, דירעקטאָר פון ראָזענגאַרטען־מוזעאום געפונען אַ בוכהאַלטעריע־בוך פון זיין עלטער־עלטער־זיידנס ווייַן־קע־לער, וואָס איז געפירט געוואָרן אין 16טן יאָרהונדערט. דער דאָזיקער חשבונות־רעגיסטער איז איינגעבונדן אין אַ פאַרמעטענעם פראַגמענט פון אַ ישעיהו כתב־יד, וואָס שטאַמט לכל הפחות פון 14 יאָרהונדערט. אין דער זעלביקער שטאָט האָב איך אין דעם אָרטיקן שטאָטישן אַרכיוו געפונען עטלעכע צענדליק אַזעלכע איינבונדן.

אין באַמבערגער שטאָטישן אַרכיוו (אין בייערן) זענען פאַראַן אַ ריי אינווענ־טאַר־ביכער איינגעבונדן אין צעשניטענע יריעות אָדער אַלטע מחזורים־כתב־ידן, ווי אַ צופאַל איז אין רעפערטאַריום (פון יאָר 1615) איינגעבונדן אין אַ קינה, וואָס הייבט זיך אָן מיט דער צום דאָזיקן כאַראַקטעריסטישן פאַל, קינה: „איכה אשפתו פתוח כקבר..." דער קינה כתב־יד שטאַמט נישט שפּעטער ווי פון 14טן יאָרהונדערט.



רעפּערטאָריום נומער 89, 5. ב, פון יאָר 1615 פון באַמבערגער שטאָט־אַרכיוו,
וואָס איז אײַנגעבונדן אין דעם קינה־פראַגמענט „איכה אשפתו פתוח כקבר"

אַזעלכע איינבונדן פון ספר־תורהס אָדער זעלטענע, אָפט ביז היינט נישט באַקאַנטע כתב־ידן, זענען פאַראַן אין:

מלוכהשע ביבליאָטעק אין אויגסבורג;
מוזעאום אין איבערלינגען;
העסענער לאַנדעס־ביבליאָטעק אין דאַרמשטאַט;
פאַמיליען־אַרכיוו פון פירשט לעווענשטיין אין ווערטהיים;
שטאַטישע ביבליאָטעק אין שווײַנפורט;

פראַגמענט פון ישעיה כ״ג—ט׳ ביז כ״די׳. ווי איינבונדן אין דעם שטאַטישן אַרכיוו אין שווײַנפורט. דער כתב־יד שטאַמט פון אַרום 15טן יאָרהונדערט.

קאַטוילישע טעאָלאָגישע הויכשול אין פּאַסאַו;
ביבליאָטעק פון די גראַפן שענבאָרן אין פּאָמערספעלדן;
אוניווערזיטעט־ביבליאָטעקן אין געטינגען און טיבינגען;
אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק אין ערלאַנגען;
מלוכהשער אַרכיוו פון ווירטעמבערג אין שטוטגאַרט;
ביבליאָטעק פון קאַטוילישן קלויסטער אין מעטען;
אַרכיוו פון דער פירשטן־משפּחה האָהענלאָהע אין נײַענשטיין און נאָך און נאָך ערטער.

אַלזאָ, נישט קיין איינצלנער פאַל, נאָר אַ סיסטעם!

אַלע איינבונדן שטאַמען פון 16טן און 17טן יאָרהונדערט. דער "מאַטעריאַל" גופא איז אָבער פון יאָרהונדערטער פריִער. אַזוי, למשל, איז איין טאָוול, פון אַן איינבונד אין געטינגער ביבליאָטעק, אַ מדרש בראשית כתב־יד, וואָס ציט זײַן יחוס פון פראַנקרײַך און איז וואַרשײַנלעך פון 12טן יאָרהונדערט.

אין מאַרבורגער ביבליאָטעק פון מלוכהשן אַרכיוו האָב איך געזען אַ נאָך מער אָריגינעלן עקספּאָנאַט. דאָרט זענען דעפּאָנירט די כתב־ידן פון דער קאַסעלער לאַנדעס־ביבליאָטעק, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אויך צוויי העברעיִשע אַלטע מאַנוסקריפּטן. איינער פון די דאָזיקע כתב־ידן איז אַ וווּנדערבאַרער תנ"ך, וואָס איז מיט אַ מעסער, אָדער אַן אַנדער שאַרפן מכשיר, דורכגעלעכערט פון ערשטן ביזן לעצטן בלאַט. 300 דיקע פּאַרמעטענע בלעטער זענען צעשניטן, צעפליקט און צעשעדיקט. ערשט שפּעטער האָט מען דעם כתב־יד אויפגעריכט, פאַרנייט טיילווײַז מיט גידים, פאַרקלעפּט און נאָך אַמאָל אײַנגעבונדן. אײַנגעבונדן האָט מען דעם דאָזיקן כתב־יד אין 17טן יאָרהונדערט. צעניזוקט און געשענדט איז ער געוואָרן מיט אַ סך יאָרן פריִער. פון ווען ער שטאַמט איז נישט באַוווּסט, יעדנפאַלס געהערט ער צו די עלטסטע תנ"ך־כתב־ידן וועלכע מיר קענען.

דאָס דאָזיקע קאַפּיטל וועגן אונדזער הייליקער פּאַרמעט־מאַרטיראָלאָגיע ווילט זיך פאַרענדיקן מיט דעם, וואָס עס איז צו זען אין דעם שטאָטישן מוזעאום אין דער ערשטער שטאָט פון די קהילות שום, אין וואָרמס.

עס ליגן אין דאָרטיקן מוזעאום שיריים פון עטלעכע צענדליק ספר־תורהס, האַלב־פאַרברענטע, פאַרסמאַליעטע, פאַרקוילטע עץ־החיימס, אויף וועלכע עס זענען נאָך פאַראַן רעשטלעך פון די יריעות — צוויי שענק זענען מיט דעם מין „אָריגינאַלקטעטן" אָנגעפּאַקט.

דאָס האָט מען די דאָזיקע רעשטלעך אַרויסגענומען פון אונטער די חורבות פון דער רש"י־שול, וועלכע איז אין דער „קרישטאַל־נאַכט" פון נאָוועמבער 1938 חרוב געוואָרן. די שול האָט אין יאָר 1934 געפײַערט איר 900־יאָריקן יובל.



א מהזור פראַגמענט (אקדמות פון שבועות) וואָס איז דער איינבונד פון אַ „געטריידע־רעכענונג" (תבואה־חשבונות) אין דעם פירשטן־אַרכיוו פון די האָהענלאָהערס אין נויענשטיין. איינגעבונדן אין יאָר 1589. דער כתב־יד שטאַמט פון אַרום 14טן יאָרהונדערט.

ליגן די דאָזיקע „עקספּאָנאַטן“ און שרייען, ווי לעבעדיקע עדות וועגן דער „קולטור־טעטיקייט“ פון די טעווטאָנישע היידאַמאַקעס.

און ווייל דאָס איז אין וואָרמס, אין דער שטאָט, וווּ עס ליגט דער קדוש רבי מאיר בן ברוך, דער באַרימטער מהר״ם מרוטענבורג, קומען אַרויף פּאַר־שידענע מחשבותן. האָט ער דאָך מיט העכער 600 יאָר צוריק אויסגעזונגען זייז טרויער־ליד, די עלעגיע „שאלי שרופה באש“, זיין קינה אויף די פאַרברענטע יידישע ספרים און תורהס, און אין רעיון דערמאָנען זיך די ווערטער פון זיין קלאָג־ליד:

אָ, וווּנד זיך און פרעג, דו פאַרברענטע אין פייער,
אויף דיינע אבלים, וואָס דו ביסט זיי טייער
פרעג נאָך, וואָס עס מאַכן, פרעג נאָך, וואָס עס טוען
די אַלע, וואָס גלוסטן אין הויף דיינעם רוען.
וואָס וואַרפן אין שטויב זיך מיט הערצער פול ווונדן,
אויף דיינע עץ־חיימס אין פלאַמען פאַרשוווּנדן...



די קאָלעקציעס פון פאַרברענטע ספר־תורהס אין וואָרמס. איין „עקספּאָנאַט“ פון דאַנען האָב איך אָפּגעשיקט צום ייווא אין ניו־יאָרק.

צי האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, אַז 600 יאָר שפּעטער וועט ווידער ווערן אַקטועל זיין טרויער־רוף און שאלה

כ'וועל לאַנג אַזוי וויינען און גיסן מיט טרערן,
ביז וואַנען אַ טייך פון די טרערן וועט ווערן,
און וועלן דערגרייכן דיינע צווי' האָרן,
וואָס ליגן אין הור־ההר — משה ואהרן,
און איך וועל זיי פרעגן, די ליבע, די טרייע,
צי האָבן זיי גרייט אַ תורה אַ נייע?
צי ביסטו אינגאַנצן שוין איבעריק געוואָרן,
און גאָט האָט דערפאַר דיך פאַרברענט מיט גרויס צאָרן...

שטייט מען אַזוי ביי די פאַרקוילטע שיריים פון די פאַרשוועכטע רייני־קייטן אין וואָרמס און עס רייסט־אויף אינעווייניק, ווען מען דערהערט נאָך די באַמערקונג פון דעם מוזעאום־קוסטאָש, וועלכער גיט דערקלערונגען, אַז עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז צווישן די דאָזיקע „טאָרא־ראָלען" זאָל זיך אויך געפינען די תורה, וועלכע עס האָט געשריבן דער „גראָסער מאַהאַראַם".

— וואָס דער דאָזיקער דייטשער „תלמיד־חכם" מיינט און טראַכט דערביי — איז נישט באַוווּסט. וואָס אָבער אַ יידישער באַזוכער פילט אין דעם מאָמענט, — איז זיך נישט שווער פאָרצושטעלן. איך, יעדנפאַלס, האָב דאַן געוואָלט, אַז פון די דאָזיקע רעליקוויעס זאָל קיין שריד נישט בלייבן, יעדנפאַלס נישט אין זייערע הענט.

אויסגעקויפט דעם נירנבערגער מחזור...

לאָמיר זיך אָפּשטעלן און אַביסל אויפקלערן דעם ענין מחזור בכלל. פון וואַנען שטאַמט אָט־דער נאָמען פאַר די תפילות־זאַמלונגען פאַר די ימים־טובים, ימים־נוראים און אויך פאַר טייל שבתים; וועגן זיין געשיכטע און אינהאַלט; וועגן די פאַרשידענע נוסחאות און וואַריאַנטן פון מחזור; וועגן דער „אויסשטאַטונג“ פון די כל־המינים אויפלאַגעס, די באַצירונגען און באַפּוצונגען פון דעם מחזור. עס איז אַן אינטערעסאַנטע טעמע, אָבער צו דער איצטיקער געשיכטע געהערט עס נישט.

מען קאָן אָבער צו דער וווּנדערבאַרער געשעעניש מיט דעם „נירנבערגער מחזור“ נישט צוטרעטן, איידער מיר מאַכן נישט אַ פּאָר נייטיקע אַריינפירן.

דער „מחזור“, די דאָזיקע תפילות־קאָמפּלעטן, איז איינער פון די פּאָפּולערסטע ספרים געווען אין יידישע הייזער. פון וואָרט „חוזר חלילה“, ער חזרט זיך כסדר איבער, יעדעס יאָר פון אָנהייב, שטאַמט טאַקע דער נאָמען.

צו די ערשטע ספרים, וואָס ס׳זענען ביי אונדז געדרוקט געוואָרן, געהערט טאַקע דער מחזור. מיר געפינען אים צווישן די יידישע אינקונאַבעלן (די ערשטע געדרוקטע ספרים ביז דעם יאָר 1500). דער ערשטער מחזור איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער באַרימטער סאָנטשינאַ־דרוקעריי, אין יאָר רמ״ו (1485/86). אָנגעהויבן האָט ער זיך דרוקן אין שטעטל סאָנטשינאָ און פאַרענדיקט אין קאַסאַל־מאַיורע — ביידע שטעטלעך אין קרעמאָנאַ.

פאַרשידן זענען די הונדערטער אויסגאַבעס פון די מחזורים. נישטאָ כמעט קיין איין יידישע באַרימטע דרוקעריי, פון די עלטסטע צייטן ביז די לעצטע, וווּ עס זאָלן זיך נישט געהאַט געדרוקט מחזורים.

עס זענען באַרימט די מחזורים פון באָלאָניע, מאַנטאָווע, ווענעדיג, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, סאַלאָניק. נאָכדעם די דייטשע דרוקערייען און די דרוקערייען פון מזרח־אייראָפּע.

און פון פֿאַרשידענע נוסחאות זענען זיי. דער ערשטער געדרוקטער מחזור איז נאָכן שטייגער פון די „בני רומא", וואָס איז נאָכדעם אַריבערגעגאַנגען אין די כל־המינים אויפלאַגעס „כמנהג איטאלקי". מיר האָבן נאָך די מנהגים „אשכנז", „ספרד" און פון צענדליקער געגנטן און שטעט. עס זענען באַקאַנט מחזורים לויט די מנהגים פון אַלזשיר, אַראַגאָן, ווירמייזא, טריפּאָלי, פּוילן, בעמען, פראַנקפורט אַם־מיין, קאַטאַלוניע און אַזוי ווייטער.

אַ באַזונדער קאַפּיטל זענען די פּיוטים אָדער די יוצרות. מיר האָבן אין מחזור פֿאַראייביקט דאָס בעסטע פון דער ייִדישער אַלטער פּאָעזיע. די מייסטער פון דער ייִדישער „גאָלדענער תקופה" אין שפּאַניע, די פּיטנים פון דייטשלאַנד, האָבן אין מחזור איבערגעלאָזן אומגעהויערע רייכטימער, וואָס זענען געוואָרן אַ פֿאַרשונג־פעלד פֿאַר דורות וויסנשאַפטלער.

דער מחזור געהערט אויך צו די ערשטע ליטורגיע־ספרים, וואָס זענען איי־בערגעזעצט געוואָרן אין אַנדערע שפּראַכן. דער פריִער דערמאָנטער מחזור פון „בני רומא" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַן איטאַליענישער איבערזעצונג מיט ייִדישע אותיות (!) אין יאָר 1538. נאָכדעם זענען אַוועק איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכן פון די פעלקער, צווישן וועלכע ייִדן האָבן געוווינט.

אין די גרויסע זאַמלונגען פון כתב־ידן פאַרנעמט דער מחזור אַ גאָר אָנגעזעענעם אָרט. אין וואַטיקאַן, אין אָקספאָרד, אין בערלין, אין מינכען, אין אַלע ערטער, ווו עס געפינען זיך העברעיִשע מאַנוסקריפּטן, קאָן מען אויך זען דעם מחזור.

אין הונדערטער קהילות זענען געווען מחזור־כתב־ידן פֿאַר די שליחי־ציבור. זייער אָפט האָבן זיי געשטאַמט פון די צייטן, ווען קיין געדרוקטע ספרים זענען נאָך נישט געווען, פאַרמאָגט האָט דאָן די קהילה איין מחזור. דער שליח־ציבור פלעגט זאָגן און דער עולם האָט נאָכגעזאָגט. טייל פון די דאָזיקע זענען פון אוי־סערגעוויינלעכן ווערט.

מיר איז אויסגעקומען צו האַלטן אין די הענט צענדליקער מחזורים, כתב־ידן פון 13טן יאָרהונדערט און שפּעטער. אין די זאַמלונגען פון דער בייערישער מלוכהשער ביבליאָטעק אין מינכען; אין מאַרבורג, וווהין ס'איז אַריבער די פּריי־סישע ביבליאָטעק פון בערלין, אין האַמבורגער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק, אין ערלאַנגען, אין דער ווירטעמבערגישער ביבליאָטעק אין שטוטגאַרט; אין פאַר־שידענע קלויסטער־ביבליאָטעקן.

יעדער כתב־יד האָט געהאַט זיין „עפּעס" — — — הן ענדערונגען פון די נוסחאות, הן אָריגינעלע באַפּוצונגען, פאַרפּוצטע אותיות וכדומה.

פון גרויס הנאה איז צו בלעטערן די וואָרמסער מחזורים, וואָס שטאַמען פון 13טן יאָרהונדערט, און זייערע פּאַרמעט־דפים זענען באַפּוצט מיט די פאַנטאַס־

טישע מיניאַטורן, מיט די וווּנדערבאַרע רעגנבויגן־פאַרבן אין גאָלד און זילבער. זיי געהערן טאַקע צו די מערקווירדיקסטע עקספּאָנאַטן פונעם וואָרמסער מוזיי.

אָבער גאָר פון אַן אַנדער מין איז דער „נירענבערגער מחזור".

מער ווי צען מאָל בין איך געווען אין דער נירנבערגער שטאָטישער ביבליאָטעק, אויף דער בערנשאַנצשטראַסע 34, ווו דער דאָזיקער מחזור האָט זיך געפונען. וויפל מי, וויפל השתדלותן, אינטערווענצן האָב איך געדאַרפט אָנווענדן כדי צו דערגרייכן, אַז מען זאָל מיר ווייזן דעם מחזור.

עס האָבן נישט געהאָלפן די רעקאָמענדאַציעס פון די ביבליאָטעק־דירעקטאָרן פון בייערן, פון די אַרכיוו־לייטערס. ד״ר באָק, דער ממונה איבער די מאַנוסקריפטן, האָט נישט דערלאָזן. געטענהט, אַז עס איז „פאַרלאַגערט".

אַ שטיקל אמת איז טאַקע דערביי געווען. דער מחזור און אַנדערע אוצרות זענען בעת דער מלחמה אַרויסגעפירט געוואָרן און געווען באַהאַלטן אין זאַלצגרובען, פון וואַנען מען האָט זיי ערשט צוריקגעבראַכט אין יאָר 1948. די דייטשן פלעגן זיך אָבער נישט איילן אויפצופאַקן די דאָזיקע אוניקאַטן, ווייל זיי האָבן, און מיט רעכט, מורא געהאַט, אַז עס וועלן זיך געפינען בעלנים, וואָס וועלן דאָס צונעמען. אין די צענדליקער פאַלן זענען מיר באַקאַנט פאַקטן, אַז אַמעריקאַנער ייִדישע סאָלדאַטן אָדער אָפיצירן האָבן צוגענומען ווערטפולע מאַטעריאַלן און זיי צוועקגעפירט קיין אַמעריקע.

אַזוי האָט מיר, צווישן אַנדערע דערציילט דער בירגערמייסטער פון ראָטענבורג ביים טויבער, אַז דער מיליטערישער קאָמענדאַנט, דער ערשטער אַמעריקאַנער אָפיציר, וואָס איז אַריין אין דער שטאָט, האָט ראשית־כּל געבעטן, מען זאָל אים פירן אין אַרכיוו. דאָרט האָט ער פאַרלאַנגט עטלעכע אַקטן־בענדער, געוווּסט גענוי זייערע נומערן, און זיי „קאָנפיסקירט". תחילת האָבן די דייטשן געמיינט, אַז דאָס זענען דאָקומענטן וועגן דער נאַצישער טעטיקייט. די אַמעריקאַנער פלעגן טאַקע אומעטום אויפקלייבן די אַרכיוון פון די נאַציס. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער אַמעריקאַנער אָפיציר, אַ ייִד, אַ וויסנשאַפטלער, האָט צוגענומען די זאַמלונג פון די עלטסטע ייִדישע דאָקומענטן, די ערשטע פּריווילעגיעס פון דער שטאָט פאַר ייִדן און אַ ריי „אורקונדעס" אין העברעיש.

ד״ר באָק פון נירנבערג האָט געהאַט אַ גרונט מורא צו האָבן. נאָך מער: די ביבליאָטעק איז געווען אויף דער בערנשאַנץ־שטראַסע, אַכט מינוט גיין צו־פוס פון דעם יוסטיץ־פּאַלאַץ, ווו ס׳זענען פאָרגעקומען די באַרימטע נירנבערגער פּראָצעסן.

איך האָב זיך אָבער אָנגענומען מיט געדולד. יעדעס מאָל, ווען איך פלעג קומען אין נירנבערג צו דער מיליטערישער הויפּט־קוואַרטיר, ווו עס איז געזעסן די קאָמיסיע פון אויסזוכן די ייִדישע געגזלטע אוצרות, פלעג איך זיך אַריינכאַפּן

אין דער ביבליאָטעק, ביז איך האָב זיך דערוואַרט און מען האָט אויסגעפּאַקט דעם מחזור.

מער האָט מען נישט געדאַרפט. עס איז געגאַנגען פעסטצושטעלן, צי דער מחזור איז פאַראַן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה פאַרן מחזור, אַרויסרייסן אים פון זיינע „אייגנטימער" — — —

יאָ, די דייטשע נירנבערגער ביבליאָטעק איז געווען די לעגאַלע באַזיצערין פון דאָזיקן אוניקום, פון דעם זעלטענעם עקזעמפּליאַר.

אין מיין צימער, אויף בעבעל־שטראַסע 75 אין שטוטגאַרט, איז געזעסן דער וווּנדערבאַרער ייִד זלמן שאָקען, איינער פון די אָריגינעלסטע טיפּן פון די דייטשע ייִדן, דער באַזיצער פון גרויסע האַנדלס־הייזער, ביז היטלערס קומען צו דער מאַכט, און אין דער זעלבער צייט איינער פון די גרעסטע קולטור־מעצענאַטן, וואָס ייִדן האָבן פאַרמאָגט און פאַרמאָגן אין דער לעצטער צייט. דאָס האָט ער אין משך פון צענדליקער יאָרן אָנגעזאַמלט איינע פון די רייכסטע ביבליאָטעקן פון כמעט אַלע ערשטע דרוקן. אין זיין ביבליאָטעק, וואָס געפינט זיך איצט אין ישראל, וווּ ביבליאָטעקאַר איז דער בעסטער פּיוט־קענער האַבערמאַן, איז פאַראַן די שענסטע, די רייכסטע, קאָלעקציע פון מאַנוסקריפּטן, און בעיקר טאַקע ליטורגישע.

ער, שאָקען, דער, וואָס האָט פאַרלייגט דעם באַרימטן שאָקען־פאַרלאַג אין דייטשלאַנד, דווקא אין די נאַצי־יאָרן, ער איז צוריקגעקומען קיין דייטשלאַנד, כדי „איינצוהאַנדלען" אַביסל אוצרות.

נישט דאָ איז דער פּלאַץ און עס איז נאָך אויך נישט די צייט וועגן אַ טייל זאַכן צו דערציילן. איך וויל נאָר צוקומען צום „נירנבערגער מחזור". אויף אים האָט זלמן שאָקען „געשאַרפט די ציין". אָבער ווי קומט מען צו אים? ווי דעראָבערט מען אים?

יאָ, אין „מחזור" פעלן שוין עטלעכע בלעטער. מ'האָט זיי בשעתו אַרויסגעגנבעט, פשוט אַרויסגעשניטן, אָבער איך דערוויס זיך, אַז די דאָזיקע בלעטער האָט שוין מיט יאָרן צוריק איינגעהאַנדלט, ער, שאָקען; געקויפט זיי ביי די „גנבים".

זלמן שאָקען האָט זיך פאַרלייגט אויף נירנבערג, אויף דער שטאָט, אויפן מאַגיסטראַט. ער פאַרלאַנגט פון זיי דעם „מחזור" — מיט וועלכן רעכט? אַז שוין יאָרהונדערטער איז ער זייער אייגנטום און קיינער קומט נישט מיט תביעות...

יאָ, ער וועט עס „קויפן"...

אַ פּרייז? — מיליאָנען!

און שאָקען שטייט נישט אָפּ. מיליאָנען? — מסכים. און ער שטעלט־צו אַ חשבון, אַז די שטאָט נירנבערג, די „הויפּט־שטאָט פון דער באַוועגונג", היטלערס און שטרייכערס רעזידענץ, די שטאָט פון די נאַצישע צוזאַמענפאָרז און פאַראַדן,

איז אים שולידק טאַקע מיליאָנען, פאַר די צוגערויבטע האַנדלס־הייזער. מיליאָנען אַנטשעדיקונג פאַר די „שאָקען־הייזער״.

און אַ מין מאָדערנע „שיילאָק־שפּיל״ האָט זי פונאַנדערגעוויקלט.

— אָדער דעם „מחזור״ אָדער די שווערע מיליאָנען, וואָס איר האָט צוגע־רויבט...

און זלמן שאָקען האָט אויסגעפירט — דער „נירנבערגער מחזור״ — איז אַריין אין זיין ביבליאָטעק. די איינצלנע בלעטער האָבן באַקומען זייער תיקון...

דער איינבונד און איין בלאַט פון דעם „נירנ־בערגער מחזור״.

וועגן דעם יחוס פון דעם רעגנסבורגער מחזור דערצייל איך ווייטער. איצטער וויל איך נאָר פאַרצייכענען:

— ער איז פון פּאַרמעט, געשריבן אין יאָר ה׳ אלפים צ״א, וואָס מיינט אין יאָר 1331!

— אין 15טן יאָרהונדערט איז ער בעת די גירושים צוגעגזלט געוואָרן און אין משך פון 400 יאָר געווען דאָס אייגנטום פון דער שטאָט־ביבליאָטעק אין נירנבערג.

— 517 פּאַרמעט־דפים האָט דער מחזור;

— די לענג 50 צענטימעטער און ער וועגט דרייסיק קילאָ;

— צווישן די פּיוטים אין דאָזיקן מחזור זענען פאַראַן בערך הונדערט, וואָס זענען אין ערגעץ נישט געדרוקט געוואָרן;

— לסוף, דער מחזור איז באַפּוצט, באַשיינט מיט די הערלעכסטע פאַרבן, מיט די וווּנדערבאַרסטע וויניעטן, מיט בלומען און קווייטן.

איצט פאַרשטייט איר דאָך שוין, צוליב וואָס זלמן שאָקען האָט „מלחמה״ געהאַלטן. ווען מיר האָבן וועגן דעם גערעדט, האָט ער זיך אויסגעדריקט:

— עס שניידט מיר אין האַרצן אויף די געציילטע, איינצלנע בלעטער. איך וויל, איך וועל, איך מוז גאַנץ־מאַכן דעם מחזור...

***

דער „נירנבערגער מחזור״ האָט שוין אַ גאַנצע ליטעראַטור. אין משך פון די עטלעכע הונדערט יאָר וואָס ער איז געווען אין „געפאַנגענשאַפט״ אין דייטשע מוזעאומס און ביבליאָטעקן האָט מען שוין נישט איין מאָל וועגן אים געשריבן. די עיקר ידיעות אָבער האָב איך טאַקע פון זלמן שאָקענען גופא באַקומען.

ביי אונדזערע צוזאַמענטרעפן אין שטוטגאַרט און נירנבערג, בעת ער האָט זיך געגרייט צו דעראָבערן דעם דאָזיקן אוצר, האָט ער מיר וועגן דעם דערציילט. און שפּעטער האָב איך טייל איינצלהייטן באַקומען ביים ביבליאָטעקאַר פון דער „ספריה שוקן״ — שאָקענס ביבליאָטעק, וואָס איז אין ירושלים, ביי א. מ. האַבערמאַן, מיט וועלכן עס איז מיר אויסגעקומען זיך צונויפשרייבן, וועגן אַ רייע דרוק־זעלטנהייטן און ענינים פון אַלטער יידישער ביבליאָגראַפיע.

א. מ. האַבערמאַן איז היינט צו טאָג איינער פון די געציילטע יידישע ביב־ליאָגראַפן־מומחים וועגן יידישן דרוק־וועזן; ער האָט אַרויסגעגעבן אַ רייע ווערק וועגן יידישן ספר. ער רעכנט זיך פאַר דעם עקספּערט אויף דעם געביט פון פּיוט; ער האָט וועגן די יום־טוב־תפילות, וועגן די פּיוטים און יוצרות אַרויס־געגעבן אַ רייע ווערק. אויך איז ער גוט באַקאַנט מיט דער אַלט־יידישער ליטע־ראַטור. ער איז אַ מיטאַרבעטער פון די ייוואָ־שריפטן. אַזוי האָט ער דאָרטן גע־

בראַכט אַ רײע װיכטיקע אַרבעטן װעגן דעם „בבא־בוך״ (באַמערקונגען) און אַ שטודיע װעגן דעם „משל הקדמוני אין ייִדיש״. א. מ. האַבערמאַן פירט טאַקע אָן מיט דער זעלטן־רײַכער שאָקען־ביבליאָטעק, װוּ עס זענען אױפגעזאַמלט די שענסטע און װיכטיקסטע אױסגאַבעס, סײ כּתב־ידן, סײ געדרוקטע, פון ייִדישע ליטורגיע־ספרים.

דער „נירנבערגער מחזור״ איז אין משך פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט געװאָרן אַן אָביעקט פון שטודיום. נישט־ייִדן װי ייִדן האָבן זיך מיט אים פאַרנומען. עס האָט אינטערעסירט די געשיכטע פון מחזור, פון װאַנען שטאַמט ער, זײַן אינהאַלט — װאָס פאַר אַ נוסח, װעגן די פּיוטים און גאָר באַזונדער האָבן זיך קונסט־היסטאָריקער פאַרנומען מיט זײַן באַצירונג, מיט די פאַרבן און באַפּוצונגען.

די אַלע פּרטים האָב איך שױן געװוּסט ביז מען האָט מיך ענדלעך אַרױפ־געלאָזט אױפן בוידעם פון דער שטאָטישער ביבליאָטעק אין נירנבערג אויף דער בערנשאַנץ־שטראַסע נומער 34.

אַ מאָדנעם געפיל האָב איך געהאַט, װען איך האָב געזען די צװײ געזונטע דײַטשן, אפשר געװעזענע נאַצי־באַנדיטן, װעלכע האָבן אויף אַ טראָגברעט אַרױפ־געבראַכט דעם „מחזור״. אײַנגעבױגן האָבן זײ, מיט ציטער, אַרױפגעבראַכט דעם דאָזיקן „דינג״, װאָס איז געװעזן פאַרשלאָסן הינטער זיבן שלעסער אין דעם פײַער־פאַרזיכערטן קעלער.

װען איך האָב פאַר מיר געהאַט דעם קאָלאָסאַלן ספר, װאָס זײַן װאָג איז דרײַסיק קילאָ; װען איך האָב אױפגעעפנט די הילצערנע טאָװלען, װאָס זענען באַדעקט מיט דיקער לעדער און אַרומגעשמידט מיט מעש; װען איך האָב אַ מיש־אויף געטון דעם „המלך״, װאָס איז אַרומגערוימט אין אַ שפע פון פאַרבן און באַזוימט מיט גאָלד; װען איך האָב װײַטער געבלעטערט די 517 בלעטער, װאָס זענען נאָך פאַראַן אין מחזור, און יעדעס בלאַט איז אַ קאָלאָס — 50 סענטימעטער די לענג און 37 סענטימעטער די ברײט, האָב איך נישט געװוּסט, צי איז עס װאָר אָדער חלום.

אַ באַרג ברױו האָט זיך בײַ מיר אָנגעזאַמלט, ביז איך האָב דערגרײכט צו האַלטן אין די הענט דעם דאָזיקן „מחזור״, װאָס איז געװאָרן אַן אָביעקט פון דינגענישן אין משך פון יאָרהונדערטער.

איך האָב דערמאָנט „די 517 בלעטער, װאָס זענען נאָך דאָ״. יאָ, דער מחזור האָט 517 דפים, אָבער געװעזן זענען אין מחזור 528 — עס פעלן אין אים עלף דפים. זײ זענען אין דער צײַט פון דער דײַטש־פראַנצױזישער מלחמה, אין יאָר 1870, דורך „אומבאַקאַנטע״ אױסגעשניטן געװאָרן.

נאָך די 11 בלעטער, װאָס זענען נעלם געװאָרן, איז בשעתו געװעזן אַ װעלט־געיעג, מ׳האָט זײ אַרומגעזוכט. 5 דפים האָבן זיך אָפּגעפונען. אײנעם האָט טאַקע ש. זלמן שאָקען באַקומען אַ מתנה פון זײַנעם אַ פרײַנט אין יאָר 1937, װען עס

איז געפייערט געוואָרן זיין 60־יאָריקער געבוירן־טאָג; 3 האָט ער צוגעקויפט פאַר אַ מטמון מיט געלט אין יאָר 1938; איין דף געפינט זיך אין אַ קונסט־זאַמלונג אין לאָנדאָן. ווו די אַנדערע 6 דפים זענען פאַראַן, ווייסט נישט קיין שום ילוד־אשה. די דאָזיקע איינצלנע בלעטער זענען אויסגעשטעלט געוואָרן בעת קונסט־אויסשטעלונגען. מען האָט געזוכט די אַנדערע... אָבער זיי זענען נעלם געוואָרן.

לאַנג האָט זיך אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט געפירט אַ דיסקוסיע וועגן מחזור, וועגן זיין אינהאַלט. היות ער האָט זיך געפונען אין נירנבערג, האָט מען אים אָנגערופן „נירנבערגער", אַזוי די נישט־יידישע, ווי די יידישע פאָרשערס. אָבער אין יאָר 1886 איז געקומען דער נירנבערגער רב ד"ר ב. צימליך און אין זיין גרונטיקער אַרבעט „דאָס מחזור נירנבערג" אויפגעוויזן, אַז דער דאָזיקער נאָמען איז אַ פעלערהאַפטער. עס איז נישט דער נוסח נירנבערג. ער האָט באַוויזן, אַז דער נוסח איז זייער נאָענט צום נוסח פוילן, וואָס שטאַמט פון די מנהגים פון זאַקסן און עסטרייך, און ער האַלט, אַז דאָס איז גאָר אַ רעגענסבורגער מחזור, וואָס איז טאַקע אין יאָר 1499 בעת די גירושים צוגענומען געוואָרן און געבראַכט קיין נירנבערג.

עס זענען אין אים פאַראַן די תפילות און יוצרות פאַר אַלע יום־טובים, די 5 מגילות; די קריאת־התורה צו די ימים־טובים און די הפטרות. אויך זענען די תפילות און פיוטים פאַרזען מיט פירושים (קינסטלעריש געשריבן מיט קליינעם פעטיט־שריפט ביי די ראַנדן פון די ריזיקע דפים), וואָס זענען עד־היום נאָך נישט אָפּגעדרוקט אין ערגעץ. הונדערטער פיוטים זענען אין ערגעץ נישט געווען געדרוקט. די פיוטים און תפילות זענען מיט נקודות. זיי, די נקודות, שטאַמען אָבער, ווי מען זעט עס פונעם טינט, פון אַ צווייטן קינסטלער.

ווער־זשע איז דער קינסטלער, דער סופר, וואָס האָט דאָס דאָזיקע קונסט־ווערק געמאַכט?

ער איז געבליבן אומבאַקאַנט. ביים סוף פון מחזור געפינט זיך דער צו־שריפט:

„חזק ונתחזק
והכותב לא יוזק
לא היום ולא לעולם
ולא עד שיעלה חמור בסולם.

כתבתי זה המחזור לר׳ יהושע בר׳ יצחק וסימתיו ביום ה׳בד׳ באלול בצ"א לפרט. יהי רצון שיזכה להגות בו הוא ובניו ובני בניו עד סוף כל הדורות אמן אמן סלה".

די דאָזיקע אונטערשריפט איז זייער אַ באַלערנדיקע. אויסער די ערשטע 4 שורות וואָס מען געפינט זיי אין כמעט אַלע כתב־ידן, וועגן דעם, אַז „דער

שרײַבער זאָל נישט געניזוקט ווערן ביז אַפילו אַן אײזל וועט אַרויפקריכן אויף אַ לײטער״ (!), דערוויסן מיר זי פון דאָרטן, אַז דער מחזור איז געשריבן געוואָרן פאַר אײנעם רב יהושע בר׳ יצחק. זיכער איז עס געווען אַ גביר, אַנדערש וואָלט ער זיך נישט פאַרגינט אַוועקצוגעבן אַ מענטשן וואָס האָט יאָרנלאַנג געאַרבעט אויף דעם דאָזיקן ווערק, אָפּגערעדט פון דעם רוי־מאַטעריאַל, דעם פּאַרמעט און פאַרבן. דער שרײַבער איז אָבער געבליבן אַנאָנים; קײנער ווײסט נישט ווער עס איז געווען דער קינסטלער. ער ווינטשט אָבער, דער אַנאָנימער קינסטלער, אַז רב יהושע זאָל באַנוצן דעם מחזור, ער, זײַנע קינדער און קינדס־קינדער ביזן סוף פון אַלע דורות.

לאַנגע דורות אָבער איז דער מחזור געווען אין פרעמדע הענט.

און אויך דאָ האָט זיך געשטעלט די פראַגע, צי איז דאָס מחזור געווען דאָס אײגנטום פון אַ יחיד אָדער פון דעם כלל. עס לאָזט זיך נישט לײגן אויפן שכל, אַז אַ יחיד זאָל עס האַלטן בײַ זיך אין שטוב. אַז אפשר איז ער טאַקע געווען לכתחילה געשריבן פאַרן כבוד־וועגן פון דעם נגיד און נאָכדעם איז ער אַרײַנגענומען געוואָרן אין בית־התפילה אַרײַן. אפשר איז דער רב יהושע בר׳ יצחק געווען אַ שליח־ציבור, אַ חזן. יעדנפאַלס איז פון טײל בלעטער קענטיק געווען, אַז דער מחזור האָט געדינט נישט נאָר פאַר אַ צירונג. עס זענען אויף טײל דפים קענטיק, אַז מען האָט זײ אָפט געבלעטערט. די עקן פון די דאָזיקער בלעטער טראָגן אויף זיך די סימנים פון פינגער, וואָס האָבן זײ געמישט.

אונדז איז באַוווסט, אַז אַפילו אין די לעצטע צײַטן, ווען מחזורים זענען געווען לרוב, נאָכדעם ווי דער דרוק־וועזן איז געווען אַנטוויקלט און יעדער מתפלל האָט געהאַט אַ מחזור, זענען געווען ספּעציעלע מחזורים און סידורים, וואָס האָבן געהערט צו דער בית־התפילה און געלעגן אויפן עמוד פאַרן חזן. נישט זעלטן זענען זײ געווען טאַקע פון פּאַרמעט. אײדער מען האָט געהאַט געדרוקטע מחזורים און סידורים האָט מען ראשית געזאָרגט פאַרן שליח־ציבור.

פון די תקנות פון ועד ארבע ארצות, למשל, ווײסן מיר, אַז עס זענען געווען סידורים, פון וועלכע מען האָט קאָפּירט און נאָכגעקוקט, צי זײ זענען אָן גרײַזן.

אויך איז באַקאַנט, אַז טײל פון די גדולים האָבן נישט געוואָלט דאַוונען אין „פּריוואַטע״ מחזורים און נאָר דווקא אין די קהלשע. עס איז כדאי צו ברענגען וועגן דעם, וואָס עס געפינט זיך אין די מנהגי מהרי״ל, אײנעם פון די גרעסטע רבנישע אויטאָריטעטן פון 14טן און 15טן יאָרהונדערט (מהרי״ל, רב יעקב מולין, האָט געלעבט אין די יאָרן 1365—1427). אין די דינים פאַר יום־כיפור ווערט אי־בערגעגעבן (מיר ברענגען עס אין יידישער איבערזעצונג):

„...און יעדעס מאָל ווען מען פלעגט דעם מהרי״ל ברענגען שײנע מחזורים ער זאָל אין זײ דאַווגען, פלעגט ער נישט וועלן אין זײ בציבור

דאַוונען, ער האָט נאָר פאַרלאַנגט די ספּעציעלע מחזורים און סידורים די קהלשע, הגם זיי זענען שוואַרצע און קליינע און ער האָט דערביי געזאָגט אַז אַזוי האָט געשריבן דער „רקח״ (רבי אליעזר פון וואָרמס, געלעבט פון 1165 ביז 1238), אַז מען זאָל מתפלל זיין נאָר אין די סידורים פון קהל, וואָס זענען ווי אַ כלל געשריבן געוואָרן לשם מיצווה, ווייל די פּריוואַטע סידורים קענען אַמאָל גאָר געשריבן ווערן, כדי זיך אויסצופּיינען, און פון אַזעלכע סידורים קאָן אַמאָל די תפילה נישט אָנגענומען ווערן״...

אַלזאָ, נאָך אַ גילגול פון העכער זעקס הונדערט יאָר איז דער „נירנבערגער״ מחזור געקומען אין יידישע הענט. מיר ווייסן שוין ווי אַזוי דער העכער 75־יאָריקער זלמן שאָקען האָט אַרויסבאַקומען דעם דאָזיקן אוניקאַט. אָבער ער איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט געוואָלט דעראָבערן דעם דאָזיקן קונסט־אוצר.

יאָרהונדערטער האָבן די יידן פון דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער געפּרוווט אויסקויפן דעם דאָזיקן מחזור. עס איז וועגן דעם פאַראַן אַ גאַנצע ליטעראַטור, וואָס וואָלט געקאָנט ווייזן, ווי אַזוי, פון וואַנען און ווער, אויף וועלכע וועגן און אופנים מ׳האָט געוואָלט אַרויסבאַקומען דעם מחזור. איין פאַל וועלן מיר דער־מאָנען: אין 17טן יאָרהונדערט האָבן ווינער יידן געוואָלט באַצאָלן דער נירנ־בערגער שטאָט־פאַרוואַלטונג פאַר יעדן בלאַט פונעם מחזור אַ דוקאַט (!) 528 בלעטער, 528 דוקאַטן (!) אַ ריזיקע געלט־סומע פאַר יענע צייטן. דאָס האָט גע־מיינט אַ שטאָטישער ביודזשעט. די נירנבערגער באַלעבאַטים האָבן נישט גע־וואָלט. פון דער קניה איז גאָרנישט אַרויסגעקומען, ביז שאָקען האָט זיי „איינ־געביסן״.

אגב איז עס אין דער שאָקען־ביבליאָטעק נישט דער ערשטער פאַל, ווען פריער קומען אַהין איינצלנע בלעטער און נאָכדעם דער גאַנצער כתב־יד. די איינצלנע בלעטער פון דעם נירנבערגער „מחזור״ זענען געלעגן און געוואַרט 15 יאָר און האָבן זיך דערוואַרט.

און נאָך אַ פּרט: דעם ערשטן דף, דעם „אַרויסגעגנבעטן״, האָט שאָקען באַ־קומען אַ מתנה צו זיין 60סטן געבוירנטאָג (1937). דעם גאַנצן מחזור האָט ער באַקומען צו זיין 75סטן יובילייי...

**
*

ווען איך האָב דעם מחזור געזען, האָט נאָך קיינער נישט געחלומט, אַז ער וועט זיין אין יידישע הענט. ווען איך האָב די בלעטער געמישט, האָב איך הינטער מיר געהאַט צוויי „משגיחים״, איך זאָל, חס וחלילה, נישט נאָכטון די יעניקע פון 1880, וואָס האָבן „מיטגענומען״ די עלף בלעטער... ווען איך בין אַרויס פון

בוידעם־שטיבל, ווו מען לאָזט אַדורכקוקן די יקר־המציאותן, האָבן מיך עטלעכע פּאָר אויגן דורכגעלויכטן, אולי, אפשר האָט זיך צו מיר עפּעס „צוגעקלעפּט״. און געטראַכט האָב איך ביי זיך:

וואָס פּילט דער מחזור גופא? צי בענקט ער נאָך די עלף בלעטער, וואָס פעלן? צי ווילן זיי זיך אַמאָל פאַראייניקן? עס טרעפט דאָך, אַז לעבעדיקע מענטשן, צעריסענע, צעשניטענע, ווייסן אַפילו נישט די פעדים, וואָס ברענגען זיי צוריק. צי האָט דער מחזור יאָ עפּעס אַ „חיות״, וואָס פילט, וואָס בענקט, וואָס לעכצט צו פאַראייניקונג?

איך האָב יענעם נאָכמיטאָג געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיט די פאָרשטייער פון דער „אירסא״, די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אָפּנעמען די יידישע קולטור־אוצרות וואָס די נאַציזשע באַרבאַרן האָבן צוגערויבט. הונדערטער ענינים זענען דאַן געלעגן אויפן טיש. אין די סאַלאָנען פון נירנבערגער יוסטיץ־פּאַלאַץ, ווו איך האָב מיין באַריכט אָפּגעגעבן זענען דאַן פול געווען מיט ברע־נענדיקע פּראָבלעמען, מיט אָט־אָט פרישע ווונדן פון די 6 מיליאָן. אויף דעם טיש, ווו איך האָב אַרויסגעלייגט מיינע באַריכטן זענען געווען ענינים פון אונדזערע נישט־דערברענטע גייסטיקע שייטן — — — אָט זענען זיי שוין געווען אַ האָר פון דעם פלאַקערדיקן שייטערהויפן און אַרויס גאַנץ.

עס האָבן געוואָרט אויף אַ תיקון:

אַנסבאַכער סינאַגאָגע; שנייטאַכער תשמישי־קודש; עסלינגער אַרכיוו; מיינ־צער ביבליאָטעק; פיורטער מעמאָר־ביכער; מיטלבאַכער בית־עולם; וואָרמסער ווימפּלען; ערלאַנגענער כתב־ידן; קאָבלענצער מאַטריקל־ביכער, אאַ״וו.

אין מוח האָט אָבער געהאַמערט דער „נירנבערגער מחזור״...

ביז עס איז אין אַ שיינעם פרימאָרגן געקומען די ידיעה, פריער ווי אַ „סוד״ — „ער״ איז שוין אויפן וועג קיין ישראל — און שפּעטער ווי אַן אָפיציעלער באַריכט — דער מחזור איז אָנגעקומען בשלום.

עס איז לייכטער געוואָרן אויפן געמיט — נאָך איין היסטאָריש קולטור־ווערק איז אויסגעלייזט געוואָרן, האָט באַקומען דעם ריכטיקן תיקון...

קענט איר זיך פאָרשטעלן די שמחה פון „מחזור״ ווען ער האָט זיך צוריק־געטראָפן מיט די צעשיידטע „בלעטער״?

די דאָזיקע פרייד קאָן נאָר באַנעמען דער יעניקער וואָס איז אַליין אַדורך אַזאַ מין וועג...

*****

נאָך דעם ווי דער דאָזיקער קאַפּיטל איז שוין געווען אָנגעשריבן, האָב איך באַקומען פון נירנבערגער בייערישן מלוכהשן אַרכיוו אַ פאָטאָקאָפּיע פון דעם זעלטענעם בוך פון אַנדרע ווירפל:

מרדכי וו. בערנשטיין

historische NACHRICHTEN von der JUDEN - GEMEINDE welche ehehin in der REICHSTADT NÜRNBERG angericht gewesen aber Ao. 1499, ausgeschaff.et worden.

ווי מען זעט פון דעם דייטשן טיטל פון דאָזיקן בוך, וואָס איז דערשינען אין נירנבערג אין יאָר 1755, פונקט מיט 200 יאָר צוריק, ווערט די ייִדישע געשיכטע פון דער קהילה־קדושה נירנבערג דערפירט דער עיקר ביזן יאָר 1499, ווען די ייִדן זענען פון נירנבערג „אויסגעשאַפט" געוואָרן.

דער מחבר, אַ גייסטלעכער אין אָבערגומבאַך און קירשיטענבאַך איז נישט געווען קיין גאָר גרויסער ייִדנפריינט, אדרבא, ער איז פול מיט שנאה און גאַל צו די „אומגלייביקע" און זיין געשיכטע איז פול מיט די גרעבסטע בילבולים און בייזקייטן. אין דער דאָזיקער געשיכטע זענען אָבער פאַראַן אַ גאָר גרויסע צאָל מיט היסטאָרישע דאָקומענטן, טייל אויך אין העברעיִשן אָריגינאַל, וואָס זענען די איינציקע מקורות פאַר ייִדישע פאָרשערס.

די דאָזיקע „היסטאָרישע נאַכריכטען פאָן דער יודען־געמיינדע" האָט 164 זייטן און איז איינגעטיילט אין 9 קאַפּיטלען. פאַר אונדזער טעמע וועט זיין אינטערעסאַנט דער קאַפּיטל 8, וואָס הייסט:

Eine Beschreibung des geschriebenen *Machsor* auf der Stadt-Bibliotheque zu Nürnberg de Ao. 1330.

מיר האָבן דאָ, בכן, פון די ערשטע באַשרייבונגען פון דעם דאָזיקן מחזור. דאָס קאַפּיטל פאַרנעמט 15 פּאַראַגראַפן, אויף 8 זייטן. עס וואָלט געווען פון גאָר גרויס אינטערעס צו ברענגען אַלץ וואָס ווירפל שרייבט וועגן דאָזיקן מחזור. עס איז אָבער פאַר אַן אַרבעט פון ספּעציעלן כאַראַקטער. איך וועל דאָ נאָר ברענגען גאָר קליינע אויסצוגן, כדי צו דערגאַנצן דאָס וואָס מיר האָבן שוין פריִער געשריבן.

נישט־דערברענטע שײַטן

***

דער פּאַראַגראַף 1 זאָגט נישט מער און נישט ווייניקער:

„וואָס די ייִדן טראַכטן אין האַרצן וועגן די קריסטן און קריסטנטום וועלן די ייִדן אָפֿן פֿאַר דער טאָג־ליכטיקייט נישט אַרויסברענגען. זיי באַהאַלטן דעריבער זייער עקשנותדיקע בייזקייט אין זייערע געבעטן. די זאַמלונג פֿון אַזעלכע לעסטערונגפֿולע תּפֿילות רופֿן זיי דער מ ח ז ו ר."

פֿון דאַנען זעט מען שוין די „איינשטעלונג" פֿון ווירפּלען. און די דאָזיקע פֿעסטשטעלונג פֿון פּאַראַגראַף 1 ווערט ביי אים דערגאַנצט און באַקרעפֿטיקט אין דעם פּאַראַגראַף 2.

דער פּאַראַגראַף 3 דערציילט:

„אין דער שטאָט־ביבליאָטעק פֿון נירנבערג געפֿינט זיך אַן אַלט־געשרי־בענער מ ח ז ו ר, וואָס איז דאָרטן דאָ פֿון דער צייט זינט מען האָט די ייִדן פֿון דער שטאָט אַרויסגעשאָפּט. דער דאָזיקער מחזור איז פֿון רעגאַל־פֿאָליא גרויס, 528 פּאַרמעט־בלעטער, זייער ריין פֿון ביידע זייטן געשריבן. אַ ברוי־נער הארנבאַנד, וואָס איז מיט שטאַרקע קלאַמערס איינגעפֿעסטיקט".

אין די פּאַראַגראַפֿן 4, 5, 6, 7, 8, 9, 10 און 11 ווייזט אויף ווירפּל וואָס אַלץ די ייִדן דערלויבן זיך קעגן די קריסטן אין זייערע תּפֿילות. ער ווייס צו דערציילן, אַז זיי רופֿן אָן די „גוים", דאָס הייסט די קריסטן: אומריינע, חזירים, טויטע און דער עיקר לעסטערן זיי יעזוסן, ווען מען זיי רופֿן דער „געהאָנגענער" וכדומה.

פֿון גאָר גרויסן אינטערעס איז דער פּאַראַגראַף 12, ווו ווירפּל ווייזט אַרויס אַ גאָר גרויסע בקיאות אין די פּיוטים פֿון די מחזורים. ער ווייזט אָן אויף צענדליקער פּיוטים, וואָס מען געפֿינט נישט אין קיין אַנדערע מחזורים און דאָ זענען זיי יאָ פֿאַראַן. ער גייט זייט נאָך זייט און רופֿט אָן די נעמען פֿון די דאָזיקע פּיוטים.

פּאַראַגראַף 13 ברענגט דעם העברעיִשן אָריגינאַל פֿון אַריינשריפֿט פֿון דעם שרייבער פֿאַר יהושוע בר יצחק.

די פּאַראַגראַפֿן 14 און 15 דאַרף מען ברענגען ווערטלעך:

§ 14.

„טויזנטער שפּיצלעך האָבן שוין ייִדן פֿון פֿאַרשידענע ערטער באַנוצט כדי אַרויסצובאַקומען דעם מחזור פֿון דער שטאָט־ביבליאָטעק. ווען זיי זענען

נאָך געװען אין װין האָבן אײניקע רײַכע ייִדן זיך פֿאַרזאַמלט און האָבן פֿאַר־געלײגט, אַז זײ װעלן באַצאָלן צו 1 דוקאַט פֿאַר יעדעס בלאַט פֿון די 528 בלעטער...״

§ 15.

„עס ערגערן זיך דעריבער די ייִדן װעגן דעם נישט װײניק, װאָס דער דאָזיקער מחזור געפֿינט זיך אין די הענט פֿון קריסטן. זײ זענען באַזאָרגט, און מיט רעכט, װײַל דער דאָזיקער בוך קען זײ נאָך אַ מאָל שטעלן פֿאַר אַ גרױס געפֿאַר, װײַל מען װעט באַװײַזן װי זײ האָבן אין די דאָזיקע תּפֿילות מיט רשעות, קנאה און גיפֿט געלעסטערט קריסטוסן און דאָס קריסטנטום. װען מען פֿלעגט די ייִדן זאָגן, אַז זײערע תּפֿילות זענען פֿול מיט לעסטערונגען, פֿלעגן זײ דאָס אָפּלײקענען, אין בעסטן פֿאַל באַװײַזן, אַז דאָס מײנט עפּעס אַנדערש. אין דעם דאָזיקן מחזור אָבער קומט קלאָר צום אױסדרוק, אַז נישט נאָר דעם קריסטנטום, נאָר די ייִדן טוען שעלטן אין זײערע געבעטן אַלע גע־זאַלבטע הערשער, זײ שעלטן זײ און װינטשן זײ אַלדאָס בײז...״

קאָמענטאַרן צו די דאָזיקע פּאַראַגראַפֿן זענען נישט נײטיק.

די גערַאטעוועטע הגדה פון דאַרמשטאַט

אַ קורצע ייטאַ־ידיעה האָט מודיע געווען: „די לאַנג־געזוכטע דאַרמשטאַטער הגדה איז צוריק געפונען געוואָרן און איז שוין אויס־געשטעלט פאַר די באַזוכער פון דער ביבליאָטעק״. היות גאַנצע דריי יאָר האָב איך זיך מיטבאַטייליקט אינעם געיעג נאָך דער פאַרשווונ־דענער הגדה, לוינט זיך צו דערציילן ברייטער די דאָזיקע געשיכטע.

עס איז נישט קיין גוזמא, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז עס איז נאָך נישטאָ קיין איין ספר ביי ייִדן (חוץ דעם תנ״ך), וואָס זאָל נישט האָבן אַזאַ רייכע און פאַרשידנאַרטיקע צאָל אויפלאַגעס און אויסגאַבעס, אין די פאַרשידענע שפּראַכן, סיי די אויף וועלכע ייִדן האָבן גערעדט, סיי די שפּראַכן פון די פעלקער, צווישן וועלכע די ייִדן האָבן געוווינט.

דער באַקאַנטער ביבליאָגראַף, דער ביבליאָטעקאַר פון דער ייִדישער אָפּטיילונג פון דער געוועזענער קעניגלעכער אַקאַדעמיע פון אַזיאַטישן מוזעאום אין געוועזענעם פּעטערבורג, שמואל ווינער, האָט אין יאָר 1901 צונויפגעשטעלט אַ ביבליאָגראַפיע פון פּסח־הגדות, וואָס זענען דערשינען אין גאָר דער וועלט אין משך פון 400 יאָר.

די דאָזיקע אַרבעט, וואָס הייסט „רשימת הגדות פסח שנדפסו בכל ארצות תבל במשך ארבע מאות שנה (ר״ס—תר״ס, 1500—1900) פּעטערבורג תרס״א—1901״, נעמט־אַרום 995 פאַרשידענע מינים הגדות, וואָס געפינען זיך אין דער דערמאָנטער קיניגלעכער ביבליאָטעק.

איז געקומען מיט 30 יאָר שפּעטער אַ צווייטער ביבליאָגראַף, דער מיטאַר־בעטער פון ירושלימער אוניווערזיטעט (באַקאַנט מיט זיינע פאָרשונגען וועגן ייִדישן דרוק־וועזן), אברהם יערי, און אַרויסגעגעבן אַ הוספה־רשימה. די דאָזיקע רשימה, וואָס הייסט „קונטרס ההגדות״ (מילואים לרשימת ווינער), ירושלים תר״ץ, און דערגאַנצט ווינערן, נעמט־אַרום נייע 281 הגדה־אויסגאַבעס, טאַקע פון דער זעלבער צייט פון צווישן 1500 — 1900, וואָס ווינער האָט אַרויסגעלאָזן.

די הגדות פון יערים נייער רשימה געפינען זיך אין דער ביבליאָטעק פון דעם העברעישן אוניווערזיטעט.

מיט אַ יאָר שפּעטער איז געקומען אַ וויטערדיקער ביבליאָגראַף, אברהם דוקער, און האָטביידע פריערדיקע רשימות, סיי ווינערס, סיי יעריס, דערגאַנצט מיט נאָך 164 אויסגאַבעס פון דער הגדה, וואָס פעלן ביי די פריערדיקע ביבליאָגראַפן. די הגדות, וואָס דוקער רעכנט־אויס, געפינען זיך אין דער ביבליאָטעק פון דעם בית־המדרש הרבנים פון ניו־יאָרק. דוקערס אַרבעט הייסט: „אגד ההגדות״ (מילואים לרשימות ווינער ויערי) ירושלים, תרצ״א.

אַ ביבליאָגראַפיע וועגן דער ליטעראַטור אַרום דער פּסח־הגדה האָט נאָכדעם צוזאַמענגעשטעלט דער באַקאַנטער ביבליאָגראַף, דער ביבליאָטעקאַר פון דער גרויסער ביבליאָטעק פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק, יצחק ריבקינד, אין דעם „קרית ספר״ 1935 (תמוז תרצ״ה און תשרי תרצ״ו).

הכלל, אין משך פון די 400 יאָר זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן נישט ווייניקער ווי 1426 פאַרשידענע אויסגאַבעס פון דער הגדה.

אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ! די הגדה איז אויך דער איינציקער ספר ביי אונדז, וואָס האָט זוכה געווען צו זיין פאַרפּוצט מיט כל־המינים צייכענונגען און אילוסטראַציעס. דאָס האָט אַ שייכות צו די געדרוקטע הגדות, וואָס זענען פול מיט כל־המינים באַצירונגען, פאַרביקע בילדער און שילדערונגען פון אַלע לעגענדעס און מעשיות פון דער עבודת פּרך אין מצרים און פון די מכות פאַר פּרעהן און נאָכדעם דעם גאַנג דורך דער מדבר אאַ״וו.

אָבער באַזונדערס מערקווירדיק איז דאָס, וואָס צו די צירונגען פון אונדזער פאָלקס־קונסט געהערן די הגדה־כתב־ידן. די אילוסטרירטע כתב־יד־הגדות פון סאַראַיעוואָ, פון נירנבערג און דאַרמשטאַט געהערן צו די זעלטנסטע קונסט־עקזעמפּליאַרן אויף דער וועלט. אַ גאַנצע ביבליאָטעק וואָלט מען שוין געקענט צוזאַמענשטעלן וועגן די אַרבעטן אַרום די דערמאָנטע אילוסטרירטע הגדות.

מען דאַרף אויך אָנווייזן אויף אַ פּאָר קליינע פּרטים, וואָס האָבן אַ שייכות צו הגדה בכלל.

קיין שום ספר אונדזערער האָט נישט אַזאַ רייכע פּאַראָדיע־ליטעראַטור ווי די הגדה.

אָט האָט ד״ר ישראל דאַווידזאָן, אין יאָר 1928 (אין „פּנקס״, זשורנאַל פאַר ליטעראַטור־געשיכטע, שפּראַך־פאָרשונג ,פאָלקלאָר און ביבליאָגראַפיע, פון ייוואָ אין אַמעריקע) פאַרעפנטלעכט אַ רשימה פון פּאַראָדיעס־ליטעראַטור ביי יידן פאַר 20 יאָר (1907 — 1927), געפינען זיך צווישן די 74 כל־המינים פּאַראָדיעס אויך 14 הגדה־פּאַראָדיעס אין יידיש און העברעיש, דערשינענע אין וואַרשע, ירושלים, לאָנדאָן, לעמבערג און ניו־יאָרק.

און נאָך אַ פּרט: קיין שום ספר האָט נישט אַזויפיל איבערזעצונגען אין די־

גערעדטע שפּראַכן ביי ייִדן. און דאָס שטיצט זיך אויף דעם, וואָס מ׳דאַרף די געשיכטע פון מצרים דערציילן די קינדער. „והגדת לבנך״. אין דעם באַרימטן סידור פון רבי יחיאל־מיכל עפּשטיין פון יאָר תנ״ז (1697), וואָס ער האָט אַרויס־געגעבן אין ייִדיש, זאָגט ער דאָרטן, אַז די חכמים האָבן טאַקע מתקן געווען די הגדה, אָבער (מיר גיבן עס אין דעם ייִדיש — פון אָריגינאַל):

„...ווייל אָבער בעוונותנו הרבים אין דיזע דורות די מערהייט מאַנס־פּערשוינען ניקס פאַרשטעהען (העברעיִש), מכל־שכן ווייבער און קינדער די אפשיטא ניט פאַרשטעהען און ווייל די עיקר מצוה איז די הגדה צו פאַר־שטעהען, וואָס געשען איז, אַזוי איז דער מנהג אין פיל מדינות דאָס נעבען דער לשון־הקודש־הגדה דערביי געדרוקט איז דאָס זעלביקע לשון, דאָס מען אין דער זעלבער מדינה רעדט. אַלזאָ, אין וועלש־לאַנד (איטאַליע) קענען די ווייבער און קינדער וועלש־לשון. אַזוי דענק איך גאָר גוט צו זיין ווייל מען זאָל אין דיזער מדינה, ווו מען רעדט הויך־טייטש־לשון, דאָס איין מצוה איז דאָס איין איטלעכער בעל־הבית אַפּילו דער שוין איין למדן אין זיין גזינד, די קיין לשון־קודש פאַרשטעהען, אויף טייטש זאָגן ווען מען האַלט עבדים היינו לפרעה... ער מעג דאָס לשון־קודש איבערהויפּען פון „עבדים היינו״ אָן ביז „כמה מעלות טובות למקום עלינו״, ווייל דאָס געהערט שוין נישט צו דעם „והגדת לבנך״.

קומען מיר צו דאַרמשטאַט.

אין פאַרשידענע זאַמלונגען, אין אוניווערזיטעטן און אַרכיוון, האָבן זיך אין דייטשלאַנד אויפגעהיט די דערמאָנטע וווּנדער־עקספּאָנאַטן, די אילוסטרירטע הגדות. און איינע פון די פיל עובדות, וואָס איז אַריין אין מיין געביט פון אויס־געפינען די ייִדישע קולטור־אוצרות, איז געווען אויסצוזוכן, צי עס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט די באַקאַנטע הגדות.

און פון דער דאָזיקער רשימה האָב איך, ווי ס׳קומט מיר אויס איבערצוגעבן ביי אַנדערע געלעגנהייטן, געזען די 2 נירנבערגער הגדות אין אָריגינאַל. זיי געפינען זיך גאַנץ אין דעם גערמאַנישן נאַציאָנאַלן מוזיי פון נירנבערג. זיי זענען פאַראַן אונטער זייערע פריערדיקע קאַטאַלאָג־נומערן 1388 און 7121.

גאַנץ זענען אויך די הגדות אין דער בייערישער מלוכה־ביבליאָטעק, אין מינכען. ספּעציעל צו באַוווּנדערן איז דער עקזעמפּליאַר פון 15טן יאָרהונדערט, וואָס געפינט זיך נאָך אַלץ אונטער דעם קאַטאַלאָג־נומער קאָדעקס העבראַיקאַ נומער 200..

די הגדות פון דער גרויסער זאַמלונג פון דער בערלינער פּרייסישער ביב־ליאָטעק האָב איך געפונען אין מאַרבורג; אַהין איז די דאָזיקע זאַמלונג פון די ייִדישע כתב־ידן אַרויסגעפירט געוואָרן און דאָ איז געגרינדעט געוואָרן אַ נייע

ביבליאָטעק מיטן נאָמען „וועסטדויטשע ביבליאָטעק". אַלע עקזעמפּליאַרן פון די הגדות זענען געווען גאַנץ.

אויך גאַנץ זענען געבליבן די הגדות פון דער שטאָטישער ביבליאָטעק אין פראַנקפורט ביים מאַין און פון דער אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק אין האַמבורג.

אין דאַרמשטאַט איז אָבער געשען אַן אומפאַרשטענדלעכע זאַך. די דאָזיקע הגדה, וואָס ווערט גערעכנט, נאָך דער סאַראַיעוואָער, פאַר דער אָריגינעלסטער, סיי מיט איר עלטער, סיי מיט איר קינסטלערישער אויספאַרטיקונג, איז נעלם געוואָרן.

פאַר דער אָריגינעלקייט פון דער הגדה איז גענוג צו דערמאָנען, אַז זי איז דערשינען אין אַ פאַרביקער רעפּראָדוקציע און וועגן איר האָבן געשריבן ספּעציעלע אַרבעטן ייִדישע און נישט־ייִדישע קונסטפאָרשער און היסטאָריקער אין פאַרשידענע שפּראַכן.

קומענדיק אין דאַרמשטאַט און זייענדיק אין דער העסישער לאַנד־ביבליאָ־

דאָס בלאַט מיט „עבדים היינו" פון דער נירנבערגער הגדה (15טער יאָרהונדערט). די צייכענונג שטעלט פאָר די עבודת־פּרך אין מצרים.

טעק האָט מיר דער ביבליאָטעקאַר־דירעקטאָר, רעסט, דערקלערט, אַז די הגדה איז נישטאָ. תחילת האָב איך עס אָנגענומען פאַר אַן אויסרייד, אַז ער וויל נישט ווײַזן די הגדה, טאָמער וועט מען זי וועלן בײַ אים צונעמען.

ער האָט אָבער געשטעלט צו מײַן דיספּאָזיציע דעם גאַנצן פֿײַער־געזיכערטן קעלער, וווּ עס געפֿינען זיך יקר־המציאותן אײנציקע אין דער וועלט, און גע־בעטן מיר זוכן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע ייִדישע כתב־ידן (תנ"ך, מחזורים, געשיכטע, אין דעם אַ זעלטענע כראָניק פֿון דער צײַט פֿון ערשטן קרייצצוג) זענען דאָ. דער גאַנצער קאָמפּלעט פֿון אָריענטאַליאַ איז פֿאַראַן. עס פֿעלט בלויז דער נומער 7, די הגדה.

וואָס אַלץ איז אין דעם דאָזיקן קעלער געווען! פּאַפּירוסן פֿון מצרים; זייד־מאַנוסקריפּטן פֿון יאַפּאַן; לייוונט און שטעקל־שריפֿט פֿון אַפֿריקע; ציגל און שאַרבנס מיט אויסגעקריצטע טעקסטן פֿון בבל — די הגדה איז נעלם געוואָרן.

און אין יאָר 1944, בעת דער לעצטער אינווענטאַריזירונג, איז זי נאָך געווען אַן אמתע מיסטעריעזע געשיכטע.

דער חשד איז געפֿאַלן אויף ייִדישע אַמעריקנאַער זעלנער, וועלכע זענען די ערשטע אַרײַן אין שטאָט. עס זענען אַפֿילו געווען „עדות", וואָס האָבן דערקלערט אַז זיי האָבן געזען, אַז אַמעריקאַנער זעלנער האָבן אַרויסגעטראָגן פֿון דער לאַנד־ביבליאָטעק געוויסע אָביעקטן.

לייענענדיק די דאָזיקע „גבית־עדות" האָב איך געטראַכט, אַז אויב דאָס איז טאַקע אמת, איז אַ האַלבע צרה. וועט זי זיך אין יאָרן אַרום אויסגעפֿינען ערגעץ אַנדערש.

נאָכן ערשטן באַזוך האָב איך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, צוליב אַנדערע גע־לעגנהייטן, באַזוכט דאַרמשטאַט און שטענדיק געזען זיך מיטן דירעקטאָר פֿון דער אוניווערזיטעט. אין יאָר 1951, אין מאַי, בײַ מײַן לעצטן באַזוך, האָט מיר מיט שמחה איבערגעגעבן דער דירעקטאָר, רעסט, אַז ער האָט ידיעות, אַז די הגדה איז פֿאַראַן, אַז זי איז אין דײַטשלאַנד. ער קאָן אָבער נישט זאָגן קיין פּרטים וועגן דעם, אַז ער וועט מיר מודיע זײַן.

אײדער די ייִטאַ־טעלעגראַמע איז אָנגעקומען, איז געקומען דער דערוואַר־טער באַריכט.

די הגדה איז פֿון 1945 געווען אין דעם וועלט־באַרימטן לעדער־מוזיי פֿון אָפֿענבאַך בײַ פֿראַנקפֿורט. אין דער דאָזיקער שטאָט זענען פֿאַראַן די גרעסטע און פּערפֿעקטסטע אין דײַטשלאַנד לעדער־פֿאַבריקן. די אויסאַרבעטונגען פֿון דאָרטן גייען אין דער גאַנצער וועלט. דאָרטן איז אויך דער כמעט אײנציקער לעדער־מוזיי פֿון דער וועלט. כל־המינים לעדער־אויסאַרבעטונגען; רוי־שטאָף ווי פּראָדוקטן; פּשוטע לעדער־מכשירים און קונסט־ווערק: כּאָמוטעס פֿון פֿערד,

ליאַפּטשעס (פון אַלע לענדער) און די אײדלסטע אַבאַזשורן. גראָבע יוכטענע פּעל און רײנע, דורכזיכטיקע לעדער־פּראָבן, װאָס קומען דערפון, װען מען שפּאַלט אַ פּעל אויף 25 (פינפאונצװאַנציק!) שיכטן. אין דעם מוזײ איז פאַראַן אַ מיניאַ־טור־„פאַבריק", װו מען װײזט דעם גאַנצן פּראָצעס פון דער פּראָדוקציע: פון אַ פערד ביז אַ פּאָר שטיװל, װאָס עס װערט פון זײן פעל.

אין אָפּענבאַך איז מיר אויסגעקומען צו זײן אָפּט, װײל טאַקע דאָרטן האָט עס אין אַ לאַגער דער „יודענקענער" ראָזענבערג אויפגעקליבן אַלע ייִדישע אוצ־רות פון די לענדער, װאָס היטלער האָט באַהערשט.

איך האָב באַזוכט דעם בית־עולם, װו עס ליגט יעקב פראַנק און געזען אין שטאָטישן מוזײ די רעליקװיעס נאָך דעם גרינדער פון די פראַנקיסטן. און מען האָט מיך אויך געפירט אין דעם דערמאָנטן לעדער־מוזײ. אָבער אין אײן אָפּטײ־לונג האָט מען די באַזוכער נישט אַרײנגעלאָזן. זי איז געװען אָפּגעשלאָסן און עס האָט געהײסן, אַז דאָס איז אַ נאָך נישט געסדרטער פּאַװיליאָן.

דאַן האָט מען אָבער גערעדט, אַז דאָרטן געפינען זיך געהײמע עקספּאָנאַטן, אַז דאָרט זאָלן זיך געפינען אַבאַזשורן פון מענטשלעכער הויט (אויך אַ סאָרט „לעדער"), אַז דאָרטן זאָלן אַפילו זײן אויסגעשטאָפּטע מענטשלעכע קערפּערס, װי די לעמפּערטן, קראָקאָדילן און פערד אין די אַנדערע אָפּטײלונגען.

פון באַריכט, װאָס איך האָב נאָכדעם באַקומען, װײזט זיך אַרויס, אַז אין דעם פּאַװיליאָן האָבן זיך געפונען מערקװירדיקע עקספּאָנאַטן, אַלע געמאַכט פון פּאַר־מעט און אַלע באַציִען זיך צו ייִדישע קעגנשטאַנדן.

װי „לעדער" האָבן זיך דאָרטן געפונען ספר־תורהס אויף הערשן־פעל, אַ פײנע קאָלעקציע זעלטענע ספרים. אָבער נישט צוליב זײער „אינהאַלט" זענען זײ דאָרטן געקומען, נאָר צוליבן... אײנבונד. װוּנדערבאַרע מגילות צוליב זײער „לעדער" און צװישן אַנדערע אויך די דאַרמשטאַטער הגדה.

דער דאָזיקער פּאַװיליאָן איז געװען טאַבו. ייִדן האָט מען אַהין נישט אַרײנ־געלאָזן. די מורא, אַז מען װעט די דאָזיקע „לעדער־מוסטערן" צונעמען, איז גע־װען גרויס.

אינמיטן פון יאָר 1951 זענען פאָרגעקומען װאַלן צום העסישן לאַנדטאַג און עס איז אויסגעװײלט געװאָרן אַ מערהײט פון ס. פּ. ד. (סאָציאַליסטישע פּאַרטײ דויטשלאַנדס). די ערשטע עובדה פון דעם נײעם פּרעמיער־מיניסטער צין, איז געװען צו באַזײטיקן פון אַלע מלוכהשע אַמטן די געװעזענע נאַציס. און אונטערן מעסער פון דער דאָזיקער רײניקונג איז געפאַלן דער דירעקטאָר פון אָפּענבאַכער לעדער־מוזײ און די 2 הויפּט־קוסטאָשן. דער נײער דירעקטאָר, אַ געװעזענער לערער פון אַ שול אין מזרח־בערלין, װעלכער איז אַנטלאָפן קײן מערב, איז געװען בשעתו (ביז 1933) אַ לעקטאָר אין דעם באַרימטן אינסטיטוט פאַר װיסנ־

דאָס בלאַט „שפוך חמתך״ פון דער באַרימטער דאַרמשטאַטער הגדה.
די אָרנאַמענטן שטעלן מיט זיך פאָר די סדר־צערעמאָניע.

שאַפט דעם יודענטומס אין בערלין, האָט ביים איבערנעמען דעם אָמט געעפנט דעם דאָזיקן פאַרבאָרגענעם ווינקל.

אַ פּאָר חדשים האָט גענומען ביז מען האָט פעסטגעשטעלט, צו וועמען די אַלע „לעדער"־עקספּאָנאַטן געהערן און זיי ווערן ביסלעכווייז אומגעקערט צו זייערע פריערדיקע באַלעבאַטים.

אַזוי איז אויך געקומען די דאַרמשטאַטער הגדה אין איר פריערדיקן אָרט.

אגב, איז אַ סברה, אַז די ספר־תורה אויף הערש־פעל זאָל עס זיין די יעניקע, וואָס עס האָט געשריבן דער מהר"ם מרוטענבערג, דער קדוש מאיר בן ברוך. די תורה איז טאַקע געבראַכט געוואָרן פון מאַינץ אין דעם לעדער־מוזיי.

***

יציאת־מצרים און גאַנג דורך מדבר; ניסים ונפלאות געפּאָרט מיט מכות; עבודת־פּרך און עינויים — וועגן אַלץ דערציילן די הגדות פון אַלע צייטן און אין אַלע שפּראַכן. וואָלט אָבער די דאַרמשטאַטער הגדה, וואָס איז געלעגן עטלעכע יאָר צווישן די אַנדערע „לעדער־מוסטערן", באַקומען לשון, וואָלט זי געקענט דערציילן אַנדערע ניסים ונפלאות אוי וואָלט זי דערציילט... ווייל צו אונדז איז נאָר דערגאַנגען אַ ברוכטייל פון דער דאָזיקער אָפּענבאַכער „גניזה". ווער ווייס, וואָס אַלץ עס האָט זיך דאָרט געפינען אין דעם ווינקל, וואָס די נאַציס האָבן יאָרן־לאַנג געהאַלטן אָפּגעשלאָסן. אפשר וועלן מיר זיך וועגן דעם נאָך אַמאָל דערוויסן.

אַ זעלטענער „מורה נבוכים"־כתב־יד

ביי מײַנע באַזוכן אין דער אוניווערסיטעט־שטאָט טיבינ־גען האָב איך זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַ רײ העברעיִשע כתב־ידן, וואָס געפֿינען זיך אין דער אָריענטאַליסטי־שער אָפּטײלונג פֿון דעם דאָרטיקן אוניווערסיטעט. לרוב זענען עס פֿראַגמענטן, אײנצלנע בלעטער, וואָס שטאַמען פֿון בוך־אײַנבונדן. די דאָזיקע פֿראַגמענטן (ווי למשל צוויי פּאַרמעט־זײַטן פֿון מלכים ב׳) זענען גאָר אַרײַנגענומען געוואָרן אין אַ קאָדעקס־נומער 241 און זענען שוין אין יאָר 1780 (1) פֿאַרצײכנט געוואָרן אין דעם אוניווערסיטעט־קאַטאַלאָג. אַראָפּגענומען פֿון די טאָוולען האָט מען זײ נאָך פֿריִער. ווען מען האָט אין זײ אײַנגעבונדן דעם געגעבענעם בוך איז נישט באַקאַנט. יעדנפֿאַלס זענען די דאָזיקע פֿראַגמענטן נישט קײן שפּעטערע ווי פֿון 14טן יאָרהונדערט.

אַזעלכע אײנצלנע בלעטער, אַראָפּגענומענע פֿון טאָוולען, זענען אין פֿאַר־שידענע זאַמלונגען, אין אַרכיוון, מוזײען, ביבליאָטעקן פֿאַראַן לרוב און דאָס דערצײלט, אַז די אַלטע ייִדישע פּאַרמעטן האָבן געניצט ווי אײַנבונד־מאַטעריאַל אין אַ גאָר ברײטן פֿאַרנעם.

אין דער זעלביקער ביבליאָטעק איז אָבער פֿאַראַן אַ כתב־יד, וואָס ווערט פֿאַררעכנט ווי דער זעלטנסטער פֿון דער דאָרטיקער רײַכער קאָלעקציע אין דער אָריענטאַליאַ. ווי אַזעלכער ווערט ער באַצײכנט דורך דעם האַנטשריפֿט־קאַטאַלאָג פֿון יאָר 1839—1841 פֿון דער טיבינגער ביבליאָטעק (2), אַזוי אויך אין דעם שפּעטערדיקן געדרוקטן קאַטאַלאָג.

דער דאָזיקער כתב־יד איז די העברעיִשע איבערזעצונג פֿון מורה נבוכים, געשריבן אויף פּאַרמעט אין צוויי עמודים. די 210 זײַטן (3 בלאַנקע) זענען אַלע

1) J. D. Neuss-Verschreibung merkwurdiger Bücher aus der Universitäs-Bibliothek zu Tübingen. Tübingen 1780.

2) Verzeichnis der Handschriften der Königlichen Universitäts Bibliothek in Tübingen angelet von Dr. Adelb. Keller 1839-1841.

פאַרצירט מיט ווונדערדיקע פאַרביקע אַראַבעסקן. יעדער קאַפּיטל פון ספר הייבט זיך אָן מיט באַגילדטע אותיות, אַריינגעגומען אין געבלימלטע אָרנאַמענטן. די אָנהייב־אותיות פון די קאַפּיטלען און צומאָל אויך פון באַזונדערע אָפּזאַצן, זענען פאַרצירונגען, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די פאַנטאַסטישע בעלי־חיים: פייגל מיט

בלאַט פון טיבינגער קאָדעקס פון מורה־נבכים, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם אָנהייב פון קאַפּיטל צלם

ריזיקע פליגלען און משונהדיקע פיס; הירשן, לייבן און סתם ברואים. אויך די בלומען וואָס פלעכטן צונויף די דאָזיקע פיגורן זענען אויסטערלישע.

אויף דער לעצטער זייט (207) פון דעם דאָזיקן קאָדעקס, וואָס טראָגט דעם נומער 146, געפינט זיך דער ווייטערדיקער קאָלאָפאָן, וואָס איז גאָר ספעציעל באַצירט מיט טורעמס, אַרומגעפלאָכטענע מיט בליטן און שפּרינגענדיקע חיות:

אני ישראל
בר׳ שמואל
דנרבונה י״צ״ו
כתבתי זה התורה לעצמי וסימתיו בחדש
אלול בשנת מאה ושלש לפרט המקום יזכני
להנות בו זרעי וזרע זרעי עד סוף כל הדורות ויקיים
בי מקרא שכתוב לא ימוש ספר התורה הזה מפיך
והגית בו יומם ולילה ואז תצליח את חפציך ואז תשכיל
הלא צויתיך חזק ואמץ והודעתם לבניך ולבני
בניך אמן אמן סלה.

פון דער דאָזיקער צושריפט ווייסן מיר, אַז דער איבערשרייבער פון דעם מורה נבוכים (לויטן אבן תבונס איבערזעצונג) ישראל בר׳ שמואל פון נאַרבאָנע האָט עס נישט געטון לשם פרנסה, נאָר לעצמי, פאַר זיך און פאַר זיינע קינדער און קינדס־קינדער. פאַרענדיקט האָט ער עס אין יאָר מאה ושלש, וואָס מאַכט אויס, נאָך דער וועלטלעכער רעכענונג, 1343, מיט 613 יאָר צוריק. ווען ער האָט אָנגעהויבן די דאָזיקע אַרבעט, וויפל האָט געדויערט דאָס דאָזיקע קונסטווערק פון 207 זייטן ווייסן מיר נישט, פונקט ווי מיר ווייסן נישט צי האָט ישראל דנרבונה געמאַכט זיין כתב־יד פון אבן תבונס אָריגינאַל, אָדער פון אַ צווייטן עקזעמפּליאַר.

אין דעם אַרכיוו פון דער טיבינגער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק איז פאַראַן די געשיכטע וועגן דעם גילגול פון דעם דאָזיקן זעלטענעם קונסטווערק פאַר די פאַר הונדערט יאָר. דער כתב־יד איז ביז 1694 געווען דאָס אייגנטום פון דעם גייסטלעכן ד. י. י. לעיבניץ, וואָס האָט געוווינט אין שטאָקהאָלם (פריער אין עס־לינגען, ווירטעמבערג). אויף דער בקשה פון דעם בשעתו באַקאַנטן טיבינגער גע־לערנטן מאטהעא היללער האָט דער גייסטלעכער לעיבניץ דעם דאָזיקן ווערטיקן כתב־יד געשענקט דער ביבליאָטעק.

דער דאָזיקער מורה־נבוכים־כתב־יד איז בעת דער מלחמה 1939—1945 אַרויסגעפירט געוואָרן, צוזאַמען מיט אַנדערע ווערטיקע אָביעקטן פון דעם אוני־ווערסיטעט און איז געווען באַהאַלטן אין שוואַרצוואַלד.

בלאַט פון בודאַפעשטער קאָדעקס, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם ספר שלשה עשר (ספר המשפטים) פון דער משנה תורה. די אונ־טערשטע צייכענונג שטעלט פאָר אדם, חוה און די שלאַנג. די שלאַנג אויף דער צייכענונג האָט, ווי ס׳זאָגט זיך אַ מדרש, אַ פנים פון אַ מענטשן.

בײַ דער געלעגנהייט איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין אַ צווייט אָרט, אין דעם רהייניש מוזעום אין קעלן, געפינען זיך פּאַטאָגראַפיעס פון אַ משנה תורה־כתב־יד פון יאָר 1296, וואָס עס האָט אויסגעפּאַרטיקט נתן בן־שמעון הלוי פון קעלן. דער כתב־יד האָט זיך ביז דער וועלט־מלחמה געפונען אין דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין בודאַפּעסט. די פאָטאָקאָפּיעס ווייזן, אַז דער דאָזיקער כתב־יד איז איינע פון די שענסטע יידישע קונסטווערק וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט. אויך דאָ זעען מיר אויף יעדן דף וווּנדערדיקע צייכענונגען, באַפּוצונגען פון מענטשן, חיות און געוויקסן. דערבײַ זענען דאָ בילדעריש פאַרגעשטעלט אַ ריי סצענעס פון די תנכישע דערציילונגען ווי אדם און חוה אין גן־עדן; עקדת יצחק; מתן תורה וכדומה.

נאָך לעצטע ידיעות איז דער כתב־יד אָפּגעראַטעוועט און געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין בודאַפּעסט. די פאָטאָגראַ־פיעס פון דעם כתב־יד אין קעלן האָבן דעם קאַטאַלאָג נומער 267.

דער אויגסבורגער „מוהל־ביכל“

גאַר אָפט איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין אויגסבורג. סיי צוליב איר אייגענעם ייִדישן יחוס, סיי צוליב דעם, וואָס פון דאָרטן האָבן געפירט די קאָמוניקאַציע־פאַרבינדונגען אין דעם שוואַבישן בורגאַו־געגנט, ווו עס זענען בשעתם געווען די גאָר אַלטע ייִדישע קהילות ווי גינזבורג, איכענהויזן, טאַנהויזן און אַנדערע.

די אויגסבורגער סינאַגאָגע, איינע פון די געציילטע מאָדערנע ייִדישע בוי־קונסט־ווערק, איז אַרויס אַ גאַנצע פון דער נאַצישער פאַרניכטונג. דאָ טאַקע זענען אויפגעזאַמלט אָן אַ שיעור שיריים פון צענדליקער און צענדליקער אַרומיקע קהילות.

אין דער גרויסער שטאָטישער ביבליאָטעק איז מיר אויסגעקומען אויסצוזוכן אַ ריי פון מאַטעריאַלן, וואָס זענען שטאַרק צונוץ־געקומען מיינע פאָרשונגען.

ביי איינעם פון מיינע באַזוכן ווייזט מיר מיין שטענדיקער באַראַטער און באַגלייטער אין אויגסבורג, פריינט בערנאַרד בעצען, דער געשעפט־פירער פון דער אָרטיקער, גאָר־איינגעשרומפּענער ייִדיש־דייטשער געמיינדע, אַ געפינס: וואָס עס איז אים אַריינגעקומען אין די הענט.

— וואָס זאָל עס זיין, הער בערנשטיין?

און ער דערלאַנגט מיר אַ קליין ספרל, איינגעבונדן אין צונטער־רויטן לעדער און באַקלאַמערט מיט באַגילדעטע איינבונד־שלעסער.

עפענענדיק דעם טאָוול פון ספרל האָב איך געזען, אַז דאָס איז איינער פון די גאָר פאַרשפּרייטסטע הילף־ביכער פאַר מוהלים — דער „סוד ה׳“, מיט אַ צוגאָב, „שרביט הזהב“. אין דאָזיקן ספרל זענען פאַראַן הן די דינים און מנהגים וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ברית־צערעמאָניע — די נייטיקע ברכות און תפילות בעת דער ברית־סעודה. אין ווייטערדיקע אויסגאַבעס פון דאָזיקן פאָפּולערן ספרל זענען אויך פאַראַן פאַרשידענע, אַזוי־גערופענע, מעדיצינישע כללים, אָנווייזונגען און אַפילו רעצעפּטן פאַר די מוהלים. ווי אויסצופּרובירן צי דאָס קינד איז ראוי דורכצומאַכן די ברית־אָפּעראַציע; ווי צו פאַרהיילן גיך די וווּנד; וואָס צו טון כדי צו פאַרהאַלטן אַ שטאַרקע בלוטיקונג וכדומה.

דערקלער איך אים וואָס דאָס איז.

— יאָ, דאָס ווייס איך שוין פריילעך, זאָגט מיר בעצען, אָבער היער גיבט עס נאָך וואָס, און ער ווייזט מיר, אַז צום געדרוקטן טייל פון ספרל איז נאָך פאַראַן אַ צוגעשריבענער. דאָס ביכל האָט 30 געדרוקטע זייטן און דער כתב־יד־טייל האָט גאַנצע זעכציק זייטלעך.

— וואָס זאָל דאָס בעדויטען?

בעצענס שאלה איז נישט געווען סתם אין דער וועלט אַריין. איך האָב דאָ געטראָפן איינעם פון די גאָר אינטערעסאַנטע עקזעמפּליאַרן פון אַ רעגיסטראַטור, ווו די מוהלים פלעגן פאַרצייכענען די ברית־מילה־אָפּעראַציעס, וואָס זיי פלעגן דורכפירן.

בעת איך בין געזעסן אין דער קאָבלענצער „כישוף־לאַבאָראַטאָריע", ווו מען האָט פאַר מיר דורכגעלויכטן די פילמען פון די „בלעכענע פושקעס", האָב איך געזען אַ גאָר גרויסע צאָל אַזעלכע „מוהל־ביכלעך". איך האָב דאַן נישט גע־האָט די מעגלעכקייט צו מאַכן גענויערע אויסצוגן פון די דאָזיקע פילמען — מ'האָט דאַן געדאַרפט יאָגן מיטן „דורכלאָזן" דעם פערטל מיליאָן פילם־אויפנאַמעס. איך האָב אָבער אין מיינע נאָטיצן פאַרצייכנט אַן עטלעכע צענדליק „מוהל־ביכ־



ערשטער זייטל פון דעם מוהל־בוך פון דער קהלה אַרנסוואַלדע (קרייז פראַנקפורט דאדר) אָנגעהויבן פירן מאָנטיק דעם 24סטן תשרי תקע"א (25סטן אָקטאָבער 1910).

אינטערעסאַנט איז דאָס וואָס דעם ערש־טן ברית האָט דער מוהל דורכגעפירט אויף זיין אייגענעם זון. דער מוהל־בוך הייבט זיך אָן אַזוי:

למז"ט (למזל־טוב) שחנני ד' במוהל־שאַפטן:

א. אצל בני הילד יצחק המכונה איציק...

לעד״ — בעיקר פון 18טן יאָרהונדערט. דאָס ערשטע מאָל האָב איך דאָ אַזאַ אוניקום געהאַט אין די הענט און טאַקע אין אָריגינאַל. האָב איך באַשלאָסן, אַז דער דאָזיקער עקספּאָנאַט דאַרף אַרייַנגענומען ווערן אין אונדזערע נישט־דער־ברענטע שייַטן.

דער דאָזיקער עקזעמפּליאַר פון „סוד ה׳״, אין וועלכן עס זענען צוגעשריבן די 60 בלעטלעך כתב־יד, איז געדרוקט אין יאָר ה׳תקס״א (1801) אין ווין, אין דער באַרימטער דרוקערייַ פון „אַנטאָן שמיד, ק״ק (קעניג־קייזערלעכער) פּריווילעגירטן העברעיִשן בוכדרוקער״. חוץ די תפילות און מנהגים זענען נאָך פאַראַן 41 כללים אין יידיש־דייטש מיט אַ היפּש ביסל „רעצעפּטן״.

די ערשטע כתב־יד־נאָטיץ איז פון 18טן סעפּטעמבער 1835 און די לעצטע פאַרצייכענונג איז פון 23טן אויגוסט 1877. דאַרף מען אָננעמען, אַז די דאָזיקע 42 יאָר זענען עס געווען די פּראַקטיק־יאָרן פון דעם מוהל.

שער־בלאַט פון דעם אויגסבורגער מוהל־בוך און אַ זייטל פון דעם מוהל־רעגיסטראַטור פון די נומערן 203, 204, 205, 206 פון דורכגעפירטע בריתן און די דאַטעס 24סטן אָקטאָבער, 19טן נאָוועמבער און 20סטן נאָוועמבער 1860, און 21סטן יאַנואַר 1861 (תרכ״א).

פון וואַנען דער מוהל האָט געשטאַמט, ווו עס איז געווען זיין שטענדיקער וווינאָרט, וועגן דעם דערציילט נישט דאָס „מוהל־ביכל". מיר ווייסן נאָר, אַז ער האָט געהייסן יוסף בן קלונימוס. פון די פאַרצייכענונגען איז אויך צו זען, אַז זיין טעטיקייט־טעריטאָריע איז געווען אַ גאָר ברייטע. זיינע ברית־קליענטן האָבן גע־שטאַמט פון אַ גאָר גרויסער סביבה. מיר געפינען דאָרטן דורכגעפירטע בריתן אין באַדערייינאַו, האַרבורג, אָסטערבערג, איכענהויזען, עטינגען, פישאַך, מעמינ־גען און מינכען. עס איז אַ גאָר גרויסרע שטח, ווו די קהילות ליגן הונדערטער קילאָמעטער איינע פון די צווייטע.

משמעות, אַז ער איז געווען אַ גאָר גרויסער מומחה אין זיין ספּעציאַליטעט, אויב מען האָט אים אַרויסגערופן פון אַזוי ווייט און אין גאָר חשובע קהילות, וואָס האָבן מן־הסתם געהאַט אייגענע מוהלים (מינכען, איכענהויזען, עטינגען).

בסך־הכל האָט דער מוהל יוסף בן קלונימוס אין זיין רעגיסטער 293 ברית־אָפּעראַציעס אין יעדער פאַרצייכענונג געפינט זיך די דאַטע פון ברית, דער נאָ־מען פון געמלטן, זיין פאָטערס נאָמען און אויך ווער עס איז געווען דער סנדק און ווער עס האָט דורכגעפירט די פריעה. פון די פאַרצייכענונגען איז צו זען, אַז אין געוויסע פאַלן איז ער, יוסף בן קלונימוס, געווען נאָר דער בעל־פריעה.

יעדע פאַרצייכענונג הייבט זיך אָן מיט אַ פּסוק אָדער מליצה־אַריינפיר און פאַרענדיקט זיך מיט דער ברכה פאַרן רך־הנימול, אַז ער זאָל דערצויגן ווערן לתורה, לחופה און למעשים טובים.

דער מוהל יוסף בן קלונימוס האָט אין זיינע פאַרצייכענונגען אויך אַ ביסל אויסנאַמען — ער האָט למשל אַ באַזונדער אָפּטייל פאַר ספּעציעלע פאַלן — מיר געפינען דאָרט, למשל, די נאָטיצן פון דורכגעפירטע בריתן ביי קינדער פון גרים (דער טאַטע איז געווען אַ קריסט, וואָס האָט זיך מגייר געווען). אַזעלכע פאַלן זענען דאָ 2.

ער האָט אָבער אויך געהאַט אַ גאָר פיינעם איינפאַל ווי צו פאַרצייכענען די בריתן פון קינדער, געבוירענע אָן חתונות. טעלעכע אַזעלכע פאַלן זענען דאָ. ער האָט זיי רעגיסטרירט באַזונדער, נישט צוזאַמען מיט אַלע. אָנשטאָט דעם נאָמען פון פאָטער (אַזאַ איז אין דעם דאָזיקן פאַל דאָך נישט געווען) אָנגעגעבן אָנשטאָט בן הבתולה, אַריינגעשריבן בן הפסולה, אַ ווערטער־שפּיל, ווו ער האָט אָנשטאָט דער ב אַריינגעשטעלט אַ פּ, וואָס באַדייט, דער פון פון דער פּסולער...

אַזעלכע „מוהל־ביכער" זענען צעוואָרפן אין פאַרשידענע ערטער; צעזייט און צעשפּרייט אין כל־המינים זאַמלונגען און ביי יחידים. זיי דאַרפן קאָנצענט־רירט ווערן אין איין אָרט און דאַן ווערן זיי אַ וויכטיקער מקור פאַר אָן אַ שיעור שטודיעס — אונדזערע היסטאָריקער, לינגוויסטן, גענעאַלאָגן, פאָלקלאָריסטן, וואָלטן געהאַט אַן אומאויסשעפּבאַרן קוואַל.

דער אויגסבורגער „מוהל־ביכל" וואָלט דאָרטן פאַרנומען אַ גאָר חשובן פּלאַץ.

דער „שנאָדער־בוך“ פון ווערל

וועגן ווערל אַ פּאָר ווערטער. עס איז אַ מקום פון צען טויזנט איינוווינער, צווישן וועלכע ס׳האָבן אין 1933 געוווינט ס״ה 14 יידישע נפשות. דאָס דאָזיקע וועסטפאַלישע שטעטל האָט לעצטנס פאַרנומען זייער אַ סך פּלאַץ אין דער וועלט־פּרעסע, ווייל דאָרט איז פאַראַן איינע פון די גרעסטע תפיסות פון דייטשלאַנד, ווו עס זענען געזעסן אַ פּאָר הונדערט נאַציס. פון דער־אָ תפיסה האָט זיך עס אָנגע־הויבן די „באַגנעדיקונגס־־אַקציע“, וואָס די בריטישע אָקו־פּאַציע־מאַכט האָט לכבוד „וויינאַכטן“־דורכגעפירט.

נישט וועגן די נאַציס און אויך נישט וועגן דער געשיכטע פון דער שטאָט און אירע יידן וועלן מיר דערציילן — נאָר וועגן אַ „שנאָדער־בוך“.

דאַרף מען אַ פּאָר ווערטער זאָגן וועגן דעם דאָזיקן נאָמען: — מיינען מיינט עס אַ בוך, ווו עס זענען פאַרשריבן די נדבות און נדרים וואָס מען זאָגט צו בעת מען רופט אויף צו דער תורה, ווען מען מאַכט דעם בעבור שנדר... איז אַריינגע־וואַקסן געוואָרן אין דעם יידיש־דייטש פאַר די דאָזיקע נדבות דאָס וואָרט „שנאָדערן“.

— וויפיל שנאָדערען זי פיר חתן בראשית?, אָדער:

— האָבען זי געשנאָדערט? אָדער:

— וויפיל האָבען וויר פון דיזיאַריגען שנאָדערען איינגענאָמען?

דאָס קאָן מען אָפט הערן אין אַ דייטשער קהילה נאָך אַ יום־טוב. אין די ביודזשעטן פון די געמיינדעס פאַרנעמט די פּאָזיציע „שנאָדער־געלט“ אַ וויכטיק פּלאַץ. און דער בוך, דער פנקס, ווו די דאָזיקע נדרים ווערן פאַרצייכנט הייסט בכן „שנאָדער־בוך“.

איז צו מיר אין די הענט אַריינגעפאַלן דאָס „שנאָדער־בוך“ פון דער קהילה־קדושה ווערל.

איז דאָס דאָזיקע בוך אַן אוניקום, עפּעס אַזוינס וואָס וואָלט געדאַרפט צע־גלידערט ווערן אויף באַזונדערע טיילן און עס וואָלט געווען אַן אַרבעט פאַר אַ

סך פֿאַרשערס. ער דינט נישט נאָר פֿאַר די „שנאָדער־געלט", עס איז אַ קאָנס־טיטוציע, אַ רעגלאַמענט וועגן אופֿן פֿון אויפֿרופֿן צו דער תורה בכלל, ווי אַזוי די אויפֿגערופֿענע דאַרפֿן זיין אָנגעטאָן, וועגן סדר, וועגן די שטראָפֿן פֿאַר עובר זיין דעם רעגלאַמענט וכדומה.

ער איז נישט ענלעך צו די אַלע פּנקסים, וואָס מיר קענען פֿון אַנדערע גע־לעגנהייטן. עס איז עפּעס אַ ניי. עס לויכט דעם דאָזיקן אוניקאַט אַריינפֿלעכטן אין אונדזער שפּורן־קראַנץ.

דער „שנאָדער־בוך" איז געפֿירט געוואָרן פֿון 9טן אייר תקע"ז (1817) ביז תקפ"ז (1827), די שפּראַך איז דייטש, מיט יידישע אותיות, דורכגעוואָרפֿן מיט אויסדרוקן פֿון ריטועלן קולט־באַדייט.

דער ערשטער טייל פֿון „שנאָדער־בוך" רעגולירט דעם סדר, ווי אַזוי מען דאַרף אויפֿרופֿן לתורה און די תקנות הייסן: „ראַנגליסטע זעמטליכער היזיגען איזראַעליטען ווי זאָלכע צור תורה גערופֿען ווערען מוסען".



דער אַריינפֿיר צו דעם „שנאָדער־בוך" פֿון ווערל און דער אָנהייב פֿון „אַרטיקעל 1".

דערוויסן מיר זיך, אַז עפּעס איז משמעות נישט גלאַטליך געווען ביים אויפרופן צו דער תורה, ווייל אין אַריינפיר צו די פּונקטן זאָגט זיך:

...אין ערוועגונג דאַס דורך אויפרופען צור תורה אָפט נייד פּאַרטהייא אונד באַנקזוכט ענטסטאַנדען; עראַכטענד, דאַס דיא געפּיהלע דער גאָטטעס־פערעהרונג דאַדורך געסטעהרט ווערדען, וועלכעס דיא ערפאַהרונג אויך אָפט גענוג שאָהן בעוויזען"...

כדי דעם דאָזיקן חילול־השם אויסצומיידן ווערט אין פּונקט 1 באַשלאָסן:

"עס זאָלל איין רעגיסטער ערעפנט ווערדען, וואָהין דיא נאַמען אַללער דער יעניגען מאַננספּערזאָנען איינגעשריבן, וועלכע דאַס 13טע יאַהר ערריכט האַבען".

דער אַרטיקל 2 ווייזט אָן, אַז:

"דיזעס רעגיסטער זאָלל אויף דער טריבונע — בימה — נידערלעגט ווערדען, און דעם ב ע ל ־ ס ג ן יעדעס מאַל ווען ער סגן סטעהט פּאַם קאַנטאָר איינגעהענדיקט ווערדען".

האָבנדיק אַ רעגיסטער, און אַ בעל־סגן, וואָס נאָך די ווייטערדיקע תקנות איז דאָס דער יעניקער וועלכער רעגולירט די עליות, האָבן די ווערלער ייִדן גע־מיינט, אַז מיט דעם האָבן זיי שוין די גאָטס־לעסטערונגען אויסגעמיטן. אמת, עס ווערט פּאָראויסגעזען אין אַרטיקל 4 פון דער "פּובליקאַנדום" פּאַרשידענע געלט־שטראָפן.

אָבער אין חשוון פון תקפ"א האָט מען געמוזט אָננעמען אַ דערגענצונג פּובליקאַנדום וואָס האָט אויך אַ שייכות צום אויפרופן צו דער תורה. דאָס מאָל האַנדלט זיך עס נישט וועגן סדר פון דעם ווי אַזוי אויפרופן צו דער תורה, נאָר וועגן דעם ווי אַזוי דאַרף דער אויפגערופענער צו דער תורה דערשיינען. עלף פּונקטן האָט דער דאָזיקער רעגולאַמין. אין ערשטן פּונקט זאָגט זיך:

"נימאַנד קאַן פערנער אין דען פעסטאַגען צור תורה בערופען ווערדען דער ניכט מיט איינעם הוטע, אָהנע איבערצוג, לייבראָק, שוהע און סטרומפּפע בעקליידעט איזט, אָם ניי־יאָאַר אונד פערזעהנונגס פעסטע מיט דעם גע־וועהנליכען סטערבעקלייד בעקליידעט זיין, ביים לעצטערער אָרנאַט דירפען קיינע געוועהנליכע שלאָפמיצען געטראַגען ווערדען, זאָנסט דירפן זיא עבענוואָהל ניכט צ ו ר ת ו ר ה בערופען ווערדען"...

וואָס אַלץ דערוויסן מיר זיך פון דעם פּונקט. עס זענען געווען אַזעלכע, וועלכע פלעגן קומען אָן אויבערשטע מלבושים אין שול אַריין, אָן שיך, אָן זאָקן...

מען האָט יום־כיפור (פערזענונגספעסטע) געדאַרפט דאַווענען אין אַ קיטל (סטער־בעקלייד) און מען האָט געהאַט ספעציעלע שלאָף־יאַרמעלקעס, וואָס מען האָט צום דאַווענען נישט געטאָרט טראָגן...

ווייטער געפינט זיך אַ פונקט 4, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז די כוהנים, וועלכע װעלן זיך אָפּזאָגן פון „זעגענען דאָס פאָלק" (דוכענען) זאָלן באַטראַכט ווערן ווי געזעצפערעכטער און אומווירדיקע און מען זאָל זיי אויסלאָזן ביים אויפרופן צו דער תורה.

אויך די לוויים ווערט אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן אָפּהיטן די „קליידער — אָרדענונג".

ביז גאָר אינטערעסאַנט זענען די פעסטגעשטעלטע פרייזן פאַר עליות.

פאַר חתן־תורה איז דער פּריז זעקס און דרייסיק סטיבער (אַזאַ מטבע) פאַר דער סינאַגאָגע־קאַסע און אַכצן סטיבער פאַר דער תלמוד־תורה.

פאַר חתן־בראשית, אַכצן סטיבער פאַר דער סינאַגאָגע־קאַסע און 9 פאַר דער תלמוד־תורה.

מיר זעען, אַז דאָרטן איז אויך דער ח"י, די צאָל 18, געווען אַ גאַנגבאַרער מספר.

טשעקאָווע איז דער פונקט 7, ווו עס זאָגט זיך:

„יעדער איז פאַרפּליכטעט, ווען דער קאַנטאָר דער פרייז דער צערע־מאָניען אין העברעיִשער שפּראַכע אָנזאָגט, אין דער זעלבער שפּראַכע זיין געבאָט אָבצוגעבען דער קאַנטאָר זאָלל אויף אַנדרעס געבאָט ניכט הערען".

דאָס מיינט, אַז דער פאַרקויפער פון די עליות און אַנדערע כיבודים איז געווען דער חזן (קאַנטאָר) און פאַרקויפט האָט ער עס אַמאָל אויך אין העב־רעיִש. אין אַזאַ פאַל האָט מען געמוזט דעם געבאָטענעם פּרייז ענטפערן אין העברעיִש.

סענסאַציאָנעל איז דער פונקט 10, ווו עס רעדט זיך וועגן די שטראָף פאַר עובר זיין די דערמאָנטע באַשטימונגען:

...„יעדע איבערטראַגונג דיזער בעסטימונג זאָלל מיט איינער אָנגע־מעסענען געלד־קירכען־אָדער לייבעס סטראָפע געריגט ווערען".

לייב־שטראָף! האָט מען פאַרויסגעזען פאַר עובר זיין די עליה־תקנות אין דעם שטעטל װערל אין ערשטן חשוון פון יאָר תקפ"א (9טן אָקטאָבער 1820).

נאָך די תקנות גייען די „ראַנגליסטעס" פון די מאַנספערשוינען נאָך 13 יאָר. אין דעם ערשטן יאָר זענען עס 4 כהנים, 4 לוויים און 35 ישראלים. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז די צאָל דערגאַנגען ביז 50 מענער וואָס דאַרפן אויפגע־רופן ווערן צו דער תורה. געווען איז עס אין די יאָרן 1820—1821 (ווי מיר האָבן פריִער דערמאָנט איז די צאָל יידן אין 1933 געווען נישט מער ווי 14 נפשות).

אָבער נישט דאָס איז די ראָזשינקע פון דעם ווערלער „שנאָדער־בוך״. די ווערלער עדה (און מן הסתם אויך אַנדערע) האָט געזוכט אַן עצה ווי אַזוי געדענקען די סומע פון די נדרים, ווי אַזוי וויסן וויפיל „שנאָדער־געלט״ צו מאָנען. און אין דעם דאָזיקן בוך האָבן מיר דערזען די דאָזיקע דעפינירונג.

ביי די נעמען פון די מאַנספּערזאָנען אין דער „ראַנגליסטע״ זענען פאַראַן דריי איינגעשניטענע קעסטעלעך אין דעם פּאַפּיר, איינגעשניטן אַזוי, אַז מען קאָן פאַרקנייטשן איינע פון די קעסטעלעך. איבער די 3 קעסטל־שורות זענען אָנגעשריבן דריי סומעס. און ווען עמעץ האָט עפּעס מנדר געווען ווערט פאַרקנייטשט די געהעריקע קעסטעלע, מיט דער אַנטשפּרעכנדיקער סומע. נישט פאַרשריבן, נאָר פאַרקנייטשט. און נאָך יום־טובים זעט מען וואָס, ביי וועמען, עס איז פאַרקנייטשט. אויס הילול־שבת אָדער יום־טוב און דער חשבון איז פאַראַן.

אגב האָבן נאָכדעם דעם דאָזיקן אופן איבערגענומען אונדזערע היימישע שטעטלשע קרעמער, ביי וועלכע מען האָט געקענט שבת קריגן ניס און באַניקערן אָדער זיסוואַרג פאַר די קינדער. אַנשטאָט צו שרייבן האָבן שוין די קרעמערס געהאַט זייערע קאָנטעס פאַר די קונים און פלעגן פאַרקנייטשן די דאָזיקע קאָנטעס: פאַר אַ קאָפּיקע ניסלעך — איין קנייטש, פאַר צוויי קאָפּיקעס — צוויי קנייטשן.

יאָ! דער קרן קימת־לישראל האָט אויך נאָכגעמאַכט דעם דאָזיקן סיסטעם — אויף די יזכור־בלעטלעך, וואָס איך האָב געזען אין דייטשלאַנד האָט מען פאַר די מנדבים צוגעגרייט איינגעשניטענע קוואַדראַטן, אויף וועלכע עס זענען דאָ אַנטשפּרעכנדע סומעס, וואָס דאַרפן דורך די מנדבים פאַרקנייטשט ווערן...

**
*

דאָס דאָזיקע „שנאָדער־בוך״ האָב איך געפונען אין דער געביידע פון דער דאָרטמונדער קהילה. אין ווערל איז היינט קיינער פון די יידן נישטאָ. אַ צופאַל האָט געוואָלט, אַז דער פולער אַרכיוו פון דער ווערלער קהילה האָט זיך אָפּגעפונען גאַנץ. עטלעכע פּראָטאָקאָל־ביכער, פּנקסים און אַ צענדליק פּרוכתן פון זייער סינאַגאָגע (וואָס איז געשטאַנען אויף דער בעקער־שטראַסע 20), האָב איך דורכגעקוקט.

4 קאַסטנס מיט ווערלער מאַטעריאַלן וואַלגערן זיך נאָך אויפן בוידעם און אין קעלער פון דער דאָרטמונדער געמיינדע־הויז. איך האָב נאָר איין איינציקן אָביעקט אַרויסגענומען און וויפיל מען קאָן פון דעם אַליין אָפּלערנען! ליגן די איבעריקע אוצרות און וואַרטן אונטער אַ גראָבן שטויבשיכט, וואַרטן אויף זייער תיקון...

פיר קאַסטנס מיט אומשאַצבאַרע פאָלקס־אוצרות, און קיינער איז נישטאָ וואָס זאָל זיך דערצו נעמען...

די „מעמאָר־ביכער“ פון קאָבלענץ

פון די אינטערעסאַנטסטע ליטורגישע ספרים ביי די דייטשע ייִדן זענען די „מעמאָר־ביכער“.

עס פאָדערט זיך אָבער אַ קליינער אַריינפיר, כדי אויפֿצוקלערן אונדזער מזרח־אייראָפּעיִשן עולם מיט דעם, וואָס עס זענען דאָס די „מעמאָר־ביכער“, וואָס זענען געווען פאַרשפּרייט און באַקאַנט אין די דייטשע קהילות און ביי אונדז כמעט ווי נישט־באַוווּסט.

דער אייגנטלעכער טייטש פון „מעמאָר־ביכער“ איז געדענק־ביכער, פון לאַטייניש וואָרט מעמאָריאַ, אין אַ טייל ערטער הייסן זיי טאַקע מזכיר־בוך. דאָס זענען געווען כראָניק־פאַרצייכענונגען, ווו עס זענען פאַרשריבן די נעמען פון די קדושים, וועלכע זענען אומגעקומען אין דער געגעבענער קהילה על קידוש־השם.

דער „מעמאָר־בוך“ איז געווען אַן אומאָפּגעטיילטער ספר פון סידור און מחזור, ער איז געווען כמעט אין יעדער קהילה (ווייל וועלכע דייטשע קהילה האָט עס נישט געהאַט אירע קדושים?) און איז געלעגן אין דער סינאַגאָגע.

דער בראשית פון די דאָזיקע „מעמאָר־ביכער“ ציט זיך אַזש ביזן פריִען מיטלאַלטער. עס זענען פאַראַן אָנדייטונגען, אַז שוין אין 11טן יאָרהונדערט איז אין דער ליטורגיע פון די דייטשע ייִדן געווען דער מזכיר־בוך פאַר די קדושים. זייער פאַרשפּרייט איז ער געווען אין דרום־דייטשלאַנד, אין די געגנטן פון די טייכן רהיין און מאַין. דאָרטן טאַקע איז דאָך געווען דאָס וויגעלע פון די שחיטות בעת די ערשטע קרייצצוגן, אַרום טריער, שפּייער, וואָרמס, נירנבערג.

דעם עלטסטן מעמאָר־בוך, וואָס די ייִדישע פאָרשונג קאָן איז דער „נירנבערגער“, פון יאָר 1296, עס האָט אים געשענקט אַ געוויסער יצחק בן שמואל פון מייִנינגען דער קהילה־קדושה נירנבערג, צו דעם חנוכת־הבית פון דער דאָרטיקער סינאַגאָגע, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 15טן נאָוועמבער 1296.

ווי געזאָגט, פלעגן דאָרטן פאַרצייכנט ווערן די נעמען פון די קדושים פון דער געגעבענער קהילה; אָבער מיט דער צייט פלעגן צוקומען אויך די נעמען פון די שכנותדיקע קהילות; ווייטער די נעמען פון די קהילות (מיט אָדער אָן די

קדושים) גאַר ווייט. און אַפילו די נעמען פון ווייטע מדינות, ווו עס זענען געווען שחיטות און גזירות. גאַר צום סוף האָבן שוין די קהילות אָנגעהויבן פאַרשרייבן די נעמען פון זייערע חשובע לייט — רבנים, פּרנסים, בעלי־צדקה, שתדלנים, גבירים. דער ענין פאַרשריבן ווערן אין „מעמאָר־בוך" איז געוואָרן אַ מקור, כדי צו באַקומען אַ נדבה פון די יורשים פאַר די הצטרכותן פון דער קהילה. דאָס לעצטע דאַטירט זיך פון דעם 18טן יאָרהונדערט אָן און ווייטער.

פאַר די רשימות פון די קדושים־שטעט און קדושים־יחידים געפינען זיך אין דעם „מעמאָר־בוך" אַ רייע תפילות; כמעט אומעטום איז פאַראַן די אַראַמעישע תפילה „יקום פורקן" (ווייל עס פלעגט געזאָגט ווערן ביי הזכרת נשמות) די תפילה פון „יזכור" און אויך דער „מי שברך". זייער אָפט אויך דער „מי שברך" פאַר דער שררה, אונטער וועמענס „שוץ" עס האָט זיך געפונען די קהילה. אין טייל אַזעלכע „מעמאָר־ביכער" איז טאַקע די שורה, ווו עס איז געווען דער נאָמען פון קעניג, פירשט אָדער בישאָף, זייער אָפט געמעקט און איבערגעשריבן, ווייל די הערשער האָבן זיך דאָך אין משך פון די יאָרהונדערטער געביטן.

די קדושים־ליסטעס פון די „מעמאָר־ביכער" פלעגן פּערגעלייענט ווערן בעת הזכרות־נשמות. אין טייל ערטער איז חוץ דעם געווען אַ ספּעציעלער טרויער־

דער מעמאָר־בוך פון קיסינגען, קרייזשטאָט אין בייערן. דער מעמאָר־בוך איז געשריבן אין יאָר תק"ד (1744). דאָ זעען מיר די זייט ווו עס הייבט זיך אָן די רשימה פון די הרוגים ושרופים פון צענדליקער קהילות, וואָס זענען אומגעקומען על קידוש־השם.

טאָג, לזכרון זייער אייגענע גזירה אָדער שחיטה, ווען מ׳פּלעגט עס מיט אַ ספּע־ציעלער צערעמאָניע די דאָזיקע קדושים דערמאָנען.

אַזוי אַרום זענען די „מעמאָר־ביכער״ (און זייער צאָל איז געווען אין די הונדערטער) געוואָרן פון די וויכטיקסטע היסטאָרישע קוואַלן צו דער געשיכטע פון די שחיטות און גזירות אין אַלגעמיין און באַזונדער פאַר די איינצלנע קהילות. אויפן סמך פון 59 אַלטע „מעמאָר־ביכער״ האָט טאַקע דער באַרימטער געלערנ־טער, היסטאָריקער שמואל סאלפעלד זיגמונט (ראַבינער און פּראָפעסאָר אין דעסאַו

דער „ספר הזכרות נשמות״ פון דער קהילה מאַנהיים פון יאָר תצ״ג (1733)

און מאַינץ) אָנגעשריבן זיין מאָנומענטאַל ווערק (אין דייטש) „דאָס מאַרטיראָלאָ־גיום דעס נירענבערגער מעמאָר־בוכס". דאָס ווערק איז געוואָרן דער גרינטלעכער און וויכטיקסטער מקור פאַר דער געשיכטע פון הונדערטער קהילות אין דייטש־לאַנד, וואָס זענען בעת די בלוטיקע וויכערן פאַרשניטן געוואָרן.

די שפּעטערדיקע „מעמאָר־ביכער" זענען געוואָרן אַן אָביעקט פאַר דער אַזוי שטאַרק צווישן די דייטשע יידן פאַרשפּרייטע „פאַמיליען־פאָרשונג" און כּל־המינים גענעאַלאָגן און משפּחה־היסטאָריקער האָבן דאָ אַן אומאויסשעפּלעכן קוואַל פאַר זייערע „שטאַם־ביימער".

פאָלקלאָריסטן, זיטן־פאָרשער און שטייגער־זאַמלער האָבן דאָ אַן אָרט, ווו זיי קענען מיט פולע הויפנס שעפּן און שעפּן וועגן די מנהגים און פירונגען, לעבן און מאַנירן פון די דייטשע יידן אין משך פון יאָרהונדערטער. ווי די דאָזיקע האָבן זיך געביטן, וועגן די ניי־אויפגעקומענע צערעמאָניאַלן וכדומה.

איינע פון די וויכטיקסטע אַרבעטן פון דער לעצטער צייט וועגן די יידן אין דייטשלאַנד איז די גרינטלעכע פאָרשונג, וואָס ס'האָט דורכגעפירט דער היסטאָריקער פון די בייערישע יידן, ד"ר ראַבינער מאַגנוס וויינבערג (אומגעקו־מען אין טערעזיענשטאָט) אונטערן נאָמען „די מעמאָר־ביכער דער יידישן גע־מיינדען אין בייערן". ער האָט די דאָזיקע אַרבעט געמאַכט שוין אין דער צייט פון היטלערס ממשלה. אין צוויי טיילן איז די אַרבעט דערשינען: ערשטע טייל אין 1937, צווייטע טייל אין 1938. דער גורל האָט געוואָלט, אַז די דאָזיקע, כמעט לעצטע יידישע (אין דייטש) אויסגאַבע, וואָס איז דערשינען אין דייטשלאַנד, זאָל זיין אַ מצבה פאַר די דאָזיקע אָפּגעווישטע יידישע קהילות פון בייערן.

אין זיין אַרבעט באַשרייבט ד"ר וויינבערג דעם אינהאַלט, כאַראַקטער, אויס־זען און געשיכטע פון פופציק „מעמאָר־ביכער" אין די קהילות פון בייערן, צווישן זיי אַזעלכע וואָס האָבן זיך געפירט עטלעכע יאָרהונדערטער. פון דעם רוב פון זיי ברענגט ער אין זיין אַרבעט אויך רעפּראָדוקציעס פון די קינסטלעריש־באַפּוצטע שער־בלעטער.

דער לעצטער היטלערישער חורבן האָט אָפּגעווישט די דאָזיקע אַלטע קהילות און צוזאַמען מיט זיי זייערע שפּורן — די „מעמאָר־ביכער". עס איז דעריבער יעדער אָפּגעראַטעוועטער עקזעמפּליאַר פון אַ „מעמאָר־בוך" אַן אמתער אוצר, אַן אוניקום.

דערווייס איך זיך, אַז אין קאָבלענצער מלוכהשן אַרכיוו זענען אָפּגעראַ־טעוועט געוואָרן צוויי „מעמאָר־ביכער", אַזעלכע וואָס געפינען זיך שוין דאָרטן עטלעכע צענדליק יאָר, ווּהין די קאָבלענצער געמיינדע האָט זיי, בשעתו, אַריינ־געגעבן. וועגן די דאָזיקע „מעמאָר־ביכער" זענען שוין געווען אַ פּאָר נאָטיצן אין די יידישע געשיכטע־צייטשריפטן, אָבער גענויע באַשרייבונגען זענען עד־היום נישטאָ.

אין שליחות פון ייִוואָ פון ניו־יאָרק האָב איך געדאַרפט באַזאָרגן פולע פאָ־טאָקאָפּיעס פון די דאָזיקע זעלטענע עקזעמפּליאַרן. נישט לייכט איז עס אָנגע־קומען. דער אַרכיוו האָט זיך בעת די יאָרן 1933—1945 אַריבערגעטראָגן, צוליב

בלאַט פון דעם אַלטן מאַינצער מעמאָר־בוך, שטאַמט פון אַרום 1250 יאָר.
דער אָנהייב פון די מאַגענצער קדושים פון דעם ערשטן קרייצצוג
פון יאָר 1096.

זיכערקייט־טעמים, אין אַ צווייטן אָרט, אין פעלזיקע אונטערערדישע הייל. אַלץ איז געווען פּאַרפּאַקט. עס האָט געדויערט צייט, צוגענומען מי און עס איז מיר געלונגען איינצושאַפן אַ פולן מיקראָפילם פון די דאָזיקע 2 ביכער.

און געטראַכט האָב איך — אויך זיי פאַרדינען דערמאָנט צו ווערן אין אונדזער קאָלעקציע פון די נישט־דערבערענטע שייטן.

***

זיצנדיק אין דעם שלאָס פון דער פעסטונג עהרנברייטשטיין און בלעטערנדיק די געלע פּאַרמעטן פון די דאָזיקע בלוטיקע כראָניקעס, בין איך גראָד געווען מיטן פּנים צום שיינעם רהיין־ברעג. אונטן איז דער „דויטשער עקקע", דאָס אָרט, ווו דער מאָזעל גיסט זיך אַריין אינעם רהיין. אָט דאָ טאַקע, אויף דעם וועג איז דאָך געגאַנגען די לאַווינע פון מאָרד און רויב, וואָס האָט פאַרגאָסן די דאָזיקע ערד, די קהילות „על נהרות רהיינוס", מיט אַ טויזנט יאָר צוריק איז עס געווען — און איך, אַן אור־אור־אייניקל מיש די דאָזיקע בלוטיקע מגילה, נישט

ערשטע זייט פון דעם מעמאָרבוך אין דער קהילה ווייטשהעכסהיים אין בייערן. ער איז פון פּאַרמעט און שטאַמט פון יאָר תק"ב (1442). ער איז געשענקט געוואָרן פון דעם פּרנס און מנהיג פון דער מדינת ווירצבורג יהודא לייב בר נתן העני.

אײנע, נאָר טויזנטער... איך האָב נישט געוווּסט וואָס פריִער: זיך פרייען פון דעם, וואָס מען האָט איבערגעלעבט, אָדער אַנטלויפן פון דעם קאָשמאַר, וואָס עס האָט אַ בלאָז געטון פון די דאָזיקע פּיין־בלעטער. איך בין לאַנג געזעסן, ביז דער אַרכיוו־דירעקטאָר ד״ר שמידט האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס איז שוין צייט „צום טיש״ (מיטאָג געמיינט).

פון די פאַרנאָטירונגען וועל איך נאָר געצײלטע פּרטים ברענגען. איך האָף נאָך אַמאָל דעם גאַנצן אינהאַלט פון די דאָזיקע 2 „מעמאָר־ביכער״ מיט די נויטיקע באַמערקונגען ברענגען פאַרן ייִדישן כלל.

איין „מעמאָר־בוך״ איז פון דער קהילה קאָבלענץ (אַרכיוו־נומער 4149) און פאַרמאָגט ביז 120 זייטן. די ערשטע פאַרצייכעניש איז פון יאָר 1610, די לעצטע — פון יאָר 1850.

דער צווייטער איז פון דער קהילה טהאַל, דאָס איז דער טייל פון קאָבלענץ, וואָס ליגט אויף דער צווייטער זייט פון רהיין, טאַקע צופוסנס פון דעם מעכטיקן פעלזן־באַרג, אויף וועמענס שפּיץ עס געפינט זיך דער שלאָס עהרנברייטשטיין, ווו עס איז דער מלוכהשער אַרכיוו, אין וועמענס אייזערנע קאַסטנס עס ליגן די דאָזיקע „מעמאָר־ביכער״.

דער נומער פון דאָזיקן „מעמאָר־בוך״ איז 415 און האָט ביז 100 זייטן. ער איז געפירט געוואָרן פון 1703 ביז 1883.

מיר האָבן דאָ, בכן, די געשיכטע פון די דאָזיקע קהילות אין משך פון העכער 300 יאָר.

שער־בלאַט פון דעם מעמאָרבוך פון דער קהילה נוישטאַט א. ד. סאאלע. דער דאָ־זיקער מעמאָרבוך (אויפן שער „זאת מימר בוך!״) איז פון יאָר תצ״ו (1735־6).

דער סופר יעקב ב״ר שלמה ישראל איז פון פון אַ שכנותדיקער קהילה זאַלצבורג.

ביז אַ טויזנט נעמען־פֿאַרצייכענישן געפֿינען זיך אויף די דאָזיקע העכער 200 זייטן. יעדע פֿאַרצייכעניש, יעדעס בלאַט איז אַ שטיק לעבעדיק פֿלייש פֿון דעם צעפֿערטלטן, פֿון דעם צעצענטלטן גוף און פֿון דער צעפּייניקטער נשמה פֿון דעם יידישן קיבוץ אשכנז.

אין דעם אַלגעמיינעם טייל פֿון „יזכור" ווערן (אין ביידע ביכער אידענטיש) דערמאָנט נישט נאָר זייערע אייגענע קדושים נאָר אויך די הרוגים און שרופֿים — די דערהרגעטע און פֿאַרברענטע, פֿון עטלעכע צענדלינג דייטשע קהילות.



דער יזכור־בלאַט, אַריינגעפּיר צום מעמאָרבוך פֿון קאָבלענץ
(קאַטאַלאָג נומער אָפּטיילונג 623, נומער 4150).

ווייטער אויך די קהילות פון ווייטע מדינות — פיה (בעהמען), האָלאַנד, אויסט־רייך (עסטרייך), צרפת (פראַנקרייך), ספרד (שפּאַניע), ריס (רוסלאַנד) אאַ״וו. אַז מען לייענט דעם סוף פון דאָזיקן אַלגעמיינעם יזכור האָט מען דעם איינדרוק, די פאַרשטעלונג, אַז מען מיינט עס גאָר אונדזערע היינטיקע טעג; אַזוי ענלעך, אַזוי גלייך צו דעם, וואָס מיר האָבן געזען און געהערט פון דעם חורבן־היטלער.

עס זאָגט זיך אינעם יזכור, אַז עס זאָלן דערמאָנט ווערן די נשמות פון די קדושים:

...„עבור שנהרגו, ונשרפו, ונטבעו, ונתגררו, ונאנסו, ונתלו, ונקברו חיים, ונתיסרו בכל מיני יסורים קשים, ובמיתה קשה על יחוד השם יתברך״...

...ווייל זיי זענען געוואָרן דערהרגעט, פאַרברענט, דערטרונקען, אַרומ־געשלעפּט, פאַרגוואַלטיקט, געהאַנגען, לעבעדיק באַגראָבן, באַשטראָפט מיט די שווערסטע יסורים, געטויט מיט שווערע טויטן אויף קידוש־השם...

**
*

אין דעם „מעמאָר־בוך״ פון טהאל געפינען מיר ביי אַ תפילה אויך אַ יידישן צושריפט: „וואַן מאַן ראש־חודש בענטשט זאָגט מען דאַס״. (אגב, ברענגט ד״ר ווײַנבערג אין זיין אַרבעט וועגן די בייערישע קהילות זייער אַ סך ביישפּילן וועגן יידיש־דייטשע פאַרצייכענישן אין אַ סך דאָרטיקע „מעמאָר־ביכער״).

פון גאָר באַזונדערן אינטערעס זענען די מאָטיוון, פאַרוואָס געוויסע יחידים האָבן זוכה געווען פאַרשריבן צו ווערן אין די „מעמאָר־ביכער״ צוזאַמען מיט די קדושים.

יעדער פון די פאַרצייכנטע האָט אַן „עפּעס״, אַ באַזונדער זכות. עס וואָלט טאַקע געווען אַ יושר, זיי אַלע אַרויסצוברענגען, ווי זיי שטייען און גייען. און עס וואָלט געווען כדאי צו ווייזן — אָט זעט ווי אַזוי יענע דייטשע יידן האָבן געלעבט און ווי אַזוי זיי זענען געשטאָרבן. ווי אַזוי זיי האָבן זיך אין זייערע צוואות געגרייט צום שטאַרבן. מיר מוזן זיך אָבער באַנוגענען מיט געציילטע מוסטערן.

אַלץ דאָ דרייט זיך אַרום גוטע מידות — און אויפן ערשטן אָרט גייט צדקה. אָט איז די פאַרצייכעניש פאַר: הצדיק, החכם, הפרנס רבי שמעון בן החבר רבי שאול־בנימין, המכונה, וועמען אַלע האָבן געקענט, הייסט עס, מיטן נאָמען רבי שמעון קאָבלענץ.

וואָס אַלץ געפינען מיר נישט ביי אים? אין דער פאַרצייכעניש זאָגט זיך:

ער איז געווען אַ למדן, אַ נדבן, געטון גמילות־חסדים מיט די לעבעדיקע און מיט די טויטע; מיט רייכע און מיט אָרעמע, געגאַנגען פרי אין בית־המדרש;



בלאַט 7 פון דעם קאָבלענצער מעמאָרבוך. פאַרצייכענונג פון דער פטירה פון הצדיק החכם הפרנס החבר ר׳ שמעון בן החבר ר׳ שאול בנימין, וואָס האָט געהייסן ר׳ שמעון קובלענץ. געשטאָרבן ערב־שבת כ״ב אָדר, תי״ג (1653).

אויסגעהאַלטן אַ סך נפשות אין הונגער־יאָרן; זיין שטוב איז געווען אָן אָפענע אכסניא פאַר דורכפאָרער און דורכגייער; מיט אַ ברייטע האַנט געגעבן צדקה; אָנגעזאָגט זיינע יורשים, אַז זיי זאָלן שיקן 200 קעניגלעכע טאָלערס (אַ הון גדול!) פאַר די אָרעמעלייט פון הייליקן לאַנד; זיינע יורשים זאָלן נישט בטל מאַכן די שול פון זיין הויז; זיין ספר־תורה זאָל אָפּגעגעבן ווערן פאַרן הקדש; נישט דער הקדש, נישט זיינע קינדער, זאָגט ער אָן, האָבן דאָס רעכט צו פאַרקויפן די ספר־תורה; כל ימיו פלעגט ער געבן די תשמישי־קודש פאַרן בית־הכנסת... געשטאָרבן איז ער אין יאָר תי״ז, דאָס איז 1657.

נאָך דער דאָזיקער פּאַרצייכעניש קומט אַ צווייטע, אַ יזכור נאָך אַ קדוש. וואָס איז דאָרט געווען איז געגנוי נישטאָ, אָבער מען איז מזכיר די נשמה פון הקדוש רבי רפאל ב״ר יצחק הלוי. עס ווערט נאָר דערציילט וועגן אים:

...אשר העלילו עליו עלילת רשע בלי פשע — עפּעס אַ בילבול, מ׳האָט אים געפּייניקט, אַז ער זאָל בייטן זיין אמונה, שווערע עינויים און יסורים איז ער אויסגעשטאַנען און זיין נשמה בקדושה ובטהרה, מען האָט אים אַ לעבעדיקן פאַרברענט. געווען איז עס ערב שבת־קודש (וועלכע סדרה?) פון יאָר ת״ל, דאָס מיינט 1670.*)

אין די צענדליקער ווערן דערמאָנט נשים צדקניות — צווישן זיי אַזעלכע, וועלכע פלעגן זיך פּייניקן מיט תעניתים און סיגופים. איינע אַפילו צוואַנציק יאָר! פאַרשטייט זיך, אַז אַלע זענען זיי צדקה־געבערינס; טייל פלעגן „ציִען ליכט״ און זיי געבן אין שול־אַריין; טייל פלעגן גיין צו געווינערינס· טייל פלעגן נייען תכריכים און אַנדערע גאָר שענקען תכריכים פאַר אביונים.

די מידה פון הכנסת־אורחים, פון אויפנעמען וואַנדערנדיקע, ווערט זייער אָפט דערמאָנט — איינער אַ ישר, אַ תמים, רבי רפאל בן מיכאל (געשטאָרבן ת״ס) וועלכער האָט געווינט אין אַ דאָרף, האָט איינגעאָרדנט ביי אים אין שטוב אַ ספּעציעלע דירה פאַר אורחים, ווען ער פלעגט אויפנעמען אויף נאַכטלעגער און פלעגט זיי שטענדיק באַגלייטן אַ האַלבע שעה גאַנג פון זיין הויז...

גאָר גרויס איז די צאָל פּרנסים און מנהיגים, וועלכע פלעגן זיך אויסצייכענען מיט נייע תקנות אין זייערע קהילות, בויען קהל־הייזער (זייער אָפט קומט דאָ צו רייד וועגן הקדש) שרייבן ספר־תורהס; מאַכן פאַרקאַנעס אַרום בית־עולם; איינער האָט געגעבן אַן עגלה פאַר חברה־קדישא.

שתדלנים — וועלכע פלעגן זיין אויסגעקאָכט מיט די שררות פעלן אויך נישט — זיי פלעגן „בטל מאַכן גזירות״, „פועלן אַז מען זאָל אַראָפּנעמען די מסים — שטייערן״; איינער איז געווען, וואָס האָט (אין יאָר 1807) געפּועלט, אַז די

---

*) ווי עפּעס איז די געשיכטע מיט דעם וואָס עס ווערט דערציילט אין דעם קאַפּיטל „יידישע גנבים און רויבער־באַנדעס״, זייטן 40—55.

ידישע זעלנער זאָל מען פון די קאַזאַרמעס אַרויסלאָזן, כדי זיי זאָלן אין די יום־טובים זיך פרייען מיט זייערע ברידער.

ידישע חשובים, וועלכע האָבן געשפּילט אַ ראָל אין מלוכהשן לעבן (ריכטער, מוניציפּאַל־ראַטמענער און אַפילו אַ סעקרעטאַר בימי נאַפּאָלעאָן אין פּאַריז) ווערן אויך פאַרצייכנט און מיט זייערע מעלות באַשריבן.

פון טייל פאַרצייכענישן דערוויסט מען זיך וועגן נישט באַקאַנטע מנהגים. עס ווייזט זיך דהיינו אַרויס, אַז מען פלעגט לייענען די תורה אין די שולן נאָך אַ באַשטימטן סדר — יעדער ספר איז נאָך אַ רייע נאָך גענוצט געוואָרן. ווייל אַט איז איינער וועלכער איז אַוועק אין אַ צווייטער קהילה דאָך געקומען פונ־דערוויטנס, הגם ער איז געווען אַלט, קראַנק און שוואַך, דאַן ווען עס פלעגט אויספאַלן די רייע פון לייענען זיין ספר־תורה און אָנצוצינדן זיין מנורה. זיין שבח איז אַ דאָפּלטער — סיי וואָס ער האָט זיינע נדבות, דעם ספר און דער מנורה נישט צוגענומען און דאָס וואָס ער פלעגט נישט פאַרגעסן זיין קהילה (פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט שטענדיק איבערגעלאָזן צדקה פאַר זיין אַלטער, געוועזענער, קהילה).

צווישן די מעלות ווערט אין איין אָרט אַרויסגעהויבן איינער וואָס האָט אָפּגעגעבן גרויס כבוד זיין אַלטע, שוואַכע מאַמע, הגם ער אַליין איז אויך געווען אַ חלוש.

„ער האָט איר נישט געלאָזן טון קיין שום שטוביקע אַרבעט און פלעגט ברענגען וואַסער פון אַ זייער וויטן ברונעם"...

און לסוף:

„ער האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם צער פון טויט פון זיין מוטער, נאָך עלף חדשים האָט ער געזאָגט קדיש, ער איז אינמיטן יאָר פון ווייטיק געשטאָרבן און טאַקע אין דעם בעט פון זיין געליבטער מוטער"...

פאַמיליע־טראַגעדיעס ווערן אויך מיט באַזונדערער זאָרגפעליקייט פאַרנאָ־טירט. צווישן זיי וועגן אַ וואונדערבאַרן יונגנמאַן, וואָס איז, אָנשטאָט גיין צו דער חופה, גאָר קראַנק געוואָרן און אויפן אָרט פון „ברכת חתנים" האָט מען געמאַכט די „ברכת אבלים".

לזכרון פון זיין נשמה האָבן די עלטערן אַוועקגעזעצט דריי לומדי תורה אין בערלין, אין פיורדא און אין עהרנברייטשטיין (דריי ישיבות) זיי זאָלן במקום קדיש לערנען תורה פאַר זיין נשמה.

בכלל חזרט זיך איבער דער ענין פון באַשטימען לומדי תורה לזכר די געשטאָרבענע.

אינטערעסאַנט איז אויך דער לויב, אַז דער נפטר פלעגט געבן צדקה מיט אַ ברייטער האַנט ליהודים וערלים — פאַר ידן און קריסטן צוגלייך.

צוויי רעצעפּטן־כּתבֿ־ידן אין אַלט־ייִדיש
פֿון די יאָרן 1474 און 1509

צווישן די ביז־איצט דער ייִדישער וועלט אומבאַקאַנטע כּתבֿ־ידן דאַרפֿן פֿאַררעכנט ווערן די צוויי רעצעפּטן־ביכער אין ייִדיש וואָס געפֿינען זיך אין דער ווירטעמבערגער מלוכהשער לאַנ־דעס־ביבליאָטעק (געוועזענע „קיניגלעכע לאַנדעס־ביבליאָטעק") אין שטוטגאַרט.

אין יאָר 1950 האָב איך, ביי די אָריענטאַליאַ־מאַנוסקריפּטן, זיך אָנגעשטויסן אויף צוויי קאָדעקסן, וואָס פֿיגורירן אין דעם קאַטאַלאָג מיט די סיגנאַטורן:

Teutsches Rezeptbuch mit rabbinischer Schrift, sacc. XVI - NN. H. B. XI/17; H. B. XI/18.

אין דער בייערישער מלוכה־ביבליאָטעק אין מינכען האָב איך געהאַט אונ־טערן האַנט אַלע מעגלעכע מקורים, ווו עס ווערט גערעדט וועגן ייִדישע כּתבֿ־ידן, קאָלעקציעס אין ביבליאָטעקן אָדער ביי יחידים, און איך האָב נישט באַ־מערקט, אַז ערגעץ זאָלן די דאָזיקע „טויטשע רעצעפּט־ביכער מיט ראַבינישער שריפֿט" דערמאָנט ווערן.

---

*) די דאָזיקע אַרבעט איז תּחילת געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם באַנד 4 (נומער 17) פֿון „דווקא" — אָקטאָבער־נאָוועמבער־דעצעמבער 1953.

עס האָבן זיך וועגן דער דאָזיקער אַרבעט אָפּגערופֿן אַ ריי ייִדישע וויסנשאַפֿטלער, פֿילאָלאָגן און פֿאָלקלאָריסטן און זי איז דורך דעם פּראָפֿעסאָר פֿון ירושלימער אוניווער־סיטעט דבֿ נוי צוגעשטעלט געוואָרן צום קאָנקורס פֿון אַ פֿאָלקלאָר־זאַמלבוך וואָס עס גיט אַרויס אין ענגליש דער אינדיאַנאַ־אוניווערסיטעט אין בלומינגטאָן, פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון נאָרד־אַמעריקע.

צו דער דאָזיקער אַרבעט האָבן געמאַכט אַ ריי באַמערקונגען, אויסבעסערונגען און אויפֿקלערונגען ד"ר מאַקס ווײַנרײַך — ניו־יאָרק; פּראָפֿעסאָר דבֿ סדן — ירושלים און זײַ צו לענגערע יאָר פּראָפֿעסאָר ליבמאַן הערש — גענף.

ביי דער איצטיקער פֿאַרעפֿנטלעכונג האָב איך טאַקע גענומען אין אַכט די אַלע אָנ־ווײַזונגען און איך דאַנק פֿון דעם אָרט די אַלע, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן צו דער דאָזיקער אַרבעט פֿאַראינטערעסירונג און מיר געהאָלפֿן מיט ראַט.

די דערמאָנטע כתב־ידן פון דער שטוטגאַרטער ביבליאָטעק זענען אָבער נישט געווען אויפן אָרט. בעת דער מלחמה זענען זיי, צוזאַמען מיט אַנדערע ווערטיקע עקספּאָנאַטן און יקר־המציאותן, אַרויסגעפירט געוואָרן אין זיכערע ערטער. אַ טייל איז באַהאַלטן געוואָרן אין אַ קלויסטער אין שוואַרצוואַלד און אַ טייל אין טיבינגען. די דערמאָנטע רעצעפּטן־ביכער זענען טאַקע געווען אין טיבינגען, אין די קעלערן פון דער דאָרטיקער אוניווערסיטעט. עס האָט לאַנג געדויערט ביז מען האָט זיי געבראַכט. ווען איך האָב די דאָזיקע קאָדעקסן גע־האַט אין האַנט, האָב איך ערשט געקענט פעסטשטעלן, אַז מיר האָבן דאָ פּאָר זיך אוניקומס, ממש זעלטענע עקספּאָנאַטן, אפשר פון די געציילטע, וואָס מיר פאַרמאָגן אויף דער וועלט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די דאָזיקע רעצעפּטן־ביכער זענען געשריבן אין ייִדיש, זייער עלטער, זייער אינהאַלט זענען ממש רעוו־לאַטיוו. געננוג צו זאָגן אַז זיי זענען געשריבן אין אַלט־ייִדיש פון בערך 500 יאָר צוריק. ביידע כתב־ידן טראָגן אויף זיך דעם חותם, אַז זיי זענען מיט אַרום 300 יאָר צוריק, גענוי אין יאָר 1654, געווען ביי די קלויסטער־ברידערן אי ווייִנגאַרטען (Monasterii Weingartensis).

דער דאָזיקער קלויסטער אין ווייִנגאַרטען (אין אַלגאָו — ווירטעמבערג) עקזיסטירט שוין נישט. אין זיינע געביידעס געפינען זיך איצט אַ ריי מלוכהשע לאַנדווירטשאַפטלעכע שולן. משמעות, אַז די דאָזיקע כתב־ידן (צוזאַמען מיט פיל הונדערטער אַנדערע) זענען אַריבערגעגאַנגען צו דער „קיניגלעכער לאַנדעס־ביבליאָטעק" מיט אַ 140 יאָר צוריק, בעת דער סעקולאַריזאַציע פון לאַנד. (אגב האָב איך אַ גאַר אַנגעזעענע קאָלעקציע מיט ווייִנגאַרטענער כתב־ידן געפונען אויך אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק אין פולדאַ, צווישן זיי אַ פּאָר צענדליק העבראַיקאַ און אין דעם אויך רפואות־קאָדעקסן).

ביידע שטוטגאַרטער רעצעפּטן־ביכער זענען איינגעבונדן. מען זעט אָבער, אַז זיי זענען פריִער שטאַרק גענוצט געוואָרן. טייל בלעטער פעלן און אַ גאַר גרויסע טייל זענען צעריסן, אָפּגעריבן. זיי האָבן ביי די ראַנדן אַ סך הערות אין אַלט־דייטש, פאַרטייטשונגען, דערקלערונגען און איבערזעצונגען. משמעות געמאַכט דורך די קלויסטער־ברידער. דער איינבינדער האָט אָבער (ער האָט, זעט אויס, דעם כתב נישט געקענט לייענען) אַ טייל קונטרסים ביים איינבינדן צעדרייט און געמאַכט אַ שפּאָר ביסל „מוקדם ומאוחר", שפּעטערדיקע זייטן געגעבן פריִער און פאַרקערט. די דפים זענען, פון אַ שפּעטערדיקער האַנט, נישט פון די ייִדישע שרייבערס, געוואָרן נומערירט און דעריבער גייען זיי פון לינקס צו רעכטס, אַזוי אַז דער סוף פון די ביכער לויט איצטיקער נומעראַציע איז גאָר דער אָנהייב.

דער קאָדעקס נומער H. B. XI/17 האָט בסך־הכל 154 נומערירטע דפים (308 זייטן). די פּאַראַנענע אין אים רעצעפּטן זענען פון דעם שרייבער נומערירט

געוואָרן מיט יידישע אותיות. אין אַלגעמיין זענען אין אים פאַראַן תתתנ״ב (1252) נומערן. פון זיי זענען ביז תתתמ״ח (1248) געשריבן פון דעם אייגנטלעכן מחבר אָדער איבערשרייבער און די איבעריקע זענען שפּעטער צוגעשריבן גע־וואָרן. עס זענען נאָך פאַראַן אַ צענדליק נישט־נומערירטע רעצעפּטן פון אַ שפּע־טערער צייט.

עס איז פאַראַן אַ ספּעציעלער רעגיסטער פון אַלע רעצעפּטן. אין בוך פעלן אָבער די ערשטע זייטן און ער ווערט אָנגעהויבן מיטן נומער רס״א, דאָס הייסט, אַז עס פעלן 260 רעצעפּטן. ווי מיר האָבן פריִער דערמאָנט האָט דער איינבינדער צעדרייט די קונטרסים און דעריבער איז אויסגעקומען (חוץ אַנדערע איבערהי־פּונגען), אַז דער רעגיסטער, וואָס האָט זיך געדאַרפט געפינען צום סוף, איז גאָר איינגעבונדן אינמיטן בוך צווישן די זייטן 31 און 65 (לויט דער נומעראַציע פון לינקס).

דאָר ווו עס ענדיקן זיך די רעצעפּטן, געשריבענע מיט דעם אַלטן כתב, געפינט זיך די ווייטערדיקע צושריפט:

„זה כתבתי להנכבד ר׳ זעליקמאַן
נורבערק אויש איינם בוכליין
(דאָ קומען אַנדערטהאַלבן שורות אויסגעמעקט)
וסיימתיו בר״ח (בראש־חודש) אדר
רל״ד בק״ק מיישטרי בבית האשנ״י (האשכנזי?)
הר״ר משה במהר״ז ז״ל מאולמא.

מיר האָבן דאָ בכן אַ גענויע דאַטע, און אַפילו אָרט, וווּ און ווו דער דאָזיקער רעצעפּטן־בוך איז געשריבן (ריכטיקער אָפּגעשריבן) געוואָרן: דהיינו ראש־חודש אדר רל״ד (אין יאָר 1474).

דער צווייטער קאָדעקס — H. B. XI/18 האָט נומערירטע (אויך פון לינקס צו רעכטס) 114 דפים (228 זייטן). דאָ זענען די קונטרסים לפי־ערך גוט געבונדן, חוץ אַ פּאָר איבערגעדרייטע זייטן). אָבער אויך דאָ פעלן די ערשטע זייטן. פון די נומערירטע רעצעפּטן (אויך דאָ מיטן יידישן אלף־בית) פעלן אונדז 10. דער בוך הייבט זיך אָן מיטן רעצעפּט י״א, אויפן דף 114, און פאַרענדיקט זיך מיטן רעצעפּט תק״ו, אויפן דף 2. דער דאָזיקער רעצעפּטן־בוך האָט, בכן, געדאַרפט האָבן 506 רעצעפּטן, פון וועלכע עס פעלן די ערשטע 10. מיר זענען אָבער נישט זיכער, אַז מיטן רעצעפּט תק״ו איז טאַקע דער ספר געענדיקט.

דער דאָזיקער באַשטייט פון עטלעכע טיילן געשריבן פון זעלביקן שרייבער. אַזוי געפינט זיך אויפן דף 94 (פון לינקס גערעכנט), נאָכן רעצעפּט קל״ז אַ צושריפט:

„סליק ספר הראשון ואתחיל לכתוב ספר׳ ב״



לעצטע בלאַט פון דעם כתב־יד פון רעצעפּטן־בוך פון יאָר 1474. אויך דער סוף פון אַ רעצעפּט, וואָס לייענט זיך:

...זא זאג די שמות והיה העלמה היוצאת לשאוב ואמרתי אליה השקיני נא מעט מים מכדך דש זוג דרייא מ־ל נוך אנ־נרר. דר־וך זוג משביע אני אני עליך מאה שר של נשמות שתראיני בזה הלילה אשת חיקי בשם אל שדי יה צבאות אכתריאל. דש זוג אויך דריי מול אונ׳ ריד פר... די נכט ניכץ מיין"

עס איז אַ סגולה צו זען דער באַשערטער אין חלום.

ווייטער איז די אונטערשריפט פון דעם שרייבער, ווי עס איז אָנגעגעבן אין טעקסט פון דער אַרבעט.

און דער שרייבער הייבט גלייך אָן מיטן רעצעפּט קל״ח.

אויפן דף 21 (ווידער פון לינקס גערעכנט) געפינען מיר, נאָך דעם רע־צעפּט ת״א (411), אַ ווייטערדיקע צושריפט:

„סליק ספר הרפואות רס״ח לפ״ק כ״ב ימים תמוז ביום ג׳.

מיר האָבן דאָ בכן אויך אַ גענויע דאַטע ווען עס איז געשריבן געוואָרן דער ספר. ד״ה דינסטיק, 22 טעג אין תמוז, רס״ח (אין יאָר 1509).

מיט דעם זעלבן כתב ווערט גלייך צוגעגעבן:

„הי היבט אן איין גוט בוך פון קרייטר פון אירר קרפט״

און איז ממשיך די פריערדיקע נומעראַציע פון די רעצעפּטן און דערציילט וועגן דער קראַפט פון די פאַרשיידענע קרייטעכצער. ער הייבט אָן מיטן רעצעפּט ת״ב (412).

ווייסן מיר, הייסט עס, דעם עלטער פון ביידע קאָדעקסן. דער ערשטער פון יאָר רל״ד (1474) און דער צווייטער פון יאָר רס״ח (1509). עס איז קלאָר, אַז די איבערשרייבער האָבן געהאַט פאַר זיך נאָך עלטערע כתב־ידן, ווייל סיי דאָס „בוכליין״ פון ערשטן קאָדעקס, סיי דער „ספר הרפואות״ פון צווייטן זענען אויך געווען כתב־ידן. קיין ספרים געדרוקטע פון דעם מין זענען נישט געווען. עס איז געווען די צייט פון די אינקונאַבעלן און מיר ווייסן, אַז דער מין ספרים זע־נען דאַן נישט געדרוקט געוואָרן.

ווי אָבער קומען די רעצעפּטן־ביכער צו די קלויסטער־ברידער אין ווייִנגאַר־טען? דאַרף מען זיך נאָר משער זיין, אַז דאָס האָט מען זיי צוגערויבט ביי די יידן בעת די גזירות, שחיטות און רדיפות אין יענער געגנט, ביים סוף פון 16טן און אָנהייב 17טן יאָרהונדערט. אפשר וועט אויך דאָס אַמאָל אויפגעקלערט ווערן.

דער תוכן פון די רעצעפּטן־ביכער דאַרף באַטראַכט ווערן פון פאַרשיידענע אַספּעקטן. ראשית דער אינהאַלט גופא. צו וועלכע חולאתן און שלאַפקייטן ווערן די רעצעפּטן רעקאָמענדירט און אין וואָס באַשטייען די רפואות. שנית — פון דעם שפּראַך־שטאַנדפּונקט; ווי האָט אויסגעזען אונדזער יידיש לשון מיט אַ האַלבן יאָרטויזנט צוריק.

אַוודאי איז עס אָן ענין פאַר וויסנשאַפטלער, ספּעציאַליסטן, מומחים אויפן מעדיצין־געביט בכלל און אין פאָלקס־מעדיצין בפרט. ווי מיר וועלן עס שפּע־טער זען איז יעדער „רעצעפּט״ פון די תתתנ״ב אין ערשטן קאָדעקס און די תק״ו פון צווייטן, פאַר זיך אַ פּראָבלעם. און ספּעצן וועלן, חוץ זייער אַנאַליז פון דער געגעבענער סגולה, נאָך אויך פּרווון מאַכן פאַרגלייכונגען מיט אַזעלכע ביי יידן אין אַנדערע מקומות, ענלעכקייטן ביי די אומות־העולם וכדומה.

און שפּראַכלעך אַנאַליזירן די 1252 און 506 רעצעפּטן, מיינט דאָך אויס־

טייטשן און פּאַרטייטשן פיל טויזנטער ווערטער. צעגלידערן זייער אויסלייג; אויפקלערן די פאָנעטיק; דערציילן וועגן זייער שורש; באַווייזן די מעטאַמאָרפאָזע וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט פון זייער בראשיתדיקן וואָרצל. עס וועלן זיין ווערטער וואָס זענען אונדז געבליבן עד־היום און אַזעלכע וואָס זענען פאַרגעסן געוואָרן און מען האָלט, אַז מען דאַרף זיי צוריק אויפלעבן.

באַאַרבעטן דעם מאַטעריאַל פון די צוויי קאָדעקסן קען ביי וויסנשאַפטלער ווערן אַ לעבנסווערק. דאָך וועלן מיר פּרוּוון, ראשי־פּרקימדיק, אָנוואַרפן אַ ריי פּרטים, פראַגמענטן לדוגמא, פון די צוויי עיקר־געביטן פון די דאָזיקע 2 כתב־ידן:

א) אינהאַלט;
ב) שפּראַך.

פריִער אָבער אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם מין ליטעראַטור בכלל. הגם מיר ייִדן האָבן זיך געגומען צום ענין פאָלקלאָר שפּעטער ווי די אומות העולם און ביי אונדז האָבן זיך מיט דעם פאַרנומען (ביז נישט לאַנג) יחידים, אַמאַטאָרן, אויף וועלכע מען האָט געקוקט ווי אויף „טשודאַקעס", האָבן מיר שוין פונדעסטוועגן היינט אַ גאַנץ פיינע פאָלקלאָריסטישע ליטעראַטור, ווי זאַמלונגען, באַאַרבעטונגען, האַנטביכער פון קאָנסולטיוון כאַראַקטער. די פאָלקס־מעדיצין־פאָרשונג איז אָבער נאָך אַלץ אין די ווינדלעך.

מיר האָבן טאַקע אויפגעזאַמלט אין אונדזערע פאָלקלאָר־קאָלעקציעס טויזנטער „פּאָזיציעס" פון די „באָבסקע רפואות", סגולות און היילמיטלען. אין טייל פון די דאָזיקע „רעצעפּטן" איז שווער אָפּצוטיילן דעם כשוף־עלעמענט, וואָס ווירקט מיט צויבערייען, באַשווערונגען, שדים־פאַריאָגונגען, פון דער נאַטירלעכער ווירקונג פון די קרייטעכצער, באַלזאַמס, זאַלבן, שמירעכצן, שווענקעכצן און איינרייבעכצן. גאָר אָפט איז טאַקע אַזאַ מין פאָלקסמיטל באַשטאַנען פון אַ זאַלב, אַ פּעטס, אַ גראָז, אַ וואַסערל צונויפגעפּאָרט מיט אַ שפּרוך אָדער מיט אַ צערעמאָניאַל, וואָס האָט געלייגט דעם טראָפּ אויפן ווען — אין וועלכער צייט פון טאָג, אָדער חודש, ווו — אין וואָס פאַר אַן אָרט און ווי — אין וואָס פאַר אַ פּאָזיציע מען זאָל די „רפואה" איינגעמען.

מיר פאַרמאָגן אַ גאָר פיינע ביבליאָטעק פון כל־המינים רפואה־ און סגולות־ביכער, אין וועלכע מיר האָבן אַ געמיש פון אַזעלכע האַלב־כישוף, האַלב־מעדיצינישע היילמיטלען. מיר האָב אַפילו אַ גאָר גוטע ביבליאָגראַפיע (שטיינשניידער, פּרויס, פּריימאַן) וועגן די מעדיצינישע ביכער ביי ייִדן ווו עס ווערן אַריינגענומען אויך די דערמאָנטע ספרים.

דער סוף פון 17טן און דער אָנהייב פון 18טן יאָרהונדערט איז באַזונדערס געוועזן פּראָדוקטיוו פאַר דעם אָ מין ליטעראַטור. אָט איז אַ טיילווייזע רשימה:

„ספר סגולות ורפואות" פון ישכר בער טילער (פּראָג, 1694);
„סגולות ורפואות" פון מרדכי־גימפּל בן־אליעזר הענדעלעס (אַמשטערדאַם 1717);
„ספר רפואות" פון אברהם וואַליך (1707);
„רפואות וסגולות" (אַמשטערדאַם, 17טן י"ה);
„ספר יצירה ועניני סגולות" פון זכריה פלונגיאַן (האַמבורג, 1709);
„ספר החשק" (האַנאַו, 1726);
„סוד ה'" (בערלין, 1710);
„ספר אפרים" פון אפרים ריישער (פיורדאַ, 1728);
„תולדות אדם" (זשולקעוו, 1720);
„מפעלות אלקים" (זשולקעוו, 1710);
„רפאות־בוך" (אַמשטערדאַם, 17—18טן י"ה).

דאָס איז נאָך אַ טייל פון די הייל־ביכער, וואָס דאַרפן אַריינגעצויגן ווערן אין דעם שטודיום פון יידישער פאָלקס־מעדיצין. דאָ זענען קרייטעכצער געפּאָרט מיט פּסוקים; באַלזאַמס, צונויפגעפּעלאָכטן מיט די משונהדיקסטע צערעמאָניאַלן.

די געדרוקטע ליטעראַטור האָט אָבער איר מקור אין די איבערגעליפערטע כתב־ידן (וואָס טייל פון זיי האָבן אַ שפּאָר ביסל געגאַשט ביי די פעלקער, צווישן וועלכע מיר האָבן געוווינט). זענען טאָקע ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן באַהאַנדלט געוואָרן די דאָזיקע רעצעפּטן־ביכער, די סגולות־כתב־ידן. פאַרגלייכט מען די דאָזיקע כתב־ידן מיט די שטוטגאַרטער זעט מען, אַז אונדזערע זענען די עלטסטע.

אָט האָט צום ביישפּיל באַאַרבעט דער ד"ר י. וועלש (אין די „מיטטיילונגען צור יידישען פאָלקסקונדע", ווין 1911). די מעדיציניש האַנטשריפטן פון פּראָפ׳ קויפמאַנס באַרימטע ביבליאָטעק אין בודאַפּעסט. רעדט ער דאָרטן וועגן דריי האַנטשריפטן („ספר המלבוש", „סודות הסגולות" און „ספר הסגולות"), זענען די דאָזיקע יינגער פון אונדזערע שטוטגאַרטער; ד"ר מ. גינזבורגער, וועלכער דערציילט (אין די „מיטטיילונגען" פון 1907) וועגן „יידישע פאָלקס־מעדיצין אין עלזאַס", באַשרייבט מאַנוסקריפּטן פון רפואות וסגולות פון סוף 18טן און אָנהייב 19טן יאָרהונדערט; אויך ד"ר מ. גרונוואַלד, שרייבנדיק וועגן „האַוזאַפּאָטהעקע אונד העקסענקיכע" (שטוב־אַפּטייקן און כשוף־קיכן), ציטירט אַ סעריע כתב־ידן פון רעצעפּטן־ביכער פון 18טן יאָרהונדערט; אויך ד"ר יעקב שאַצקי אין זיין אַרבעט: „ספר החשק" — אַ פאַרפאַלן רפואה־בוך אין יידיש פון 18טן י"ה און זיין מחבר (ייוואָ־בלעטער 6, 1933), רעדט וועגן געדרוקטע רעצעפּטן־ביכער פון 18טן י"ה.

דער פון איז צו זען, אַז די שטוטגאַרטער רעצעפּטן־ביכער געהערן צו די עלטסטע מקורים אויפן געביט פון יידישער פאָלקס־מעדיצין.

ווי געזאָגט זענען אונדזערעביישפּילן נאָר אָנרעגונגען און פּרעטענדירן בשום אופן נישט צו אַנאַליזירן דעם גאַנצן ענין.

***

איינע פון די מיטלען מיט וועלכע די ייִדישע (און אין אַ געוויסן זין אויך ביי נישט ייִדן) פאָלקס־מעדיצין באַנוצט זיך אין די ביבליאָמאַנטיע, דאָס מיינט דאָס אויסנוצן פאַר היילצוועקן די הייליקע שריפט: טיילן פון דעם תנ״ך, באַזונדערע קאַפּיטלען, פּסוקים און אַפילו פראַזעס. איינע פון די אָנגענומענסטע טיילן פון תנ״ך וואָס ווערט שטאַרק עקספּלואַטירט איז דער תהילים. (הגם דאָס פאָלק האָט באַשאַפן אַ ווערטל: „ווען תהילים זאָל זיין אַ רפואה, וואָלט מען עס פאַרקויפט אין אַפּטייק״).

איינער פון די כאַראַקטעריסטישסטע ביישפּילן ווי דער תהילים דאַרף דינען ווי אַ הילף־ און הייל־מיטל צו די פאַרשיידנסטע חולאתן און שלאָפקייטן, צו כל־המינים אומגליקן און שטרויכלונגען; צו פאַרהיטן פון עגמת־נפשן, נסיונות און בייזקייטן. קען דינען אַ תהילים־אויסגאַבע פון ליוורנו, אַרויסגעגעבן אין יאָר „אודך כי עניתני״ (תרכ״א). אַלע 150 קאַפּיטלעך פון תהילים האָבן זייער „באַשטימונג״, זיי זענען היילמיטלען און סגולות צו די פאַרשיידנסטע קראַנקייטן און מיחושן. אָט זענען אייניקע ביישפּילן:

קאַפּיטל ב׳ — צו אַ שטורעם אויפן ים;
קאַפּיטל ג׳ — צו קאָפּווייטיק·
קאַפּיטל ו׳ — צו אויגנווייטיק;
קאַפּיטל י״ג — געראַטעוועט צו ווערן פון אַ מיתה־משונה;
קאַפּיטל ט״ו — צו דערהרגענען אַ שד;
קאַפּיטל ט״ז — צו געפינען אַ גנב;
קאַפּיטל כ״ד — קעגן אַ פאַרפלייצונג;
קאַפּיטל ל״א — צו עין־הרע;
קאַפּיטל מ״א — פאַר יענעם וואָס מען האָט אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע;
קאַפּיטל מ״ה — ווער עס האָט אַן אשה רעה;
קאַפּיטל מ״ט — צו קדחת;
קאַפּיטל נ״ה — קעגן אַ בייזן הונט;
קאַפּיטל ע״ב — צו געפינען חן;
קאַפּיטל צ׳ — קעגן אַ לייב;
קאַפּיטל ק״ב — פאַר אַן עקרה;
קאַפּיטל ק״ה — צו קדחת רביעית;
קאַפּיטל ק״ו — צו קדחת שלישית;

קאַפּיטל ק״ז — צו שטענדיקע קדחת;
קאַפּיטל קי״ט — צו אויגנווייטיק, צו בויכווייטיק, צו נירנווייטיק;
קאַפּיטל קל״ט — פאַר ליבע צווישן מאַן און פרוי;
קאַפּיטל קמ״א — צו האַרצווייטיק;
קאַפּיטל קמ״ד — ביים צעברעכן אַ האַנט;
קאַפּיטל קמ״ז — צו אַ ביס פון אַ שלאַנג;
קאַפּיטל קמ״ח — קעגן אַ שריפה.

הכלל דער תהילים האָט אָן אַ שיעור היילונגען. חולי־הגוף און חולי־הנפש; קעגן שדים און רוחות, קעגן שלאַנגען, הינט און לייבן; פאַר ליבע און שנאה; קעגן שריפות און כדי צו געפינען חן. אַפילו צו אַלע מינים קדחת.

ווי קומט צום אויסדרוק די ביבליאָמאַנטיע אין אונדזערע כתב־ידן וואָס זענען אַ ביסל עלטער פון דעם דאָזיקן ליוואָרנער תהילים?

ווען מיר טאַקע זען וואָס פאַראַ אָרט ס׳פאַרנעמט די ביבליאָמאַנטיע אין די שטוטגאַרטער קאָדעקסן.

פריִער אָבער, אַ פּאָר ווערטער וועגן זייער אַלגעמיינעם כאַראַקטער.

מיר האָבן אין זיי, אָן גוזמא, אַ מוסטער פון אַ פאָלקס־מעדיציניש ״כל־בו״. אַלץ האָבן מיר דאָ: חולי־הגוף און חולי־הנפש; עס זענען פאַראַן עצות און סגולות צום סתם צרות וואָס גייען נישט אַריין אין דעם גדר פון גוף־ און נשמה־שלאַפקייטן (דהיינו, קעגן שריפות, קעגן גניבות, צו געפינען מציאות וכדומה); מיר האָבן אָן אַ שיעור הילפמיטלען צו הצלחה, צו חן, צו לייטזעליקייט ביי שופטים און מיר האָבן אויך אָנווייזונגען ווי זיך נוקם זיין אָן שונאים, ווי צו ברענגען מפלות אויף רוצחים אאַ״וו; די רפואות נעמען אַרום נישט נאָר מענער, פרויען און קינדער נאָר אויך בעלי־חיים (ראשית־כל פערד); לסוף אַ גאָר גרויסע צאָל אָנווייזונגען פאַר פאַרשיידענע כעמיש־פיזיקאַלישע עובדות.

מיר ברענגען דאָ לדוגמא אַ צעטל פון דעם צו וואָס אַלץ מיר געפינען הילף אין די דאָזיקע קאָדעקסן. מיר באַנוצן זיך מיט אונדזער אָרטאָגראַפיע, איבערלאָזנדיק אַ טייל אויסדרוקן און דעם זאַץ־בוי ווי אין אָריגינאַל. אין קלאַמערן זענען די נומערן פון רעצעפּט. פון חולאתן דערמאָנען מיר נאָר איין מאָל, הגם די דאָזיקע חזרן זיך אַ סך מאָל איבער.

האַלטנדיק זיך ביים סדר פון ערשטן קאָדעקס האָבן מיר דאָרטן רעצעפּטן:

צו מאַכן וואַקסן פריש פלייש [אויף אַ וווּנד] (ה׳); צום ווייטיק אין גיד (ו׳); צו קאָפּווייטיק (י׳); צו דעם קדחת (כ״ב) [מיר האָבן דאָ פאַרשיידענע מינים קדחת, ווי: ״קדחת־תמידית״, ״קדחת־שלישית״ און ״קדחת־רביעית״]; צו ווייטיקן אין דער לינקער זייט (נ״ח); און צו ווייטיקן אין דער רעכטער זייט (נ״ט); קעגן וואַסער־זוכט (צ״א); צום קרעבס [ראַק] (צ״ב); ווער עס האָט זיך מיטן עסן פאַרסמט

(ק״ז); פאַר אַ פרוי וואָס האָט איר מילך פאַרלוירן (קי״ח); ווענעמען עס בלוטיקט פון נאָז (קכ״ב); ביי ווענעמען עס איז געשוואָלן דער בויך (קצ״ו); פאַר יענעם וואָס שפייט מיט בלוט (שכ״ז); אַז ציינער זאָלן אויפגיין (שנ״ג); אויב די בצים זענען געשוואָלן (שפ״א); ביי ווענעמען עס רינט פון די אויגן (שע״ה); ווענעמען עס טוט וויי די קעל און זי איז געשוואָלן (שפ״ז); ביי ווענעמען עס גייט אייטער פון די אויערן (שצ״ג); ווענעמען די לונג טוט וויי (תכ״ה); צו דער מילץ (תל״א); צו וויי־טיקן אין די זייטן אָדער ריפּן (תל״ה); פאַר אַ פרוי וואָס האָט נישט איר „צייט״ (תל״ט); פאַר פרויען וועלכע האָבן צופיל צייט (ת״מ); פרויען וואָס האָבן נישט קיין מילך צום זייגן (תנ״ו); ווער ס׳קען נישט שלאָפן (תע״ו); פאַר דער נכפה (תע״ז); ווער עס גייט אַרויס מיט בלוט (תע״ט); קעגן אַלע מינים קרעץ (תפ״ט); ווער עס האָט אַ רויטן פלעק אויף די אויגן (תצ״ה); צו אַ צעבראָכענעם ביין (תקי״ט); דם צו פאַרשטי׳לן (תקכ״א); ווענעמען עס האָט געביסן אַ משוגענער הונט (תקכ״ו); אַז אַ פרוי זאָל קענען שוואַנגערן (תקל״ב); ווער עס האָט זיך אָפּגעברענט מיט פייערן אָדער מיט הייסן וואַסער (תק״ס); צו הייזעריקייט (תקס״ה); דורשט צו שטילן (תרפ״ו); ווענעמען עס האָט אַ שלאַנג געביסן (תשמ״ו); צו אַ ביס פון אַ בין (תשמ״ז); ווענעמען אַ שפין געביסן האָט (תת״א); פאַר דעם שטיין אין די כליות [נירן] (תתר״י).

מיר האָבן דאָ אַרויסגעכאַפּט אַ היפּש ביסל חולאתן. ווי מיר זעען זענען דאָ פאַרטראָטן אַלע מינים חולי־הגוף. אָבער מיר פאַרמאָגן אין קאָדעקס נאָך אַ טייל מיטלען, מיר וואָלטן עס אויף אונדזער היינטיקן לשון אָנגערופן „קאָסמעטישע״:

אַז די האָר זאָלן נישט גרוי ווערן (שמ״ו); אַז די האָר זאָלן נישט אויס־פאַלן (שמ״ז); אַ שיינעם פנים צו באַקומען (שס״ח); ווענעמען די הענט און פיס שוויצן (ל״א); אַ שיינעם לויטערן פנים צו מאַכן (ת״ק); אַ שוואַרצן מענטשן ווייס צו מאַכן; אַ לינדע הויט און שיין ווערן (תר״ד); שיינע לויטערע אויגן צו מאַכן (תרס״ב); שוואַרצע ציין ווייס צו מאַכן (תרצ״ז); פלעקן פון פנים צו פאַרטרייבן (תשי״ג); ווייסע הענט צו מאַכן (תשכ״ג); האָר געל צו מאַכן (תתנ״ד); געקרייזלטע האָר מאַכן (תתנ״ו); ווער עס האָט אַ רויטן פנים (תתקי״ו); אַ גוטע שטים צו מאַכן (תתקי״ח); פרויען ביי וועלכע עס הענגען אַראָפּ די בריסטן (תתקמ״ט); אַז האָר זאָלן אויסקריכן (תתר״ס); דאָס איינער פולצל [יונג מיידל] די דדים נישט גרעסער ווערן (תתתכ״ט).

הכלל אַ היינטיקער מאָדערנער „שיינקייט־סאַלאָן״ האָט אפשר נישט אַזוי פיל מיטלען פאַר זיינע קלי׳ענטן.

פון אַ באַזונדערן מין זענען די רעצעפּטן פאַר ענינים וואָס האָבן אַ שייכות בין־אדם־לאשתו, מאַן־און־ווייב באַציונגען. ווידער וועלן מיר דאָ אויסרעכענען

לדוגמא אַ בינטל שלאַפקייטן פון דעם מין, צו וועלכע עס זענען פאַראַן גאָר אַ סך רפואות:

צו תשמיש (ת״ח); צו אהבה (תקכ״ח); אַ מאַן וועמען די פרוי האָט נישט ליב (תקמ״ז); דאָס אַ פרוי קיין אַנדערן מאַן גלוסטן זאָל (תק״ץ); אַ פרוי דער נישט זאַנפט טוט ווען דער מאַן ביי איר ליגט (תקצ״ג); ווען דו ווילסט וויסן צי דו זאָלסט נעמען אַ פרוי אָדער זאָלסט שטאַרבן (תר״ט); וועמען מען האָט אָנגעטון אַ כשוף דאָס ער קען ביי קיין פרוי ליגן (תרי״ד); ווילסטו וויסן וואָס אַ פרוי טראָגט (תרי״ז); צו מאַכן דאָס אַ פרוי נאַקעט פון דער באָד אויסשטייגט (תרע״ה); איין אהבה דאָס זי דיר נאָכלויפט (תש״ף); פיינטשאַפט צווישן מאַן און פרוי אַרויסרופן (תתל״ו); ווילסטו איין פרוי צו אַ יונגפרוי מאַכן (תתקנ״א); דאָס דו מאַכסט דאָס דיר פאַר דיין בעט קומט דיין ווייב דאָס דיר באַשערט איז (תתת״ד).



בלאַט 33, עמוד 2 פון רעצעפטן־כתב־יד פון 1474. דאָס זענען אַ נ־דעקס־רעגעסטן פון די רעצעפטן:

תתק״ז — ווען דער מגנט שטינקט פון דעם ריטן דש ער ניט עשן מג;

תתק״ח — דעם דא וויא אישט איך דעם מאגן אודר אין דער זייטן;

תתק״ט — צו ור שטילן דם נידות;

תתק״י — ווען איין סוס איין ועל הוט;

תתקי״א — ווען דו ווילט היילן איין אדם אז מצורע;

תתקי״ב — ווער דש ביבר הוט; (פיבער);

תתקי״ג — ווער דען בוזן הוט;

תתקי״ד — זא די ורויין די מילך צו רינט;

תתקט״ו — ווען אין בוייך וויא אישט פון גרימן;

תתקי״ו — ווער איין רוט פנים הוט.

און אָט האָבן מיר אַ וייטערדיקע סעריע מיטלען וואָס האָבן גאָרנישט קיין שייכות מיט קרענק, נאָר מיט באַציִונגען פון דעם מענטש צו זיין אַרום:

פֿאַר משפּטים אָדער שרים צו רעדן (תק״ו); ווען דו ווילסט דיין פיינט טויטן (תק״ז); אַז אַ פּרוי זאָל מוזן זאָגן [פון שלאָף] וואָס מען פרעגט איר (תקכ״ח); ווען מען וויל בעת אַ צוויי־קאַמף אַז דער פּאַרטנער זאָל פאַרשפּילן (תקכ״ט); דאָס מען זאָל געווינען ביי פאַרשיידענע שפּילן (תקמ״ח); אַ געפאַנגענעם פון תפיסה אַרויסצונעמען (תקנ״ג); ווען דו ווילסט גיין איבער דער וועלט און ווילסט וויסן צי עס וועט דיר אָפּגליקן (תקנ״ט); תפילת הדרך (תקל״א); צו געפינען חן אין יעדערנס אויגן (תק״ס); ווען אַ גניבה געשעט און ווילסט וויסן ווער דער גנב איז (תקס״ב); ווען דו גייסט איבער דער וועלט און דו דערזעסט אַ גזלן (תקס״ג); אַז אַ הונט זאָל נישט שעדיקן (תקצ״ח); קעגן כשוף (תר״א); קעגן אַ רוצח וואָס האָט וועמען דערהרגעט (תר״ו); איין מציאה צו געפינען (תרפ״ה); ווען דו האָסט אַ פיינט און דו ווילסט אים גערן אַ קדחת מאַכן (תש״ה); אויב דו ווילסט מאַכן אַז אַלע וואָס זיצן ביי אַ טיש זאָלן איינשלאָפן (תתרל״ח); פיינט־שאַפט מאַכן צווישן צווייען (תתר״מ); אויב ווילסט וויסן ביי אַ קראַנקן צי ער וועט לעבן אָדער נישט (תתרמ״ט); ווילסט דיין פיינט בלינד מאַכן (תתרפ״א).

ביז איצט האָבן מיר אַלץ גערעדט וועגן ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו מענטשן. אָבער אָט איז אַ בינטל מיטלען וואָס פאַרנעמען זיך מיט בעלי־חיים, סיי רפואות, סיי עצות:

פֿאַר פיש פאַנגען (תקמ״א); אַ רויטן פערד וויס צו מאַכן (תרפ״ט); פייגל צו פאַנגען (תרל״ד); ווילסט אַ פערד הינקעדיק מאַכן (תש״י); אַ נאַכטיגאַל זאָל קומען צו דיר אין האַנט אַריין (תשי״ט); טויבן צו פאַנגען (תשנ״ג); צו טויטן כינים (תתקכ״ז); אויב אַ סוס ראָציק איז (תקס״א); ווען אַ פערד נישט קאָן משתין זיין (תתקס״ב); צו מאַכן אַ פערד זאָל באַלד לויפן (תתתכ״ז).

מיט דעם איז נאָך נישט פאַרענדיקט דער צעטל פון די עצות, מיטלען און סגולות. מיר האָבן נאָך אין דעם קאָדעקס אַ גאָר גרויסע צאָל אָנווייזונגען, לאָמיר זאָגן, פון טעכנישן כאַראַקטער, צום ביישפּיל:

גאָלד פון זילבער אָפּצושיידן (תקי״ב); פון זילבער אַראָפּצוציִען אַ הויט (תקי״ג); אַ צאָן פון אַ העלפאַנד וייך מאַכן (תקל״ד); פאַרגילדן פאַרשיידענע זאַכן (תקל״ה); ווי זיך מיט קוועקזילבער באַגיין (תקל״ו); פון אַ פאַרמעט אַראָפּ־לייענען אָפּגעריבענע שריפט (תקמ״ב); אַ האַרטן שטיין ווייך צו מאַכן (תקמ״ג); וויס מאַכן פערל (תקמ״ה); קופער אָדער מעש איבערציִען מיט זילבער (תרי״ט); שרייבן מיט אַ פעדער אַזוי, אַז עס זאָל אויסקומען אַז דאָס איז געשריבן מיט גאָלד (תרכ״ג); וויין וואָס איז פאַרשימלט געוואָרן (תרע״ו); גאָלד און זילבער שווערער מאַכן (תש״ד); אייזן ווייך צו מאַכן (תשס״ז); אייזן צו פאַרהאַרטעווען;

(תשס״ט); אַז פון פאַרמעט זאָל דאָס געשריפט אָפּגיין (תשפ״ה); ווײַן לויטער צו מאַכן (תתקכ״ג); ווילסטו רויזן באַהאַלטן פריש ביז ווײַנאַכטן (תתק״ט); טינט צו מאַכן אָן וואַסער (תתרנ״ה); גלאָז ווייך צו מאַכן (תתשפ״ו); אַ שלאָס אָן אַ שליסל אויפצומאַכן (תתש״ץ); צו שרײַבן אַ געשריפט וואָס מען זאָל קענען לייענען נאָר בײַנאַכט (תתתל״ו).

מיר האָבן אין די אויבנגעבראַכטע פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס פון קראַנקייטן, שוואַכקייטן, מיחושן און עצות אַ זייער ברייט פעלד צו דערוויסן זיך וואָס פאַר אַ פּלאָגן עס זענען געווען מיט אַ 500 יאָר צוריק. מיר קענען עפּעס אויך אָפּלערנען וועגן דעם עקאָנאָמיש־סאָציאַלן מצב פון די יידן. זיי זענען געגאַנגען צו משפּטים; געזעסן אין תפיסה; געגאַנגען איבער דער וועלט; געהאַט צו טון מיט פערד; געפאַנגען פיש, פייגל, טויבן; געהאַנדלט מיט גאָלד, זילבער, פערל, גלאָז, ווײַן, רויזן וכדומה. אונדז אָבער אינטערעסירט דאָ אויך צו וויסן אין וואָס ס׳זענען באַשטאַנען די רעצעפּטן, די היילמיטלען וואָס דער דערמאָנטער רפואות־ספר רעקאָמענדירט.

עס איז אַן ענין פאַר מעדיקערס, פאַרמאַצעווטן צו שטודירן די אַלע מיטלען וואָס האָבן צו טון מיט גראָזן, קרייטעכצער, געוויקסן, פעטסן, באַלזאַמען וכדומה. מיר טרעפן דאָ מיקסטורן מיט עסיק, מיט האָניק, מיט מילך, מיט חזיר־פעטס און מיט פאַרשיידענע זאַפטן פון פרוכטן. כל־המינים וואָרצלען, בלעטער, בלומען און טראָפּנס, טייל אַפילו מיט לאַטיינישער נאָמענקלאַטור.

פאַראַן עטלעכערליי קאַטעגאָריעס היילמיטלען: רעצעפּטן וואָס באַשטייען פון די פאַרשיידנסטע מיקסטורן, סגולות, ווו פסוקים זענען געפּאָרט מיט די אומגלויבלכסטע צערעמאָניאַלן; ווו „שמות" זענען קאָמבינירט מיט אויסטערלישע אַנווענדונגען.

מיר וועלן אָנהייבן מיט יענע סגולות ווו ביבליאָמאַנטיע שפּילט אַ ראָלע זייער אָפט טרעפט, אַז חוץ אַ פּסוק פון די כתבי־הקודש האָבן מיר דאָרטן פאַרשיידענע „שמות" און „השבעות".

ביי די ווייטערדיקע ביישפּילן וועלן מיר איבערלאָזן די אָריגינעלע שפּראַך און אויסלייג פון די סגולות און רפואות. נאָך יעדן רעצעפּט ברענגען מיר אָן איבערזעצונג אָדער פאַרטייטשונג.

תקנ״ג — ווען דו ווילט איין געפאַנגן אויש דער תפיסה לידיג מכן גא ביי נכט אין די גאש אוישר הלב... אונ׳ זיהא אובר דיך... הימל אונ׳ זג איין מזמור דער היבט אן מזמור שיר חנוכת הבית לדוד, זג אין גנץ אויש.

ווען דו ווילסט אַ געפאַנגענעם פון דער תפיסה באַפרייען, גיי בײַנאַכט אין דער גאַס אויסערהאַלב דער שטאָט און זע איבער דיר דעם הימל

און זאָג אַ מזמור וואָס הייבט זיך אָן „מזמור שיר חנוכת הבית לדוד" זאָג אין גאַנצן.

תקנ"ח — איין גוטן תפילת הדרך — יהי רצון מלפניך ד'אלקינו וא'קי אבותינו שתוליכנו לשלום ותשיבנו לשלום ותביאנו למקום חפצנו לשלום ותצילנו מכף כל אויב ואורב בדרך ותחזירנו לבתינו לשלום כי אתה שומע תפילת עמך ישראל בא"י (ברוך אתה י') שומע תפילה — —דש איש אויך גויט צו זגן, חנוך ואליהו גבורי אל הם הלכו ביום ובלילה ולא טעמו טעם מיתה ולא הוזקו יר"א (יהי רצון א') א'קינו שבשמים כשם שלא הוזקו גם אני לא אהיה ניזוק.

אַ גוטע תפילת־הדרך — „יהי רצון..." דאָס איז אויך גוט צו זאָגן, „חנוך ואליהו..."

תק"ס — דש איין מענש חן הוט אין אידרמנש אויגן נים צו אובנט וושר אין איין ריין כלי און שטיל עש אין וואל צוגדיקט אונ' ור חתמיט. אונ' צו מורגנש ווען ער אויף שטייט זא זול ער זיך מיט דעם וושר וועשן אונ' זול זגן ארטמיוס ווירטאויס קריגילוס תתניני לחן לחסד ולרחמים בעני כל רואי אמן סלה.

דאָס אַ מענטש זאָל האָבן חן אין יעדן מענטשנס אויגן, נעם אין אָוונט וואַסער אין אַ ריינער כלי און שטעל דאָס גוט צוגעדעקט און פאַר־חתמעט. און אויף מאָרגן, ווען ער שטייט אויף, זאָל ער זיך מיט דעם וואַסער וואַשן און זאָל זאָגן: „ארטמיוס..."

תר"ס — פאַר דש קדחת רביעית — נים איין אַפפיל אונ' צו שנייד אין צו דרייא טייל. שרייב דען אירשטן טוג אויף איין שטיק אַפפיל לא אמות כי אחיה ואספר מעשה יה. דען אנדרן טג שרייב אויף דש אויף דש דריט שטיק פתחו לי שערי צדק אבא בם אודה יה דש טו דריי טג נוך אַנגדר. אונ' אל מורגן גיב דעם קראנקן דער שטיק איינש צו עשן איא ער קיינרליי אישט.

פאַר דאָס קדחת־רביעית — נעם אַן עפל און צעשנייד אים אין דריי טיילן. שרייב דעם ערשטן טאָג אויף איין שטיק עפל „לא אמות...", דעם אַנדערן טאָג שרייב אויף דאָס צווייטע שטיקל „יסור יסרני...", דעם דריטן טאָג שרייב אויף דאָס דריטע שטיקל „פתחו לי, שערי..." דאָס טו דריי טעג נאָכאַנאַנד און אַלע פרימאָרגן גיב דעם קראַנקן איין דאָס שטיקל צום עסן, איידער ער עסט עפּעס אַנדערש.

תרפ"ד — דש איין ברוייא בלדא גליגן זול — די לוח הוט ר' פרץ כהן גמכט דש זול מן שרייבן אויף איין פערמיט אויף דש ווייש אורט. אונ'

זולש טון דער ורויען אויף דען בוייך. אונ׳ זול אירש ווידר אנ טון איא דש קינד גנץ גבורן ווירט אַנדערש די גדערם... אונ׳ עש איש גרעכט.

ש	מ	ו	ת	ד
מ	ו	ת	ד	ש
ו	ת	ד	ש	מ
ת	ד	ש	מ	ו
ד	ש	מ	ו	ת

אַז אַ פרוי זאָל גלייך געלעגן ווערן. — דעם לוח האָט ר׳ פרץ כוהן געמאַכט דאָס זאָל מען שרייבן אויף אַ פאַרמעט אויף דעם ווייסן אָרט. און מען זאָל עס אַרויפטון דער פרוי אויפן בויך. און מען זאָל עס צוריק אַראָפּנעמען איידער דאָס קינד ווערט אינגאַנצן געבוירן, ווייל אַנדערש וועט עס צו גדערים שאַטן. און עס איז ריכטיק.

תר״צ — איין צורם דם צו ור שטילן — מאי אחאב המלך שלש שנים לא המטיר והארץ הונחשה והשמים נברזלו ומקורי המים נסגרו ואתה הדם כמו כן עמוד ואל תטיף. וזה יאמר ג׳ פעמי׳.

אַ שפּרוך בלוט צו פאַרשטילן — „מאי אחאב...״

תרצ״ג — ווען דו זולט צו משפט גין — זג דרייא מול תפול עליהם אימתה ופחד בגדול זרועך ידמו כאבן.

ווען דו דאַרפסט גיין צום משפט זאָג דריי מאָל: „תפול עליהם...״

תשמ״ד — איין אהבה — ניט איין אונץ קוועק זילבר אונ׳ מאך דרייא טייל דרויש אונ׳ ווערף עש דרייא טג נוך אננדר אין דש פייער אונ׳ שפריך אלזא אז איך ור ברען דש קוועק זילבער אזו זול אויך ברענן הערץ פלונית טוכטר פלונית ביש דש זי טוט מיין בגערונג אונ׳ מיין ווילן. אונ׳ ווען ער דש גזגט הוט, זא זול ער דען זאגן דען פסוק אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה.

צו ליבע. — נעם אַן אונץ קוועק־זילבער און מאַך דערפון דריי טיילן און וואַרף דריי טעג נאָכאַנאַנד אין פייער און זאָג: אַזוי ווי איך פאַר־ברען דאָס קוועק־זילבער, אַזוי זאָל אויך ברענען דאָס האַרץ פון פלונית די טאָכטער פון פלונית ביז זי וועט טון מיין באַגער און מיין ווילן, און ווען ער האָט דאָס געזאָגט, זאָל ער דעמאָלט זאָגן דעם פסוק: „אש תמיד...״

תשצ״ה — דש דו זיך ניט דרפשט פרכטן פאַר שרים אודר שופטים דש דיר קיין שדן גשעהין נאך קיינר ליי בוזא פון אין אודר פון אנדר לוייטן — היב אויף אן דער ערדן איין שאלן ערדא אונ׳ זג דרייא מול אלזא. תפול עליהם אימתה ופחד בגדול זרועך ידמו כאבן. כאבן ידמו זרועך בגדול ופחד אימתה עליהם תפול. דרנוך בריך דעם שאלן ערד צו צווייאן שטוקן אונ׳ ווערף אין ווידר אויף די ערדא.

דאָס דו זאָלסט זיך נישט דאַרפן שרעקן פאַר שרים אָדער שופטים, דאָס עס זאָל דיר קיין שאָדן געשען און אויך קיינערליי בייזקייטן פון די אָדער אַנדערע לייט, הויב אויף פון דער ערד אַ שאל ערד און זאָג דריי מאָל אַזוי: „תפול עליהם...״, דערנאָך צעברעך דעם שאל ערד אויף צוויי שטיקער און וואַרף עס צוריק אויף דער ערד.

תתר״א — איין ורוייא דא דש קינט ניט וויל פון איר גין — זאג דען פסוק דרייא מול. וירדו כל עבדיך אלה אלי והשתחוו לי לאמר צא אתה וכל העם אשר ברגליך ואחרי כן אצא ויצא. עש הילפט מיט גוטש הילף.

אַ פרוי וואָס דאָס קינד וויל פון איר נישט אַרויסגיין — זאָג דעם פסוק דריי מאָל: „וירדו כל עבדיך...״ עס העלפט מיט גאָטס הילף.

תתר״ו — איין ורוייא די ניט גליגן קן — זאג איר איין אור. למנצח מזמור לדוד השמים מספרים כבוד אל ומעשה ידיו מגיד הרקיע יום ליום יביע אומר ולילה ללילה יחוה דעת אין אומר ואין דברים בלי נשמע קולם. בכל הארץ יצא קום ובקצה תבל מיליהם ולשמש שם אהל בהם. והוא כחתן יצא מחופתו ישיש כגבור לרוץ. אונ׳ זול כלל ניט ווייטר זאגן. עש הילפט בעז״ה (בעזרת השם).

אַ פרוי וואָס קען נישט געלעגן ווערן — זאָג איר אין אויער: „למנצח מזמור...״ און זאָל מער ווייטער נישט זאָגן. עס העלפט בעזרת השם

תתרמ״ב — צו וינדן חן אין אידרמנש אויגן — נים איין מאגן פון איינם שווארצן האנן, אונ׳ אים מאגן וינדשטו קלייני ווישי שטיינליכט די זעלוויגן שטיינליכט טראג ביי דיר. אונ׳ זי זיין גוט אויך פר עין הרע. אונ׳ זיין גוט צו משפטים אונ׳ דש מן וואל שלופן מג. אונ׳ זיין אויך גוט צו שטערק. אונ׳ איש גוט פאַר כשוף. אונ׳ ווען איינש ויינט היט דש מושט אין הולט גווינן. אודר קניפף די זעלבן שטיינליכט אן דען רעכטן פוש אונ׳ שפריך, ה׳ איש מלחמה זא שטירקט זיך דער מענש אל מול ווען ער אזו שפריכט. איטליך

שפרעכן מאן זול דער זעלבן שטיינליכט דרייא. אונ׳ איטליך שפרעכן צווייא.

צו געפינען חן אין יעדן מענטשנס אויגן — נעם אַ מאָגן פון אַ שוואַרצן האָן און אין מאָגן וועסטו געפינען קליינע, ווייסע שטיינדלעך, די זעלביקע שטיינער טראָג ביי זיך. און זיי זענען גוט פאַר עין־הרע; און זענען גוט צו משפטים; און מען זאָל גוט קענען שלאָפן; און זענען אויך גוט צום שטאַרקן; און זענען גוט קעגן כשוף; און ווען איינער האָט דיר פיינט, מוז ער דיר האָלט האָבן; אָדער קניפּ צו די זעלביקע שטיינדלעך אָן דער רעכטער פוס און זאָג: „ה׳ איש מלחמה”, אַזוי שטאַרקט זיך דער מענטש אַלעמאָל ווען ער זאָגט דאָס. ביי יעדן שפרוך זאָל מען דעם זעלבן שטיינדל דרייען און יעדן שפרוך זאָל מען צוויי מאָל זאָגן.

תתרס״ב — ווען דו דיין ויינדא זיכשט גיגן דיר גין — זא היבא אן אונ׳ לייא ויהי נועם אונ׳ ווען דו עש אויש הושט גלייעט זאָג שפר. אונ׳ היב ווידר אן ויהי נועם אונ׳ ווען דו אויש הושט זי זאג שפרע. אונ׳ היב ווידר אן ויהי נועם אונ׳ ווען דו אויש הושט זא זוג שעוסה. זא קונן זי דיר ניכץ טון. אונ׳ ווען זי נוהנט צו דיר קומן זא זאג די דרייא שמות מיט אַנגדר צייך מול עש הילפט מיט גוטש הילף.

ווען דו זעסט דיין פיינט קעגן דיר גיין — אַזוי הייב אָן לייענען „ויהי נועם” און ווען דו האָסט עס געענדיקט לייענען, זאָג שפר, און הויב ווידער אָן „ויהי נועם”, און ווען דו האָסט ווידער פאַרענדיקט, זאָג שפרע, און הייב ווידער אָן „ויהי נועם”, און ווען דו האָסט ווידער פאַרענדיקט, זאָג שעוסה, דאַן קענען זיי דיר גאָרנישט טון, און ווען זיי זענען נאָענט צו דיר, זאָג די דריי „שמות”, צוזאַמען צען מאָל. עס העלפט מיט גאָטס הילף.

תתרס״ד — דש דיך קיין הונט ביישן קאן — זאג ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו למאיש ועד בהמה למען תדעון אשר יפלה השם בין מצרים ובין ישראל. עש הילפט.

אַז אַ הונט זאָל דיר נישט קענען בייסן — זאָג „ולכל בני ישראל...” עס העלפט.

תתרס״ט — צו גניבה — ווילסטו ווישן ווער דער גנב אישט. נים איין שפינדל אונ׳ איין ענשפין אונ׳ טו עש אין איין תהילים דא והוא רחום שטיט. אונ׳ טו דש תהילים וידר צו אונ׳ שפריך דש. גורל ווערף איך אויף דען פלוני איש ער שולדיק אן דער גניבה זא זול דער גורל אויף אין גפאלן הוט ערש אבר ניט גטון זא זול עש ניט אויף אין גפאלן. דש זאג דרייא מול. דרנוך זאג דעם מזמור בבא אליו נתן הנביא.

צו גניבה — ווילסטו וויסן ווער עס איז דער גנב, נעם אַ שפינדל און

לייג עס אַריין אין תהילים, ווו עס שטייט והוא רחום, און מאַך דעם תהי־לים צו און זאָג: „גורל וואַרף איך אויף דעם פלוני אויב ער איז שולדיק אין דער גניבה, זאָל דער גורל אויף אים פאַלן; האָט ער דאָס נישט געטון, זאָל עס נישט אויף אים פאַלן״. דאָס זאָג דריי מאָל. דערנאָך זאָג דעם מזמור „בבא אליו נתן הנביא״.

תתרע״א — צו שריפה — שרייב אויף איין כשר פערמיט. משביע אני אליך בשם אלהי ישראל ובחוזק זה השם אגלא שלא יזיק לי האש ויתפלל משה ותשקע האש. דש זול ער שרייבן אויף איין כשר פערמיט אונ׳ זולש ווערפן אין די שריפה אונ׳ זולש אויך מיט דעם מונדא זאגן.

צו שריפה — שרייב אויף אַ כשרן פאַרמעט: „משביע אני אליך...״ דאָס זאָל ער שרייבן אויף אַ כשרן פאַרמעט און זאָל דאָס אַריינוואַרפן אין דער שריפה און זאָל עס אויך זאָגן מיט מויל.

מיר האָבן געבראַכט סגולות ווו גאַנצע קאַפּיטלען, אָדער פסוקים פון תנ״ך צונויפגעפלאָכטן מיט פאַרשיידענע צערעמאָניעס דאַרפן העלפן. און אָט זענען אַזעלכע סגולות, ווו די הילף דאַרף קומען דורך „שמות״:

ביי די שמות חזרן זיך איבער אומצייליקע מאָל די „באַקאַנטע״ מלאכים גבריאל, מיכאל רפאל און נאָכדעם קומען די פאַרשיידענע קאָמבינירטע „שמות״ וואָס שטאַמען אָדער ווי ראשי־תיבות פון פסוקים, אָדער אויסגעקליגלטע גימטריאות און טייל וואָס קענען בכלל נישט אויסגעטייטשט אָדער פאַרטייטשט ווערן. *)

תקל״א — תפילת הדרך — די שמות זיין גוט דש מן זגט ווען מן איבר וועלט גיט ארגיאל סרגיאל נרגיאל. דער סימן איש דרפון פן יקראהו אסו״ן**) אונ׳ יעקב אבינו ע״ה (עליו השלום) לערנט עש זיין זון דא זי גין מצרים וואלטן גין.

תפילת־הדרך — די שמות זענען גוט דאָס מען זאָגט זיי ווען מען גייט איבער דעם פעלד... דער סימן איז דערפון „פן יקראהו אסון״ און יעקב אבינו ע״ה האָט געלערנט זיינע זין ווען זיי האָבן געוואָלט גיין קיין מצרים.

תקנ״ב — אהבה — נים איין דורן אונ׳ טו אין איין טוך. און זג די שמות טרטיה פרטיה גורטא אונ׳ צי(?) אן איר גוואנט דא מוש זי דיר נוך לויפן.

---

*) דער שם אגלא הזרט זיך אָפט איבער; עס איז די ראשי־תיבות פון אתה גיבור לעולם אדני.

**) אסון — זענען די ראשי־תיבות פון די שמות ארגיאל סרגיאל נרגיאל.



בלאַט 70, עמוד 2, פון דעם רעצעפּטן־כּתב־יד פון 1474. דאָ זענען פאַראַן די רעצעפּטן: תּתקי״ב; תּתקי״ג; תּתקי״ד; תּתקט״ו; תּתקי״ו; תּתקי״ז. אַ טייל פון די רעצעפּטן, וואָס מיר ברענגען פון זיי אין דער פריערדיקער רעפּראָדוקציע נאָך די רעגעסטן.

ליבע — נעם אַ דאָרן און טו אַריין אין אַ טוך און זאָג די שמות... אַן איר געוואָנט און זי מוז דיר נאָכלויפן.

תקנ"ט — ווען דו ווילשט איבר ועלט גין אונ' ווישט גערן ווי עש דיר גין וואורד דען וועג וואל אודער איבל: זא טו איינש ווען דו אויף דער ועלט קומשט זא ציהא דיין שווערט אויש אונ' זיהא דריין אונ' זיהא כלל ניט אויש אונ' שפריך אלזא משבעד אני קסטיא במלאך שתראני אות ומופת אם יצליח דרכי א"ל (או לא). זיכשטו דען אים שווערט דאס דיין פנים איש דש אונטערשט איש אויף גקירט זא גיא ווידר אום זא איש איין סימן עש מוכט דיר איבל גין. שטיט דיין פנים רעכט זא גיא פר דיך זא איש עש איין סימן דש עש דיר וואל זול גין.

ווען דו ווילסט איבער דעם פעלד גיין און ווילסט גערן וויסן ווי עס וועט דיר גיין, וויל אָדער שלעכט, טאָ איידער דו גייסט אויף דעם פעלד, צי אַרויס דיין שווערד און זע דערין און זאָג: „משביעך..." זעסטו אין שווערד דיין פנים פון אונטן איבערגעקערט איז אַ סימן, אַז דיר וועט גיין שלעכט. שטייט דיין פנים ריכטיק, דאַן גיי פאַר זיך, עס איז אַ סימן אַז דיר וועט גיין וויל.

תקס"א — ווער צו דער נאזן זיך בלוט. שרייב אים אן די שטירן מיט זיינם דס מיט דעם ויגגר דער דא היישט קמיצה אגף נגף סגף.

ווען עס בלוטיקט פון נאָז — שרייב אים אָן אויפן שטערן מיט זיין בלוט מיט פינגער וואָס הייסט קמיצה אגף...

תקס"ב — ווען איין גניבה גשיכט אונ' דו ווישט גערן ווער דער גנב ווער זא שרייבט די שמות קנטין קניט קוקרי והנקי ידוף. די שמות שרייב אויף איין כשר פערמיט מיט כשר טינטן אונ' קניפף עש איינם שווארצן האנען אן האלז מיט גידין די כשר זיין זא וליגט ער דעם גנב.

ווען אַ גניבה געשעט און ווילסט וויסן ווער עס איז דער גנב, דאַן שרייב אָן די שמות... די שמות שרייב אויף אַ כשרן פּאַרמעט מיט כשרן טינט און קניפּ דאָס אָן אַ שוואַרצן האָן אויפן האַלדז מיט גידין וואָס זענען כשר. ער וועט שוין דעם גנב פּאַקן (פליקן).

תקס"ד — דם צו ור שטילן — שרייב אים אן די שטירן אופילה.

בלוט איינצושטילן — שרייב אים אָן אויפן שטערן...

תקס"ה — זא איין מענש אים שיף וירט דא עש סכנה אישט. דש צו בזורגן איס דש שיף מוכט ור זינקן זא זול ער דעם שם מיט ריינן הענדן און מיט גוטר כונה זגן אנגלא.

ווען אַ מענטש פאָרט אויף אַ שיף און עס איז אַ סכנה אַז די שיף זאָל איינזינקען, זאָל ער דעם שם מיט ריינע הענט און מיט גוטער כוונה זאָגן...

תר״ה — דם צו ור שטילן — שרייב אים אן די שטירן מיט דעם דם דש ער געבלויט הוט אגף נגף סגף אודר ברען הונער ועדרן צו פולבר אונ׳ טו אימש אויף די זעלב שטט.

בלוט צו פאַרשטילן — שרייב אָן אויפן שטערן מיט דעם בלוט וואָס ער בלוטיקט... אָדער ברען הינער־פעדערן ביז פּולווער און טו עס אַרויף אויפן זעלבן אָרט.

תרנ״ז — כישוף צו ור טרייבן — נים בלייא אונ׳ העמר עס דין אז אייך בלאט אדער איין וויניג דיקר אונ׳ נים מעשער אונ׳ גראם מיט איין דש בלייא מכשפה לא תחיה, מכשפה תחיה לא, לא תחיה מכשפה, לא מכשפה תחיה, תחיה מכשפה לא, תחיה לא מכשפה, משביע אני עליכם מכשפיאל, קצתיאל סנדריאל בשם אהיה אשר אהיה ובשם יה יהו יהוה ובשם יי׳ צבאות יושב הכרובים שתבטלו אם נעשה שום כשוף לפלוני בר פלוני מעתה ועד עולם, אמן סלה.

כשוף צו פאַרטרייבן — נעם בליי און האַמער דאָס אויס אין אַ בלאַט אָדער אַ ביסל דיקער און נעם אַ מעסער און קריץ אויס אין דעם בליי: **„מכשפה לא...״**

תרפ״ה — איין מציאה צו וינדן — שרייב די שמות אויף איין פּערמיט סנדלפון גבריאל סנדרי סנדריאל שתבאו בזה בלילה ותראו לי מציאה גדול ותראו לי באיזה מקום המציאה. אונ׳ ליג דש צו דיין הייפטן אונ׳ ליג דיך זא ווערדן זי קומן אונ׳ ווערדן דירש זגן.

אַ מציאה צו געפינען — שרייב די שמות אויף אַ פּאַרמעט „סנדלפון...״ און לייג דאָס צוקאָפּנס און לייג זיך שלאָפן, דאַן וועלן זיי (די מלאכים) קומען און דיר זאָגן.

תרצ״ו — ווען דו גישט אובר ועלט דש דו ניט מודא ווערדשט — שרייב אויף דיין רעכטן פוש דיצמאל צפיאל תרנגיאל זא ווירשטו ניט מודא.

ווען דו גייסט איבער דעם פעלד און ווילסט זאָלסט נישט מיד ווערן — שרייב אויף דיין רעכטער פוס... דאַן וועסט נישט מיד ווערן.

תשע״ז — דאס איינר גווינט אים דין — זא זול ער גדענקן די שמות חץ פץ חפץ.

אַז איינער וויל געווינען ביי אַ דין, זאָל ער געדענקען די שמות...

תתרמ״ז — ווילט מאַכן איינם קנאבן דש ער וואל לערנט — ווען זיין מוטר נמט שרייב איר אן איר רעכטי ברושט אמה אונ׳ אויף די לינק ברושט תמה אונ׳ זול דען קנאבן זייגן אונ׳ זא ווירט ער וואל לערנן.

ווילסטו מאַכן אַז אַ ייִנגל זאָל זײַן אַ ווויל־לערנער. ווען זײַן מוטער גייט אים זייגן, שרײַב אויף איר רעכטע ברוסט אמה און אויף דער לינקער תמה, און זי זאָל דעם ייִנגל געבן זייגן, וועט ער ווויל לערנען.

תתרמ״ז — דש דו איין ורשטופפט הערץ אופנשט — נים דש כלי ווען מאן הבדלה מכט אין די לינק הנט אונ׳ שפריך פתחיאל, רפאל, ענאל, יהונציפיאל, תמהרו ותפתחו לבי לאילף אולפן אורייתא בלי טורח בשם אבג. דרנוך זול ער טרינקן, דש איש ביוועֶרט.

דאָס דו זאָלסט אויפעפענען אַ פאַרשטאָפּטע האַרץ — נעם דאָס כלי וואָס מען מאַכט אין דעם הבדלה אין דער לינקער האַנט און זאָג: „רפאל...״ דערנאָך זאָל ער טרינקען. דאָס איז זיכער.

תתרס״ג — ווען דו אובר ועלט גישט דש דיר קיין וואופן קלינג גשאדן קן — צו מורגנש ווען דו די הענד גוועשן הושט אונ׳ אויש דעם הויש גישט זא זאג דרייא מול יצו שצוה פנם.

ווען דו גייסט איבער דעם פעלד און דו ווילסט אַז אַ כלי־זיין זאָל דיר נישט שאַטן אינדערפרי ווען דו האָסט די הענט געוואַשן און גייסט אַרויס פון הויז, זאָג דריי מאָל...

תתרע״ג — ויינשפט צו מאכן — נים דרייא שטיין אונ׳ ווערף זי איינם הונט נוך דער דיר נוך בילט. דר נוך היבא די דרייא שטיין ווידר אויף אונ׳ זאָל דרייא מול אף אף אף. אונ׳ דרייא מול חמה חמה חמה. אונ׳ ווירף די שטיין צווישן ורויינדא זא ווירט גרוש ויינטשפט צווישן אין.

פײַנטשאַפט צו מאַכן — נעם דרײַ שטיינער און וואַרף זיי אַ הונט וואָס האָט אויף דיר געבילט. דערנאָך הייב אויף די שטיינער ווידער און זאָג דריי מאָל אף־אַף־אף און דריי מאָל חמה־חמה־חמה און וואַרף די שטיינער צווישן פרײַנט, אַזוי וועט גרויס פײַנטשאַפט צווישן זיי.

תתשצ״ז — איין שלוש און שלושיל אויף צו טון — נים איין פערמיט פון איינם נפל אונ׳ שרייב דרויף מיט דם פון איינר ולעדר מויזא ארדק ארדק אונ׳ טו דש פערמיט אין דש לוך פון דעם שלוש זא גיט עש אויף.

אַ שלאָס אָן אַ שליסל עפענען — נעם אַ פּאַרמעט פון אַ נפל און שרײַב אויף דעם מיט בלוט פון אַ פלעדערמויז ארדק ארדק און טו דעם פּאַרמעט אַרײַן אין דאָס לעכל פון שלאָס, וועט עס זיך עפענען.

תתת״ד — דש דו מכשט דש דיר פר דיין בט קומט דיין ווייפא די דיר בשירט אישט — נעם איין קרוויט דש היישט פפונג דש מוש מן ברעכן איא די זון אויף גיט. אונ׳ נים איין שינדיל אודר שטרוא פום דאך. אונ׳ ערדא אונטר דער הוייז שווילן. אונ׳ ווען דו דיך

ליגן ווילט זא ליג דש קרוייט אונטר דיין הייבט. אונ׳ די שינדל אויף דיך. אונ׳ די ערדא זע פר דיין בט. אונ׳ שפריך אלזא. שינדיל דו מיך דיקשט פפונג דו מיך וויקשט איך בשוויר דיך בשם השם אלקי ישראל דש דו מיר ברינגשט מיין ליפא דש איך זול טרינקן מיט איר מעט אודר קולן ווין איין אינגיל דער זי ברינגט צו׃ מיר די זי ווייזן ווי זי גשטלט זייא אין אל איר גשטלט אַז זי ניט אויף דער ערדן. זא קומט זי צו דיר. אונ׳ ווען דו איר ווילט ווידר אורלופא געבן זא שפריך דא בשוויר איך זי דש זי גיא פון מיר בשם מיכאל רפאל גבריאל אמן. זא גיט זי ווידר הין.

דו ווילסט מאַכן, אַז פאַר דיין בעט זאָל קומען די פרוי וואָס איז דיר באַשערט. נעם אַ קרויט וואָס הייסט פפונג, מען מוז עס אַרויסרייסן איידער די זון גייט אויף. און נעם אַ שינדל פון דאַך, אָדער שטרוי און ערד פון אונטער דעם הויזשוועל. און ווען דו לייגסט זיך שלאָפן, זאָלסטו לייגן דאָס קרויט אונטערן קאָפּ און די שינדל אויף דיר און די ערד צעשיט פאַר דיין בעט. און זאָג אַזוי: „שינדל וואָס דו באַדעקסט מיך, פפונג וואָס דו וועקסט מיך, איך באַשווער דיך בשם... דאָס דו מיר ברענגסט מיין ליבע דאָס איך זאָל טרינקען מיט איר מעד אָדער קילן־ווײַן, אַ מלאך זאָל איר מיר ברענגען און ווייזן איר געשטאַלט ווי זי גייט אויף דער ערד״, אַזוי קומט זי צו דיר. און ווען דו ווילסט איר צוריקשיקן זאָלסטו זאָגן: „איך באַשווער זי דאָס זי זאָל גיין פון מיר בשם מיכאל, רפאל, גבריאל, אמן״ — אַזוי גייט זי ווידער אַוועק.

ווי מיר זעען העלפן די „שמות״ צו געפינען גנבים, מציאות, עפענען שלעסער אָן שליסלען, ברענגען די „באַשערטע״ פאַר דער בעט און זי צוריק שיקן אויף „אורלויב״.

די ביז איצט געבראַכטע סגולות האָבן אָפּערירט מיט פסוקים און מיט שמות. ווייטער ברענגען מיר מוסטערן פון כאַראַקטעריסטישע סגולות, ווו עס ליגט אַ שטאַרקער חותם פון פאָלקס־אבערגלויבן (אָפּטמאָל פון שכנישע שטאַמען און פעלקער איבערגענומען) וואָס גיט צו ווירקונג־קראַפט פאַרשיידענע קעגנשטאַנדן, קערפּער־טיילן פון חיות וכדומה. סגולות וואָס גרענעצן זיך מיט כשוף־עלעמענטן:

תקנ״ה — איין שטיין דען מן וינט אין איינם הונר מאגן דער זיכט גלייך אז איין האגיל שטיין דען זול איין מענטש ביי אים טרגן ער איש גויט צו מענגרליי זאכן. אבר ווילכער שטיין גשטלט אישט אז איין קרישטאל דער איש נוך בשער.

אַ שטיין וואָס מען געפינט אין אַ מאָגן פון הינער און ער זעט אויס ווי אַ האָגל־שטיין, זאָל מען אים טראָגן ביי זיך, עס העלפט צו אַ סך זאַכן. אויב דער שטיין זעט אויס ווי אַ קרישטאָל, איז נאָך בעסער.

תקצ"א — נים איין צונג פון איינם ורוש אונ' ליגש איינר ורויאן אונטר איר ברושט וויל זי שלעפט. זא מוש זי דיר בקענן ווש דו זי ורוגשט. ווילטו עש איינם מן טון זא ליג אימש אויף דש הערץ זא בקענט ער דיר ווש דו ורוגשט.

נעם אַ צונג פון אַ פראָש און לייג עס אונטער אַ פרוי אונטער איר ברוסט ווען זי שלאָפט, וועט זי דיר ענטפערן אַלץ וואָס דו פרעגסט. ווילסטו עס טון מיט אַ מאַן, דאַרפסטו עס אַוועקלייגן אויף זיין האַרץ.

תקצ"ו — איין אהבה — נים איין העזין וויל זי לעבט אונ' טו דש הערץ הערוויש אונ' אין דעם זעלבן הערצן איש לוך ור שטופף דש לוך מיט איין גזוטם וואכש אונ' זיי גווארנט דש דש הערץ ניט קום אויף די ערד. אונ' ליג דש האזן הערץ אויף דער ורויאן הערץ אונ' שפריך אלזו. אז דיזי העזין אוש גלופן אין דעם וואלד אונ' אין דעם הולץ אונ' אין אלן וועגן נוך דעם האזן דש זי ניט הוט גרוט ביש זי הוט געטון זיין ווילן אונ' זיין בגערונג אזו מושטו אויך הבן קיין רוא נוך ראשט ביש דו טושט מיין ווילן אונ' מיין בגערונג. ווילטו די אהבה איינם מאַן מאכן זא נים איין האזן הערץ פון איינם זכר.

צו ליבע — נעם אַ האַרץ פון אַ העזין ווען זי לעבט, נעם עס אַרויס און אין לאָך לאָז אַריין געזאָדענעם וואַקס. זאָלסט אָבער זיך היטן אַראָפּצו־לאָזן דאָס האַרץ אויף דער ערד. לייג נאָכדעם דאָס העזין־האַרץ אויף דער פרויס האַרץ און זאָג אַזוי: אַזוי ווי די העזין איז געלאָפן איבערן וואַלד, צווישן אַלע ביימער און אויף אַלע וועגן ביז זי האָט נישט געטון דעם ווילן און דעם באַגער פון דעם האָז, אַזוי זאָלסטו אויך נישט געפי־נען קיין רו ביז דו וועסט נישט טון מיין ווילן און באַגער. ווילסטו אַרויסרופן די ליבע פון אַ מאַן, דאַרף דאָס האַרץ זיין פון אַ האָז אַ זכר.

תקצ"ח — נים איין אויג פן איינם האנן אונ' קניפף אין אן דיין רעכט זייט זא קאן דיך ניט גשידיגן קיין הונט נוך קיין מענש.

נעם אַן אויג פון אַ האָן און קניפּ דאָס אָן ביי דיין רעכטע זייט, וועט דיר נישט קענען שעדיקן נישט אַ הונט און נישט קיין מענטש.

תר"ו — איין רוצח דער איין דר הרגט הוט אונ' דו זעכשט גערן דש דער רוצח שטורבא. זא נים זלץ אונ' טו עש דעם אין די וואונדן דען ער דר הרגט הוט זא מוש ער שטערבן דש זעלב יאר.

אַ רוצח וואָס האָט דערהרגעט אַ מענטשן און דו ווילסט אַז ער זאָל שטאַרבן. נעם זאַלץ און לייג עס אויף די ווונדן פון יענעם וואָס ער האָט דערהרגעט און דער רוצח וועט דעם זעלבן יאָר שטאַרבן.

תר"ט — ווען דו גערן וואלשט ווישן אוב דו איין ווייפא זולשט נעמן אודר שטערבן זולשט. נים איין אייא דש אם דונרשטג גליגט אישט ווארדן

דש ברוט אונ׳ שנייד עש אנצוויי אונ׳ איש דש איין טייל. דש אנדר טייל ליג אונטר דיין קופף אונ׳ שלוף דרויף. זא קומט דיר אים שלוף פר אונ׳ זיכשט דיין ווייפא די דיר בשירט אישט. קומט דיר אבר קיין ווייפא זא זיהשטו איין אָרון דש איש איין סימן דש דו אלזא שטירבשט אונ׳ דיר קיין ווייפא בשירט אישט.

אויב דו ווילסט וויסן דו זאָלסט נעמען אַ פרוי אָדער שטאַרבן — נעם אַן איי וואָס איז געלייגט געוואָרן דאָנערשטיק און בראָט עס אָפּ. צעשנייד די אויף צוויי טיילן, און טייל עס אויף צוויי טייל, איינע עס אויף און דאָס צווייטע לייג אונטערן קאָפּ ביים שלאָפן, דאַן וועט דיר צו חלום קומען די פרוי וואָס איז דיר באַשערט. וועסט אָבער נישט זען קיין פרוי, וועסט זען אַן ארון (פון אַ מת געמיינט), זאָלסטו וויסן, אַז דיר איז נישט באַשערט קיין פרוי, וועסט שטאַרבן נישט נעמענדיק קיין פרוי.

תרכ״ב — צו ור זוכן אן איינם קרנקן אוב ער לעבן בלייבט אודר ניט. נים ורווייאן מילך אונ׳ גיש זי אין דיש קרנקן השתנה שווימט זי אונטר זא בלייבט ער לעבן איש דש ניט זא שטערבט ער.

אויסצופּרוּוון צי אַ קראַנקער וועט בלייבן לעבן אָדער ער וועט שטאַרבן. נעם פרויען־מילך און גיט עס אין דעם קראַנקנס השתנה. שווימט עס פון אונטן, וועט דער קראַנקער לעבן, אויב נישט, וועט ער שטאַרבן.

תרמ״ח — איין אהבה — נים מילך פון איינר בהמה די כשר אישט דש איין אירשטלינג אישט אונ׳ וועש דיך מיט אונטער דעם פנים אונ׳ גינגשטו דען זעלבן טג פר איין מלך זא ווערן דיין רידא גהורט צו טון אל דיין בגערונג.

צו ליבע — נעם מילך פון אַ כשרע בהמה, וואָס איז אויך אַן ערשטלינג און וואַש דערמיט דאָס פנים. וועסטו דעם זעלביקן טאָג קומען צו אַ מלך. וועלן אַלע דיינע רייד געהערט ווערן און דיין באַגער וועט געטון ווערן.

תש״ה — ווען דו הישט איין ויינט אונ׳ וואלשט אים גערן איין קדחת מכן — נים איין ואדים פון זיין קליידרן אודר איין הור פון זיינם לייבא אונ׳ ועדימש אין איין נודיל אונ׳ שטיק עש אין איין מיט פן ביים. אונ׳ ווען דו עש דריין שטיקשט זא שפריך אז דיזר ביים ציטרט אזא מוש ציטרן דיש פלוני לייבא אל מול.

אויב דו האָסט אַ פיינט און ווילסט אים גערן אָנטון אַ קדחת. נעם אַ פאָ־דעם פון זיינע קליידער, אָדער אַ האָר פון זיין לייב און פעדעם דאָס איין אין אַ נאָדל. די נאָדל שטעק אַריין אין אַ בוים און זאָג: אַזוי ווי דער בוים ציטערט אַזוי זאָל פלוניס לייב ציטערן אַלע מאָל.

תשי״ח — ווען איין מענש צו משפט וויל גין דער זול נעמן אייןביין פן איינם מת אודר פן איינם פגר אונ׳ שפריך אזא צו אים אַז דש ביין

ור געשן אישט פון דער וועלט אזא מושן זי ורגעשן איר ריד און איר גדענקן און׳ אל די דא גדענקן אויף מיך בזי רידא.

ווען אַ מענטש דאַרף גיין צום משפט, זאָל ער נעמען אַ ביין פון אַ מת אָדער פון אַ פגר און זאָל זאָגן: אַזוי ווי דער ביין איז פון דער וועלט פאַרגעסן געוואָרן, אַזוי זאָלן זיי (די שונאים) פאַרגעסן וואָס זיי האָבן גערעדט, זיי זאָלן פאַרלירן זייער זכרון די, וואָס האָבן אויף מיר גע־רעדט בייזע רייד.

תשכ״א — איין קרנקר דעם ניט שלופן קן. נים ערדא די אונטר איינש מת קופף איש גלעגן די קניפף אין איין טוכליין און׳ ליג אימש אונטר דען קופף דש ערש ניט ווייש.

אַ קראַנקער וואָס קען נישט שלאָפן. נעם ערד וואָס איז געלעגן אונטער דעם קאָפּ פון אַ מת און פאַרקניפּ אין אַ טיכל און לייג אונטערן קאָפּ פון קראַנקן, ער זאָל אָבער נישט וויסן.

תשע״ט — ווילטו מכן דש דיין ויינט בלדא שטירבט. נים איין ווישן האַנן און׳ צ״הא אין איין חודש און׳ הייש אז דיין ויינט היישט דר נוך דר שלוג דען האנן און׳ שפריך איך דר שלאג מיין ויינט פלו׳ (פלוני) און׳ גראב אין פר זיין טור זא שטירבט ער באלד.

ווילסט מאַכן אַז דיין פיינט זאָל שטאַרבן. נעם אַ ווייסן האָן און האָדעווע אים ביי זיך איין חודש און רוף אים מיטן נאָמען פון דיין פיינט, דערנאָך זאָלסטו אים דערהרגענען און זאָגן: איך דערשלאָג מיין פיינט פלוני און זאָלסט (דעם האָן) באַגראָבן פאַר דעם טויער (פון פיינט) און דער פיינט וועט גלייך שטאַרבן.

תתקפ״ח — איין ורוויא די ניט וויש אוב זי טרוגט אודר ניט. די זול עשן דש אינערשט פון איינר וועלשן נוש צו מורגנש ניכטערן דרייא מורגז נוך אננדר. איש דש זי טרוגט זא וורט זיך דש קינט אין איר ריגן אין דרייא טגן.

אויב אַ פרוי ווייסט נישט צי זי טראָגט צי נישט. זאָל זי עסן דאָס אינעווייניקסטע פון וועלישע ניס אויפן ניכטערן מאָגן. דריי פרימאָרגנס. אויב זי טראָגט וועט דאָס קינד נאָך דריי טעג זיך אינעווייניק ביי איר דרייען.

תתקצ״ח — דש איין ורוויא ניט פון דיר טרגן וויררט. טראג ביי דיר איין הערץ פון איינר מוייזא זא וויררט זי ניט פון דיר טראגן.

אַז אַ פרוי זאָל פון דיר נישט טראָגעוודיק ווערן. טראָג ביי זיך אַ האַרץ פון אַ מויז, וועט זי ניט טראָגן פון דיר.

תתרל״ז — איין מענש דעם גטרוימט הוט און׳ ווייש ניט וויש אים גטרוימט הוט. דער זול נעמן זיין הימדא און׳ זול עש אום קירן. און׳ ווידר

אום קירן. אונ׳ אבר ווידר אום קירן. אונ׳ זולש דען אן טון זא קומט אים דער אירשט טרוים פר.

אַ מענטש ווער עס האָט פאַרגעסן דעם טרוים וואָס ער האָט געטרוימט, זאָל נעמען זיין העמד און עס איבערקערן, נאָכדעם ווידער איבערקערן און ווידעראַמאָל איבערקערן, וועט דער ערשטער חלום צו אים צוריק־קומען.

תתרל״ח — דש אל די מושן שלופן די אם טיש זיצן. נים איין נוייאי נודיל אונ׳ שטיק זי דריי מול איין איין טוט מענש אונ׳ שטיק די נודיל אונטן אן טיש זא ווערדן אל די אנצשלופן די אום דען טיש זיצן.

אַז אַלע וואָס זיצן ביי אַ טיש זאָלן מוזן אַנטשלאָפן ווערן. נעם אַ נייע נאָדל און שטעך אָן דריי מאָל אין אַ טויטן מענטשן און נאָכדעם שטעק איר אַריין אין טיש, וועלן אַלע וואָס זיצן ביי אים אַנטשלאָפן ווערן.

תתרל״ט — ווען דו ווילט מאַכן דש איין מענש ניט שלופן זול. נים איין קופף פון איינר ולעדר מויז אונ׳ ליג אין אים אונטר זיין קופף זא קאן ער ניט שלופן. אונ׳ ווען דו אין ווידר הער אויש ציהשט זא אנצשלעפט ער.

אויב דו ווילסט מאַכן אַז אַ מענטש זאָל נישט קענען שלאָפן. נעם אַ קאָפּ פון אַ פלעדער־מויז און לייג עס אים אונטערן קאָפּ, וועט ער נישט קענען שלאָפן. ווען דו וועסט דאָס צוריק אַרויסציען, וועט ער אַנטשלאָפן.

תתרמ״ה — דש דו חן הושט איין אידרמנש אויגן. נים איין נודיל דא מאַן איינם מת זיין תכריכים מיט גנעט הוט אונ׳ שטיק די נודיל אין איינש מענשן קלייט דש עש ניכש דר פן ווייש. אונ׳ וואש דו ווילט פון דעם זעלוויגן מענשן האבן דש מוש עש טון.

דאָס דו זאָלסט האָבן חן אין יעדער מענטשנס אויגן. נעם אַ נאָדל מיט וועלכער מען האָט גענייט תכריכים פאַר אַ מת און שטעק אַריין די נאָדל אין די קליידער פון אַ מענטשן, ער זאָל וועגן דעם נישט וויסן. ער וועט מוזן טון וואָס דו וועסט וועלן.

תתר״נ — דען צאן פן איינם משוגע הונט. דער איש גויט צו דרייא ערלייא. מאן זול עש ליגן אויף דש לוך דא ער איש גבישן ווארדן. אדער הענק אין אן דען ארם זא בילט אין קיין הונט אן. אודר הענק איך איינם קינט אן דען האלש זא גין אים די צינא אויף און אל וואטג.

דער צאָן פון אַ משוגענעם הונט איז גוט צו אַלערליי זאַכן: מען זאָל אים אַרויפלייגן אויפן לאָך (פון אַ מענטשן) וואָס איז געביסן געוואָרן; (פון אַ הונט) אָדער הענג אים אויף אויפן אָרעם, וועט דיר קיינמאָל אַ הונט נישט אָנפאַלן; אָדער הענג עס אָן אַ קינד אויף דעם האַלדז, וועלן אים די ציינער אויפגיין אָן יעדן ווייטיק.

תתתי״ז — פר תפיסה. ווער שטעטש קוועק זילבר ביי אים טרוגט דער ווירט בשירמט פר תפיסות.

פאַר תפיסה — ווער עס טראָגט שטענדיק ביי זיך קוועק־זילבער, ווערט באַשירמט פאַר תפיסות.

הכלל, די דאָזיקע ביישפּילן גיבן אַ באַגריף פון דער ברייטער מעגלעכקייט פון אַלע מינים קעפּ, מאָגנס, אויגן, צונגען און ציינער פון בעלי־חיים; וואָס פאַר אַ כוח נאָדלען פאַרמאָגן, און צו וואָס אַלץ עס דינען הינט, מייז, פרעש, פלעדער־מייז וכדומה. אָבער אונדזער רעצעפּטן־בוך האָט אַ גאָר גרויסן אַסאָרטימענט פון רעצעפּטן ממש. זיי זענען דער גרעסטער טייל פון דעם קאָדעקס און אָט האָבן מיר טאַקע אַ קאָלעקציע פון די דאָזיקע רעצעפּטן:

תכ״ח — דעם די לונג האפט — נים די לונג פון איינם זוייגנדן בערליין אונ׳ זול די לונג צו איינם פולבער מאכן אין איינם נויען פאנן אונ׳ זול דען דש צורייבן אונ׳ זול אים דוש געבן אויף איינם גרעהטן שניטן ברוט די דורך דען וויך זיי גצוגן אונ׳ זול דש פולבר דרויף זעמן.

ווען מען די לונגען דריקן. נעם אַ לונג פון אַ זייגנדיקס בערעלע און מען זאָל עס צו פּולווער מאַכן אויף אַ נייע פאַן. דאָס גוט צערייבן. אויף אַ שניט־ברויט, וואָס איז דורכגעצויגן געוואָרן אין וויין, זאָל מען דעם פּולווער אַרויפשיטן (און געבן צו עסן).

ת״ל — ווען די לונג פוילט. נים לורבר אונ׳ שטוש די צו פולבר אונ׳ זע דש פולבר אויף ברוט דש ועגט אים די לונגן און ווירט גזונט.

ביי ווען די לונגען פוילן. נעם לאָרבער און שטויס עס ביז פּולווער און באַשיט עס אויף ברויט. דאָס רייניקט אים די לונגען און ער ווערט געזונט.

תע״ג — ווער אינג אישט אום דש הערץ אודר איין פויילן מגן הוט. נים וועלש ניש קערן אונ׳ זול זי שילן אלש מן מאנדלין שילט אונ׳ מן זול עש שטושן קליין אונ׳ מן זול נעמן ווייש מעל אונ׳ מן זול איין מוזליין דרויש מכן און שמלץ אונ׳ מן זול עש וואל זידן אונ׳ מן זול עש ניכטערן עשן.

ווען עס איז ענג ביים האַרצן אָדער ווער עס האָט אַ פוילן מאָגן. נעם די קערנער פון וועלישע ניס און שייל עס אָפּ ווי מען שיילט מאַנדלען און מען זאָל עס גאָר אויף דין צעשטויסן. נאָכדעם נעמען ווייסע מעל און מאַכן דערפון אַ געמיש וואָס מען זאָל עס אָן שמאַלץ גוט איבער־זידן און עס עסן אויפן ניכטערן מאָגן.

תקל״ג — איין מענש דש דא דם שפייאט. נים הורן פון איינם ווידר גברענט

אונ׳ גשטושן צו פולבר אונ׳ מוש עש מיט רוטם ווייך אודר מיט רעגן וושר אונ׳ גיב אימש צו טרינקן עש הילפט.

אַ מענטש וואָס שפּייט מיט בלוט. נעם דעם האָרן פון אַ ווידער, פאַרברענען עס און צעשטויסן עס אויף פּולווער און דאָס אויסמישן מיט רויטן ווייַן אָדער רעגנוואַסער און גיב דאָס אים צו טרינקען. דאָס העלפט.

תקנ״ז — בלוטרן איין אויגן. נים מילך פון איינר ורויאן די איין קנעבליין זייגט אונ׳ נים דרייא... זפרון אונ׳ איין וליג אונ׳ טו עש אין איין ליינן טוכליין אונ׳ דרוק עש אויש אונ׳ וויש הער אויש טריפט דש טו אין דש אויג דריי מורגן נוך אננדר אם דריטן טג איש עש הייל מיט דער הילף גוטש.

בלאָטערן אין די אויגן. נעם מילך פון אַ פרוי וואָס זייגט אַ ייִנגל, טו אין דעם אַריין דריי... זאפראַן און אַ פליג. דאָס אַלץ טו אַריין אין אַ לייוונט טיכל און דריק עס אויס. וואָס עס וועט אַרויסטריפן, אַריינטון אין די אויגן דריי פרימאָרגנס נאָכאַנאַנד און מיט גאָטס הילף עס וועט זיך אויסהיילן.

תקס״ט — איין ורויא די איר מילך ור לורן העט. נים ליין זומא אונ׳ שטוש אין קליין אונ׳ גיב אירש איין אין ווייך אודר אין וושר זא קומט איר די מילך ווידר.

אַ פרוי וואָס האָט פאַרלוירן איר מילך. נעם לייַן־זוימען און צעשטויס עס אויף דין און גיב דאָס איר איין מיט ווייַן אָדער מיט וואַסער. זי וועט איר מילך באַקומען צוריק.

תקע״ב — דער טוייפא אישט. נים הינרן שמלץ אונ׳ גינז שמלץ די וריש זיין און גזלצן אונ׳ צו לוש דש שמלץ אונ׳ טראף אים דש שמלץ אין די אורן עש הילפט.

ווער עס איז טויב. נעם הינערשע שמאַלץ און גענדזענע שמאַלץ, פרישע ניט געזאַלצן, צעלאָז דאָס שמאַלץ און טריף עס אַריין אין די אויערן. עס העלפט.

תש״ד — פר דש קדחת רביעית. נים איין ביין פן איינם פגר אונ׳ שטוש עש וואל צו פולבר אונ׳ גיב עש דעם קרנקן איין. איש עש איין מאן זא גיב אימש פן איינם זכר איש עש איין ורויא זא גיב אימש פן איינר נקבה. טוב.

צו קדחת־רביעית. נעם אַ ביין פון אַ פגר און צעשטויס עס ביז פּולווער און גיב עס איין דעם קראַנקן. איז עס אַ מאַן, דאַרף מען אים געבן פון אַ זכר (אַ פגר), איז עס אַ פרוי, דאַרף מען איר געבן פון אַ נקבה.

תש״מ — פר דש שלשול. נים איין אפפיל אונ׳ טו איין לוד דריין אונ׳ טו

די קערן הער אויש אונ׳ פל דש לוך פן דעם אפפיל פל וואכש אונ׳ ברוט דען אפפיל וואל אונ׳ גיב אימש צו עשן.

פאַר אַ לויזן מאָגן. נעם אַן עפל און מאַך אין אים אַ לאָך, נעם אַרויס די קערנער און אין לאָך לייג אַריין פול וואַקס. נאָכדעם דאָס גוט אָפּבאַקן און עס געבן צו עסן.

תשמ״ו — דען איין שלנג גבישן העט — דער זול טרינקן אז בלד איא די שלנג טרינקט עש הילפט. הוט ער ניט צו טרינקן זא זול ער איא אויף די הנט שפייאן אונ׳ זול טרינקן. אדר זול טרינקן פון איינם קרוייט היישט פורעלינא. אודר זול עס מיט קנובלוך שמירן.

ווען עס האָט געביסן אַ שלאַנג. זאָל ער טרינקען באַלד איידער די שלאַנג טרינקט, דאָס העלפט. האָט ער נישט וואָס צו טרינקען, זאָל אָנ־שפייען אין זיין האַנט און טרינקען. אָדער זאָל טרינקען פון אַ קרויט וואָס הייסט פורעלינא. אָדער זאָל דאָס אָרט באַשמירן מיט קנאָבל*).

תחכ״ט — ועל אין דען אויגן. נים אינגבר אונ׳ שיל דש אויישרשט דר פן אונ׳ נים לורבר אונ׳ שעל אויך דש אויישרשט דר פן אונ׳ ניט דש אינרשט אונ׳ שטוש דען אינגבר אונ׳ די לורבר קליין אונ׳ זייפא זי אונ׳ וויך דש פולבר אין רוזן וושר איברנכט אונ׳ דיק עש צו דער גשמאק ניט דר פן גיין אונ׳ טו אים דש זעלוויג וושר אין די אוייגן זא היילט עש.

פעל (אַ בעלם) אין די אויגן. נעם אינגבער און שייל אָפּ דאָס אויבערשטע און נעם לאָרבער און שייל אויך דאָס אויבערשטע דערפון און נעם דאָס אינעווייניקסטע און שטויס דעם אינגבער מיטן לאָרבער און זיפּ דאָס דורך און ווייק דעם פּולווער אין רויזן־וואַסער איבער נאַכט און דעק עס צו כדי דער געשמאַק (ריח) זאָל נישט אַוועקגיין און טו דאָס זעלביקע וואַסער אַריין אין די אויגן — עס היילט.

---

*) דעם מקור פאַר דער סגולה געפינען מיר אין תלמוד — אין ברכות דף ל״ג, עמוד א. זאָגט רש״י: „מצאתי בה״ג (בהלכות גדולות) אמרי במערבא וכשהערוד נושך את האדם אם הערוד קודם למים מת האדם ואם האדם קודם למים מת הערוד״ (איך האָב געפונען אין ה״ג — אויב דער ערוד (אַ טיפּ שלאַנג אָדער קראָקאָדיל) האָט געביסן דעם מענטשן, איז אויב דער ערוד קומט פריער צום וואַסער, שטאַרבט דער מענטש — קומט פריער דער מענטש צום וואַסער, שטאַרבט דער ערוד).

אַן ענלעכן אָנדייט האָבן מיר אין מדרש רבא פון שמות — עס זאָגט זיך דאָרט: „משל לאחד שנשכו הערוד והיה רץ ליתן רגליו במים נתן לנהר וראה תינוק אחד שהוא שוקע במים ושלח ידו והצילו — אמר לו לא אני הצלתיך אלא הערוד שנשכני״ — (דאָס איז גלייך צו איינעם, וועמען עס האָט אַביס געטון אַן ערוד און ער איז געלאָפן (צום טייך) אַריינצוטון די פיס. אַריינטוענדיק די פיס האָט ער באַמערקט ווי אַ קינד טרינקט זיך, האָט ער אים געזאָגט, נישט איך האָב דיר געראַטעוועט, נאָר דער ערוד וואָס האָט מיך געביסן).

תתל״ד — איין ורוייא די דא הוט אוברגנגן אונ׳ זי וואלט גערן מפיל זיין. נים מירעטיך אונ׳ גיב אירש ניכטערן צו עשן זא איז זי מפיל.

אַ פרוי וואָס איז פאַרגאַנגען אין טראָגן און וויל גערן מפלען. נעם כריין און גיב איר צו עסן אויפן ניכטערן מאָגן, וועט זי מפלען.

תתמ״ח — פר דש נכפה. דו זולט נעמן טוייבילש קוט אונ׳ זולט עש צו טרייבן מיט ווייך אונ׳ גיב עש דעם חולי צו טרינקן עס גיט אים אב מיט גוטש הילף.

פאַר נכפה (פאַליקע). דו זאָלסט נעמען טויבן־קויט (אָפפאַל) און דאָס פונאַנדערפירן מיט וויין און גיב דעם חולה צו טרינקען, וועט עס אָפּגיין מיט גאָטס הילף.

תתצ״ג — ווער ניט הרכן קאן. נים איפקריזוס. דש האבן די אפּטיקר אונ׳ טרינק עש מיט וויין גמושט דש הארן קומט דיר ווידר אונ׳ דו ווירשט גזונט.

ווער נישט הערן קען. נעם איפקריזוס, דאָס האָבן די אַפּטייקער, און טרינק עס מיט וויין געמישט, דאָס הערן קומט דיר ווידער, דו וועסט ווערן געזונט.

תתק״ה — צו דען ציין. נים פפעפר אונ׳ זענף אונ׳ זלץ אונ׳ שטוש אונ׳ מוש דורך אננדר אונ׳ טו עש אין איין ליינין טיכליין אונ׳ האלט עש אויף די בזן ציין זא ציהט עש אויש בז דם אונ׳ היילט.

צו די ציין (ווייטיק) נעם פעפער און זענעפט און זאַלץ און צעשטויס דאָס און מיש דאָס אויס צוזאַמען און טו עס אַריין אין אַ לייוונט־טיכל און האַלט דאָס אויף די בייזע (שלעכטע) ציין. דאָס ציט אַרויס דאָס שלעכטע בלוט און היילט.

תתקפ״ג — דען איין שפין גבישן היט. דער נעם איין וליגא אונ׳ ליגא זי אויף דען בישא זא גיט דער אנגיל אין די וליגא.

ווען אַ שפּין עס האָט געביסן. דער נעמט אַ פליג און לייגט עס אויפן אָרט פון ביס, וועט דער גיפט אַריינגיין אין דער פליג.

תתקצ״ג — דש איינר ורויאן דש קינט אפּ גיא. גיב איר צו טרינקן מילך פון איינר הונטין אין ווייך אודר אין הוניק זא גיט איר דש קינט אפּ.

אַז אַ פרוי זאָל אָפּגעבן איר קינד (די וואָס גייט שווער צו קינד), גיב איר צו טרינקען הינטישע מילך אין וויין אָדער אין האָניק און זי וועט גלייך דאָס קינד אָפּגעבן.

תתקצ״ו — צו ור שטילן נידות. רוזן די מן וינט אים קורן די שטוש אונ׳ גיב אירש צו עשן זא ור גיט עש איר.

צו פאַרשטילן מענסטרואַציע־בלוט. רויזן וואָס מען געפינט אין קאָרן זאָל מען צעשטויסן און איר געבן צו עסן, אַזוי פאַרגייט עס.

תתר״י — פר דען שטיין אין דען כליות. אונ׳ דש לוכליין טוט אים פורן וויא. אונ׳ ווירט אים זוייאר משתין צו זיין. נים איין יונגן האגן דער איינש יארש אלט אישט אונ׳ נים דען מאגן דא וינדשטו אן אים קלייני וויישי שטיינלעכט די שטוש אונ׳ מוש עש מיט ווין אונ׳ גיב אימש אונטר ווילן צו טרינקן עש הילפט.

פאַר די שטיינער אין די נירן. און דאָס לעכעלע פון פאָרנט טוט אים ווײ. און עס איז אים שווער משתין צו זיין. נעם אַ יונגן האָן וואָס איז אַלט אַ יאָר און נעם זיין מאָגן, וועסטו דאָרט געפינען קליינע, ווייסע שטיינד־לעך. צעשטויס עס און מיש עס אויס מיט וויין און גיב עס אים פון צייט צו צייט צו טרינקען. עס העלפט.

תתרי״ו — פר אלרלייא קדחת. זול ער ואשטן דען זעלבן טג דא ערש אן הוט. אונ׳ ווען עש איין אן קומט זא זול ער נעמן שטרקן אישיק אונ׳ ד׳ הייבט קנובלוך. אונ׳ זול דען קנובלוך וואל שטושן אונ׳ זול דען אישיק טרינקן מיט דעם קנובלוך. עש הילפט.

פאַר אַלערליי קדחת. זאָל ער פאַסטן דעם זעלבן טאָג ווען דאָס (קדחת) קומט אָן. און ווען עס האַלט ביים אָנקומען זאָל ער נעמען שטאַרקן עסיק און ד׳ (פיר) קעפּלעך קנאָבל. און זאָל די קנאָבל גוט צעשטויסן און זאָל דעם עסיק טרינקען מיטן קנאָבל. עס העלפט.

תתרי״ח — רפואה צו איינם שויר אודר צו איינר מכה דש עש אויף בריכט. מאך איין טייגליין אוש זעמיל מעל אונ׳ הוניק אונ׳ ליגש אויף דעם שויר זא בריכט עש אויף. אודר פרעגיל פופיצן אין איינר פוטר אונ׳ ליגש דרויף זא בריכט עש אויף.

אַ רפואה צו אַ געשוויר אָדער מכה עס זאָל אויפרייסן. מאַך אַ טייגל פון זעמלמעל און האָניק און לייג עס אַרויף אויף דעם געשוויר, עס וועט אויפרייסן. אָדער פרעגל פופיצן (פייגן?) אין פוטער און לייג עס אַרויף ,עס וועט אויפרייסן.

תתרכ״ז — ווען זיך איינש גבו׳ענט היט מיט היישם וואשר אודר אים פייער. נים מילך אונ׳ וועש דען בראנט. דר נוך נים פפערדש מישט אונ׳ ברענש צו פולבר אונ׳ זע עש אויף דען בראנט עש הילפט.

ווען איינער האָט זיך אָפּגעברענט מיט הייסע וואַסער אָדער פייער. נעם מילך און וואַש אויס דעם בראַנד. דערנאָך נעם פערדישן מיסט און צע־ברען עס ביז פולווער און שיט עס אויף דעם בראַנד. עס העלפט.

תתרכ״ט — צו גשוואולש דער צינא. נים איין וייגא אונ׳ טו אימש אויף דש געשוואולש.

צו געשווילעכץ צו די ציינער. נעם אַ פייג און טו אים אַרויף אויף דער געשווילעכץ.

תתרל״ב — **פר וויאטאג דער צינא. וויליכש טגש מן די צינא זאלבט מיט צוויבל זפט דעם טון זי דען טג ניט וויא.**

פּאַר ווייטיק פון די ציינער. וועלכן טאָג מען וועט די ציינער שמירן מיט ציבעלע־זאַפט, דעם טאָג וועלן די ציינער נישט ווייטון.

תתרל״ה — **איין גשווער דש הירט איש ווייך צו מכן. נים רוטן ווין אונ׳ מילך אונ׳ זוייאר טייג אונ׳ מך איין קליינש קוכליין אונ׳ בינדא עש דרויף זא וירט עש ווייך.**

אַ האַרטן געשוויר ווייך צו מאַכן. נעם רויטן ווײַן און מילך און זויערע טייג און מאַך דערפון אַ קליין קיכעלע און בינד עס צו צום געשוויר און ער ווערט ווייך.

תתתל״ז — **פר דען הושטן. איש גזוטן קנובלוך אז הייש דו אין ליידן קנשט.**

פּאַר דעם הוסט. עס געזאָדענעם קנאָבל אַזוי הייס ווי דו קענסט פאַרליידן.

הכלל, מיר האָבן דאָ פון צווישן די טויזנט מיקסטורן באַוויזן אַ טייל, וואָס דאַרפן העלפן צו אַלע מינים חולאתן וואָס עס קענען זיך נאָר טרעפן ביי מענטשן. אָפּטמאָל, ווי מיר האָבן עס געקענט באַמערקן, חזרן זיך איבער די זעלבע מיטלען פאַר פאַרשיידענע קראַנקייטן. אָבער ווי מיר האָבן געזאָגט, פאַרמאָגט נאָך דער רעצעפּטן־בוך אויך עצות פאַר שיינקייט (קאָסמעטיק) און טעכנישע אָנווייזונגען. מיר וועלן ברענגען אַ פּאָר ביישפּילן פון דער קאַטעגאָריע. מיר האָבן דאָ אַריינ־גענומען אויך מוסטערן פון היילמיטלען פאַר בעלי־חיים:

ת״פ — **ווער איין שון פנים וויל הון. נים לילען וואורצל אונ׳ פוטר אונ׳ קוועק זילבר אונ׳ וויין אונ׳ הוניק אונ׳ שמלץ אונ׳ זיד דש מיט אנגדר אונ׳ צוואג זיך דאָ מיט דער וירט איין שון פנים גווינן.**

ווער עס וויל האָבן אַ שיינעם פּנים. נעם ליליען־וואָרצלען און פּוטער, און קוועק־זילבער און ווײַן און האָניק און שמאַלץ און זיד אויף צוזאַמען און צוואָג (וואַש) זיך דערמיט, וועסטו אַ שיינעם פּנים געווינען.

תקל״ד — **ווילט איין צאן פון איינם הלפנט ווייך מאַכן ליג איין אין שטרקן אישיק אונ׳ לוש אין דיזן ליגן דרייא טאג אונ׳ דריי נכט זא וירט ער ווייך**

ווילסטו אַ צאָן פון אַ העלפאַנט מאַכן ווייך. לייג אים אַריין אין שטאַרקן עסיק ער זאָל דאָרטן ליגן דריי טעג און דריי נעכט און ער ווערט ווייך.

תרכ״ט — **איין רוט פפערט וייש צו מאכן. ברען שוועבל אונ׳ לוש דען רוייך גין אן דש פפערט וועז דו עש גערן וייש הישט דא וירט עש וייש.**

אַ רויטן פערד ווייס מאַכן. ברען שוועבל און לאָז דעם רויך גיין אויפן פערד, אויב דו ווילסט גערן ער זאָל ווערן ווייס, ווערט ער ווייס.

תרמ״ג — לויטר פנים. ואנג רעגן וושר אין איין זוייבר כלי אין דען לעצטן דלריי טגן זא אייר אויש גיט דש אישט אבריל אונ׳ אין דען אירשטן ויר טגן פן סיון דש אישט מייא אונ׳ טו זי אין איין גגלזווייארט כלי אין דען ווארטן דש עש זיך לנג דריך הילט. אונ׳ די וושר זיין ביטר ווידר וייאול וושר אדער רוזן וושר. אונ׳ אישט אויך גויט צו וויטג דער אוייגן.

אַ לויטערן פּנים (צו באַקומען). פאַנג רעגן־וואַסער אין אַ זויבערער כלי אין די לעצטע דריי טעג פון חודש אייר, דאָס איז אין אַפּריל און די ערשטע פיר טעג פון סיון, דאָס איז מאַי און טו עס אַריין אין אַ גע־גלאַזירטע כלי כדי עס זאָל לאַנג זיך האַלטן .און די וואַסער וועט ביטער ווערן ווי פיאַל־וואַסער(?) אָדער רויזן־וואַסער. דאָס איז אויך גוט צו ווייטיק אין די אויגן.

תש״כ — צו מאַכן דש גולט אודר זילבר שווער וויגט. נים קאַלך דער דא איש גמכט אויש אייער שאלן. וועז דו ווילט דען זעלוויגן קאלך מאכן. זא נים אייער שאלן אונ׳ וועש זי ריין אונ׳ לוש זי דרנוך דר טרוקנן. דרנוך טו זי אין איין נוייאן פאַנן דער נוך און גברענט איש אונ׳ דיק עש צו אונ׳ לאש עש באקן אים אופן זא ווערדן די אייער שאלן ווייש דש זעלב היישט אייער קאלך. דרנוך נים ב׳ אונץ דיש זעלבן קאלכש אונ׳ שטוש אין קליין אונ׳ טו עש אין איין כלי צו גדיקט אונ׳ גראב דש כלי אין איין וואַרמן מישט זא צו גיט דער קאלך פן אישם זעלבט אונ׳ ווירט וושר דרויש. דרנוך טו דש זילבר אודר דש גולט אין דש זעלב וושר זא בשווערט זיך דש גוויכט אין איינר נכט.

צו מאַכן גאָלד אָדער זילבער זאָלן שווערער וועגן. נעם קאַלך וואָס איז דין געמאַכט פון אייער־שאָלעכץ. אַז דו ווילסט מאַכן דעם זעלביקן קאַלך — נעם אייער־שאָלעכץ און וואַש עס ריין אויס און לאָז דאָס דערנאָך אויסטריקענען. דערנאָך טו עס אַריין אין אַ נייעם טאָפּ וואָס איז נאָך ניט געברענט און דעק אים צו און שטעל עס אין אַן אויוון, ווען די שאָ־לעכצן ווערן ווייס, דאָס איז אייער־קאַלך. דערנאָך נעם צוויי אונציעס פון דעם קאַלך און צעשטויס עס אויף דין און טו דאָס אַריין אין כלי צוגעדעקט און גראָב איין די כלי אין וואַרעמען מיסט אַזוי, אַז דאָס קאַלך וועט פון זיך אַליין צעגיין אויף וואַסער. דערנאָך טו אַריין די זילבער אָדער גאָלד אין דעם דאָזיקן וואַסער, וועט דאָס געוויכט זייערער שווערער ווערן אין איין נאַכט.

תתמ״ג — ווייש ציין צו מאכן. דער זול נעמן איין גנצי מושקוט אונ׳ זול זי קליין שטושן אונ׳ זול נעמן אז גרוש פריל אונ׳ זול עש אויך צו שטושן. אונ׳ זול עש דען אונטר אנבדר מושן אונ׳ זול דען די

ציין מיט רייבן זו ווערדן זי וויש. אונ׳ ווער ניט פריל גהאבן מק דער זול נעמן אז גרוש אלויין אז די מושקוט אישט. ווער דא וויל דער נעם פימש אונ׳ רייב זי מיט.

ווייסע ציין צו מאַכן. דער זאָל נעמען אַ גאַנצן מושקאַט און זאָל אויף דין צעשטויסן און זאָל נעמען אַזאַ גרויסע פערל און זאָל עס אויך צעשטויסן. און זאָל דאָס צוזאַמענמישן און דערמיט די ציין רייבן, וועלן זיי ווערן ווייס. ווער עס האָט נישט קיין פערל, זאָל ער נעמען אַזאַ גרויסן אַלוין ווי דער מושקאַט איז. און ווער עס וויל דער נעמט פימפס און רייבט מיט זיי.

תתנ״ד — ווער דא וויל געל הור מאכן. דער נם שוואלבן מישט אונ׳ מוש דש מיט איינש שטירש גאל אונ׳ צוואג דש הייבט דא מיט.

ווער עס וויל מאַכן געלע האָר. דער נעמט שוואַלבן־מיסט און מישט עס מיט אַ גאַל פון אַן אָקס און צוואָגט דערמיט דעם קאָפּ.

תתק״י — ווען איין סוס איין ועל הוט. זא נים איין פפונט פוטר אונ׳ איין שושיל זלץ אונ׳ מאך ח׳קוגליך דרויש אונ׳ טו אימש אין דש זעלב אור דא אים דש ועל אים אויגן אישט אונ׳ בינד דש אור מיט איינם בענדיל צו אונ׳ בינד עש אום זיך דש עש ניט ווידר אויף רוקט. אונ׳ לוש עש איין שעה אודר ב׳ דיזן ביש עש צו גיט דש טו ג׳ פעמים.

ווען אַ פערד האָט אַ בעלם אויפן אויג. (פעל) טאָ נעם אַ פונט פוטער און אַ שיסל זאַלץ און מאַך 8 קוגעלעך (קייקעלעך) דערפון און טו דאָס אַריין אין דעם אויער פון דער זעלבער זייט ווו דאָס אויג מיטן בעלם און בינד עס צו מיט אַ בענדל אַרום און ער זאָל דאָס נישט קענען אַראָפּרוקן. און לאָז דאָס ליגן איין שעה אָדער צווי ביז עס וועט צעגיין. טו דאָס דריי מאָל.

תתקכ״א — ווילטו מכן הור וואכשן. זא נים קנובלוך אודר צוויבל אונ׳ רייבא די שטט דא דיר דש הור אויש וילט אודר אויש גיפאלן אישט.

ווילסט מאַכן האָר וואַקסן. נעם קנאָבל אָדער ציבעלע און רייב דאָס אָרט ווו די האָר פאַלן אַרויס אָדער זענען אַרויסגעפאַלן.

תתקכ״ח — ווילטו כינים טוטן. זא נים קוועק זילבר, שמלץ אונ׳ פוטר אונ׳ רור עס אונטר אננדר אונ׳ זאלב ווא די לוייז גין.

ווילסטו טויטן לייז. טאָ נעם קוועקזילבער, שמאַלץ און פוטער און מישט דאָס אויס צוזאַמען און שמיר די ערטער ווו די לייז גייען.

תתקמ״ט — ווילכער ורוייאן די ברושט האנגן. די נעם אייער שאלן רוט בירן אונ׳ וואכש אונ׳ פוטער אונ׳ זאלב זי דר מיט זא ריכטן זי זיך אויף.

ביי פרויען וואָס די בריסטן הענגען זיי אַראָפּ. נעם אייער־שאָלעכץ, רויטע באַרנעם און פוטער און שמיר דערמיט, וועלן זיך די בריסטן אויפריכטן.

תתק"ס — ווילטו רוזן וריש בהאלטן ביש צו וויאנכטן. נים לוייטר הוניג אונ׳ בשטריך די רוזן דר מיט אונטן אונ׳ אובן אונ׳ נים דען איין גרוש אירלינש הולץ דער אויש גבירט אישט אונ׳ ליג די רוזן דריין אונ׳ ור שלאג עש דען מיט אירליין הולץ.

ווילסטו רויזן פריש האַלטן ביז ווייַנאַכטן. נעם לויטערן האָניק און באַשמיר די רויזן אונטן און אויבן און לייג עס אַריין אין אַ גרויסן אירלינש *) האָלץ וואָס איז אויסגעבויערט און פאַרשלאָג דאָס אויך מיט אירליין־האָלץ.

תתקס"ב — ווען איין סוס ניט קאן משתין זיין. נים קנובלוך און פפעפר אונ׳ רייבא אים די צין דא מיט.

ווען אַ פערד קען נישט משתין זיין .נעם קנאָבל און פעפער און רייב אים די ציין דערמיט.

תתקע"ט — צו ווירמן אן איינעם פפערדא אודר אן איינם מענשן. נים איין קופף פון איינם היכט מיט דעןביינן די אין דעם קופף זיין אונ׳ ליגש אין איין ציגיל שטיין אונ׳ ברען זי ביש דיביין וויש ווערדן דען זא שטוש די ביין אין איינם מורזער אונ׳ ווערף עש אויף די וואורם זא שטערבן זי אין דרייאן טגן.

צו ווערם ביי אַ פערד אָדער ביי אַ מענטש. נעם אַ קאָפּ פון אַ העכט מיט די ביינער פון קאָפּ און לייג עס אויף אַ ציגל, ברען עס ביז די ביינער וועלן ווערן ווייס. דערנאָך זאָל מען די ביינער מיט אַ מערזער צעשטויסן און דאָס וואַרפן אויף די ווערם, וועלן זיי אויסשטאַרבן אין דריי טעג.

תתרנ"ה — טינט צו מכן און ושר. נים אייכילן זאָ זי נוך גרונא זיין אונ׳ דריק זי אויש מיט איינם אייזן דש זאפט דש הרויש גיט אישט שוורץ אז טינט.

טינט מאַכן אָן וואַסער. נעם אייכלען (די פרוכט פון אייכל־ביימער) ווען זיי זענען נאָך גרין און דריק זיי אויס מיט אַן אייזן. די זאַפט וואָס עס וועט אַרויסגיין איז שוואַרץ ווי טינט.

תתרנ"ז — ווילטו מכן הור אב גין. נים דם פן איינם יונגן לעמליין אונ׳ שטרייך עש דרויף עש הילפט.

ווילסט מאַכן האָר אויסקריכן. נעם בלוט פון אַ יונג שעפסל און שמיר דערמיט עס העלפט.

*) ס׳מוז זיין פון דעם בוים וואָס הייסט אויף דייטש: Erle

תתרצ״ג — ווער צו זיר איין רוט פנים הוט. דער זול נעמן שליהן בלויט אונ׳ זול עש וואל זידן אין ווייז דרנוך זול ערש וואל אויש דהיקן אונ׳ זול זיך מיט וועשן אונטר דעם פנים.

ווער עס האָט אַ צו רויטן פנים. זאָל נעמען בלוט פון אַ שלייען און עס גוט אויסזידן אין ווייַן און דערנאָך זאָל ער עס גוט אויסדריקן און זיך דערמיט אונטערוואַשן דעם פנים.

תתשפ״ח — גולט פון קופפר צו שיידן. צו לוש בלייא אונ׳ לוש עס וואל הייש ווערדן אונ׳ טו דש קופפר דריין זא וילט דש גולט דר פן.

גאָלד פון קופּער אָפּצושיידן (אָפּטיילן). צעלאָזן בליי און לאָז עס שטאַרק הייס ווערן און טו דאָס קופּער אין דעם אַריין, אַזוי פאַלט דאָס גאָלד אַראָפּ דערפון.

תתשפ״ט — שוורצי ציין וויש צו מאַכן. נים גערשטן מעל אונ׳ הוניק אונ׳ זלץ מויש עש אלש אונטר אנגדר אונ׳ רייבא די שוורצן ציין דר מיט עכט טג מורגנש אונ׳ אובנטש עש הילפט.

שוואַרצע ציין ווייס צו מאַכן. נעם גערשטענע מעל און האָניק און זאַלץ און מיש דאָס אַלץ צוזאַמען און רייב די שוואַרצע ציין דערמיט אַכט טאָג, אין דער פרי און אין אָוונט. עס העלפט.

פון די 1252 רעצעפּטן, וואָס געפינען זיך אין דעם ערשטן קאָדעקס, האָבן מיר דאָ, פון פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס, פאָרגעשטעלט לדוגמא בערך אַ הונדערט. עס זענען דאָ פאַרטראָטן אַלע מינים און סאָרטן וואָס געפינען זיך אין דאָזיקן כתב־יד. פון דעם געבראַכטן ווערט אויך קלאָר, אַז אַ געוויסע השפעה האָבן דאָ געהאַט די שכנים, צווישן וועלכע די ייִדן האָבן געלעבט (אין דעם פאַל די דייטשן). מען זעט עס פון דעם וואָס עס רעדט זיך וועגן דעם שווערד ווי אַ פּרובער־מיטל, וועגן „פרישע רויזן צו ווייַנאַכטן״, וועגן „פישפאַנג״ און „יאַגד אויף חיות״, וואָס זענען גאָרנישט כאַראַקטעריסטיש פאַר די ייִדן אין יענער צייט. מען דאַרף טאַקע אָננעמען, אַז טייל סגולות און רפואות האָבן די מחברים גענומען פון אַנדערע קוואַלן און האָבן זיי פאַרייִדישט. מען זעט עס נישט נאָר אין די „פסוקים״ און „שמות״, נאָר אויך איז די שפּראַך ווייט אַוועק פון דייטש. צום בולטסטן קומט עס צום אויסדרוק אין דעם שלל פון העברעיזמען וואָס מיר טרעפן אין דעם געגעבענעם קאָדעקס. די אַלע ווערטער, ווי די פריִער־דיקע סגולות, געהערן צום קאָדעקס H. B. XI/17 זיי זענען געסדרט נאָכן אלף־בית:

אבעבועות, אבר, אדם, אהבה, אלמנות, אפיקומן, ארון; בדוק, בהמה, בחורים, בצים; גויה, גורל, גזירה, גיד (געשלעכט־אָרגאַן), גידים (טרוקענע אָדערן צום נייען), גנב, גניבה; דדים, דורות, דפק,

דין, דם, הבדלה, הילוך, השבעה, השתנה, זכר, חולי, חודש, חזיר, חלשות, חפורה, טוב, יום, יצר, כונה, כינים, כישוף, כלב, כלי, כליות, כלל, כשר, לוח, מורא, מזמור, מכה, מכנסים, מלא־כים, מלך, מצורע, מציאה, משפטים, משקה, משתין, מת, נידות, נכפה, נפיחות, נפל, נקבה, סוס, סוסים, סימן, סכנה, ערוה, פגר, פלוני, פלונית, פנים, פסוק, פעולה, צואה, צרעת, קבר, קדחת, קמיע, קמיצה, ראש, ריאה, רופאים, רוצח, רפואה, שגעון, שד, שדים, שחין, שלשול, שלשולים, שמוש, שמות, שם, שעה, שרים, שופטים, תהילים, תכריכים, תפוש, תפיסה, תפיסות, תשמיש.

עס זענען אין דאָזיקן קאָדעקס פאַראַנען אויך טאָפּל־העברעיזמען ווי:

אחיזת־עינים, אינו־יכול, דם־מילה, דם־נידות, כלי־זין, כל־ישראל, כל־דבר, מדה־במשקל, סם־המות, ספר־תורות (נישט ספרי־תורות!), עין־הרע, קדחת־שלישית, קדחת־רביעית, רוחות־רעות, רואה־קרי, שכבת־רע, שלשול־דם, תפילת־הדרה.

צונויפגעפּאָרט יידיש מיט העברעיִש האָבן מיר:

יין־בראן, וויין־דבש, משוגע־הונט.

פאַרייִדישטע העברעיזמען:

פאַרחתמעט, דערהרגעט, געתפשט, מבטל זיין, מזריע זיין, מטהר זיין, מפיל זיין, ניט יכולט.

צאָלן טרעפן מיר די וויטערדיקע:

ב׳ מידות, ב׳ פעמים, ב׳ לויט, ג׳ פעמים, ג׳ ימים, ד׳ לויט, ו׳ שעות, ז׳ ימים, ח׳ קוגליין, ט״ו ימים.

אין די רעצעפּטן זענען אריינגעפלאָכטן אויך אַ צאָל חדשים — אייר, סיון, אלול, תשרי. לאָמיר אויך דערמאָנען אַ בינטל ראשי־תיבות וואָס מיר טרעפן דאָ: וד״ל (ודי למבין), בע״ה און בעזה״ש (בעזרת השם — אָפּטמאָל ווערט צוגעגעבן „עס העלפט ב״ה״), ע״ה (עליו השלום), ז״ל (זכרונו לברכה), א״ל (או לא).

צום סוף אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם אַנאָנימען מחבר. מיר האָבן שוין דער־מאָנט, אַז ער האָט זיכער געשעפּט פון נישט־יידישע קוואַלן, אָבער אָן ספק האָט ער פאַר זיך געהאַט אַנדערע יידישע ספרים. זייער אָפט באַמערקט ער: „מוצאתי כתוב״. און נישט זעלטן גיט ער צו: „זה מצאתי בספר אחד, בדוק״. אין איינעב

פון די געבראַכטע ביישפּילן (תרפ״ד — אַז אַ פרוי זאָל שנעל געלעגן ווערן) ווערט געבראַכט דער „לוח״ אין נאָמען פון אַ געוויסן „ר׳ פרץ כהן״. אין אַ צווייטן אָרט, אין רעצעפּט נומער תקנ״ד שרייבט ער, ביי דער סגולה ווי אַזוי אַרויסגיין פון אַ תפיסה, „און איך האָב געהערט דאָס עס מההר׳ יעקב ווייל ז״ל אַזוי גע־ראָטן זיינע בחורים...״

דער מהר״י ווייל האָט געלעבט אין 15טן יאָרהונדערט. געבוירן אין ווייל־דער־שטאָט (ווירטעמבערג) ביים סוף פון 14טן יאָרהונדערט און געשטאָרבן אין ערפורט אַרום 1456. דאָס הייסט מיט אַ 25 יאָר פריִער איידער דער רפואות־בוך איז אָנגעשריבן געוואָרן. און מען האָט געקענט זאָגן „איך האָב געהערט״ וועגן רבי יעקב ווייל*).

***

ווי געזאָגט האָבן מיר נאָר ראשי־פּרקימדיק זיך צוגערירט צו די כתב־ידן, איינגנטלעך צו איינעם. עס איז אַ גרויסע אַרבעט, אַן אַרבעט פאַר יאָרן פאָרשונג. קלאָר איז, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ וווּנדערבאַרן אוצר פון ידישע קולטור־מנהגים און שפּראַך־געשיכטע.

---

*) אגב דאַרף דאָ באַמערקט ווערן, אַז דער אויסלייג פון דעם יידיש פון אונדזער קאָדעקס איז ענלעך צו דעם, וואָס עס האָט גענוצט דער מהר״י ווייל, וועגן זיין יידיש זענען שוין פאַראַן אַ פּאָר אַרבעטן. וועגן די יידישע פראַגמענטן אין זיינע שאלות ותשובות האָט אין דעם „לאַנדוי־בוך״ (דער ערשטער באַנד פון די פילאָלאָגישע שריפטן פון ייוואָ, ווילנע, 1926) אַן אַרבעט חייקל לונסקי (דער ביבליאָטעקאַר פון שטראַשונס ביבליאָטעק אין ווילנע, אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס) אונטערן נאָמען „יידיש ביי ר׳ יעקב ווײלן״. אויך אין ערשטן באַנד היסטאָרישע שריפטן פון ייוואָ (וואַרשע, 1929), אין דער אַרבעט פון זלמן רובאַשאָוו (שזר) „יידישע גביות־עדות אין די שאלות ותשובות פון אָנהויב 15טן יאָרהונדערט ביז סוף 18טן יאָרהונדערט״, ווערן דערמאָנט די יידישע פראַג־מענטן פון די שאלות־ותשובות פון מהר״י ווייל.

ג.

ווען ספרים רעדן

שער־בלאַט פון די גאַר זעלטענעם מחזור פון טאַננהאַוזען, געדרוקט אין יאָר 1592.

(זע קאַפּיטל די טאַננהאַוזער „זולתות״, זייטן 245—248)

דער גילגול פון אַ ספר...

די ידישע מסורה ווייס פון דעם באַגריף פון גילגול נשמות. פון דעם גלויבן, אַז טייל נשמות קענען אויפן עולם־האמת נישט געפינען זייער תיקון, זיי בלאָנדזשען אַרום אין כף־הקלע, ביז זיי ווערן צוריק מגולגל אויף דער זינדיקער ערד — ווער נאָכאַמאָל אין אַ מענטש, ווער אין אַ חיה, פיש און אַפילו אין דוממים, אין שטיינער און געוויקסן.

שוין די גרויסע גאונים און פילאָסאָפן אונדזערע האָבן זיך מיט דעם פּראָבלעם פאַרנומען. גאַנצע טראַקטאַטן וועגן דעם ענין גילגול נשמות האָבן איבערגעלאָזט רב סעדיה גאון, דון יצחק אברבנאל, רבי מנשה בן ישראל, וועלכע האָבן דעם דאָזיקן ענין באַהאַנדלט פון רעליגיעז־פילאָסאָפישן שטאַנדפּונקט.

די קבלה האָט איר אייגענע גילגול־טעאָריע און האָט גענוי פעסטגעשטעלט, וועלכע נשמות פון די אַמאָליקע גדולים און צדיקים זענען נאָכאַמאָל אַראָפּגע־נידערט אין עולם־התחתון און זענען מגולגל געוואָרן אין די נשמות פון די מנהיגי־הדור פון שפּעטערדיקע צייטן.

הונדערטער מעשיות פון „גוטע ידן" דערציילן וועגן די מופתים, וואָס עס זענען געשען מיט די כף־הקלעדיקע נשמות, וועמען דער אָדער יענער צדיק האָט געבראַכט צום תיקון. אין צענדליקער נוסחאות איז באַקאַנט די געשיכטע פון אַ פיש אָדער אַן אַנדער בהמה־כשרה), אין וועמענס גוף עס האָט זיך אַריינגע־קליבן אַ פאַרשטויסענע נשמה און געוואַרט אויף דער זכיה צו קומען צום צדיקס שבתדיקן טיש און אויסגעלייזט ווערן פון די גילגול־צרות.

פון די גילגול־מעשיות זענען אויסגעוואַקסן די כל־המינים דיבוק־געשיכ־טעס, וועלכע מיר פאַרמאָגן אין די פאַרשידנסטע וואַריאַנטן.

דער באַגריף גילגול איז אויך אַריינגעוואַקסן געוואָרן אין אונדזער גערעדטער און געשריבענער שפּראַך און ווערט באַנוצט ווי אַן אַלעגאָרישער אויסדרוק פאַר די פאַרשידנסטע סיטואַציעס — אַזוי האָט י. ל. פּרץ אַריינגעבראַכט דעם טיפן און פילזיניקן אויסדרוק דער גילגול פון אַ ניגון...

און אַט האָב איך אין מײַנע שפּורן־עקסקורסיעס געפונען נאָך אַ מין גילגול. אַ גילגול פון ספרים.

***

דער ענין ספרים ביי אונדז, די באַציִונג צו זיי, האָט שוין אַ רייכע ליטע־ראַטור. דער באַוווּסטער ביבליאָגראַף פון העברעיִשן אוניווערסיטעט שמחה אסף, האָט אין זיין אַרבעט „עם הספר והספר״, צונויפגעקליבן אַ שלל מיט כל־המינים תקנות, דינים, מנהגים און אגדות וועגן דער באַציִונג צו ספרים, וועגן דעם גרויסן דרך־ארץ, וואָס דער עם־הספר דאַרף אַרויסווייזן צום ספר.

פון דער צווייטער זייט אָבער זענען נאָך ביי קיין שום פאָלק נישט אַזוי פיל פאַרשריבן די טאָוולען פון ספר ווי ביי אונדז. איר וועט דאָרטן געפינען כל־המינים פאַרצייכענישן, באַמערקונגען, בעיקר אזהרות, אַז מען זאָל דעם ספר נישט גנבענען.

פאַרשידן זענען די דאָזיקע טאָוול־פאַרצייכענישן, טייל זענען פשוטע: „זה הספר שייך...״ — דאָס דאָזיקע בוך געהערט צו דעם און דעם. אַנדערע שרייבן צו די דאַטע, ווען זיי האָבן דאָס ספר געקויפט, מאַנכע אויך ביי וועמען און נישט זעלטן טרעפט מען אויך דעם פּריַיז פון געקויפטן ספר.

אַנדערע הייבן אָן זייער פאַרצייכעניש מיט אַ התנצלות: „אף על פי שאסרו חכמים...״ ס׳הייסט, הגם די חכמים האָבן געהאַלטן, אַז מען טאָר נישט שרייבן אויף ספרים, נאָר אַזוי ווי עס האָבן זיך געמערט אַזעלכע, וועלכע גנבענען זיי, בכן בין איך מודיע און מזהיר אַז דער ספר געהערט אַא״וו.

טייל האָבן זיך נוהג געווען אויף ספרים פאַרשרייבן זייערע משפחה־געשעע־נישן, געבורטן און להבדיל די יאָרצייטן פון זייערע נאָענטע.

גאָר אַנדערע פאַרצייכענישן זענען געווען ליצנותדיקע, געגראַמטע וויצן, אַפאָריזמען וכדומה.

די דאָזיקע אויפשריפטן זענען געוואָרן אַן אָביעקט פאַר פאָרשער, היסטאָ־ריקער, פילאָלאָגן, פאָלקלאָריסטן וכדומה.

אַן אינטערעסאַנטע אזהרה אין ייִדיש, נישט צו גנבענען ביכער האָט גע־בראַכט י. אָפּאַטאָשו אין די ייִוואָ־בלעטער, נומ׳ 14, פון 1939.

נישט אײן וויכטיקע דאַטע אין דעם פרט צו ביאָגראַפיעס פון באַרימטע מענטשן האָבן געגעבן די ספרים־צושריפטן.

די דאָזיקע טאָוול־צושריפטן ווייזן טאַקע לרוב דעם גילגול פון אַ ספר — אויף וועמענס טישן זיי זענען געלעגן, וועלכע הענט האָבן זיי געהאַלטן, אויף וועמענס פּאָליצעס זיי זענען געשטאַנען, נישט נאָר אויף די טאָוולען — אין בוך גופא קאָן מען געפינען שפּורן פון זייערע באַזיצער און באַנוצער. נישט אײן איין ספר פאַרוואָלגערן זיך ווערטפולע הערות. היינטצייטיקע „אימפּולסיווע״ לייענער

נוצן אויס די מאַרגינעסן פאַר זייערע איינדרוקן פון געלייענטן — נישט זעלטן איז פאַראַן אַ צושריפט „ריכטיק!" און עס טרעפן זיך אויך פּראָטעסט־מיינונגען און לאָזונגען.

דאָס זענען אַלץ, וואָלט איך געזאָגט נאָרמאַלע ספר־גילגולים. נישט וועגן זיי וויל איך דערציילן. איך האָב איבערצוגעבן אַ נייעם מין ספר־גילגול, וועלכן איך וואָלט אָנגערופן דער גילגול־מחילות פון ספרים, וועלכער איז געווען מעגלעך אין אונדזער דור פון כליון און בהלה; ווען דער ספר איז צוזאַמען מיט זיין אייגנטימער געברענט און געבראָטן געוואָרן, דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן שוידער פון די זיבן נאַצישע מדורי־גיהנום.

און פונקט ווי די לעבעדיקע ייִדן זענען שפּעטער על־פּי־נס מגולגל געוואָרן אין אַ שארית־הפליטה אַזוי איז עס געשען מיט די ספרים. נאָך מער — די לעבנגעבליבענע מענטשן האָט מען אָפּטמאָל געמאַכט פאַרגעסן זייער גזע, זייער וואָרצל פון וואַנען זיי זענען אַרויסגעוואַקסן, די ספרים אָבער האָבן אויף זיך אָפּגעהיט זייער מקור, זייער שורש און אין דעם באַשטייט טאַקע די אויסטערלישקייט און נס פון זייער גילגול.

***

עס האָט די פאַרניכטונגס־מאַשין פון דער היטלעריסטישער ממשלה געאַרבעט מיט דער גאַנצער פאַרע: „אַקציעס" און „אויסזידלונגען" האָבן פאַרשפּרייט טויט און פאַרניכטונג אין די געטאָס; „סעלעקציעס" האָבן פאַרשניטן לעבנס אין די אַזוי־גערופענע אַרבעטס־לאַגערן; גאַז־קאַמערן, קאַלך־אויוונס און קרעמאַטאָריומס האָבן אין די צענדליקער פאַרניכטונגס־קאָמבינאַטן אין דריי שיכטן „אויפגענומען די טראַנספּאָרטן" און הונדערטער „איינזאַץ־קאָמאַנדאָס" האָבן געאַרבעט, כדי וואָס שנעלער און גרינטלעכער „ענדגילטיק לייזן דעם יודען־פּראָבלעם" — ס'הייסט: להשמיד און להרוג ביזן לעצטן נפש.

אָבער די ברוינע באַנדיטן זענען דאָך נישט געווען סתם באַרבאַרן, זיי די גערמאַנען, די ריכטיקע אַרישע אויבעררּאַסע, פאַרגעסן נישט, אַז זיי זענען דאָס „קולטור־פאָלק" און האָבן דרך־ארץ פאַר גייסטיקע שאַפונגען. שיקנדיק גאַנצע שטעט און שטעטלעך אין מיידאַנעק, טרעבלינקע און אָשוויענטשים, האָבן זיי נישט געקענט צוזען, אַז ביכער זאָלן פאַרניכטעט ווערן, אַז קולטור־אוצרות זאָלן געשענדעט ווערן און האָבן „געזאָרגט", אַז די ספרים, ביכער, כתב־ידן, קונסטווערק און תשמישי־קודש זאָלן אַוועקגיין אין „רייך". טויזנטער ייִדישע ביבליאָטעקן — געזעלשאַפטלעכע און פּריוואַטע — זענען אַזוי אַרוב „געראַטעוועט געוואָרן".

פאַרשידן איז געווען דער ציל פון דער דאָזיקער דייטשער „קולטור אויפבעוואַרונג" — צוויי הויפּט־כוונות האָבן בעיקר באַהויכט די דאָזיקע נאַצישע

„רעטונגס־אַרבעט": ראשית האָבן זיי אויסגערעכנט, אַז עס איז אַ גוטער פינאַנ־ציעלער געשעפט, עס וועלן זיך אין דער וועלט געפינען בעלנים, וועלכע וועלן באַצאָלן פעטע פרייזן פאַר דעם דאָזיקן רויב והשנית, די ביכער האָבן געדאַרפט באַרייכערן און קאָמפּלעטירן די פאַרשידנסטע אַנטיסעמיטישע שטרייכער־ און ראָזענבערג־אינסטיטוטן, ווו מ'האָט געפאָרשט דעם יידישן פּראָבלעם.

מיליאָנען יידישע ביכער זענען אַזוי אַרום געלייטערט געוואָרן אין גיהנום מחילות ביז זיי זענען צו זייער תיקון געקומען — אין ירושלימער אוניווערזיטעט, אין יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, אין די יידישע מוסדות פון אַלע אונדזערע תפוצות געפינען זיך שוין די דאָזיקע אוצרות.

טייל ספרים־נשמות האָבן זיך אָבער אָפּגעריסן פון זייער שורש און וואַג־לען ווייטער אַרום נע־ונד צווישן רהיין און מאַין, צווישן נעקאַר און איסאַר. און עס האָט דער גורל געוואָלט, אַז אַ טייל פון די דאָזיקע ביכער־גילגולים זאָלן אַריינפאַלן אין מיינע הענט. זאָל מיר דערלויבט זיין נאָר אַ פּאָר געציילטע אויס־צורעכענען.

אויף פּאָהוליאַנקע־גאַס אין ווילנע האָט דער פירער פון יידיש־וויסנשאַפט־לעכן אינסטיטוט ד"ר מ. וויינרייך געהאַט זיין ביבליאָטעק. ביי דער פאַרניכטונג פון ירושלים דליטא האָבן די נאַציס משמעות זיין ביבליאָטעק „געראַטעוועט" און...

אויף אַ בוידעם אין באַקנאַנג (ווירטעמבערג) האָב איך געפונען פון דער דאָזיקער ביבליאָטעק דאָס בוך „געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד" פון נחום בוכבינדער. פון דער זעלבער ווינרייך־ביבליאָטעק האָב איך געפונען אין דער לאַגער־ביבליאָטעק „סעדאַן־אולם" לינעצקיס „דאָס פּוי־לישע יינגל"; אין דער שטוטגאַרטער לאַגער־ביבליאָטעק, — משה בראָדערזאָנס לעצטן בוך אין פוילן „יידי", לאָדזש 1939, מיט אַ צושריפט פון מחבר און אין בערגען־בעלזען האָט זיך אויסגעפונען דאָס „דניאל טשאַרני־בוך", אַרויסגעגעבן אין פּאַריז 1939, מיטן צושריפט: „דעם בקי אין די שוואַרצע פּינטעלעך", פריינט מ. ווינרייכן, מיט בעסטע גרוסן דניאל טשאַרני — פּאַריז 1939".

אַ באַזונדער מזל האָבן געהאַט די ביכער פון די „יונג־ווילנער". אָט האָב איך געפונען חיים גראַדעס „יאָ", ביידע אויפלאַגעס: די ערשטע אויפלאַגע, וויל־נע 1936, איז אַן עקזעמפּליאַר, וועלכן דער מחבר האָט דעם 13טן נאָוועמבער 1936 געשענקט: „ב. קלעצקינען מיט גרויס דאַנקבאַרקייט פאַר זיין הילף ביים אַרויסגעבן מיין בוך — ח. גראַדע". אויפן בוך פון דער 2טער אויפלאַגע, ווילנע 1937, איז אָנגעשריבן: „דעם דיכטער און עסייאיסט י. גאָטליב מיט פריינט־שאַפט און אָנערקענונג — חיים גראַדע, קאָוונע, 13טן דעצעמבער 1939".

ווי עס איז צו פאַרשטיין זענען די ביבליאָטעקן פון קלעצקינען און גאָט־ליבן „געראַטעוועט געוואָרן".

אויך דער צווייטער פון „יונג־ווילנע" — דער איצטיקער פאָרזיצער פון יידישן שרייבער־פאַריין אין ישראל — אברהם סוצקעווער, איז פאַראַן צווישן די געפונענע, דאָס ביכל, וואָס איך האָב היינטער וואָרמס געפונען איז זיין ערשט לידער־ביכל „לידער", וואַרשע 1937. אויפן ביכל דער צושריפט: „מיין ליבן חשובן פריינט זלמן רייזין, מיין ערשט ביכל אַ מתנה — א. סוצקעווער, וואַרשע, 10טער אַפּריל 1937". אויפן ביכל איז נאָך אויך דאָ דער צוריק־אַדרעס: ווילקאָמירער־גאַס אין ווילנע, נומער 14.

בלעטער איך דאָס ביכל, וואָס איז מגולגל געוואָרן פון די ווילי־ברעגן צום רהיין־לאַנד און לייען דאָס ליד: „די טויערן פון געטאָ", ווו דער שפּעטערדיקער מחבר פון „געהיימשטאָט" שרייבט אין יוני 1936:

…„ס'איז מעסערדיקע וואָר.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ביי יעדער שטוב
ברענט אַ וונד — אַ רויטער מוכאַמאר,
אַן אַסיענבלאַט אין יעדערנס געזיכט.
זי אַ שלאַנג די אומרויקייט קריכט
אַריבער שטיבער, טויערן און
— הענער!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר ס'טרעפט: ס'גיט זיך פלוצים אַ טרייסל דאָס געטאָ
עס עפענען זיך פענצטערלעך פיאַלעטע,
דורך גאָלדענעם שטויב — ווי אַ טייכל צעקלונגען
מאַרשירט זיך אַ האַרדע בלויאויגיקע יונגען,
די אַרבל פאַרקאַשערט, און פעסט די ידים
— מיר וועלן דאָס פאָלק פון זיין געטאָ באַפרייען…"

זלמן רייזין געפינט זיך אין פאַנטעאָן פון די טראַגישסטע קדושים פון 1939—1945. צי האָט ער זיך פאָרטראַכט ביים לייענען איך דעם אים צוגע־שיקטן ביכל דאָס ליד: „בלייענע הענט", ווו עס זאָגט זיך:

…„אַפילו דורך טורמישע קראַטע און שטעכיקן צוים,
זינגט אויך דאָך אַריין ווען אַ פויגל צו דעם אַרעסטאַנט
אויף מ י ר אָבער פאַלט ווי אַ האַק אויף אַ צוויייטן בוים
די בלייענע האַנט…"

פון די יונגע קומען מיר צו דעם, וואָס איז היינט איינער פון אונדזערע זיילן — צו י. י. טרונקן. דאָן, פון ווען עס שטאַמט זיין ביכל, וואָס האָט זיך אָפּ־

געזוכט אין לאַגער לעכפעלד: „די וועלט אַ חלום" — איז ער געווען פון די יונגע. אויפן דאָזיקן ספר־גילגול געפינט זיך די ווידמונג: „מיין ליבן פריינט ש. גאָרע־ליק — י. י. טרונק" (געווען אין וואַרשע אין 1922). וויפל גילגולים האָבן די דאָזיקע עסייען דורכגעמאַכט אין „וועלט־חלום"?

פון אונדזערע היימישע שרייבער קומען מיר צום באַלטישן מאַרק ראַזומני. אין 1935 האָט ער אַרויסגעגעבן „מענטשן און שטויב" — נאָוועלן וועגן איינ־זאַמע. בסך־הכל איז דאָס ביכל געדרוקט אין 500 עקזעמפּליאַרן אין דעם — 100 נומערירטע, פאַר יחידי סגולה.

עס זענען די מענטשן פון ריגע און קאָוונע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטויב, אָבער דאָס ביכל (נומערירטער עקזעמפּליאַר 59) האָט זיך אָפּגעפונען אין לאַגער פּאָקינג און אויף אים שטייט אָנגעשריבן: „דעם חשובן עסקן און אידעאַלן מענטשן־פריינט ה' א. סאבאלעוויטש, אין אָנערקענונג פאַר זיינע גרויסע אויפ־טוען — דער מחבר, ריגע, 13טן מערץ 1935".

דעם זעלבן גילגול־מחילות האָט משמעות דורכגעמאַכט די ביבליאָטעק פון פּראָפ' משה שאָר פון וואַרשע, וויל אין אַ ביבליאָטעק, וועלכע האָט אָפּגעירשנט דעם נאַצישן „רייכסאינסטיטוט פאַר געשיכטע דעם נויעס דויטשלאַנדס", האָב איך געפונען דעם געדרוקטן אין דייטש בריוו פון ליובאַוויטשער רבין צו די דייטשע ייִדן: „די חסידות־חב"ד־לערע", אַרויסגעגעבן אין 1936, וועלכע שטאַמט פון פּראָפ' שאָרס ביבליאָטעק.

אין דער זעלבער ביבליאָטעק האָב איך אויך געפונען פּראָפ' מאיר באַלאַ־באַנס „סטודיען אונד קוועלען צור געשיכטע דער פראַנקיסטישען באַוועגונג אין פּאָלען" (דייטש, וואַרשע, 1927) דעם דאָזיקן עקזעמפּליאַר האָט דער מחבר צו־געשיקט במתנה עדואַרד פּאָזנאַנסקין, דעם 14טן יולי 1927.

***

מיין עקסקורסיע צווישן די ספרים־גילגולים וועל איך פאַרענדיקן מיט אַ רעטעניש־גילגול, וואָס איז שווער אויסצוטייטשן.

אין דער „הספריה על שם ח. נ. ביאַליק בשטוטגרט" (לאַגער־ביבליאָטעק) איז מגולגל געוואָרן דער 2טער באַנד פון מאָריס ראָזענפעלדס געווילטע שריפטן, וועלכער טראָגט אויף זיך אַזאַ מין צושריפט:

> „אַ מתנה צו בירא־בידזשאַן־ביבליאָטעק פון אַלעקסאַנדער סאָקאָלאָוו, טוער און איינער פון די גרינדער פון פילאַדעלפיער אָפּטיילונג „איקאָר", מיטגליד פון נאַציאָנאַלן קאָמיטעט „איקאָר", אַפּריל, 1937".

געדרוקט אין ניו־יאָרק אין 1913, פון דאָרט אַוועק קיין פילאַדעלפיע, פון וואַנען אין 1937 געשיקט געוואָרן קיין בירא־בידזשאַן און לסוף פאַרוואָגלט גע־וואָרן אין שטוטגאַרט, כדי צו געפינען אַ תיקון אין ערגעץ־ווו.

אין אליה בחורס דרוקעריי

גאַנג האָט מיך געצויגן צום שטעטל איזני, וואָס ליגט אין אַלגאָו, אינעם לאַנד ווירטעמבערג (דרום־דייטשלאַנד).

פיל סיבות זענען געווען, פאַרוואָס עס האָט מיך אַהין געלאָקט.

ערשטנס איז עס איינס פון די ערשטע ערטער אין דייטשלאַנד, וווּ עס איז געווען אַ יידישע דרוקעריי (צווישן די יאָרן 1540—1543); די דרוקעריי איז געגרינדעט געוואָרן פון דעם קריסטלעכן גייסטלעכן פאַולוס פאַגיוס.

צווייטנס איז די דאָזיקע דרוקעריי פון גאָר אַ גרויסן יחוס. דאָרטן האָט געאַרבעט אליהו בחור, וועמעס 400־טער יאָרצייט (אויסגעפאַלן אין יאָר 1949), ס'איז געפייערט געוואָרן פון דער גאַנצער יידישער קולטור־וועלט. אין דער דרוקעריי איז טאַקע געדרוקט געוואָרן אַ טייל פון זיינע וויכטיקע ווערק אין העברעיִש און אויך דער באַרימטער „בבא־בוך" אין יידיש.

פון דער דאָזיקער דרוקעריי זענען אַרויס זיינע וואָגיקע חיבורים: דער „מתורגמן" — אַ ווערטערבוך צום תרגום פון גאַנץ תנ"ך, געסדרט נאָכן אַלף־בית; „תשבי" — אַ געניויע אויפקלערונג פון 712 שווערע ווערטער, וואָס זענען גענוצט געוואָרן אין העברעיִש אין דער צייט פון תנ"ך — „תשבי" באַטרעפט 712. דער דאָזיקער ספר איז אין איזני דערשינען אין צוויי אויפלאַגעס, איינע מיט אַ לאַטייניש איבערזעצונג; שמות דברים" — אַ גלאָסאַר־צוזאַמענשטעלונג אין פיר שפּראַכן; יידיש־דייטש, העברעיִש, לאַטיין און דייטש, פון ווערטער, וואָס האָבן אַ שייכות צו קונסט, וויסנשאַפט, פּאָעזיע, רעטאָריק אאַ"וו. „ספר הבחור" — דאָס מאָנומענטאַלע גראַמאַטיקאַלישע ווערק פון אליה, צוליב וואָס ער זאָל האָבן באַקומען דעם נאָמען אליה בחור. צום ערשטן מאָל איז דער „הבחור" געדרוקט געוואָרן אין רוים, אין יאָר 1517. אין איזני איז אין יאָר 1542 דערשינען די צווייטע אויפלאַגע. דאָס דאָזיקע ווערק האָט געשפּילט אַ ריזיקע ראָל אין דער העברעיִשער שפּראַך־פאָרשונג ביי די דייטשע טעאָלאָגן אין 16טן און 17טן יאָר־

הונדערט. איינער פון די נעסטאָרן פון די דייטשע העברעיִסטן, סעבאַסטיאַן מינסטער, האָט דעם „ספר הבחור" איבערגעזעצט אין לאַטיין און דאָס ווערק איז איז משך פון אַ פּאָר צענדליק יאָר דערשינען אין פיר אויפלאַגעס (באַזעל, 1525, 1523, 1537 און 1545).

חוץ די דאָזיקע צוויי טעמים, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אליה בחורן, איז געווען נאָך אַ מאָטיוו, וואָס האָט מיך אַהין געפירט. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אין דער דאָרטיקער פּראָטעסטאַנטישער ניקאָלאַוס־קירכע געפינט זיך אַ זעלטענע ביבליאָטעק, וואָס איז אַלט שיינע עטלעכע יאָרהונדערטער און ווו עס געפינען זיך ביז 200 אינקונאַבעלן (ווערק, געדרוקטע ביזן יאָר 1500), אַ טויזנט ביכער געדרוקטע אין 16טן יאָרהונדערט און אַ גרויסע צאָל כתב־ידן. אין אַזאַ אוצר קאָן מען עפּעס געפינען...

געפאָרן בין איך אַהין מיט אמתער האַרצקלאַפּעניש — צי וועט נישט זיין אומזיסט מיין נסיעה — אומזיסט אין פּרט פון אויסגעפינען דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט. ווייל איזני געהערט צו יענע מקומות, ווו עס זענען פאַראַן זייער נישטיקע שפּורן אין די אַרכיוון וועגן אַ יידישן ישוב דאָרטן. עס איז מיר נאָר געלונגען אויסצוגעפינען, אַז אין דער ליסטע פון די יידישע קהילות, וואָס האָבן געצאָלט שטייערן דער מלוכה (אַזויגערופענע „רייכסשטויער־ליסטע"), פיגורירט אויך איזני, מיט דער דאַטע פון 1טן סעפּטעמבער 1401. ווייטער זענען אין ערגעץ נישטאָ קיין שום סימנים וועגן דעם יידישן לעבן אין דעם דאָזיקן אָרט. עס איז זייער אַ גרויסער ספק, צי בעת אליה בחור איז געווען אין איזני, איז דאָרטן געווען אַ יידישער ישוב אָדער קהילה. די פאַרצייכעניש אין דער שטייערן־ליסטע איז מיט 150 יאָר פריִער איידער ער איז אַהין אָנגעקומען.

טאָ גיי זוך „שפּורן", אַז דעם ערשטן פאָדים צו דעם יידישן געשיכטע־קנייַלכעל פון איזני קען מען נישט אָנכאַפּן.

נישט דאָ איז דער פּלאַץ צו דערציילן וועגן דעם „צופאַל" (די געגנזנפיסלעך זענען דאָ גראָד נישט קיין צופאַל), וואָס האָט מיך געבראַכט צום וווּנדערבאַרן מיטלאַלטערלעכן שטעטל איזני. עס האָט די נסיעה געלוינט — מיט פולע הויפנס האָב איך געשעפּט פון דעם, וואָס איך האָב געוואָלט געפונען און פון דעם, וואָס עס האָט זיך מיר גאָרנישט געחלומט צו אַנטפּלעקן.

ווילט זיך טאַקע אַביסל דערציילן, סיי וועגן אליה בחורן, סיי וועגן דער דרוקעריי אין איזני און וועגן די געפונענע דאָרטן שפּורן פון אונדזערע יאָרהונדערטער.

***

וועגן אליה בחורן איז שוין פאַראַן אַ היפּשע ביאָ־ביבליאָגראַפישע ליטעראַטור. די עלטערע איז בעיקר אין דייטש און אַביסל אין העברעיִש. די לעצטע

פּאָר צענדליק יאָר, ווען ס'איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די ייִדיש־פֿאָרשונג, איז אליה בחור, ווי איינער פון די ייִדיש־פּיאָנערן, געוואָרן אַריינגענומען אין די דאָזיקע אַרבעטן (מ. ווײַנרײַך, מ. עריק, י. צינבערג, נ. שטיף, נ. פּרילוצקי א״אַנד.) אין די גאָר לעצטע יאָרן טאַקע בשייכות מיטן 400סטן יאָרצײַט פון אליה בחור, זענען דערשינען די אַרבעטן פון ד״ר י. שאַצקי, יודא א. יאָפע און נ. ב. מינקאָוו. עס האָבן וועגן אים געשריבן זייער פיל נישט־ייִדישע פאָרשערס.

אָבער כמעט אַלע (פון די ייִדן טאַקע אַלע), וואָס האָבן געשריבן וועגן אליה בחור, זענען אין איזני נישט געווען. און דעריבער בין איך געווען איבערגליקלעך, ווען איך האָב מיט יוסף אָפּאַטאָשון ע״ה, בעת זײַן באַזוך אין בוענאָס־איירעס, געקאָנט זיך טיילן מיט זייער וויכטיקע פּרטים וועגן דעם, וואָס איך האָב אין איזני געפונען און וואָס עס איז ביז היינט פון א. בחורס ביאָגראַפן און אָפּשאַצערס נישט אַרויסגעהויבן געוואָרן.

אין זײַנע שאַפונגען האָט א. בחור זיך פאַראייביקט מיט אַ לאַנגער רשימה נעמען. ער פלעגט זיך אונטערשרײַבן אליה בר' אשר הלוי; אָפּטמאָל אויך אשכנזי און אויף לאַטייניש זיך אָנגערופן גערמאַנוס; אין די ביאָ־ביבליאָגראַפישע לעקסיקאָנען און ענציקלאָפּעדיעס איז ער אליה לעוויטאַ; איז באַזונדער פּאָפּולער ווי אליה בחור. טיילמאָל רופט מען אים אליה תשבי און אויך אליה מדקדק. טייל פון די דאָזיקע נעמען זענען פאַרבונדן מיט זײַנע חיבורים.

די ידיעות, וואָס זײַנע ביאָגראַפן האָבן צונויפגעקליבן, ווײַזן אויף אַן אומגעהויערן שטורמישן, אינטענסיוון, אָפּטמאָל אַפילו אַוואַנטוריסטישן לעבן, און אין דער זעלבער צײַט ווייס מען אויך, אַז דאָס איז געווען אַ שווער געמאַטערט לעבן, פול מיט דחקות און פאַרשידענע פּלאָגן.

***

אליה בחור איז געבאָרן געוואָרן אין 1468 (לויט אַן אַנדער סברא — אין 1469) אין אַ דאָרף, איפּשהיים, ביים טייך אייש, נישט ווייט פון נירנבערג. איך בין אין דאָזיקן וווּנדערבאַרן פראַנקישן דערפל געווען, געזוכט אין די אָרטיקע כראָניקעס, ווי אויך אין נײַ־שטאָט, וואָס איז בשכנות, און לײַדער גאָרנישט געקענט געפינען.

ער איז געווען דער ייִנגסטער פון נײַן זין ביי זײַנע עלטערן, אַ משפחה פון לומדים און גרויסן יחוס.

אין יאָר 1496 געפינט זיך שוין אליה הלוי אין ווענעדיק. ווי אַזוי ער איז אַהין פאַרוואָרפן געוואָרן, איז נישט אינגאַנצן קלאָר. מען נעמט־אָן, אַז די כוואַליע פון רדיפות און גזירות, וואָס האָט פאַרפלייצט אין יענער צײַט דײַטשלאַנד, איז געווען די סיבה. עס איז באַקאַנט, אַז דאַן זענען טאַקע אַ סך דײַטשע ייִדן, גאַנצע

קהילות, געלאָפן פון דייטשלאַנד און געזוכט אַ מקלט אין איטאַליע. אַ צווייטע סיבה איז, משמעות, געווען זיין דורשט נאָך וויסן. אין יענער צייט איז איטאַליע בכלל און ווענעדיג בפרט געווען אַ צענטער פון יידישער וויסנשאַפט.

אין יאָר 1504 לעבט ער שוין אין פּאַדואַ, וווּ ער פאַרנעמט זיך מיט מלמדות, מיט לערנען העברעיִש סיי קריסטן, סיי יידן. עס איז דאַן געווען אין דער מאָדע, אַז די נישט־יידישע אַריסטאָקראַטן (נישט דווקא טעאָלאָגן) האָבן געלערנט תנ״ך און העברעיִש.

אין 1509 מוז ער, אין שייכות מיט די דעמאָלטיקע מלחמה־געשעענישן, פאַרלאָזן פּאַדואַ און קומען צוריק קיין ווענעדיג, וווּ ער לעבט אַ געמאַטערט לעבן פון אַ פּליט.

זיין נאָמען ווי אַ גוטער העברעיִסט איז שוין זייער שטאַרק באַרימט געווען און ער ווערט פאַרבעטן קיין רוים, צום גענעראַל פון קאַטוילישן אָרדן עדזשידיא דע וויטערביא (שפּעטער געווען רוימישער קאַרדינאַל) צו לערנען אים העברעיִש. 12 יאָר האָט אליה בחור געוווינט אין רוים אין פּאַלאַץ פון קאַרדינאַל, מיט וועמען ער האָט געלערנט תנ״ך, העברעיִש, דיקדוק און אַפילו קבלה. אין קאַרדינאַלס הויז האָט ער טאַקע איבערגעשריבן אַ ריי פּירושים אויפן קבלה־ווערק „ספר יצירה״. דער דאָזיקער כתב־יד, העכער 1,200 בלעטער, געפינט זיך עד־היום אין בריטישן מוזיי.

לאַנג איז אים אָבער נישט געווען באַשערט צו לעבן רויִק. דער מלחמה־שטורעם פון 1524 צווינגט אים צו פאַרלאָזן רוים. ווידער איז ער נע־ונד פון שטאָט צו שטאָט; אָבער אויך אין זיין וואָגל־וועג פאַרנעמט ער זיך מיט זיינע פאָרשונגען.

אין יאָר 1529 דערשיינט אין פּעזאַראָ (אין דער באַרימטער סאָנטשינאָ־דרוקעריי) זיין „פּרקי אליהו״. אין דער דאָזיקער דרוקעריי אַרבעט ער אַ שטיקל צייט ווי אַ קאָרעקטאָר.

אַ טייל פון דער רבנישער פּרומער וועלט האָט געקוקט קרום אויף אליה בחור פאַר זיין חברן זיך מיט די קריסטלעכע גייסטלעכע און נאָך דערצו פאַר זיין לערנען זיי די הייליקע שפּראַך און זיי אַנטדעקן די סודות פון קבלה. מען האָט אים אַפילו חושד געווען, אַז ער איז אַ ביסל געכאַפּט אין דער מעשה און האָט אַ נייגונג צום קריסטנטום. ער איז קעגן דעם שאַרף אַרויסגעטראָטן און דאָס געשטעמפּלט ווי רכילות.

דער וויכטערדיקער פאַקט ווייזט אליה בחורס באַציִונג צו יידן און יידישקייט. געפינענדיק זיך, בעת זיינע וואַנדערונגען, אין גרויסער נויט האָט זיינער אַ תלמיד, דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדאָר אין ווענעדיג, זשאָרזש דע סעלוו, גע־פּועלט ביים פראַנצויזישן אוניווערזיטעט, אַז אליה בחור זאָל אָהין פאַרבעטן ווערן ווי אַ פּראָפעסאָר פאַר דער העברעיִשער קאַטעדרע. נישט געקוקט אויף

זײַן שווערן מצב האָט ער דעם דאָזיקן, זײַער לאָקנדיקן פֿאָרשלאָג נישט אָנגענומען. זײַן תשובה איז געווען:

„...אין אַ לאַנד, ווו מײַנע ברידער, די ייִדן, האָבן נישט קיין רעכט צו ווױנען (ייִדן זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿון דאָרט אין יאָר 1394), וויל איך נישט זײַן קיין פּראָפֿעסאָר״.

ער האָט אויסגעקליבן דאָס געדריקטע לעבן פֿון אַ קאָרעקטאָר, פּריער אין דער סאָנטשינאָ־דרוקערײַ און שפּעטער אין דער באַרימטער דניאל בראָמבערגישער דרוקערײַ אין ווענעדיג.

די בראָמבערג־דרוקערײַ האָט זיך פֿאַרמאַכט, און אין יאָר 1540, ווען אליה בחור איז שוין געווען אַ זקן פֿון 70 יאָר, איז ער ווידעראַמאָל אַרבעטלאָז.

איינער פֿון זײַנע פֿאַרערער, דער גלח פּאַולוס פֿאַגיוס, פֿאַרבעט אים צו קומען אין איזני, ווו ער זאָל אָנפֿירן מיט דער העברעיִשער דרוקערײַ, וואָס ער, דער גלח, האָט דאָרטן געגרינדעט.

נאָכאַמאָל איז אליה בחור געקומען קיין דײַטשלאַנד.

**
*

און אָט בין איך אין איזני. דרײַ מאָל האָב איך באַזוכט דאָס דאָזיקע אַלגאָווער שטעטל. שעהן־לאַנג זיץ איך אין דער ביבליאָטעק פֿון דער מערקווירדיקער ני־קאָלאַוס־קירכע און מיש די הונדערטער אינקונאַבעלן; באַוווּנדער די כּתבֿ־ידן; צווישן דעם רײַכן ביכער־פֿאָנד פֿון דער ביבליאָטעק — אַ היפּשע צאָל העבראַיִקאַ און טאַקע כּמעט אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך געדרוקט אין איזני (עס פֿעלט דער „בבא־בוך״).

מיט דער דאָזיקער ביבליאָטעק פֿירט־אָן אַן אַלטער פּראָטעסטאַנטישער גײַסטלעכער, עמנואל קאַמערער, אַ זקן, וועמעס ציל ס׳איז די ביבליאָטעק און זײַן לעבנסווערק איז צו שרײַבן אַ ביאָגראַפֿיע פֿון פּאַולוס פֿאַגיוס. דעם דאָזיקן אַלטשיטשקן (אין 1951 האָט ער געפֿײַערט זײַן 90־יאָריקן געבורטסטאָג און 50־יאָריקע טעטיקייט אין דער קירכע), איז טאַקע צו פֿאַרדאַנקען, וואָס אַ רײַ פּרטים, זײַער וויכטיקע, צו דער געשיכטע פֿון דער העברעיִשער דרוקערײַ אין איזני זענען אויפֿגעקלערט געוואָרן.

קאַמערער האָט צונויפֿגעקליבן אַלע מעגלעכע דאָקומענטן וועגן פּאַול פֿאַגיוס און דאָרטן זענען אויפֿגעדעקט געוואָרן אַן אַ שיעור רעטענישן, אומקלאָרקייטן סײַ וועגן דער דרוקערײַ, סײַ וועגן אליה בחורן.

אָט איז אַ חשבון פֿון דעם קריסטלעכן מעצענאַט פּעטער בופֿלער פֿון דער סומע, וואָס ער האָט געשענקט, כּדי צו גרינדן די דרוקערײַ. עס ליגן די ליסטעס

פון די ערשטע זעצער און דרוקער (נישט־יידן). עס ווערט אויפגעקלערט דער זין פון דעם עמבלעם פון דער איזניר דרוקעריי, אַן עניָן, וואָס פאַרשער האָבן זיך ביז איצט דעם קאָפּ געבראָכן כדי דאָס אויפצוקלערן.

דער פירמע־סימן פון דער דרוקעריי איז געווען אַ צייכענונג, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן אַלגאָרישער לאַנדשאַפט, מיט בערגלעך און אינמיטן אַ שיינער בוים. ביים שטאַם פון בוים שטייט אַ שטאָרך און האַלט אין מויל אַ פראָש. ביי ביידע זייטן פון דער צייכענונג געפינט זיך אַן אויפשריפט אין העברעיִש און לאַטיין. דער אינהאַלט איז: „כל אילן טוב נושא פרי טוב". דאָס מיינט: יעדער גוטער בוים ברענגט גוטע פרוכטן.

מען האָט געזוכט אַן אויסטייטשונג צו דעם דאָזיקן קאָמפּליצירטן עמבלעם — וואָס מיינט דער בוים? וואָס וויל זאָגן די אויפשריפט? וואָס טוט דאָ דער שטאָרך, וואָס פרעסט דעם פראָש?

דער עמבלעם פון דער דרוקעריי אין איסני. דער בוים באַדייט דעם פריערדיקן נאָמען פון פאגויס בוכלין, וואָס מיינט אַזאַ בוים. דער פייגל ביים בוים, וואָס כאַפּט אַ פראש, באַדייט דעם נאָמען פון ערשטן איסנער דרוקער פראָשעסער.

און אָט האָבן די דאָקומענטן, מיט וועלכע איך האָב זיך באַשעפטיקט, אויפגעדעקט די דאָזיקע רעטעניש. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז פאַגיוסעס ריכטיקער נאָמען איז געווען בוכלין, דער נאָמען פון אַזאַ בוים; עס איז דאַן געווען די מאָדע צו טוישן די נעמען אויף לאַטייניש. און במילא איז קלאָר, אַז פאַגיוס, וואָס איז דער נאָמען פון בוים אויף לאַטיין, האָט אויפן עמבלעם פון זיין דרוקעריי אַוועקגעשטעלט אַ בוים, און דאָס קלערט אויך אויף דעם זין פון דער אויפשריפט — וועגן גוטן בוים. און ווייטער געפינט זיך אין די אַרכיוו־מאַטעריאַלן, אַז דער

ערשטער דרוקער האָט געהייסן פראָשעסער — איז דאָך פאַרשטענדלעך, אַז דער דאָזיקער ערשטער דרוקער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זיין פאַראייביקט אין דעם פירמע־סימן. שטייט טאַקע אַ שטאָרך, וואָס פרעסט אַ פראָש. און אין די פריוואַטע בריוו פון פאַגיוסן (פון זיין אַרכיוו, וואָס געפינט זיך אין שטראַסבורג) זענען צווישן אַנד. אויך פאַראַן זיינע קאָרעספּאָנדענציעס פון דער צייט, וואָס ער האָט אָראָפּגענומען אליה בחורן אין איזני. ליידער זענען די רעפּערטאָריומס נישט געגנוג פּרטימדיק וועגן אינהאַלט פון די באַזונדערע בריוו. עס רעדט זיך וועגן דער דרוקעריי. בכלל האָט דאָרטן געאַרבעט נישט נאָר אליה בחור, נאָר אויך זיינע אייניקלעך.

די באַציִונגען צווישן אליה בחור און פאַגיוסן זענען געווען מער ווי פריינטלעכע — זיי האָבן איינער דעם צווייטן ממש פאַרגעטערט. זיי פלעגן איינער דעם אַנדערן קעגנזייטיק ווידמען זייערע ווערק.

זייער אינטערעסאַנט איז אליה בחורס אַ זאַץ אין זיין הקדמה צום „תשבי״. דערציילנדיק, ווי ער איז געקומען פון איטאַליע קיין איזני, דריקט ער זיך אויס



די אַלטע שוץ־מויער אין איסני, אין הויז פאַרן טורעם רעכטס, זאָל זיך (ווי ס׳גייט איבער די אָרטיקע מסורה) האָבן געפונען די דרוקעריי וווּ אליה בחור האָט געאַרבעט.

וועגן פּאַולוס פאַגיוסן אָט־אַזוי: „מפּאַולוס עד פּאַולוס לא קם כפּאַולוס״ — געמיינט: פון פּאַולוס דעם אַפּאָסטאָל ביז פּאַולוס פאַגיוסן איז נאָך אַזאַ פּאַולוס נישט געווען. עס איז אַן איבערפראַזירונג פון „ממשה עד משה לא קם כמשה״ (פון משה רבינו ביז משה בן מימון).

מען האָט מיר אויך אָנגעוויזן דאָס הויז, וווּ די דרוקעריי זאָל האָבן געווען. טאַקע אין די געביידעס פון דעם דערמאָנטן מעצענאַט בופלער. דער זעלבער האָט געהאַט אַ דרוק, וווּ מען פלעגט פאַרבן שטאָפן (אין אלגאַו בכלל, און אין איזני בפרט, איז געווען פאַרשפּרייט די פּראָדוקציע פון פלאַקס און די אויסאַרבעטונג פון לײַן־שטאָפן).

די דרוקעריי האָט זיך געהאַלטן ביז אומגעפער 1544. פאַגיוס איז אַריבערגעפאָרן פריִער אין קאָנסטאַנץ און נאָכדעם אין שטראַסבורג, וווּ ער האָט אָנגענומען אַ פּראָפעסאָרן־שטעלע. אליה בחור האָט זיך אומגעקערט אהיים — „צו שטאַרבן בײַ מײַן ליבער פרוי״... ווי ער שרייבט אין זײַן הקדמה צו דעם „מתרגמן״.

ער איז געשטאָרבן אין ווענעדיג אין יאָר 1549.

***

אַלע זענען איינשטימיק, אַז אליה בחור געהערט צו די גרינדער פון דער מאָדערנער שול פון דער העברעיִשער גראַמאַטיק. ער איז פון אונדזערע ערשטע און געצײלטע לעקסיקאָלאָגן און שפּראַך־פאָרשער. דערבײַ האָט ער געהאַט אַ גרויס געפיל פאַר דיכטונג און געקענט פרעמדע שפּראַכן און דער עיקר ער איז איינער פון די פּיאָנערן פון דער ייִדיש־ליטעראַטור, און טאַקע פון דעם וועלטלעכן סעקטאָר.

און דאָס שטעטל איזני, וווּ דאָס „בבא־בוך״ איז געדרוקט געוואָרן, איז טאַקע דאָס וויגעלע פון דעם ערשטן וועלטלעכן בוך אויף ייִדיש.

די געשיכטע פון דעם „בבא־בוך״ איז זייער אַ מערקווירדיקע. אין משך פון יאָרהונדערטער איז דער דאָזיקער אַלט־ייִדישער ראָמאַן שטאַרק באַליבט געווען בײַ דעם ייִדישן עולם. זײַן פריִערדיקער נאָמען „בבא־בוך״ איז איבערגעאַנדערשט געוואָרן אויף „בבא־מעשה״ (פון דאַנען טאַקע שטאַמט דאָס ווערטל „עס איז אַ באָבע־מעשה״, וואָס דער עולם מיינט, אַז דאָס האָט אַ שייכות צו די מעשׂיות, וואָס די באָבע דערציילט).

ביז 1931 איז געווען באַקאַנט, אַז די עלטסטע אויסגאַבע פון דאָזיקן ראָמאַן איז פון יאָר 1660 פון פּראָג און אַ ווייטערדיקע איז געווען באַוווּסט פון אַמסטערדאַם פון יאָר 1661.

אין יאָר 1931 האָט ד״ר מאַקס ווײַנרייך, אין דער ציריכער „צענטראַל־

ביבליאָטעק", אַנטדעקט די ערשטע אויסגאַבע, וואָס איז געדרוקט אין איזני אין יאָר 1541. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע אויסגאַבע האָט גאָר גע־טראָגן דעם נאָמען „בבא דאַנטונא", אַזוי ווי דער איטאַליענישער טיטל פון דעם ריטער־ראָמאַן, וואָס אליה בחור האָט פאַרייִדישט.

פאַר דער פּאָפּולאַריטעט פון דאָזיקן אַלט־ייִדישן ראָמאַן, איינעם פון די ערשטע ליטעראַטור־ און שפּראַך־דאָקומענטן פון וועלטלעכן אינהאַלט ביי ייִדן, זאָגט עדות די גרויסע צאָל אויפלאַגעס, וואָס זענען ביז היינט באַקאַנט געוואָרן. נאָך דער ערשטער איזניר־אויסגאַבע פון 1541, קומען די דערמאָנטע פּראָגער (1661) און שפּעטער: פראַנקפורט־מאַין 1691, ווילהעלמסדאָרף 1728, פּראָג 1767. אין 19טן יאָרהונדערט ווערט שוין פון דעם געגראַמטן „בבא־בוך" אַ פּראָזאַיש ווערק — די „בבא־מעשה", וועלכער ווערט נאָך אין דעם היינטיקן יאָרהונדערט איבערגעדרוקט פאַר די מאָדערנע, היינטצייטיקע לייענער. בסך־הכל האָט דער „בבא־בוך" אין זיינע פאַרשידענע וואַריאַציעס געהאַט ביז פערציק (!) אויפלאַגעס.

נישט דאָ איז דאָס אָרט פאַר אַ פּרטימדיקער ליטעראַריש־שפּראַכלעכער אָפּ־האַנדלונג פון דעם „בבא־דאנטונא", וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין דעם אידילישן אלגאוער שטעטל איזני.


בבא דאנטונא
היישט דש בוך איין הופש ג׳
טרעכט · און קענט וואל
אליה בחורש ג׳
מעכט :
איז ווארדן
גדרוקט
צו
אייזנה אין דער שטאט · אונ׳
אליה המחבר איז גלייך
דש פרט :

שער־בלאַט פון דעם בבא־בוך געדרוקט אין איסני אין יאָר ש"א (1541). דאָס שער־בלאַט לייענט זיך:

בבא דאַנטונאָ

היישט דש בוך איין הופש גיטרעכט. און קענט וואל אליה בחורש גימעכט: איז וואַרדן גידרוקט צו אייזנה אין דער שטאַט, אונ׳ אליה המחבר איז גלייך דש פרט:

דער בבא־בוך פאַרענדיקט זיך מיטן צושריפט:

גידרוקט צו אייזנה דש יאָר מן צילט
דריי הונדערט און איינש: סליק

איך קאָן נאָר רעקאָמענדירן צו באַקענען זיך מיטן ווערק פון יודא א. יאפע, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ פולע רעפּראָדוקציע פון דער ערשטער איזניר־אויסגאַבע, ניו־יאָרק, 1949, ווו עס זענען פאַראַן אַלע 650 אַכטשורהדיקע געראַמטע סטראָפעס, מיט אַ פּראָלאָג און אַן עפּילאָג — צוזאַמען 5.262 שורות. יודא א. יאפע האָט נאָך דערצו געגעבן אַ וויסנשאַפטלעכן אַריינפיר. חוץ לזה די אַרבעט פון נ. ב. מינקאָוו: „אליהו בחור און זיין בבא־בוך" (ניו־יאָרק, 1950) און די מאָנאָגראַפיע פון ד"ר י. שאַצקי: „אליה בחור — 400 יאָר נאָך זיין טויט" (ב. איירעס, אויסגאַבע פון אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, 1949).


Die fünff bücher Mosis sampt
dem Hohen lied Salomonis/ Ruth/ Clag lied Hieremie/ Prediger Salomonis/ vnd Esther. Auch der Juden Euangelien / die sie Haphtaroth nennen vnd all Sabbath in iren Schülē lesen/ auß Hebraischer sprach nach Jüdischer art von wort zü wort ins Teutsch verdolmetschet/ vnd mit Hebraischer schrifft/ deren sich die Juden in irem Teutsch schreiben gemainlich gebrauchen/ gedruckt/ nit on sondere vrsach beschehen/ wie man findt in der Vorrede
Gedruckt zü Costentz Anno M. D. XLiiij.


פירוש
המלות על דרך
הפשט לד' סימנים
ספר בראשית על ידי
פאוולוש באגיוש

ID EST, EXEGESIS SIVE EXPOSITIO DICTIONVM HEBRAIcarum literalis & simplex, in quatuor capita Geneseos, pro studiosis linguæ hebraicæ: per PAVLVM FAGIVM.

ISNAE MENSE AVGVSTO ANNO. M. D. XLII.

צוויי שער־בלעטער פון ביכער מיט דעדיקאַציעס פון פאולוס פאגיוס אין העברעיש.

איבן די חומש איבערזעצונג אין יידיש (דער שער איז נאָר אין דייטש) געדרוקט אין קאָנסטאַנץ אין יאָר 1543 טאַקע פון פאגיוסן, ווהין ער האָט אַריבערגעפירט זיין דרוקעריי פון איסני.

אונטן פאגיוסעס פּירוש אויף דעם בראשית. געדרוקט אין איסני אין יאָר 1542.

ביידע דעדיקאַציעס זענען פאַר דעם קריסטלעכן פריידיקער אַמבראָזיא פלאַריאַ.

די אייבערשטע דעדיקאַציע לייענט זיך:

מתן הוא שנתן פאולוש באגיוש לאדנו הנכבד אמברוזיו בלאוריא שי(חיה).

די אונטערשטע דעדיקאַציע:

לאדני הדרשן הגדול איש אשר רוח אלהים בו אמברוזיו בלאוריא י"ק (ישמרהו קונו) ממני אגוליו באגיו.

עס איז אינטערעסאַנט דער אויסדרוק מתן און נישט מתנה ווי מ'נוצט אין העברעיש.

אומבאַקאַנטע פּראָגער „סליחות“

נאָר אַ גליקלעכער צופאַל האָט געפירט צו געפינען אַ זעלטענע „סליחות“, וואָס איז גאָרנישט געווען באַקאַנט אין אונדזער ביבליאָגראַפיע.

איידער מיר קומען צו דער סיפור־המעשה — אַ פּאָר ווערטער וועגן די „סליחות“ גופא.

דער אויסדרוק נעמט זיך פון וואָרט „סליחה“, וואָס מיינט פאַרגעבונג, מחילה. די תפילות וואָס מען האָט אונטער דעם באַגריף אָנגענומען זענען סיי געבעטן, סיי ווידויים, סיי עלעגיעס, סיי לויב־געזאַנגען מיט טרויער געמישט און אָפטמאָל אַלץ צוזאַמען.

זענען די „סליחות“ געבעטן פאַר טרויער־טעג און תשובה־צייט. אין די הונדערטער זענען זיי פאַראַן די דאָזיקע טרויער־ און געבעט־תפילות אויף די תשובה־טעג און אויף צער־טעג. גאָר אַלט זענען דאַטירט די ערשטע „סליחות“. און אין משך פון דורות און תקופות, ווי די גזירות זענען געוואַקסן, זענען אַלץ מער און מער אַזעלכע פּיוטים, קלאָג־לידער, אויפגעקומען.

היות יעדע שטאָט, יעדע געגנט, יעדע מדינה האָט געהאַט אירע גזירות צו באַוויינען, זענען געשאַפן געוואָרן לאָקאַלע אָדער רעגיאָנעלע „סליחות“. און אויך אָרטיקע מנהגים וועגן זיי, ווען און ווו זיי ווערן געזאָגט. אָפּהענגיק פון דער דאַטע פון דער גזירה אין געגעבענעם אָרט.

עס זענען דאָ „סליחות“ פאַר „ילדים קטנים“, וואָס זענען געדרוקט געווען אין פראַנקפורט־אַם־מאַין אין יאָר תנ״ה (מיט העכער 350 יאָר צוריק); און פאַראַן „סליחות“ כדי איינצוהאַלטן רעגנס (געדרוקט אין פּראָג אין יאָר תצ״ה). דאָס רוב סליחות זענען אָבער אויף חורבנות און גזירות. און טאַקע דאָ איז די שפע אַן אויסערגעוויינלעכע — „סליחות“ אויף די גזירות ת״ח און ת״ט פון בעל הש״ך (צום ערשטן מאָל געדרוקט אין אַמשטערדאַם, 3 יאָר נאָך די גזירות, אין יאָר תי״א, מיט 304 יאָר צוריק); „סליחות“ נאָך די ריזשנאָיער קדושים און „סליחות“ נאָך די אוקראַינער גזירות.

ס׳זענען פאַראַן „סליחות“ אין צענדליקער נוסחאות און מנהגים: מנהג

אשכנז; מנהג בית־הכנסת הישנה בפראָג; מנהג טורקיא; מנהג ליטע; מנהג רייסן, זאַמוט; מנהג נורנבערג ופיורדא; מנהג פוזנא; מנהג פוזנא והוראָדני; מנהג פוילן גדול וקטן ורייסין ומעהרין; מנהג פוילן קטן, וואָלין ורייסין; מנהג פיהם, מערין, שלעזיען ואוסטרייך; און עס זענען נאָך פאַראַן „סליחות" פון איינציקע שטעט, ווי: פראַנקפורט דמיין, קלוניא, רומא, און לסוף „סליחות" צו זאָגן פאַרן כותל־מערבי.

יעדע פון די דאָזיקע נוסחאות זענען אַרויס אין אַ סך אויפלאַגעס. עס איז פאַראַן אַ גאַר רייכע ליטעראַטור וועגן אונדזער פיוט בכלל און וועגן די „סליחות" בפרט, סיי וועגן זייערע מחברים, סיי וועגן דער פּאָעטישער פאָרעם זייערע, מעטריק, ריטם, שפּראַך און סטיל, בוי פון די סטראָפעס — לויט דעם פשוטן אלף־בית אָדער גאָר מיטן סיסטעם פון תשר"ק — דעם אלף־בית אויף צוריק. וועגן אופן ווי די מחברים האָבן פאַראייביקט זייערע נעמען אין די דאָזיקע פיוטים. גאָר ברייט איז אויך די פאָרשונג פון די פאַרשידענע דרוק־אויסגאַבעס פון די „סליחות".

וואָלט מען דאָך געמיינט, אַז מיר האָבן אַלץ אויסגעפאָרשט, אַז מיר ווייסן שוין אַלץ וועגן די „סליחות", ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז נישט. און דאָ קומען מיר צום ענין.

אין יאָר 1951, אין חודש אויגוסט, בין איך געווען אין נידערזאַקסן, ווו איך האָב געדאַרפט אויסגעפינען אין אַ רייע שטעט שיריים פון געוועזענע גרויסע יידישע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן דאָרטן עקזיסטירט. מיין „צענטראַלער שטאַב" איז געווען אין ברוינשווייג און איך בין כסדר „אָפּגעשפּרונגען" אין די פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, בעיקר אָבער אין וואָלפנבייטל און זעעסן. איך האָב דערביי דורכגעקוקט די ברוינשווייגער ביבליאָטעק, די שטאָטישע אַרכיוון און מוזייען.

אין איינעם אַ טאָג האָט מיר דער דירעקטאָר פון דער שטאָטישער ביבליאָטעק צוגעגרייט אויף מיין אַרבעט־טיש אַ שטויס מיט „העבראַיקאַ", מיט ספרים אין העברעיש, וואָס עס האָט זיך געפונען, ווי ער דערציילט מיר, אין אַן עזבון פון אַ נידערזאַקסישן גראַף און וואָס זענען ביז איצט נישט קאַטאַלאָגירט, ווייל קיינער קאָן דאָ די העברעיִשע טיטלען נישט פאַנאַנדערשיפרירן.

עטלעכע צענדליק אַלטע פראַגער דרוקן, ווילהעלמשדאָרפער, און אַנדערע אַלטענע אויסגאַבעס האָב איך פאַר מיר געהאַט. צווישן זיי אַ „סליחות" פון דער פראַגער דרוקעריי פון די בני גרשום. דער דרוק, די באַפּוצונגען, די וויניעטעס, דער שער, די אותיות, אַלץ האָט צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט און איך האָב פון דעם דאָזיקן עקזעמפּליאַר געלאָזט פאָטאָקאָפּירן די וויכטיקסטע טיילן.

איך האָב דאַן נישט געהאַט אונטערן האַנט קיין שום ביבליאָגראַפישע הילף־

ווערק און נישט געקענט פעסטשטעלן, צי די דאָזיקע אויסגאַבע איז ערגעץ־ווו שוין פאַרצייכנט.

ערשט שפּעטער, נאָכקאָנטראָלירנדיק די פּראָגער דרוק־פּראָדוקציעס, איז אַרויסגעקומען, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַן אוניקום, אין ערגעץ איז די דאָזיקע אויסגאַבע פון די „סליחות" נישט דערמאָנט.

אַ זעלטענע אויסגאַבע, אין וועלכער עס זענען אויפגעקליבן 170 „סליחות" כמנהג: בעהמען, מעהרען, שלעזיען און עסטרייך. עס איז איינע פון די ערשטע אויסגאַבעס פון דעם מין. עס איז פון יאָר שי"א (1451). פּונקט מיט 400 יאָר צוריק; שפּעטער איז עס געקומען צו מיר אין האַנט אַריין.

עס איז געדרוקט געוואָרן אין דער דרוקעריי פון די בני גרשום, וועמענס דרוקעריי איז אין פּראָג פאַרלייגט געוואָרן אין יאָר 1512. דאָ איז אין יאָר 1526 געדרוקט געוואָרן איינע פון די ערשטע אילוסטרירטע הגדות, וואָס איז נאָכדעם דורך דער סאָנטשינאָ־געזעלשאַפט דערשינען ווי אַ רעפּראָדוקציע. די זעלבע באַצירטע אותיות פון דער הגדה באַשיינען אויך די „סליחות".

איך האָב נאָכקאָנטראָלירט ב. פרידבערגס „געשיכטע פון די העברעישע

שער־בלאַט און אָנהייב־בלאַט פון די פּראַגער סליחות פון יאָר אי"ש (1551). דער אונטערשטער טייל פון אָנהייב־בלאַט שטעלט מיט זיך פאָר די סצענע פון שלמה המלכס משפּט.

טיפּאָגראַפיעס אין די מיטל־אייראָפּעיִשע שטעט,״ ווו עס איז פאַראַן אַ ספּעציע־לער קאַפּיטל וועגן דער דאָרטיקער דרוקעריי פון די בני גרשום אין פּראַג. די דאָזיקע „סליחות״ זענען דאָרטן נישטאָ.

איך האָב נאָכדעם אָנגעפרעגט דעם מומחה פון ייִדישע פּיוט־אויסגאַבעס, מ. ה. האַבערמאַן, דעם ביבליאָטעקאַר פון דער וועלט־באַרימטער שאָקען־ביב־ליאָטעק פון זעלטנהייטן אין ישראל און מחבר פון וואָגיקע שטודיעס וועגן פּיוט. איך האָב אים צוגעשיקט אַ רייע רעפּראָדוקציעס פון די „סליחות״ און ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז די ייִדישע ביבליאָגראַפיע האָט עד־היום די דאָזיקע ווונדער־באַרע אויסגאַבע נישט געקענט.

אַ צופאַל האָט געבראַכט צום אַנטדעקן די דאָזיקע זעלטענע „סליחות״. וויפל נאָך ייִדישע שאַפונגען זענען אַלץ באַהאַלטן אין די קעלערן, קאַסטנס און סייפן פון פאַרשידענע שררות?...

זאָל דעריבער דער דאָזיקער עקזעמפּליאַר באַקומען אויף דעם אופן זיין תיקון צווישן די נישט־דערבערענטע שייטן.

אנא אדני קסט אבדו וחבמי קע סליחן
תם ונשלם הסליחות על הסדר הנוהגות בק״ק פראג בבית
הכנסת חדשה ובשאר קהילות קדושות יושבי ביהמי
מערהרן שלעזיא ואושטרייך

שבח והודיה לאשר בידו מקדרן הרוחות
הכהנים מצמצרים בלוחות
וידיהם פרושות ושטוחות
הקהל לשונו ידבר צחות
וידיו מהוחות
וחרפס עיניהם פקוחות
ולהצילם מבורות ושוחות
הבקשות והסליחות
שיחות
ברוך יהיה בשלם בלי מטחות
בשאוהיות ואברך לקוחות
שפע הטובות והצלחות
ויגהלם על פי מנוחות
ורבנות ושמחות
השבי להכיר אנחות
פרזה ורוחות

אשר העיר וחזהאודם
ותמיר לא עיניהם
הבכר מרדכי ראש
ואחריו משה נר״ב לב
אשר תמיר במלאכת
להצדיק בן הרבים
השלימו כל יתר
אשר בם לפני ה׳ נשפך
בפרסת ואברב ה׳ גם
ופרט קטין בהזכו
ובפל הברכה לדבר
לבדקקיב הזוכרים
עם כל ישראל בשירות
ויצמיח קרן לדוד וימהר
וימצאבם ישועות

מרדכי בר גרשם הכהן ז״צל
משה בר גרשם הכהן ז״צל

לעצטע בלאַט „דער קאָלאָפאָן״ פון די פּראַגער סליחות.

די טאַנהאַוזענער „זולתות“

טאַנהאַוזען, דאָס שטעטל אין שוואַבענלאַנד, ווו עס זענען שוין אין משך פון העכער 200 יאָר (פון יאָר 1718) נישטאָ מער קיין יידן, זינט זיי זענען פון דאָרטן אַרויסגעטריבן געוואָרן, איז גאָר געוואָרן אין משך פון אַ לאַנגער צייט אַ וויכטיקער פונקט אין מיינע אשכנז־שטודיעס.

אָט איז גאָר דאָרטן פאַראַן אַן עוואַנגעלישע „סינאַגאָגע“, מיט יידישע רעליקוויעס. (איך האָב וועגן דעם שוין איבערגעגעבן אין די „לאַבירינטן פון תקופות“). עס האָט אַרויסגערופן פאַראינטערעסירונג די רשימה פון די יידן אין די שטייער־ליסטעס פון 15טן און 16טן יאָרהונדערט; ווידער איז געוואָרן טאַנהאַוזען „אַקטועל“, צוליב דער יידישער דרוקעריי וואָס איז דאָרטן געווען מיט העכער 360 יאָר צוריק.

ווען איך בין געווען אין טאַנהאַוזען, האָט מיר דער דאָרטיקער בירגער־מייסטער געוויזן אַ פאָטאָקאָפּישע רעפּראָדוקציע פון דעם שער־בלאַט פון דעם מחזור וואָס איז דאָרטן געדרוקט געוואָרן אין יאָר 1592. דער מחזור גופא איז א יקר־המציאות, עס איז אַנגעגאַנגען, אַז דער איינציקער עקזעמפּליאַר געפינט זיך אין דער אָקספאָרדער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק — די באַרימטע באָדעליאַנאַ.

דער שער־בלאַט פון דעם דאָזיקן „מחזור מכל השנה“ איז אַן און פאַר זיך גאָר אינטערעסאַנט. ביידע זייטן פון שער באַפּוצן ריטערס אין זייער קריגערישן טראַכט און אויף די פּאַנצערס זענען פאַראַן די נעמען פון די אַרויסגעבערס. אויבן אין שער זענען דאָ דריי פישעלעך (זאָל עס זיין אַסימן אויף מזל־דגים?) און אונטן איז צו זען ווי אַ קרוג גיסט אויף הענט — אַן אָנדייט אויף דעם וואָס איינער פון די אַרויסגעבערס איז געווען פון די לוויים.

אין שער זאָגט זיך, אַז דער דאָזיקער מחזור, כמנהג האשכנזים, איז דורכגעקוקט געוואָרן זייער זאָרגפעליק (הוגה בתכלית העיון) דורך דעם „החכם הכולל הגאון מהר״ר יצחק מזא״. וואָס שייך דאָס אַרויסגעבן ווערט צוגעגעבן, אַז דער דאָזיקער מחזור איז אַרויס אין זיין נאָמען און אין נאָמען (בשמו ובשם) פון הר״ר שמעון לוי גינזבורג און געדרוקט אין דער ק״ק טנהויזן.

עס איז נישט קלאָר צי דער דאָזיקער „חכם הכולל״ איז געווען אין טאַנ־האַוזען גופא, אָדער ער פלעגט פון דער פרעמד דורכקוקן די ריינקייט פון דער אויסגאַבע.

אין יענער געגנט זענען בשכנות שוין פריער געווען יידישעד רוקערייען. איז די יאָרן 1514—1543 איז אין אויגסבורג געוויזן געוואָרן אַ דרוקעריי, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי וויכטיקע ווערק אין העברעיש און יידיש און פון דאָרטן איז אויך באַווירקט געוואָרן די דרוקעריי אין איכענהויזן, ווו עס האָבן זיך גע־דרוקט יידישע אויסגאַבעס אין יאָר 1544.

אפשר איז טאַנהאַוזען געווען אַ המשך פון די דאָזיקע דרוקערייען? אפשר האָבן זיי אין טאַנהאַוזען אויסגענוצט די שריפט פון די געשלאָסענע מיט 50 יאָר דרוקערייען. אַן אַנאַליז פון דער שריפט פון די טאַנהאַוזענער דרוקן קען אפשר אויך דעם געבן אַן ענטפער. דער מינכענער ראַבינער ד״ר פערעלס, וועלכער האָט

שער־בלאַט פון דעם טאַנהאַוזענער מחזור פון יאָר 1592.

זיך באַשעפטיקט מיט דער געשיכטע פון יידישן דרוקוועזן האָט אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז אין טאַנהאַוזען האָט זיך געגרייט אַן אויסגאַבע פון תלמוד. עס איז טאַקע בשעתּה דאָרטן געווען אַ גרויסע ישיבה. פון טאַנהאַוזען שטאַמען אַ רייע גדולים און רבנישע אויטאָריטעטן. דער זיידע פון ש״ך איז געווען אַ טאַנהאַוזע־נער; איינער פון אָפּאַטאָשוס אור־אור־עלטערן איז געווען פון טאַנהאַוזען.

בעת מיינע נסיעות בין איך אויך געווען אין אַנסבאַך און ניִשט אויסגעמיטן צו באַזוכן די דאָרטיקע רעגירונג־ביבליאָטעק, ווו עס האָבן זיך געדאַרפט, לויט מיינע ידיעות, געפינען אַ רייכע זאַמלונג פון יודאַיִקאַ און העבראַיִקאַ.

איך האָב עס טאַקע אין דער דאָרטיקער ביבליאָטעק געפונען. די דאָזיקע קאָלעקציע שטאַמט פון אַ קאָנפיסקאַציע פון יידישע ספרים, וואָס איז, אין יאָר 1702, דורכגעפירט געוואָרן אין פיורט.

צווישן די ספרים און כתב־ידן האָב איך געפונען נאָך איין עקזעמפּליאַר פון דעם טאַנהאַוזענער מחזור, וואָס ביז דאַן איז אָנגענומען געוואָרן, אַז אין דער באָדעליאַנאַ געפינט זיך דער איינציקער אין דער וועלט עקזעמפּליאַר. אמת, ער איז אַ ביסל באַשעדיקט און עס פעלט דער שער.

אין זעלביקן באַנד איז איינגעבונדן איינע פון די זעלטנסטע אויסגאַבעס וואָס די יידישע ביבליאָגראַפיע ווייסט פון דער ליטורגישער ליטעראַטור, עס איז אַ „זולתות״ געדרוקט אין טאַנהאַוזען.

זולתות הייסט יענער טייל פון די פּיוטים נאָך די יוצרות, וואָס ווערן בעת געוויסע שבתים און יום־טובים געזאָגט צום סוף פון שחרית. דער נאָמען זולתות נעמט זיך פון דעם, וואָס דער דאָזיקער טייל הייבט זיך אָן גלייך נאָך די ווער־טער: אין אלוהים זולתך.

בכלל זענען די פּיוטים איינגעטיילט אין פאַרשידענע גרופּעס און טראָגן פאַרשידענע נעמען. אַזוי הייסן „יוצרות״ יענע פּיוטים, וואָס ווערן געזאָגט נאָך דער ברכה פון „יוצר אור״; איין טייל פּיוטים הייסן „אופנים״, ווייל זיי הייבן זיך אָן נאָך דעם זאַץ „והאופנים והחיות...״ דאָס זעלביקע האָבן מיר אויך „מאורות״, „אהבות״, „גאולות״, „קרובות״ און אַ „סלוק״, דער לעצטער פּיוט פאַר דער קדושה.

דער אויסזען פון די דאָזיקע זולתות איז אידענטיש מיט מחזור; סיי דער פאָרמאַט, סיי די שריפט און ראשית־כל דער שער־בלאַט.

אַנדערש אַביסל איז אָבער דער צוזאַמענשטעל פון די אַרויסגעבער, דאָ, זענען פאַראַן אויפן שער אויך צוויי ניִשט־יידן: שטפן שורמאַן און פּיטר גייזלר.

די דאָזיקע טאַנהאַוזענער דרוקן זענען דורכגעגאַנגען אַ שפּאָר ביסל גילגול־מחילות ביז זיי זענען געקומען צו זייער „מנוחה״ אין דער דאָזיקער רעגירונג־ביבליאָטעק.

ביי אַ מענטשן אַ בר־מינן זאָגט מען „וינוח בשלום על משכבו" — אַז ער זאָל רוען אין פרידן אויף זיין געלעגער — די העבראַיקאַ אין דער אַנסבאַכער ביבליאָטעק האָט אָבער שוין קומענדיק צו דער „מנוחה" נאָך אַלץ נישט קיין רויקן געלעגער. אין אַ סך בלעטער האָט דאָרטן געבאַלעבאַטעוועט דער צענזאָר; גאָר ספּעציעל האָט ער טאַקע „אַרויסגעטרייבערט" פון „טריפהנע" און „אַפּיקור־סישע" שורות די זולתות.

**
*

אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט ליגן זיי די דאָזיקע בשעתם, מיט 250 יאָר צוריק, „בעשלאַגנאַמטע" יידישע ספרים, אומעטיק איז זיי אין די רחבותדיקע פּאַליצעס פון דער אַנסבאַכער רעגירונג־ביבליאָטעק. אפשר וועלן זיי זיך פילן היימישער אין דער סביבה פון זייערע ברידער — די נישט־דערברענטע שייטן,

טאַנהאַוזענער „זולתות" געדרוקט אין יאָר 1594, וואָס געפינט זיך אין אַנסבאַכער רעגירונג־ביבליאָטעק.

דער טיטל:

זלתות
בין פסח לשבועות
ובשבתות בין המצרים
כמנהג קהלות אשכנז
עם קצת באור המלות
נדפס בשם המשותפים

הגאון מהר"ר יצחק מזאי והר"ר שמעון לוי גינזבורג ב"ק טנהויזן שנת דש"ן (1594)

על שטפן שורמאן פיטר גייזלער.

שפּייער אָן אַ מנין

מנין איז געווען דער עיקר־סימן פון אַ ציבור, פון אַן אָרגאַניזירטן ייִדישן איינס אין דער קהילה, אין דער שטאָט. „מנין", וואָס זיין אייגנטלעכער טייטש איז צאָל, איז געוואָרן דער סינאָנים פאַר יענעם קעמערל אין דער ייִדישער עדה, ווו עס איז מעגלעך געווען דורכצופירן אַ רייע וויכטיקע פונקציעס פון דעם ריטועלן ייִדישן שטייגערלעבן. צענדליקער דינים, מנהגים און תקנות זענען שוין פאַראַן וועגן „מנין". עס איז דערגאַנגען אַז אַפילו הייזער האָבן אַזאַ נאָמען באַקומען. „כך וכך שולן, בתי־מדרשים און מנינים האָט די קהילה פאַרמאָגט"... קאָן מען לייענען אין די פאַרשידענע באַשרייבונגען פון ייִדישע שטעט און שטעטלעך.

פאַראַן פונקציעס אין דעם ריטואַל־ליטורגישן שטייגער, וואָס מען מוז האָבן אַ „מנין". אין דער משנה פון „מגילה" (פּרק ד', משנה 3) ווערט אויסגערעכנט ווען און ווו מען מוז האָבן אַ מנין. צען אַזעלכע פאַלן ווערט דאָרט אויסגערעכנט: מען מוז האָבן אַ „מנין" צום דאַווענען, צום קדיש, צו דוכענען; צום לייענען די תורה, צו חופּה־וקידושין; צו מקדש זיין דעם חודש; צום גומל־בענטשן; צו אויסרופן אַ חרם; צו אָפּנעמען אַ שבועה אאַ"וו. „מנין" האָט געמיינט צען פּערזאָן. „עשרה שבקדושה" — דאָרט ווו עס זענען דאָ די דאָזיקע צען, רוט די שכינה. ווייטער זענען געווען דינים און תקנות ווער עס קאָן פאַררעכנט ווערן צו די דאָזיקע צען, ווען מען קען מצרף זיין צום „מנין" — ווער איז כשר און ווער איז פּסול אַריינגענומען צו ווערן אין די דאָזיקע אויסדערוויילטע צען.

און עשרה בטלנים — צען ליידיקגייערס, וואָס זייער חוב איז געווען שטענדיק צו זיין אויף דער וואַך, ווען מען דאַרף צו אַ שמחה אָדער אַן אבילות, איז געווען אַ וויכטיקע אינסטיטוציע אין די קהילות. עס האָט געהערט צו דער גרויסקייט פון דער קהלה אויב זי האָט געהאַט שטענדיקע „עשרה בטלנים". און אין פאָלקס מויל איז באַשאַפן געוואָרן דאָס ווערטל: „צוויי חתונות אין איין טאָג

איז פאַרן בטלן אַ יאָמער און אַ קלאָג" — ער וואָלט, משמעות, בעסער געדאַרפט האָבן די שמחות אין צוויי באַזונדערע טעג.

געפאַלן זענען געוועזן ביי זיך די ישובים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מנין, די דאָרף־ייִדן, וואָס פלעגן צו יאָרצייטן און יום־טובים קומען אין שטאָט אַריין, ווייל ביי זיי איז קיין „מנין" נישטאָ. און וויפל לעגענדעס ווערן עס דערציילט וועגן דעם ווי 9 ייִדן וואַרטן מיטן דאַוונען, וואַרטן — אויף קדיש־זאָגן און קע־נען נישט אָנהייבן די תפילות, ווייל עס איז נישטאָ קיין „מנין" און פלוצים קומט דער צענטער — שטענדיק וויס די פאָלקס־מעשה אַז דאָס איז אליהו־הנביא, אָדער איינער פון די לאַמעד־וואָס־צדיקים. „מנין" איז געוועזן דער בראשית פון דער קהילה און דאָס ווערטל „אַז עס איז דאָ אַ מנין דאַרף מען שוין אַ בנין" האָט געמיינט, אַז דאַן מוז מען שוין באַפעסטיקן די עדה, און בויען אַ בית־מדרש, אַ צוזאַמענטרעף־פּלאַץ פאַר דער עדה.

וועגן „מנין" איז געקומען צו רייד, ווייל ביים לעצטן עטאַפּ פון דעם שפּאַציר איבער דער ערשטער קהילה פון שו"ם (דער דריילינג: שפּייער וואָרמס און מאַינץ) האָב איך געפונען אַזוינס וואָס עס האָט דעם „מנין" אַרויפגעשטעלט אויפן סדר־היום אין די טראַגישסטע טעג פון די דייטשע ייִדן.

נאָך מיינע וואַנדערונגען איבער די שפּייערישע גאַסן, נאָך דעם אַרכיוו, מוזיי, מיקווה, יעקבס ברונעם, האָב איך אָפּגעשטאַט דעם לעצטן וויזיט אין דער לאַנדעס־ביבליאָטעק פון דער פּפאַלץ. אין איינעם פון די דאָרטיקע קעלערן ליגן עטלעכע קאַסטנס, שיריים פון דער ביבליאָטעק פון דער קהילה. איז מיר געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט דורכצוקוקן דעם דאָזיקן איבערבלייבעכץ.

מיש איך די האַלב צעריסענע מחזורים און סידורים; צעשאָטענע חומשים און אָפּגענוצטע תהלימס; פאַרשידענע נישט־קאָמפּלעטירטע צייטשריפטן; איינ־צלנע קונטריסים און בלעטער פון ספרים... דאָס בעסטע האָבן שוין די נאַצישע מאַראָדערן פריִער אויסגערייניקט. געבליבן זענען נאָר „שמות" ממש, אַזעלכע וואָס מען פלעגט מקבר זיין אויפן בית־החיים. און צווישן די דאָזיקע צעשאָטענע בלעטער האָב איך געפונען אַ דין, אַכט־זייטיק בראָשורל, מיט אַ מאָדנעם נאָמען:

KEIN MINJAN
Eine Gottesdienstordnung für minjanlose Gemeiden

אויף ייִדיש וועט עס הייסן: „נישטאָ קיין מנין! — תקנות צום דאַוונען פאַר קהילות ווו עס איז נישטאָ קיין מנין"...

אַזוי שטייט אויף דער ערשטער טיטלבלאַט פון דעם העפטל. אויף דער לעצ־טער זייט איז אָנגעגעבן: „פראַנקפורט אַם־מאַין, חרמון־פאַרלאַג און דרוקעריי, 1937".

אַ ווײלע בין איך געבליבן צעמישט — וואָס טוט זיך דאָ? עס איז דאָך 1937, שוין 4 יאָר ווי היטלער מושלט אין דייטשלאַנד און דער „חרמון־פאַרלאַג", דער פאַרלאַג פון די אָרטאָדאָקסישע ייִדן אין דייטשלאַנד גיט אַרויס „תקנות". איך האָב דאָס העפטל פון דעם „שמות"־באַרג אַרויסגענומען. איך האָב עס פון דעם דירעקטאָר פון דער ביבליאָטעק, באַקומען במתנה.

האָב איך נאָכדעם גענומען שטודירן די 8 בלעטלעך פון די דאָזיקע מאָדנע „תקנות" — פאַרגלייכן די תקנות שו"ם פון פאַר קרוב 1.000 יאָר צוריק מיט די נייע „גאָטעסדינסטאָרדנונגען" פון פראַנקפורט אַם־מאַין פון דער נאַצישער צייט און מען דאַרף וועגן דעם דערציילן.

הייבט זיך אָן דאָס העפטל מיט אַזאַ מין אַריינפיר: (איבערגעזעצט פון דייטש):

„די פרייע פאַראייניקונג פאַר די אינטערעסן פון אָרטאָדאָקסישן ייִדנטום" פון פראַנקפורט אַם־מאַין און דער „פאַראיין פאַר אויפהיטן דעם געזעצטרייען יודענטום אין באַדען" פון מאַנהיים גיבן בשותפות אַרויס די דאָזיקע בראָשור אין אַ נייער אויפלאַגע*). די אַרויסגעבער דריקן אויס זייער פאַרפליכטונג און דאַנק די הערן ראַבינערס, וואָס האָבן מיט ראַט געהאָלפן ביים צוזאַמענשטעלן די דאָזיקע שריפט".

---

*) די ערשטע אויפלאַגע איז דערשינען אין יאָר 1931, אויך געדרוקט אין פראַנקפורט ד'מיין, אויך פון פאַרלאַג „חרמון".



Ausgesandt am 20. Juli 1938 nach U.S.A.

Siegfried Löwenthal

Kein Minjan!

Eine Gottesdienstordnung für minjanlose Gemeinden.

טיטל־בלאַט פון דער אויסגאַבע „קיין מנין" מיט דער אויפשריפט פון זיגפריד לעווענטאַל פון יולי 1938, אַז ער פאָרט אַוועק אין די פאַראייניקטע שטאַטן (פון שפייער).

וואָס־זשע זאָגט זיך דאָרטן? וואָס ווילן מחדש זיין די קהילות פון פראַנק־פורט און מאַנהיים? וואָס פאַר אַ נייעסן און רעפאָרמען ווילן זיי מאַכן אין די יאָרן פון ברוינער גוואַלט־הערשאַפט?

די תקנות הייבן זיך אָן מיט אַ גרויסן „קיין מנין"! און נאכהער קומען די אָנווייזונגען. ווידער גיבן מיר עס אין יידישער איבערזעצונג:

„...די קליינע און קלענסטע געמיינדעס האַלטן אָן אין זייערע ערטער די ערנוואָך פון יידישע איינריכטונגען, זיי היטן אָפּ דאָס גאָטעס־הויז, זיי שטייען אויף דער וואַך ביי די קברים פון זייערע אבות;

ווערטפולע איינצל־פּאָסטנס זענען דאָס אין דער אַרבעט־געמיינשאַפט פון די יידישע אמונה־טרייע און פריוויליקע פליכט־דערפילער. זיי, די אָפּהיטערס, דער דאַנק און די אַכטונג פונעם יידישן פאָלק.

אויפהיטן דעם מנין אויפן אָרט, צו געמיינזאַמען געבעט, צו געמיינזאַמער דערפילונג פון גאָטס געבאָטן איז די קלענסטע אַרבעטגעמיינשאַפט. פונדעסטוועגן זאָל נישט בטל ווערן דאָס געמיינזאַמע געבעט אויך דאָרטן ווו מען קאָן נישט אויפקלייבן קיין מנין.

פאַר די געמיינדעס אָן מנינים גיבן מיר די דאָזיקע תקנות"...

און עס גייען די „פאַראָרדענונגען". פון יעדער פון זיי טריפט וויטיק, אָבער אויך עקשנות.

פונקט 1: עס דאַרף קיין קדיש געזאָגט ווערן (אָן אַ מנין) און אויך קיין ברכו;

פונקט 2: די שמונה־עשרה זאָגט מען נאָר אין דער שטיל, זי דאַרף נישט, דורכן חזן, איבערגעחזרט ווערן בקול רם;

פונקט 3: די ספר־תורה דאַרף מען ביי די געוויינלעכע געזאַנגען אַרויס־נעמען פון ארון־הקודש צו קריאת־התורה, אָבער מען רופט קיינעם נישט אויף צו איר. די פרשה ווערט געלייענט אָן איבעררייסן, מען רופט נישט אויף קיינעם, און אָן אַ ברכה ווערט זי געלייענט;

פונקט 4: וואָס מען זאָל זאָגן ווי אַן „ערזאַץ" פאַר קדיש, פאַר ברכו, פאַר קדושה...

עס קומען פאַרשידענע מוסטערן וואָס מען דאַרף זאָגן במקום „חצי קדיש", אָנשטאָט „ברכו של שחרית", במקום „קדיש שלם"; אָנשטאָט „קדושה של מנחה" אאַ"וו.

ווייטער ווייזט מען אָן וועגן לייענען די מגילה, וועגן קידוש און הבדלה בציבור. ווי אַזוי סליחות צו זאָגן און וואָס פאַר אַ פיוטים לייענען.

קיין שבת, קיין יום־טוב און קיין טרויער־טאָג זאָל נישט פאַרבייגיין אָן דעם ווי די קהילה, די מנין־לאָזע געמיינדע, זאָל זיך נישט צוזאַמענקלייבן. שטייט אויף דער וואַך פון דער געמיינדע!

עס בושעוועט דער נאַציִשער טעראָר, עס גייען קאָמאַנדאָס קיין דאַכאַו און בוכענוואַלד און די מאַנהיימער ייִדן זיצן און טראַכטן וועגן די תקנות פאַר מנין־לאָזע געמיינדעס.

שוין צעשטערט איז די קהילה אין אָפּענבאַך, שוין פאַרברענט די אָפּענהייִמער קהל־געביידע; אין בענסהיימער סינאַגאָגע האָט מען אויסגעהאַקט די שויבן. די פראַנקפורטער פירער פון חרמון־פאַרלאַג רופן אָבער שטיין אויף דער וואַך, אויף זייער אופן, אָפּהיטן די ייִדישע אַרבעטס־געמיינשאַפט.

און אין די רעינות מישן זיך די געשיכטע בלעטער פון די זעלביקע קהילות פון יאָרהונדערטער צוריק. נישטאָ די גדולים, די גאונים, די בעלי־מוחות און די זקנים פון אשפירא, פון ווירמייזא און מאגענצאָ — זייערע אור־אור־אייניקלעך פרוון אויף גאָר אַ נייעם שטייגער אָפּהיטן דאָס וואָס עס לאָזט זיך.

נישט נאָר דער אינהאַלט פון דעם העפטל האָט אויפגעטרייסלט, אויפגע־שוידערט האָט נאָך אַ פּרט. אויבן, אויפן שער־בלאַט פון דער בראָשורל שטייט אַנגעשריבן מיט גאָטישע אותיות די שורות:

„אויסגעוואַנדערט אַם 20סטן יולי 1938 נאָך או. ס. אַ. — זיגפריד לעווענטאַל".

***

די דאָזיקע „תקנות" האָבן געהערט צו איינעם זיגפריד לעווענטאַל. ווער איז ער געווען? וואָס פאַר אַן אַמט האָט ער געהאַט אין שפּייער? ער האָט זיין מנינלאָזע געמיינדע פאַרלאָזן אין יולי 1938 און אין זינען געהאַט איבערצולאָזן נאָך זיך אַ שפור. — ער איז געווען ביז דאַן, געשטאַנען אויף דער וואַך, ביז דאַן... און וואָס איז געווען שפּעטער? ווו איז ער איצט?... איך האָב נישט געקענט געוויר ווערן.

***

אין יאָר 1933 זענען נאָך אין שפּייער געווען 350 ייִדישע נפשות. עס זענען צו דער קהילה געווען אַנגעשלאָסן צוויי קלענערע דאָרף־ישובים: אָטערשטאַט און וואַלדזעע. איך האָב די נעמען פון דעם „פאָרשטאַנד": פאָרזיצער איז געווען לעאָפּאָלד קליין; וויצע: יוליוס זעליגמאַן, נאָכדעם די 3 בייזיצערס: לודוויג גו־רענבערג, לעאָפּאָלד שוואַרץ און בעננא גרינבערג. פון די לעצטע איז דער ערש־טער געווען אַ לערער, וואָס האָט געהאַט 16 תלמידים פון רעליגיע אונטערריכט און דער צווייטער איז געווען דער חזן. אויך פיר חברות האָט די קהילה געהאַט.

איך האָב אַפילו געהאַט די אַדרעסן זייערע. איך בין אַוועק צו זיי, אויפזוכן עפּעס שיריים וואָס קען מען מיר דערציילן וועגן דער געוועזענער פּראַכטפולער אשפירא וואָס איז געוואָרן די מנינלאָזע שפּייער?

איך בין אין דער וווינונג פון דעם געוועזענעם ראש־הקהל, פון הער קליין, אויף דער הויפּט־שטראַסע 50. איך בין ביי דער טיר פון זיין וויצע הער זעליג־מאַן, אויף גילפענשטראַסע 4; אויף וואָרמסער שטראַסע נומער 24 ביי גורענ־בערגן; ביי שוואַרצן אויף דער ביסמאַרקשטראַסע 2; ביים חזן גרינבערג אויף האַרטמאַנשטראַסע 31.

ווי אַ געשפּענסט וואָלט זיך באַוויזן, האָבן מיר די נייע „באַלעבאַטים" אַנגעקוקט. ווי עמעץ פון יענער וועלט וואָלט צו זיי געקומען.

— יאָ, עס זענען דאָ די „לויטע" געווען, אַמאָל, אַמאָל... נישט מער ווי מיט אַ צענדליק יאָר צוריק. די שפּורן פון די מזוזות זענען נאָך אין טייל געווען.

...און די מנינלאָזע געמיינדע שפּייער, די געוועזענע יחוסדיקע אשפּירא, איז געוואָרן יודענריין.

געבליבן איז דער איינציקער זכר, די רעליקוויע:

Kein Minjan!

אַ נישט־דערברענטער שייט.

„ווי אַזוי איז מען מקבר אַש פון די קדושים?“

קאָנטראָלירנדיק די אָפּגעראַטעוועטע פון נאַצישער פאַרניכטונג ספרים און ביכער, איז פון איין ספר אַרויסגעפאַלן אַ צע־קנייטשט, האַלב־צעריסן צוויי־בלעטערדיקער געדרוקט פאַפּיר.

תחילת האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז אַ שיימע, אַרויס־געריסענע בלעטער צוליב אַלטקייט פון אַ ספר. אויפהייבנדיק די בלעטער האָב איך אָבער באַמערקט, אַז דאָס איז גאָר אַ זעלטענער ליטעראַרישער דאָקומענט, אַ יקר־המציאות, אַן אור־ניקום, וואָס דאַרף אַריינגענומען ווערן אויף אַ גאָר חשוב אָרט אין אונדזער ביבליאָגראַפיע און בפרט אין דער שאלות־ותשובות־ליטעראַטור און ראשית־כל אין אונדזער מאַרטירער־ליטעראַטור.

פון די 4 זייטלעך איז איינס אַ „שער־בלאַט“, ווי מיר לייענען:

תקנות

איך להתנהג בעת באפר הנשרפים בעוה"ר.

מאתי

מנחם מענדיל קירשבוים

אב"ד ור"מ דק"ק ורני נורט ע"נ מוין

נדפס ע"י אחי המחבר ר' פנחס עוזר קירשבוים שליט"א. קראקא תרצ"ט.

דפוס „רניסנס“ קראקא, סטאראווישלנא 31

שער־בלאַט פון די „תקנות“ ווי זיך צו נוהג זיין מיט די אַש פון די קדושים, וואָס זענען דורך די נאַציס פאַרברענט געוואָרן.

מיר האָבן געבראַכט די קלישעע פון דאָזיקן שער־בלאַט, וואָס דער־ציילט, אַז דאָס זענען „תקנות ווי אַזוי זיך צו באַגיין אין די היינטיקע צייטן מיט אַש פון די פאַרברענטע צוליב אונדזערע זינד"; אַז די דאָזיקע תקנות זענען פון מנחם־מענדל קירשבוים, וועלכער איז געווען דער אב־בית־דין און ראש־ישיבה פון דער קהילה קדושה פראַנקפורט אויפן מיין; אַז זיי זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן דורך דעם ברודער פונעם מחבר, ר' פנחס־עוזרן, אין קראָקע, אין יאָר תרצ"ט (1939)אין דער דרוקעריי „רענעסאַנס", אויף דער סטאַראָווישלאַנער גאַס נומער 31.

אויבנאויפיק קאָן זיך דאַכטן — מה רעש? וואָס איז דאָס דער יחוס מיט די דאָזיקע „תקנות"? וואָס קענען עס אונדז אינטערעסירן די בלעטלעך, וואָס פאַרנעמען זיך מיט מקבר זיין אַש? פאַרוואָס עפּעס צוטיילן אַזאַ כבוד די דאָזיקע צעריבענע פּאַפּיר־זייטלעך?

ניין! מיר האָבן דאָ צו טון מיט מער ווי סתם אַ שאלה. די דאָזיקע בלעט־לעך פאַרדינען מען זאָל זיך מיט זיי גאָר באַזונדער פאַרנעמען.

פאַרטראַכט זיך נאָר אויף אַ ווײַלע אויפן מהלך פון דער דאָזיקער „שיימע": — דער מחבר איז געווען אין פראַנקפורט; די דרוקעריי איז גאָר אין קראָקע; פון דאָרטן האָבן די תקנות אַוועקגעוואַנדערט קיין בערלין און לסוף מגולגל געוואָרן אין בוענאָס־איירעס!!!

און אין וואָסערע יאָרן איז דער דאָזיקער גילגול דורכגעמאַכט געוואָרן?

פון זייט 4 פון די „תקנות" דערוויסן מיר זיך, אַז דער אב־ביתדין, ר' מנחם־מענדל קירשבוים, האָט זיי פאַרגעלייענט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער פראַנק־פורטער חברה קדישא ערב־שבת קודש, כ"א שבט תרצ"ט (1939).

דעם זעלביקן יאָר איז עס אָפּגעדרוקט געוואָרן אין קראָקע; אין יאָר 1943 האָט די געשטאַפּאָ „בעשלאַגנאַמט" די ביבליאָטעק ביי דער בערלינער יידישער געמיינדע, אין וועמענס אַ ספר די דאָזיקע „תקנות" זענען געווען באַהאַלטן; אין יאָר 1945, נאָך דעם היטלער־צוזאַמענברוך, האָט מען די דאָזיקע ספרים געפונען אין אָפּענבאַך; אין יאָר 1948 האָט מען די ספרים געפּאַקט אין קאַסטנס און פון וויסבאַדען זיי צעשיקט אין די יידישע תפוצות, און נאָך אַלע וואָגלענישן זענען די דאָזיקע „תקנות" אויפגעטויכט געוואָרן אין בוענאָס־איירעס.

וואָלטן זיי, די בלעטלעך, גערעדט מיט אונדזער מענטשלעך לשון, — וואָלטן זיי געהאַט און געהאַט צו דערציילן פון זייער וואַנדערוועג. גיי אָבער און פאַרשטיי די שפּראַך פון אויסגעריבענע אותיות אויף האַלב־צעשאָטן פּאַפּיר...

אָבער נישט צוליב זייער אויסטערלישן גילגול פון אָרט צו אָרט אין דער משונהדיקער צייט זענען די דאָזיקע „תקנות" וויכטיק. זיי זענען עדות, אמת שטומע, פון אונדזער גרויסן חורבן. נאָכמער, די דאָזיקע צעריבענע בלעטער מוזן איינגעראַמט ווערן און זיי דאַרפן אָפּגעהיט ווערן ווי אַ הייליקע רעליקוויע נאָך אונדזערע זעקס מיליאָן קדושים וטהורים.

***

שוין העכער אַ יאָר הונדערט ווי ייִדישע היסטאָריקער, וויסנשאַפטלער, פאָרשער האָבן אָנגעהויבן צו גריבלען זיך אין דער רבנישער ליטעראַטור, ווו זיי געפינען זייער וויכטיקע פּרטים פאַר זייערע שטודיומס. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די רייכע שאלות־ותשובות־ליטעראַטור איז איינע פון די וויכטיקסטע מקורים צו דער געשיכטע פון דעם אָדער יענעם ייִדישן קיבוץ אין די פאַרשידנסטע תקופות, אַפילו פון אַזעלכע, ווו אין אַנדערע ערטער זענען נישט אויפגעהיט געוואָרן קיין שום מאַטעריאַלן און דאָקומענטן. די רבנישע שאלות־ותשובות, די פאַרשידענע פסק־דינים און תקנות זענען געוואָרן אַ מקור צו דערלערנען דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן און דעם פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן מצב פון פאַרשידענע ייִדישע קיבוצים. נישט איין היסטאָרישע רעטעניש אָדער פאַרטונקלטקייט זענען אַ דאַנק דעם אויפגעקלערט געוואָרן.

אָט האָט זלמן רובאַשאָוו (דער היינטיקער מיניסטער פון מדינת ישראל שזר) פאַרעפנטלעכן אַ וואָגיקע אַרבעט וועגן ייִדיש אויפן סמך פון די ייִדישע גביות־עדות אין די שאלות־ותשובות פון 15טן ביזן 18טן יאָרהונדערט.

אויפן סמך פון די שאלות־ותשובות פון דעם ב״ח האָט מרדכי קאָסאָווער, איינער פון די היינטצייטיקע ייִדישע ביבליאָגראַפן און פאָרשערס אויפן געביט פון ייִדישער געשיכטע, פאַרעפנטלעכט זיין שטודיע וועגן לעבן פון די ייִדן אין פּוילן אין 16טן און 17טן יאָרהונדערט.

דער באַקאַנטער ייִדיש־דייטשער היסטאָריקער ד״ר ה. צימעלס האָט באַאַרבעט אַ רייע תקופות פון ייִדישן לעבן אויפן סמך פון די שאלות־ותשובות. פון די גרעסטע איז זיין ווערק „בייטראַג צו דער געשיכטע פון די ייִדן אין דייטשלאַנד אין 13טן יאָרהונדערט״, וואָס איז געבויט געוואָרן אויף די שאלות־ותשובות פון דעם מהר״ם מרוטענבורג.

אַ צווייטער ייִדיש־דייטשער פאָרשער, משה האָפּמאַן, האָט אויפן סמך פון שאלות־ותשובות אָנגעשריבן אַ וואָגיקע אַרבעט וועגן געלט־האַנדל פון די דייטשע ייִדן אין מיטלאַלטער.

אין דעם ירושלימער „סיני״ (באַנד ל״א) איז פון ד״ר יהודה ראָזנטאַל פאַראַן אַ וואָגיקער צושטייער צו דער געשיכטע פון ייִדן אין פּוילן, וואָס איז געבויט אויף די שאלות־ותשובות פון דעם מהר״ם מלובלין.

מיר האָבן נאָר אַרויסגענומען 5 ביישפּילן פון אַ סך צענדליקער, כדי צו באַווייזן, פון וואָס פאַר אַ וויכטיקייט עס איז דער דאָזיקער מין ליטעראַטור פאַר אונדזערע פאָרשונגען.

קומען מיר צוריק צו די פראַנקפורט־קראָקעווער תקנות פון יאָר 1939. ווען עס וואָלטן, חס־ושלום, פאַרניכטעט געוואָרן, ווי דאָס איז געווען

היטלערס ווילדער חלום, אַלע ייִדן פון מזרח־אייראָפּע; ווען עס זאָל פון זיי קיין שום שריד ופליט נישט האָבן געבליבן: ווען קיין שום זכר פון דעם קאַטאַקליזם וואָלט אין ערגעץ נישט אויפגעהיט געוואָרן; ווען עס וואָלט נישט איבערגעלעבט קיין שום עדות פון אונדזער גרויסן חורבן, דאַן וואָלטן די דאָזיקן „תקנות" גע־עפנט אַ פענצטערל אַריינצובליקן אין דער באַרבאַרישער ברוינער תקופה. די דאָזיקע בלעטלעך וואָלטן פאַרוואַגלט געוואָרן ערגעץ־ווו, און אין ערגעץ־ווען וואָלטן זיי אויפגעדעקט דעם גרויזאַמען פיין פון אַ דור, וואָס די עדות פון דער קאַטאַסטראָפע האָבן, אויסהויכנדיק זייערע נשמות ביי די ענויים, מיט זיך מיט־גענומען.

אָבער נישט נאָר ווי אַ היסטאָרישער מקור וועלן דינען די דאָזיקע „תקנות". זיי ווייזן אויך די שטאַנדהאַפטיקייט, די גייסטיקע נישט געבראָכנקייט, וואָס די עדות פון די ענויים האָבן אַרויסגעוויזן. דאָס לערנט מען שוין אַרויס פון דעם אינהאַלט פון די „תקנות".

אויב די „תקנות" ווי אַזעלכע דערציילן וועגן דעם פאַקט, אַז די נאַציס, (שוין אין יאָר 1939), פלעגן פאַרברענען זייערע קרבנות אין קרעמאַטאָריעס וויזן זיי פון דער צווייטער זייט, ווי אַזוי די ייִדן האָבן דאָס אויפגענומען, ווי אַזוי זיי האָבן אויף דעם רעאַגירט.

געשריבן זענען די דאָזיקע „תקנות" אין יאָר 1939. איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַסן־מאָרד פון די אייראָפּעיִשע ייִדן. היטלער האָט זיך נאָך געגרייט צו זיין וועלט־דעראָבערונג. אין זיין אייגענער מדינה האָט ער געמאַכט רעפעטיציעס, ווי עס וועט אויסזען די מיליאָנען־פאַרניכטונג. לאחדים, ביסלעכ־וויַיז, פלעגן די געפאַנגענע אין די ערשטע קאָנצענטראַציע־ און אַרבעטס־לאַגערן, אין בוכענוואַלד, אָראַניענבורג, דאַכאַו, אומגעבראַכט ווערן. די נאַצישע פער־פידיע, די היטלערישע נידערטרעכטיקייט איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען פלעגט די אורנע מיט דעם אַש פון דעם קרבן אַריינשיקן צו זיין משפחה... נאָך מער, צו דער אַש־אורנע איז געווען בייגעלייגט אַ... רעכענונג, וויפיל עס האָט געקאָסט דאָס פאַרברענען אין קרעמאַטאָריע דעם קערפּער פון דעם פאָטער, פון דעם מאַן אָדער ברודער!!! און די שטייער־אַמטן פלעגן שוין דעם דאָזיקן חשבון איינקאַסירן.

אין יאָר 1939 זענען קיין פראַנקפורט, ווו מנחם־מענדל קירשבוים איז געווען ר'ב און ראש־ישיבה, אָנגעהויבן קומען אין גרעסערע צאָלן אַזעלכע אַש־אורנעס. זיכער האָבן די משפחות געטרויערט, געוויינט. אָבער דער פירער פון דער עדה באַשעפטיקט זיך מיט נאָך אַן ענין — די לעבעדיקע ווי די לע־בעדיקע, וואָס טוט מען מיט די „נפטרים", ווי טוט מען זיי זייער רעכט? ווי ברענגט מען זיי צו קבר־ישראל?

אין די 12 פונקטן פון די דאָזיקע תקנות געפינען מיר אַלץ, וואָס עס האָט

דעם דאָזיקן רב געמאַטערט און מיט וואָס די חברה־קדישא האָט זיך געדאַרפט פאַרנעמען.

א) צי זאָל מען ביים אַש זיצן „שמירה" ווי ביי דעם קערפּער פון אַ בר־מנן;

ב) און ווען דאַרף מען זיך זעצן „שבעה"? — צי ווען מען ברענגט דאָס אַש, אָדער פון דער צייט, ווען מען האָט דעם קרבן פאַרברענט?

ג) ווי איז מען מקבר דאָס אַש־קעסטעלע — מען דאַרף עס טראָגן, מיינט דער רב, אין אַ מיטה, כדי אָפּגעבן דעם געהעריקן כבוד...

ד) מען זאָל מאַכן אַ קאַסטן אין קבר, וווהין מען זאָל אַריינלייגן די אַש־אורנע;

ה) די אַש־אורנע זאָל אַרומגעוויקלט ווערן מיט תכריכים און מיט אַ טלית — און ער גיט צו, אַז מען זאָל וויסן, אַז אויך די **דאָזיקע פאַרברענטע וועלן אויפשטיין תחית־המתים.**

ו) וואָס זאָל מען טון, אויב מ'קען עס נישט מאַכן ווי פריער;

ז) וועגן אבילות, וואָס פאַלט שטענדיק אויס נאָך די „שבעה", ווייל מען ברענגט דאָך דאָס אַש שפּעטער ווי 7 טעג נאָך דער „מיתה";

ח) ווען דאַרף מען רייסן „קריעה";

ט) די חברה־קדישא זאָל זאָגן צידוק־הדין אין אַ שורה ווי ביי אַנדערע נפטרים;

י) וועגן סעודת־הבראה (ספּעציעלער אבל־מאָלצייט);

יא) וועגן דאַוונען אין יום־„הקבורה";

יב) וועגן דעם טאָג פון יאָרצייט, צי איז עס דער „יום־המיתה" אָדער דער יום־הקבורה.

ר' מנחם־מענדל קירשבוים האָט פאַר זיינע „תקנות" דורכגענישטערט דעם גאַנצן ים פון די פּוסקים און מפרשים. ער ברענגט ראיות פון אבן־העזר און יורה־דעה; פון דעם „שבות יעקב" און „כנסת יחזקאל"; ער נעמט צו הילף דעם „מטה לוי", דעם מהרש"ם, דעם „משמרת שלום", דעם ש"ך און דערגייט ביזן רמב"ם, ביזן ירושלמי...

אַלץ כדי צו באַווייזן, אַז דער פאַרברענטער בלייבט ביי זיין מענטשלעכער און יידישער נאָרמאַלקייט, אַז ער וועט אויפשטיין תחית המתים!!!

כל־זה, דאָס אַלץ, דערציילט דער בעל־התקנות, דרשתי ברבים„ האָב איך געדרשנט עפנטלעך פאַר דער חברה־קדישא... אין פראַנקפורט. אָבער דרוקן עס האָט ער, משמעות, נישט געקאָנט דאָרטן. האָט ער עס געשיקט צו זיין ברודער קיין קראָקע. געווען איז עס אַ פּאָר חדשים איידער היטלער איז אָנגעפאַלן אויף

פוילן. די „תקנות״ האָט ער נישט געדאַרפט פאַר פראַנקפורט, ווייל די פראַנק־פורטער עדה האָט שוין געוווסט ווי זיך נוהג צו זיין. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַן אָנווייזונג פאַר אַנדערע קהילות אין דייטשלאַנד. זיי זענען טאַקע צעשיקט געוואָרן אין דער דאָזיקער עמלקישער מדינה — זאָלן אַלע קהילות דאָרטן וויסן, אַז מען דאַרף שטאַרקן דעם גלויבן, הויבן דעם מוט; אַז פאַרברענטע וועלן אויך אויפשטיין צום יום־הדין...

דוכט זיך, אַ פּאָר צעריבענע, כמעט צעשאָטענע שטיקלעך פּאַפּיר, און וואָס אַלץ זיי דערציילן אונדז...

נאָכאַמאָל, נישט נאָר אַ היסטאָרישער דאָקומענט, נאָר אַ הייליקע רעליקוויע האָבן מיר פאַר זיך.

***

איך האַלט פאַר נייטיק צוצוגעבן די וויטערדיקע פּרטים וועגן דעם מחבר פון די דאָזיקע „תקנות״, וועלכער איז אַליין געוואָרן אַ קדוש.

ביי הרב יוסף הכהן אָפּענהיימער, רב פון דער קהילה „אחדות ישראל״ פון די דייטשע יידן אין מאָלדעס (בוענאָס־איירעס), האָב איך געפונען פון דעם פון דעם זעלביקן רב, מנחם מענדיל קירשבוים, אַ ספר שאלות ותשובות אונטערן נאָמען „מנחם משיב״. אויפן שער ווערט אָנגעגעבן, אַז דאָס איז חלק ראשון. פון זעלביקן שער דערוויסן מיר זיך, אַז עס איז געדרוקט:

בדפוס: של ר׳ עוזר נ״י צוועקין, לובלין, לובאַרטאָווסקאַ 62.

אויף פּויליש איז צוגעגעבן דער אַרויסגעבער:

Wydawca Rabin M. Kirschbaum Frankfurt a/m. Rotteck-strasse 11 Druk A. Rozensztajn Warszawa Mlawska 5.

קיין דאַטע ווען דער ספר איז געדרוקט איז נישטאָ. די הקדמה פאַרענ־דיקט זיך אָבער מיט:

„ורקורט על נהר מוין יועש״ק נשא בי״ג סיון תרצ״ח (1935)״.

פון דער הקדמה דערוויסן מיר זיך טאַקע אַ ריי ביאָגראַפישע פּרטים פון דעם מחבר. ער שרייבט אין דער הקדמה:

„...סבות רבות טרדוני בעולמי ממקום מולדתי העוב״י (העיר ואם בישראל) קראקא — הלכתי לעיר סקאַלאַ ששם עבדתי עבודת אב״ד עד אשר נקראתי מקהלתי לבוא הנה ורנקורטה העיר רבתי...״

מיר דערוויסן זיך, הייסט עס, אַז ער איז אַ געבוירענער פון קראָקע; פון דאָרטן

איז ער אַוועק אין דער קהילה סקאַלאַ, ווו ער איז געווען דער אב־בית־דין און פון דאָרטן איז ער גערופן געוואָרן קיין פראַנקפורט.

מיר דערוויסן זיך אויך פּרטים פון זיין משפחה, ער דערציילט אין דער זעלביקער הקדמה:

...„מנשים באוהל תברך זו׳(גתי) הרבנית מרת לאה תחי׳ בת חותני ר׳ משה ליכט נ״י מוועליטשקאַ כה יתברכו צאצאנו הב׳ אלעזר, שמעון יוסף, רחל ונתן הי״ו שמש הצלחה תופיע עליהם ונזכה לגדלם לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

ולטוב יזכר שם אאמו״ר מוהר״ר שמואל שליטא ואמי מורתי מעכילע תחי׳ בת ר׳ שמעון יוסף פייל זצ״ל״.

פון דער הקדמה קומט אויך אויס, אַז שוין ביז דעם ספר האָט ער אַרויסגעגעבן אַ קונטרס מיטן נאָמען „עלי עין״, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין אַ ספר „גבעת פנחס״, קראָקע תרפ״ה.

פון די דאַטעס אויף די שאלות־ותשובות ווייסן מיר אויך, ווו ער האָט זיך אין פאַרשידענע צייטן געפונען. אזוי איז ער אין קראָקע געווען אין יאָר תרע״ג (1913) ביזן יאָר תרפ״ו (1926); תרפ״ז שרייבט ער שוין זיינע תשובות פון סקאַלאַ; אין פראַנקפורט איז ער שוין אין יאָר תרפ״ח (1928).

אין תשובה פון יאָר תר״ץ (1930) איז צו זיינעם אַ שוואָגער קיין קראָקע, וועמען ער טיטולירט: גיסי היקר והנעלה המושלם במעלות ומידות... כמהור״ר ישראל מאיר לעהרער...

אפשר וועלן די דאָזיקע ביאָ־ביבליאָגראַפישע פּרטים זיין פון נוצן פאַר דעם ביאָגראַף פון די יידישע מנהיגים, וואָס זענען פאַרשניטן געוואָרן פאַר זייער צייט.

ד.
צווישן מוזיי-רעליקוויעס

דער שער פון דער אָפּטיילונג ד׳. (זייט 263):

אַ „תורה־שילד" פון רהייניִשן מוזעאום אין קעלן, שטאַמט פון 17טן יאָרהונדערט

ווּ זענען אַהינגעקומען אונדזערע קונסט־אוצרות?

דאָס איז געווען די שאלה וואָס איז געשטעלט געוואָרן פון יעדן איינעם, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט ביים אויסגעפינען די צוגעגזלטע דורך די נאַציס ייִדיש האָב־און־גוטס.

מען האָט געקענט אויסציילן און אויסגעפינען די כמעט גענויע ציפער פון די לעבעדיקע קרבנות; מען האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ פולע רשימה פון די פאַרברענטע און צערויבטע ייִדישע קהלשע בנינים — די סינאַגאָגעס, די שול־געביידעס, בית־יתומימס און אַלטער־היימען, אָפּרו־הייזער און אַזילן, וואָס די דייטש־ייִדישע געמיינדעס האָבן געהאַט אין די סך הונדערטער; מען איז אויך, אמת נישט גאָר לייכט, געקומען אויף די שפּורן פון די צוגערויבטע ביבליאָטעקן, הן געזעלשאַפטלעכע, הן פּריוואַטע. עס איז אָבער גאָר שווער געווען צו דערגיין וואָס עס איז געשען מיט די ריזיקע אוצרות פון ייִדישע פאָלקסקונסט־אָביעקטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די געזעלשאַפטלעכע מוזייען און אין פּריוואַטע קאָלעקציעס.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן צענדליקער טויזנטער עקספּאָנאַטן; עס האָט געמיינט סיי תשמישי־קודש, פאַרשידענע קעגנשטאַנדן פון ייִדישן רעליגיעזן קולט, סיי עקספּאָנאַטן פון פּראָפאַנעם, שטובּיקן, ייִדישן, לעבנס־שטייגער.

בלויז צוזאַמענשטעלן אַ רשימה, ווו עס האָבן זיך אַלץ געפונען די הונדערטער מינים פון דער דאָזיקער ייִדישער פאָלקסקונסט פון יאָרהונדערטער, האָט געמיינט יאָרנלאַנגע אַרבעט.

געהאַנדלט האָט זיך עס וועגן טויזנטער מנורות, חנוכה־לאָמפּן און שבת־לאָמפּן; וועגן גרויסע קאָלעקציעס פון וווּנדערלעכע בשמים־ביקסלעך און אתרוגים־פּושקעס; וועגן טויזנטער תורה־קרוינען, תורה־שילדן, תורה־מענטעלעך, תורה־וויקלבענדער (ווימפּלען); עמוד־טישטעכער; וועגן ריזיקע צאָלן פון סדר־טעלערס און בעכערס: הבדלה־ און שלח־מנות־טעלער.

צין, קופּער, מעש, זילבער און גאָלד זענען אין משך פון יאָרהונדערטער

אויסגעהאַמערט און אויסגעשמידט געוואָרן; זענען געגאָסן און געפלאָכטן גע־וואָרן ביז זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ וווּנדערלעכן פאָלקס־אוצר.

און ווו זענען די קידושין־רינגען? די רינגען וואָס זענען „אָנגעבויט״ מיט טורעמס און בלומען? און די חתונה־גאַרטלען, די זילבער־געקייטלטע סבלנות־מתנות?

און דער יידישער פאַרצעלאַן? וועגן דעם וואָלט מען געדאַרפט באַזונדער דערציילן.

אין דער קייט פון די נאַציסטע פאַראָרדענונגען זענען אַריינגעפלאָכטן גע־וואָרן אויך אַזעלכע רינגען, וואָס האָבן געצילט אויף אַ „לעגאַלן״ אופן דורכצו־פירן אַ ברייטע גזילה פון די דאָזיקע אוצרות.

געהייסן האָט עס — די יידן דאַרפן אָפּגעבן די איידל־מעטאַלן פאַר דער קריגס־פירונג...

די דאָזיקע געזעצן זענען שוין געקומען נאָך דער ריזיקער אויספּלינדערונג פון דעם יידישן האָב־און־גוטס, ראשית בעת דער בלוטיקער קרישטאָל־נאַכט, אין נאָוועמבער 1938, ווען עס זענען אויסגערויבט געוואָרן די הונדערטער קהלשע הייזער פון די יידן, ווו דער רוב פון די דאָזיקע אוצרות האָבן זיך געפונען.

געווען זענען אָבער אויך צענטראַלע יידישע זאַמלונגען, די יידישע מוזייען — דאָרטן איז עס געגאַנגען אָן געוואָלט; די דאָזיקע אוצרות זענען געקומען אויפן „גלייכן״ וועג צו די רויבער אין די הענט אַריין.

— —

— —

איז וואָס איז געשען מיט דעם דאָזיקן קאָלאָסאַלן יידישן קונסט־פאַרמעג, וואָס קאָן גאָר נישט אָפּגעשאַצט ווערן אין מאַטעריעלע ציפערן פון „אַנטשע־דיקונג״?

געוווּסט האָבן מיר, אַז זייער פיל פון דעם דאָזיקן מין אוצרות זענען טאַקע געגאַנגען אויף „שמעלץ״, ווי מעטאַל־ברוך אין גיסערייען.

מען האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז דייטשן —נאַציס און נישט־נאַציס— האָבן זיך דערקלערט פאַר „יורשים״ פון די דאָזיקע אוצרות. גענאָסן ווי פון הפקרלאָזן אייגנטום. ווער עס האָט עס געמאַכט בלא־יודעים, ווער עס האָט עס געמאַכט „לעגאַל״.

אין דייטשע אַנטיק־געשעפטן האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן יידישע תשמישי־קודש. מען האָט זיי געפונען אין פאַרשידענע דייטשע זאַמלונגען. מען האָט אָנ־געהויבן באַקומען אַלץ מער ידיעות, ווו זיי ליגן (פאַרבאַהאַלטן אין קאַסטנס, אין קעלערן אָדער בוידעמער), די דאָזיקע אויפגעזאַמלטע פון דורות פאָלקס־רייכ־טימער.

אין איין פאַל איז מיר אויסגעקומען צו אינטערווענירן ווען מען האָט (נישט

וויכטיק ווי אַזוי) ביי אַ דייטשן יובילער־אייגנטימער אין דער בייערישער שטאָט באַמבערג געפונען, איינגעמויערט אין אַ וואַנט, ביז הונדערט גאָלדענע און זילבערנע חפצים: חנוכה־לאָמפּן, מנורות, קידוש־בעכערס; אליהו־הנביא־כוסות; מוהל־מעסערס; כלה־גאַרטלען וכדומה.

עס איז געווען זייער טשעקאַווע די טענה פון דעם יובילערס פרוי — ער גופא איז געווען אין רוסישער געפאַנגענשאַפט — זי ווייס גאָרנישט ווי אַזוי די דאָזיקע „דינגע" זענען געקומען אין דער וואַנט פון איר שלאָף־צימער...

די טענה אירע איז נאָך מער געווען „באַרעכטיקט", ווייל איר מאַן איז געווען „איינבאַרופן" (גענומען אין מיליטער) נאָך איידער עס איז געווען די „יודען־פּלינדערונג" און זי איז געשטאַנען פאַר דער „רעטעניש", ווער האָט עס געקאָנט אַזאַ זאַך אָפּטאָן?...

ווען מען האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז צונויפקלייבן די דאָזיקע זאַכן; ווען מען האָט אָנגעהויבן זיי צונויפזאַמלען די וויסבאַדען, אין דעם בנין פון דעם דאָרטיקן „לאַנדעס־מוזעום", האָט מען ערשט געקענט זען ווי ריזיק די דאָזיקע גזילה איז געווען. די בריגאַדע פאַר די דאָזיקע ענינים מיט דעם פאָרשטייער פון בצלאל־מוזיי אין ישראל מ. נאַרקיס בראש, האָבן געהאַט אַ שווער לייענען, שוין נישט מיט אויסגעפינען די אוצרות, נאָר מיט קאַטאַלאָגירן, מיט סדרן, מיט „אָפּשאַצן די יאָרן" און דעם „יחוס" פון די געקומענע פון פרעמדער געפאַנגענשאַפט חפצים־קדושים.

אָפט זענען זיי געקומען ווי אינוואַלידן — עס האָבן געפעלט גלידער און שטיקער פון די עקספּאָנאַטן. עמעצן פון די נייע „באַלעבאַטים" איז נישט געפעלן געוואָרן דער „שמש" פון אַ חנוכה־לאָמפּ, האָט ער עס אָפּגעבראָכן. לרוב זענען אָפּגעקראַצט געוואָרן די סימנים, וואָס וואָלטן געקענט דערציילן דעם יידישן אָפּשטאַם פון חפץ. אָפּגעקראַצט די נעמען, דעם מגן־דוד. עס איז וועמען פון די שוואַבישע ווייבער געפעלן געוואָרן דער אויסגענייטער בראָקאַט פון אַ פּרוכת האָט זי עס אָפּגעטרענט... מיר האָבן געטראָפן „איבערגעאַרבעטע" מנורות — טאַקע די זעלביקע „אָרעמס", די לייכטער, אָבער אַנדערש מאָנטירט. עס איז דעם „יורש" נישט געפעלן געוואָרן די „נישט־סטיליסטישע" לאַגע פון די טיילן און האָט זיי איבערגעמאַכט נאָך זיין געשמאַק.

די דאָזיקע געשיכטע פון אָפּנעמען דאָס געגזלטע איז טאַקע אינטערעסאַנט. מיר מוזן אָבער איבערהיפּען אַ פּאָר קאַפּיטלען פון דער עפּאָפּעע, איך וויל איבערחזרן וואָס איך האָב שוין פריער אַ פּאָר מאָל געזאָגט: יבוא יום, עס וועט נאָך קומען אַ טאָג און מען וועט קענען ברייטער דערציילן ווי אַזוי טויזנטער שבוים, ממש געפאַנגענע, זענען געקומען צו זייער תיקון אין „בצלאל" אָדער „פּאָלקסמוזיי" — אין יידישע זאַמלונגען אין ירושלים און לאָנדאָן, אין תל־אביב

און בוענאָס־איירעס; אין חיפה און אין ניו־יאָרק; אין רמת־גן און אין אַמסטער־דאַם...

ווען עס וואָלט קענען רעדן אויף אונדזער מענטשלעכן לשון די אונגאַרישע מנורה וואָס שטייט אין בוענאָס־איירעסער יִוואָ, וואָלט זי נישט איין באַנד פון ייִדישע פּײַנען דערציילט, מער ווי די לעבעדיקע קרבנות, וואָס האָבן די טבע צו פאַרגעסן...

איך האָב דערמאָנט אונגאַרישע, ווײַל אין די נאַצישע רויבער־הײלען האָבן זיך געפונען די צונויפגעשלעפּטע גזילות פון אַלע ערטער, וווהין עמלק האָט דערגרייכט, פון אומעטום האָבן זיי געבראַכט זאַקרויב צו זיך אין דער פאַר־ברעכער־נעסט.

*****

רייסן מיר דאָ איבער. איך מיין, אַז עס איז אַ יושר, אַז מען זאָל זיך באַ־קענען מיטן ריזיקן פאַרמעג וואָס מיר האָבן געהאַט ערב דעם חורבן בית־שלישי. טאַקע נאָר באַקענען זיך, עס וועט זיין נאָר אַ מין זיך פאַרשטעלן אין רעיון, ווײַל קיין געגויעם בילאַנס האָבן מיר נישט און וועלן מן־הסתם שוין קיין מאָל נישט האָבן.

לאָמיר מאַכן אַ שפּאַציר איבער די ערטער, וווּ עס האָבן זיך געזאַמלט די דאָזיקע אוצרות אונדזערע, ווו טרייע היטערס האָבן זיי אָפּגעהיט, געזאָרגט וועגן זיי, געפלעגט, געפּוצט, געריייניקט און לעבעדיק געמאַכט זיי פאַר די יונגע, וואָס האָבן געלערנט פון דער שעפערישקייט פון דורות.

עס וועט זיין נאָר אַ בליץ־עקספּעדיציע, נאָר אָפּגעשטעלט זיך אויף אַ ווײַלע ביי די באַזונדערע סטאַנציעס, כדי מיר זאָלן קענען באַווייזן אין די ראַמען פון איין קאַפּיטל פאַרענדיקן אַזאַ ווײַטע און באַלערנדיקע נסיעה.

אַ שפּאַציר דורך ייִדישע מוזייען אין גאָר דער וועלט — ראשית אין די ערטער ווו די ברוינע בעסטיע האָט געשטעלט אירע בלוטיקע שטיוול — מיינט דאָך זיך באַקענען מיט דער געשיכטע פון די יעניקע — יחידים און גרופּן — וואָס האָבן עס געבויט און אָפּגעהיט. מיר וועלן דאָס אָבער מאַכן קפיצת־הדרכדיק, טאַקע אַ בליץ־עקספּעדיציע.

אונדזער ציל איז, בעיקר, צו באַקענען זיך מיט די ייִדיש־דײַטשע מוזייען, מיט ייִדישע קונסט־זאַמלונגען אין דײַטשלאַנד, אין דעם לאַנד פון דער נאַצישער אבי־אבות־הטומאה; מיר דאַרפן אָבער אויך דערמאָנען, צוליב גאַנצקייט, די אַנדערע ערטער, לענדער און שטעט, פון דער ייִדישער צעשפּרייטקייט, וואָס האָבן זיך געהאַט מיט וואָס צו ווייזן.

ייִדישע קונסט-זאַמלונגען אין דער וועלט

אויפֿן ערשטן אָרט דאַרף דערמאָנט ווערן דער „בצלאל", וואָס איז געגרינ־דעט געוואָרן אין יאָר 1906, אין ירושלים.

„בצלאל" איז תחילת פֿאַרטראַכט געוואָרן ווי אַ שול פֿאַר ייִדישער קונסט און מלאכה. דער איניציאַטאָר איז געווען דער בערלינער ייִדישער פּראָפֿעסאָר באָריס שאַטץ. אין יאָר 1905 האָט ער אין בערלין אונטערגענומען די דאָזיקע איניציאַטיוו און געשאַפֿן אַ געזעלשאַפֿט פֿאַר אויפֿשטעלן דעם דאָזיקן אינסטיטוט. פֿאָרזיצער איז געווען אָטאָ וואַרבורג; ערן־מיטגלידער פֿון דירעקטאָריום זענען געווען די גרעסטע ייִדישע קינסטלער פֿון יענער צייט: איזראַעל, מאַקס ליבערמאַן, הערמאַן שטרוק און אַנדערע. אין יאָר 1906 האָט פּראָפֿ' שאַטץ אָוועקגעפֿירט קיין ירושלים די ערשטע 10 שילער פֿאַר דער „בצלאל"־שול.

אין יאָר 1914, פֿאַרן אויסברוך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט שוין „בצלאל" געהאַט 483 תלמידים, לערער און קינסטלער, וואָס האָבן געלערנט און געאַרבעט אין 17 וואַרשטאַטן, ביי פֿאַרשידענע מינים קונסט־אויסאַרבעטונגען.

אין יאָר 1925 ווערט ביי דער שול געגרינדעט דער „בצלאל־מוזיי", וועל־כער ווערט פֿאַרוואַנדלט אין דעם גרעסטן ייִדישן קונסט־צענטער. דער ערשטער באַריכט פֿון יאָר 1929, האָט שוין דערציילט, אַז דער „בצלאל"־מוזיי האָט דאַן געהאַט ביי 7000 קונסט־עקספּאָנאַטן.

פֿון יענער צייט איז דער דאָזיקער קונסט־צענטער געוואַקסן פֿילאַפֿכיק. ענג זענען שוין לאַנג געוואָרן די אַלטע און די נייע בנינים פֿון „בצלאל".

דאָ געפֿינען זיך ייִדישע קונסט־דענקמעלער פֿון אַלע צייטן און פֿון אַלע תפוצות.

אין „בצלאל" זענען טאַקע אַריינגענומען געוואָרן גאָר גרויסע קאָלעקציעס פֿון צוריק־אָפּגענומענע ביי די נאַציס קונסט־אוצרות.

***

גרויס זענען די ייִדישע קונסט־זאַמלונגען אין ענגלאַנד און אין נאָרד־אַמעריקאַנער פֿאַראייניקטע שטאַטן.

אין ענגלאַנד זענען, חוץ דער גרויסער אָפּטיילונג אין דעם בריטישן מוזיי געווען (און פֿאַראַן) אַ ריי אָרטיקע קלענערע קונסט־זאַמלונגען, בעיקר ביי יחידים.

די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָבן ערשט אין יאָר 1947 געמאַכט דעם אָנהייב פֿון דער שאַפֿונג פֿון אַ ייִדישן מוזיי, וואָס געפֿינט זיך אונטער דער אויפֿזיכט פֿון דעם ייִדישן טעאָלאָגישן אינסטיטוט.

***

צו די עלטסטע יידישע קונסט־זאַמלונגען האָט געהערט דער „יידישער מו־זעום דער געזעלשאַפט פיר זאַמלונג אונד קאָנסערווירונג פאָן קונסט און היס־טאָרישען דענקמעלערן דעס יודענטומס״ אין ווין.

דער דאָזיקער מוזיי איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1895. עס איז געווען איינע פון די מערקווירדיקסטע זאַמלונגען, הן פון יידישע קונסט־קעגנשטאַנדן, הן פון היסטאָרישע דענקמעלער און דאָקומענטן. אַ גאַר גרויסע צאָל פון כתב־ידן, העברעיִשע און יידישע און העכער זעקס טויזנט מוזיי־אָביעקטן.

**
*

פון די לענדער וואָס האָבן ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה געהערט צו דער עסטרייך־אונגאַרישער אוניע דאַרפן דאָ אויך דערמאָנט ווערן טשעכאָסלאָ־וואַקיי און אונגאַרן. דאָס זענען די יידישע מוזייען אין פּראָג, אין ניקלשבורג און אין בודאַפּעשט.

דער יידישער מוזיי אין פּראָג איז געשאַפן געוואָרן אַרום דעם יאָר 1913, האַרט ביי דעם אַלטן יידישן בית־עולם, ווו עס ליגט דער מהר״ל פון פּראָג. קעגנאיבער דער „אַלטניי״ שול, געפינט זיך דער דאָזיקער מוזיי. די זאַמלונגען פון דאָזיקן מוזיי זענען אין דער צייט פון דער נאַצישער הערשאַפט דערגאַנצט געוואָרן מיט דער גרויסער קאָלעקציע פון דעם „צענטראַלן יידישן מוזיי פון מאָראַוויע און שלעזיע״, וואָס האָט זיך געפונען אין ניקלשבורג (אויף טשעכיש: מיקולאָוו).

דער דאָזיקער צוזאַמענגעגאָסענער מוזיי איז היינט־צו־טאָג פון די גרעסטע יידישע קונסט־זאַמלונגען, וואָס פאַרמאָגט די ריזיקסטע קאָלעקציע פון יידישע קולט־קעגנשטאַנדן און היסטאָרישע דענקמעלער.

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז ביים צונויפגיסן דיביידע מוזייען (פּראָג און ניקלשבורג) איז אַרויס אַ באַפעל, אַז די יידישע קהילות פון בעהמען, מעהרן, סודעטן און אַנדערע געביטן, זאָלן איבערליפערן אַהין זייערע תשמישי־קודש און אַנדערע חפצים. דאָס איז אויסגעפירט געוואָרן מיט דער עכטער דייטשער פּינקט־לעכקייט.

אויף מיין וואַנדער־וועג נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָב איך נאָך באַוויזן דורכצושפּאַצירן דעם דאָזיקן ווונדערלעכן אָנקלייב פון יידישער פאָלקס־שאַפונג. דער מוזיי איז איינגעאָרדנט אויפן סיסטעם: „יידיש לעבן פון וויגל ביזן קבר״. דער „מוזיי־פירער״ איז אַזוי טאַקע געבויט. מען הייבט אָן פון די ערשטע „שמירות״ און „שיר המעלותן״ ביי דער קימפּעטאָרן, דורך דער ברית־צערע־מאָניע, נאָכדעם אין חדר־פירן, בר־מצווה, חתונה, — ביז דער טהרה־ און קבורה־צערעמאָניע. יעדער יידישער יום־טוב איז דאָ באַזונדער אויסגעשטעלט. אָט האָבן מיר אַ צימער וואָס איז געווידמעט פּסח — איז דאָרטן פאַראַן דער

גאַנצער סדר, אַפּילו מיט די מענטשן (אויסגעשטאָפּטע פיגורן) וואָס פּראַווען דעם סדר.

די אָפּטיילונג סינאַגאָגע איז פול מיט הונדערטער פּרוכתן, מנורות, האַנט־פּאַסן (כיורים), אליהו־הנביא־שטולן אאַ״וו.

צענדליקער טויזנטער עקספּאָנאַטן ליגן פּאַרפּאַקטע, ווייל עס איז נישטאָ קיין פּלאַץ כדי זיי אויסצושטעלן, אָדער אויסצולייגן.

צו די אָנגעזעענסטע מוזייען איז אויך געווען אַריינגערעכנט דער „אונגאַריש־ייִדישער לאַנדעס־מוזעום״, וואָס האָט זיך געפֿונען אין בודאַפּעשט. דער דאָזיקער מוזיי איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1911. העכער 2.000 ייִדישע קולט־קעגנשטאַנדן און חפצים פון ייִדישן שטייגער־לעבן זענען דאָרט געווען. חוץ הונדערטער דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון די ייִדן אין אונגאַרן.

וואָס אַלץ איז דאָרט נישט געווען. עס ליגן פאַר מיר אילוסטרירטע בלעטער פון די דאָרטיקע זאַמלונגען: פּרוכתן, תורה־שילדן, סדר־טעלער, אתרוג־פּושקעס, מוהל־מעסערלעך, רימונים, טאַבאַקערקעס און ליולקעס, לוויים־קריגעלעך און אליהו־הנביא־שטולן.

**
*

אויך אין דער שכנותדיקער רומעניע איז געווען אַ גאַר פיינע ייִדישע קונסט־זאַמלונג. ביי דעם כאָר־טעמפּל פון בוקאַרעשט האָט עקזיסטירט אַ ביבליאָטעק, אַ מוזיי און אַן אַרכיוו. ביז צען טויזנט ביכער האָט די ביבליאָטעק פאַרמאָגט; אַן אַ שיעור דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון ייִדן אין רומעניע און מאָלדאַוויע און אַ גאָר פיינע מוזיי־קאָלעקציע.

**
*

אַ זייער רייכער ייִדישער מוזיי איז געווען אין שטראַסבורג, ווו עס זענען געווען זאַמלונגען פון קאָלעקציעס היסטאָרישע מאַטעריאַלן וועגן די ייִדן אין עלזאַס־לאָטרינגען, איינעם פון די עלטסטע ייִדישע ישובים פון ייִדן בעת זייער גאַנג קיין אשכנז. גאָר גרויס איז געווען די קאָלעקציע פון קולט־קעגנשטאַנדן. דער מוזיי האָט זיך געעפנט אין יאָר 1908 און האָט זיך גערעכנט פאַר די אָריגינעלסטע פון דעם מין.

**
*

עס זענען נאָך אין מערב־איירָאָפּע געווען ייִדישע מוזייען אין אַמסטערדאַם (צוויי: איינער פון די אשכנזים און דער צווייטער פון די ספרדים); אין קאָפּענהאַגען (דענעמאַרק); אין פּאַריז — קלענערע זאַמלונגען, וואָס זענען ערשט איצט, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה קאָנצענטרירט געוואָרן.

**
*

אַ באַזונדער אָרט האָט אָנגעהויבן שפּילן פּוילן צווישן די ייִדישע קונסט־זאַמלונגען. נישט געווען קיין איין ייִדישער מוזיי, אָדער פּריוואַטע קאָלעקציע אין דער וועלט, ווו עס זאָלן זיך נישט געפינען קיין עקספּאָנאַטן, וואָס האָבן געשטאַמט פון רוסלאַנד־ליטע און פּוילן.

אין געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד האָט זיך אין פּעטערבורג (שפּעטער פּעטראָגראַד און היינט לענינגראַד) אין דער אַזיאַטישער אָפּטיילונג פון דער קייסערלעכער ביבליאָטעק געפונען אַ ספּעציעלע ייִדישע אָפּטיילונג וואָס האָט מיט איר רייכקייט און פאַרשידנאַרטיקייט געשמט איבער גאָר דער וועלט. נאָך דער רעוואָלוציע האָט די דאָזיקע אָפּטיילונג אויפגעהערט צו עקזיסטירן. זי איז אין משך פון די יאָרן שטאַרק באַרייכערט געוואָרן דורך דעם צופלוס פון נייע מאַטעריאַלן, אָבער פאַר דער ייִדישער (און אויך נישט־ייִדישער) עפנטלעכקייט איז די דאָזיקע אוצרות־זאַמלונג אָפּגעשלאָסן.

געבליבן איז אין דאָזיקן טייל מזרח־אייראָפּע פּוילן, דער איינציקער אָרט, ווו עס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסבילדן צענטראַלע זאַמלונגען פון ייִדישע קונסט־און געשיכטע אומשטאַנדן.

דער ערשטער מוזיי איז אין פּוילן געשאַפן געוואָרן פון מאַטיאַס בערסאָן, וואָס האָט עס אין יאָר 1905 איבערגעגעבן דער ייִדישער קהילה אין וואַרשע. עס איז געווען איינע פון די אינטערעסאַנטסטע זאַמלונגען וואָס די ייִדישע קונסט־וועלט האָט געקענט. אין דער לעצטער צייט איז די צאָל עקספּאָנאַטן דערגאַנגען ביז טויזנט.

דער צווייטער צענטער איז געוואָרן ווילנע, דאָ האָט זיך אין יאָר 1913 געגרינדעט דער מוזיי און אַרכיוו פון דער „היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט א״נ ש. אַנסקי״. הגם די הויפּט־זאַמלונגען זענען באַשטאַנען פון עטנאָגראַפיש־פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל און דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון ייִדן אין דעם אַמאָליקן ליטע, איז דער מוזיי געווען רייך מיט אַן אַ שיעור קונסט־ווערק פון באַרימטע ייִדישע קינסטלער (אַנטאָקאָלסקי, אַראָנסאָן, גינזבורג, טרעגער, לייבאָוויטש א״אַ) און אַ גרויסע צאָל ייִדישע קולט־קעגנשטאַנדן.

אין קראָקע האָט עקזיסטירט אַ מוזיי ביי דער אַלטער שול. עס איז געווען אַ רייך סינאַגאָגע־מוזיי פון אַלטערטימלעכע חפצים: 21 פּרוכתן און 27 תורה־מענטעלעך פון 17טן און 18טן יאָרהונדערט, חוץ אַנדערע תשמישי־קודש.

אין פּויזן האָט זיך געשאַפן אַ מוזיי ביי דער ייִדישער קהילה. בעיקר פון קעגנשטאַנדן וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו די קהילות פון פּויזנער געגנט, וואָס זענען מיטן אַריבערגיין פון דעם געביט צו פּוילן (נאָך 1918) ליקווידירט געוואָרן.

**
*

אין ליטע האָט זיך אין דער הויפּטשטאָט — קאָװנע — אין יאָר 1926 געשאַפן אַ היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. דובנאָװ. אין די זאַמלונגען זענען געווען הן היסטאָרישע דאָקומענטן, אַלטע פּנקסים און אַנדערע אַרכיװאַליען. עס איז אויך געווען אַ גאַר גרויסע קאָלעקציע פון סינאַגאָגאַלע אָביעקטן, פּרוכתן, מנורות וכדומה.

יידישע קונסט־זאַמלונגען אין דייטשלאַנד

ווען מיר באַהאַנדלען די יידישע קונסט־אוצרות פון דייטשלאַנד דאַרפן מיר דאָ אויסטיילן צוויי מינים זאַמלונגען (חוץ די פּריוואַטע קאָלעקציעס): יידישע אָפּטיילונגען ביי די אַלגעמיינע, שטאָטישע אָדער מלוכהשע, מוזייען און יידישע מוזייען ממש. די ערשטע זענען אויך לרוב אַנטשטאַנען דורך יידישער איניציאַטיוו און פון יידן נאָכדעם אויסגעהאַלטן געוואָרן. די צווייטע זענען נישט נאָר דורך יידן איניציאירט געוואָרן, נאָר אויך אָנגעפירט, אויסגעהאַלטן געוואָרן פון זיי און געווען יידיש־געזעלשאַפטלעכער אייגנטום.

דער ווייטערדיקער צוזאַמענשטעל וועט זיין ווייט פון פולשטענדיק, ווייל ווי געזאָגט פריער, איז עס אַן ענין וואָס מען דאַרף אים אַליין אָפּגעבן אַ בוך און שווער אַריינצופּאַסן אין אַ קאַפּיטל. איך מיין אָבער, אַז די אָנגעגעבענע ציפערן און דאַטן וועלן שאַפן דעם באַגריף וועגן דעם ריזיקן פאַרנעם פון די געוועזענע יידישע קונסט־אוצרות אין דייטשלאַנד.

א. יידישע אָפּטיילונגען ביי אַלגעמיינע מוזייען.

איך וועל דאָ אויסרעכענען נאָר יענע מוזייען וואָס איך האָב פּערזענלעך באַזוכט און געקענט פעסטשטעלן וואָס דאָרטן געפינט זיך. אונדזער רשימה איז נאָכן סדר פון יידישן אלף־בית:

1. איבערלינגען: אַ שטאָט ביי דער גרענעץ פון דער שווייץ, ביי דער באָרימטער אַזיערע באָדענזעע, איינע פון די טוריסטן־שטעט אין דייטשלאַנד. דער „פירער" איבערן שטאָט וועט נישט אויסמיידן די באַזוכער צו ברענגען אין דעם אויסערגעוויינלעך־רייכן „היימאַט־מוזעום", וואָס האָט גאָר פיינע קאָלעקציעס צו דער געשיכטע פון דער דאָזיקער אַלטער שטאָט. אין דאָזיקן מוזיי איז פאַראַן אַ יידישע אָפּטיילונג — ערשטנס אַ גרויסע און זעלטענע זאַמלונג פון מצבות, וואָס שטאַמען פון 14טן יאָרהונדערט און ווייטער און דאָס איז פאַרשטענדלעך — ווייל שוין פון 13טן יאָרהונדערט איז איבער־

לינגען געווען אַ יידישער ישוב; שוין אין יאָר 1226 ווערט אין אַ דאָקו־מענט דערמאָנט דער יידישער בית־עולם. אויסער דעם געפינען זיך דאָרטן אַ ריי יידישע חפצים, צווישן זיי אַ סעריע מיט... אויסגענייטע תפילין־זעקעלעך, פראַגמענטן פון יידישע כתב־ידן, אַ מנורה א״אַ. אין איבערלינגען איז היינט נישטאָ קיין איין יידישער נפש.

2. געטינגען: די דאָזיקע אַלטע אוניווערסיטעט־שטאָט איז וועלט־באַרימט מיט אירע קולטור־ און קונסט־זאַמלונגען. אין אַ פּאָר ערטער איז מיר אויסגע־קומען צו רעדן וועגן דער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק און די רייכע יו־דאַיקאַ און העבראַיקאַ־אָפּטיילונג (זע זייט.....). אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל „תורה־ווימפּלען״ (זע זייט.....) דערצייל איך וועגן דעם יידישן קונסט־אוצר אין דעם דאָרטיקן שטאָטישן מוזיי. איך וויל נאָר אויך דעם אָרט באַמערקן, אַז אין דעם אָפיציעלן „פירער דורך די אַלטערטומסזאַמלונגען״, וואָס דער מוזיי האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1919, פאַרנעמט דער יידישער טייל אַ גאָר חשובן פּלאַץ. אין דעם דאָזיקן קאַטאַלאָג האָט דער יידישער טייל 2 זייטן ד.י עקספּאָנאַטן האָבן פאַרנומען אַ גאַנצן אויסשטעל־סאַלאָן נומער 7. בעת מיין באַזוך האָט מען די דאָזיקע עקספּאָנאַטן אַרויסגענומען, כדי זיי מיר צו ווייזן, פון קאַסטנס. זיי זענען דאָרטן געלעגן פאַרפּאַקט בעת דער גאַנצער נאַצי־צייט.

3. דאַרמשטאַט: אַ גאָר שווער לייענען האָב איך געהאַט אין דער דאָזיקער קרייז־שטאָט פון העסען. געוווּסט האָב איך, אַז אין דעם דאָרטיקן „העסישן לאַנדעסמוזעום״ איז פאַראַן אַ רייכע יידישע קאָלעקציע. געהאַט אַפילו די רשימה פון די דאָרטיקע זאַכן. עס האָט לאַנג געדויערט ביז מען האָט עס אויסגעפונען — אויך נישט קאָמפּלעט. זיי זענען עד־היום „פאַרלאָגערט״. צווישן אַנדערע איז דאָרטן דאָ איינע פון די אָריגינעלסטע און עלטסטע מצבות, וואָס שטאַמט פון 11טן יאָרהונדערט.

4. דיסלדאָרף: אין דעם וועלט־באַרימטן דיסלדאָרפער „קונסט־געווערבע מו־זעום״ איז אין משך פון יאָרצענדליקער געווען אַ פיינע יידישע אָפּטיילונג. איינע פון די פירער פון דאָזיקן מוזיי האָט געהאַט אַ באַזונדערע שוואַכ־קייט צו יידישע קונסט־שאַפונגען. דער דאָזיקער דירעקטאָר פון דער מוזיי, פּראָובערגער, אַליין נישט קיין ייד, איז עס געווען איינער פון די איני־ציאַטאָרן פון דער „געזעלשאַפט צור ערפאָרשונג יידישער קונסטדענקמעלער״, וואָס האָט נאָכדעם געשפּילט אַ גאָר גרויסערע רואָלע ביים אויפבויען דעם יידישן מוזיי־וועזן אין דייטשלאַנד. דאָ זענען טאַקע פאָרגעקומען אַ ריי יידישע קונסט־אויסשטעלונגען. אין דאָזיקן מוזיי איז פאַראַן אַ פיינע יידישע זאַמ־לונג, זי ווערט אָבער נישט געוויזן. זי ליגט נאָך ערגעץ פאַרפּאַקט.

5. האַמבורג: אין דעם שטאַטישן מוזיי פאַר „קונסט און געווערבע" איז געווען אַ גרעסערע זאַמלונג פון יידישע קולט־חפצים, עטלעכע צענדליק. בעת מיין באַזוך האָב איך די דאָזיקע נישט געקענט געפינען. עס האָט געהייסן, אַז בעת דער נאַצי־צייט זענען זיי „בעשלאַגנאַמט" געוואָרן; אַז מען האָט זיי צוגענומען אויף צעשמעלצן פאַר די צילן פון דער מלחמה־פירונג.

6. היילבראָן: דאָ האָב איך שוין יאָ געפונען די דאָרטן פאַראַנענע יידישע עקספּאָנאַטן. נישט קיין סך, אָבער גאָר אינטערעסאַנטע. צווישן די חפצים פון סינאַגאָגע־קולט איז אויך פאַראַן אַן אַלטע מצבה פאַר: הנער שמואל ב״ר מאיר הלוי נקבר כ״ג שבט קס״ח (23סטן יאַנואַר 1408).

7. ווירצבורג: אין דער דאָזיקער יחוסדיקער מאַין־פרענקישער שטאָט איז פאַראַן אין איינער פון די באַרימטסטע דייטשע מוזייען. איך לאָז דורך וועגן דעם יידישן טייל פון דעם דאָזיקן „מאַינפרענקישן לאויטפּאָלד־מוזעום" צו דערציילן, ווייל ווייטער איז אַ ספּעציעלער קאַפּיטל אָפּגעגעבן דעם דאָזיקן מוזיי.

8. ווערטהיים: אין דאָזיקן יחוסדיקן יידישן שטעטל, ווו עס געפינט זיך אויך די רעזידענץ פון 2 פירשטלעכע לעווינשטיין־פאַמיליעס, איז אין שטאָטישן „היימאַט־מוזעום" פאַראַן אַ רייכע זאַמלונג פון דאָקומענטן, וואָס געהערן טאָקע צום אַרכיוו, אָבער זענען פון מוזעאַלן כאַראַקטער. אויך אַ זאַמלונג פון יידישע קולט־חפצים איז דאָרטן דאָ. ווען די דאָזיקע קעגנשטאַנדן זענען אַהין געקומען איז שווער פעסטצושטעלן...

9. מינכען: אין „ביירישן נאַציאָנאַל־מוזעום" איז אָפּגעהיט געוואָרן די גאָר אַנגעזעענע קאָלעקציע פון חפצים „פון עפנטלעכן און פּריוואַטן גאָטעס־דינסט באַדינונג דער יודען". בסך־הכל באַשטייט די זאַמלונג פון 72 איינסן. צווישן זיי ווערטפולע דענקמעלער פון יידישער קונסט און אויך דאָקומענטן פון יידישע קהילות, פון וואַנען זיי שטאַמען. ביז דער נאַצישער הערשאַפט זענען די דאָזיקע עקספּאָנאַטן געווען אויסגעשטעלט אין ספּעציעלע דריי וויטרינעס (נומערן 9, 10, 11). איצט זענען נאָר אַ פּאָר פאַראַן אין איין וויטרינע.

10. נירנבערג: פון באַזונדער וויכטיקייט פאַר אונדזערע זאַמלונגען איז דער „גערמאַנישער מוזעום". מיר איז אויסגעקומען ביי אַ פּאָר געלעגנהייטן שוין צו דערמאָנען דעם דאָזיקן מוזיי, בעיקר רעדנדיק וועגן די דאָרטיקע הגדות. אָבער חוץ די הגדות און חוץ אַן אָריגינעלער קאָלעקציע פון יידישע אַלטע מצבות פון 14טן און 15טן יאָרהונדערט איז אין דאָזיקן מוזיי פאַראַן אַן אַ שיעור קונסט־דענקמעלער פון יידישן שאַפן און אַ רייכע צאָל פון היס־

טאַרישע דאָקומענטן צו דער יידישער קידוש־השם־געשיכטע אין דער דאָזיקער שטרייכער־שטאָט פון פאַרשידענע תקופות.

11. עהינגען: אין דאָזיקן ווירטעמבערגער שטעטל האָבן זיך אין דאָרטיקן „ארטמוזעום" אויפגעהיט צוויי יידישע מצבות, איינע פון יאָר ק"ל (1370) און די צווייטע פון יאָר רמ"ג (1482). צוזאַמען מיטן בנין פון דער סינאַגאָגע, וואָס שטאַמט פון 14טן און 15טן יאָרהונדערט זענען עס עדות, אַז אַמאָל זענען דאָ געווען יידן. די לעצטע יאָרהונדערטער זענען שוין אין עהינגען נישט געווען קיין יידן.

12. פאַרצהיים: די דאָזיקע שטאָט אין שוואַרצוואַלד איז וועלט־באַרימט מיט אירע צירונג־ און שמוק־אויסאַרבעטונגען. דאָ טאַקע האָט זיך געפונען איינער פון די גרעסטע מוזייען ביי דער „קונסט־געווערבע שולע", ווו עס איז געווען די אינטערעסאַנטע זאַמלונג, פון די געציילטע אין דער וועלט צירונג־אויסאַרבטונגען. צווישן דער דאָזיקער זאַמלונג האָט איינעם פון די ערשטע ערטער פאַרנומען די קאָלעקציע פון יידישע „חתונה־רינגען". עס האָט זיך געהאַנדלט נישט וועגן קידושין־רינגען, וואָס דאַרפן נאָכן יידישן דין זיין גלאַט, אָן וועלכע נישט איז גראַווירונגען און באַפּוצונגען, נאָר כלה־מתנות־רינגען, וואָס האָבן געהאַט אויף זיך וווּנדערלעכע באַפּוצונגען, טורעמס אויסגעפּילטע מיט איידלשטיינער אא"וו. ליידער האָב איך דעם מוזיי געטראָפן צעשטערט. בכלל איז די גאַנצע שטאָט געלעגן אין חורבות. מען האָט איבערגעגעבן, אַז די אוצרות פון דעם „געווערבע־מוזעום" זענען געראַטעוועט געוואָרן. איך האָב אָבער זיי נישט געפונען.

13. פראַנקפורט אם־מאַין: אין פראַנקפורטער שטאָטישן היסטאָרישן מוזיי האָט אין משך פון לאַנגע יאָרן עקזיסטירט אַן אָפּטיילונג אונטערן נאָמען „איז־ראַעליטישער ריטואַל־קעגנשטענדע". צווישן זיי אַ סעריע מיט תורה־ווימפּלען פון יאָר 1777 און שפּעטער — קאָלעקציעס פון מנורות, חנוכה־לאָמפּן וכדומה. מיט דעם מוזיי איז עפּעס געשען אַ מיכשול. אייגענע „פּאַרטייגענאָסן" האָבן אים „באַאַרבעט" און די שטאָט האָט אַרומגעזוכט ווו עס זענען אַהינגעקומען די עקספּאָנאַטן פון מוזיי. די יידישע קעגנשטאַנדן זענען טיילווייז אָפּגעפונען געוואָרן אין אַנדערע ערטער.

14. קאָנסטאַנץ: אין דאָרטיקן „ראָזנקראַנץ־מוזיי" (ער געפינט זיך אויפן אָרט, ווו עס איז מיט העכער אַ האַלבן יאָרטויזנט צוריק געווען די יידישע סינאַגאָגע) וואָס איז באַרימט אין דער וועלט מיט דער גרויסער קאָלעקציע פון הוסטן און זיין באַוועגונג איז פאַראַן אַ גאָר באַשיידענע קאָלעקציע פון יידישע עקספּאָנאַטן — סדר־טעלערס, מצה־זעקלעך און פראַגמענטן פון כתב־יידן.

15. קאַסעל: וועגן דעם דאָרטיקן „העסישן לאַנדעס־מוזעום“ וואָלט מען גאָר אַ סך געדאַרפט דערציילן. דאָ אין דעם דאָזיקן מוזיי איז געווען אַ ייִדישער טייל, וואָס האָט פֿאַר זיך אַליין געקענט זיין אַ גאַנץ פֿיינער ייִדישער קונסט־מוזיי. די ייִדישע אָפּטיילונג פֿון דאָזיקן מוזיי איז טאַקע געשאַפֿן געוואָרן דורך דער הילף פֿון דעם „ייִדישן מוזעום־פֿאַריין אין קאַסעל“. אַ סעריע מיט פּרוכתן (פֿון די יאָרן 1744 און 1800); בשמים־ביקסלעך, קידוש־בעכערס און אתרוג־פּושקעס, מנורות און חנוכה־לאָמפּן; לוויים־קריגעלעך און אַן אליהו־הנביא־שטול; תורה־ווימפּלען און אָן אַ שיעור היסטאָרישע דאָקומענטן. דעם רוב פֿון די דאָזיקע עקספּאָנאַטן, וועמענס גענויע באַשרייבונג איך האָב געהאַט, האָב איך נישט געפֿונען — זיי זענען בעת דער נאַצי־הערשאַפֿט געוואָרן „בעשלאַגנאַמט“.

16. קעלן: דער „רהייניִשער מוזעום“ געהערט צו די גרעסטע אין דייטשלאַנד נישט נאָר צוליב דעם וואָס ער געפֿינט זיך אין דער „עלטסטער גערמאַנישער שטאָט“ (שוין געפֿייערט דעם 1900טן יובל פֿון איר גרינדונג), נאָר אויך צוליב דעם וואָס קעלן איז איינע פֿון די באַרימטסטע שטעט פֿון וועלט־אויסשטעלונגען קומט אויס, אַז דער מוזיי „נאַשט“ פֿון יעדער אויסשטעלונג. ראשית, געפֿינט זיך ביי דער דאָזיקן מוזיי אַ בילדער־אַרכיוו, וווּ עס געפֿינען זיך טויזנטער רעפּראָדוקציעס פֿון די עקספּאָנאַטן, וואָס זענען בשעתּם, בעת פֿאַרשידענע אויסשטעלונגען דאָרטן געוויזן געוואָרן. מהאי־טעמא געפֿינט זיך דאָ טאַקע איינע פֿון די גרעסטע בילדער־קאָלעקציעס פֿון ייִדישע קונסט־דענקמעלער. זיי זענען געמאַכט געוואָרן בעת דער „יאָרטויזנט אויסשטעלונג דער רהיינלאַנדע“, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין יאָר 1925. דער ייִדישער טייל פֿון דער דאָזיקער אויסשטעלונג וואָס האָט פֿאַרנומען עטלעכע פּאַוויליאָנען מיט הונדערטער עקספּאָנאַטן געפֿינט זיך צווישן די דאָזיקע רעפּראָדוקציעס. אָפּטמאָל זענען טאַקע די דאָזיקע רעפּראָדוקציעס דער איינציקער איבערבלייב פֿון יענע קונסט־ און געשיכטע־דענקמעלער. חוץ די פֿאָטאָס האָט דער מוזיי אויסערגעוויינלעכע ייִדישע קונסט־אוצרות ממש. וועגן דעם דערצייל איך שפּעטער אין אַ ספּעציעל קאַפּיטל.

17. רעגנסבורג: פֿאַרשטייט זיך, אַז אין דער דאָזיקער יחוסדיקער ייִדישער שטאָט האָט געדאַרפֿט זיין אַ ייִדישער טייל אין די דאָרטיקע מוזייען, וואָס די שטאָט פֿאַרמאָגט לרוב. ליידער האָב איך נאָר אין דעם „אולריך־מוזעום“, וואָס געפֿינט זיך טאַקע אין דער אולריך־קירכע, געפֿונען אַן אינטערעסאַנטע קאָלעקציע פֿון ייִדישע מצבות און אַ סעריע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען פֿון שטוב־כלים, לייכטער, טעפּ און קריגלעך, מיט ייִדישע סימנים. קיין שום אַנדערע עקספּאָנאַטן זענען נישטאָ, הגם מיר האָבן געהאַט גרויסן, אַז מען

האָט עס ערגעץ־ווו געבראַכט די אויסגערויבטע בעת דער קרישטאַל־נאַכט יידישע סינאַגאָגע־חפצים.

18. שוועביש־האַלל: אין דעם דאָרטיקן „קאָרבורג־מוזעום“, איינער פון די זעלטנסטע זאַמלונגען פון טאָפּאָגראַפיש־אַרכעאָלאָגישע קעגנשטאַנדן, גע־פינט זיך די הילצערנע שול פון אונטערלימבורג. אייגנטלעך נאָר די ווונ־דערלעך־געמאָלענע ברעטער פון דער סינאַגאָגע. איך האָב וועגן דעם גע־נויער איבערגעגעבן אין מיין בוך „אין לאַבירינטן פון תקופות“, אינעם קאַפּיטל „די וואַנט־מאָלערייען אין די סינאַגאָגעס“ (זייטן 264—270).

19. שטוטגאַרט: אין דעם „געווערבע־מוזעום“ האָב איך אויסגעפונען אַ גאָר קליינע קאָלעקציע פון יידישע קולט־חפצים.: אַ פּאָר טעלער, אַ מנורה, אַ בעכער.

20. שנייטאַך: עס איז אַ יחוסדיק שטעטל אין בייערן, וואָס דער יידישער יחוס ציט זיך שוין דאָרטן אַ גאַנצן האַלבן טויזנט יאָר. אין דעם דאָרטיקן „היי־מאַטס־מוזעום“ וואָס איז איינגעאָרדנט אין דער געוועזענער יידישער סינאַ־גאָגע אויף דער יודענשול־גאַסע נומער 89, געפינט זיך אַ ספּעציעלע יידישע אָפּטיילונג. די דאָזיקע אָפּטיילונג איז אַ „נייע“ — ערשט אויפגעקומען נאָכן נאַצי־חורבן. די עקספּאָנאַטן שטאַמען טאַקע פון דער צוגערויבטער סינאַ־גאָגע פון די אויסגעקוילעטע יידן. העכער צען ספר־תורהס, אַ פּאָר צענדליק באַגילדעטע און באַזילבערטע תורה־קרוינעז, רימונים און תורה־שילדן, חנוכה־לאָמפּן, שבת־לייכטער, הענג־ און שטיי־מנורות, שוויתי־ליכט און וואַנט־לייכטערס; פּרוכתן, מענטעלעך, טישטעכער, אויסגענייטע פּאָרהענג־לעך און מזרחים; קידוש־בעכערס, הבדלה־טעלער, מוהל־מעסערס; שופרות, תפילין־זעקלעך, טלית־עטרות; הונדערטער תורה־וויקל־בענדער, די באַ־רימטע ווימפּלען. אַלץ געפינט מען דאָרטן — אַן אמתער קאַליידאָסקאָפּ פון יידישער קונסט־געשיכטע.

עס גייט אַ מלחמה וועגן דעם אייגנטום־רעכט פון די דאָזיקע קדושים־עקספּאָנאַטן. די שטאָט טענהט, אַז זי האָט זוכה געווען פון „הפקר“ — אַז זי איז דער איינציקער און ריכטיקער „יורש“...

21. שפּייער: מיט דער אַלטער דייטשער שטאָט שפּייער, וואָס ציט איר יחוס פון די רוימער און וואָס איז אונדזער קהילה־קדושה שפּירא, איינע פון די באַרימטע „שו״ם“־קהילות וועלן מיר ענדיקן די דאָזיקע רשימה. ראשית, איז דאָ די גרעסטע זאַמלונג פון די עלטסטע מצבות — ביז 50 אין צאָל; דאָ איז פאַראַן אַ וווּנדער־מאַקעט פון דער כמעט טויזנט־יאָריקער מיקווה. דאָ איז אויפגעהיט געוואָרן אַ שטיינערנע פענצטער־ראַם פון דער סינאַ־

גאַגע, וואָס איז חרוב געוואָרן אין יאָר 1096, בעת דעם ערשטן קרייצצוג. לסוף אַ סעריע יידישע חפצים פון סינאַגאָגע און שטוב.

***

אין די אַלע ערטער בין איך געווען; געזען די יידישע קונסט־דענקמעלער און... נישט דאָ איז דער אָרט פאַר מחשבותן. געזען נאָר דאָס וואָס איז געווען פון פריער. איך האָב געוווסט און ווייס, אַז אין צענדליקער ערטער געפינען זיך עקספּאָנאַטן וואָס זענען נאָך פאַרשטעקט. אין טייל ערטער זענען אָרטיקע מוזייען (לייפּהיים, זינסהיים) „באַרייכערט" געוואָרן מיט עקספּאָנאַטן, וואָס זענען צוגע־קומען די לעצטע יאָרן. פון די דאָזיקע 21 ערטער קען מען זען ווי גרויס עס איז געווען דער אוצר אונדזערער אין פרעמדע הענט. מען דאַרף אָבער אַ בליק־טאָן אין די אייגענע פיר ווענט, זיך באַקענען מיט די מוזייען, וואָס האָבן גע־הערט צו יידן, דורך זיי געשאַפן געוואָרן, דורך זיי געבויט און אָנגעפירט געוואָרן און געטיילט דעם גורל פון זייערע באַלעבאַטים — געוואָרן קדושים.

יידישע מוזייען אין דייטשלאַנד

ביז איצט זענען מיר געווען אין דייטשע מוזייען, מיט יידישע אָפּטיילונגען. די דערמאָנטע האָב איך באַזוכט, געפּרווט פעסטשטעלן וואָס עס איז געוואָרן מיט די יידישע עקספּאָנאַטן. אין יענער רשימה זענען טאַקע אַריינגענומען גע־וואָרן נאָר די ערטער וואָס איך האָב באַזוכט. די איצטיקע רשימה איז גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער — די יידישע מוזייען האָבן שוין איצט נישט עקזיסטירט, זיי זענען געפאַלן אונטערן האַק פון דעם נאַצישן הענקער. די אינפאָרמאַציעס זענען בכן נאָר ידיעות, וואָס עס איז געלונגען צונויפצוקלייבן פון פאַרשידענע מקורות. זיי זענען אָבער לפי־דעתי גאָר וויכטיק, זיי שאַפן אַ באַגריף פון דער יידישער קונסט־עשירות וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט אין דייטשלאַנד.

1. בערלין: ביי דער דאָרטיקער יידישער געמיינדע האָט עקזיסטירט די וועלט־באַרימטע „קונסטזאַמלונג דער יודישען געמיינדע". עס איז געווען איינע פון די זעלטנסטע יידישע קונסט־זאַמלונגען. עס זענען דאָרטן געווען פון יידישע מטבעות און מעדאַלן, ביז די גרעסטע קונסט־בילדער; זעלטענע ספרים און אַן אַ שיעור תשמישי־קודש, חפצים פון רעליגיעזן און פון שטיי־גער־לעבן; אַ רייכע איקאָנאָגראַפישע אָפּטיילונג מיט בילדער פון יידישע פערזענלעכקייטן. לאָמיר דאָ דערמאָנען, אַז דער דאָזיקער יידישער מוזיי האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע אויסשטעלונגען, בפרט אין דער נאַצי־

צײַט. אויסנוצנדיק פֿאַרשידענע היסטאָרישע דאַטעס האָט דער מוזײ אָרגאַניזירט צװײ גרויסע אויסשטעלונגען: אײנע אַ יצחק־אַברבנאַל־אויסשטעלונג, אין שײַכות מיט זײַן 500־יאָריקן געבוירנטאָג (1437—1937); די צװײטע געװידמעט דער הונדערטסטער יאָרצײַט פֿון לעצטן פּױלישן גאון עקיבא אײגער (1837—1937).

2. בוכאַו: עס איז מיר שוין אַ פּאָר מאָל אויסגעקומען צו דערמאָנען דאָס דאָזיקע שטעטל, װאָס איז רײַך מיט קוריאָזיטעטן. װעגן דעם סינאַגאָגע־גלאָק האָב איך ברײטער דערצײלט אין מײַן בוך „אין לאַבירינטן פֿון תּקופֿות". די דאָרטיקע ייִדן זענען ממש געװען פֿאַרליבט אין זײער שטעטל און האָבן אַלץ געטון, כּדי זי זאָל זײַן מפֿורסם איבער דער װעלט. האָט די דאָזיקע עדה, װאָס ליגט בײַ דער פֿעדערזעע, אָן אַ זײַט פֿון באַנװעג און שליאַכן, געשאַפֿן אַן אײגענעם מוזײ. און זײ האָבן טאַקע געהאַט װאָס דאָרטן אויסצושטעלן. אָן אַ שיעור היסטאָרישע דאָקומענטן, װאָס זענען נאָך געװען אַ באַװײַז פֿאַר דער אַלט־געזעסנקײט פֿון די ייִדן אויפֿן אָרט. דער עיקר זענען אין דאָזיקן מוזײ געװען די הילצערנע מצבֿות, כּמעט די אײנציקע אוניקאַטן פֿון דעם מין. אַ סעריע פֿון תּשמישי־קדושה און אַ כּסא־של־אליהו. די עקספּאָנאַטן האָב איך געזען נאָר פֿאָטאָגראַפֿירט. זײ זענען ערגעץ געװען „פֿאַרלאַגערט" אין דעם פֿריצישן „פֿעדערזעע־מוזעום". אַלע באַמיִונגען, אַז מ'זאָל סוף־כּל־סוף „אויספּאַקן" די דאָזיקע קעגנשטאַנדן האָט נישט געגעבן קײן שום רעזולטאַט.

3. ברוינשװײַג: אין דעם „מוזעום דער איזראַעליטישער געמײנדע", װאָס איז פֿונדירט פֿון אַלעקסאַנדער דאַװיד (געבוירן 1685, געשטאָרבן 1865) האָט זיך געפֿונען אַ גאָר פֿײַנע זאַמלונג פֿון היסטאָרישע און לעבן־שטײגערישע חפֿצים. פּרוכתן און גאָר אַלטע מחזורים. לײדער האָב איך פֿון דעם קײן שפּור נישט געפֿונען.

4. ברעסלאַו: אין דער דאָזיקער הויפּטשטאָט פֿון שלעזיע, אײנע פֿון די עלטסטע קהילות אויפֿן װעג פֿון ייִדישער װאַנדערונג פֿון מערבֿ צו מיזרח, זענען געװען אַ סך אינסטיטוציעס מיט אַ באַקאַנטן נאָמען אין דער ייִדישער װעלט. דער ייִדישער ראַבינער־סעמינאַר; ייִדישע צײַטשריפֿטן; ייִדישע אַרכיװן וכדומה. פֿון צװישן די צענדליקער אינסטיטוציעס האָט אַרויסגעשײנט דער „ייִדישער מוזעום". צענדליקער אַלטע קהילות אין דעם געגנט האָבן זיך אויפֿגעלײזט. ברעסלאַו האָט „אויפֿגעגעסן" די לעבעדיקע; די ייִדן פֿון די שטעטלעך זענען אַריבער אין דעם צענטער און מיט זיך מיטגענומען די עדות פֿון זײער געשיכטע — די קולט־קעגנשטאַנדן פֿון די פֿאַרלאָזטע בתּי־מדרשים, קלויזן און סינאַגאָגעס. אין „ייִדישן מוזעום" האָבן די דאָזיקע

איבערבלייבעכצן געפונען אַ תיקון. איינע פון די גאָר גרויסע אויפטוען פון ברעסלאוער יידישן מוזיי איז געווען די אויסשטעלונג, וואָס ער האָט איינגעאָרדנט אין יאָר 1929 אונטערן נאָמען: „דאָס יודענטום אין דער געשיכטע שלעזיענס“. עס איז געווען נישט נאָר אַ געשיכטע־שפּאַציר אין לאַנגע יאָרהונדערטער צוריק, עס איז אויך געווען אַ דעמאָנסטראַציע פון יידישער גייסטיקער און מאַטעריעלער קולטור. אונדזערע קונסט־אוצרות האָבן פאַרשיינט די דאָזיקע „היסטאָרישע עקספּעדיציע“. קיין זכר איז פון דעם דאָזיקן ריזיקן אוצר נישט געבליבן. עס איז נישט באַוווסט, וואָס עס איז מיט די אַלע זאַמלונגען געשען.

5. האַמבורג: דאָ האָט זיך געפונען איינע פון די עלטסטע יידישע זאַמלונגען, קונסט־חפצים זענען געגאַנגען אויפן ערשטן פּלאַץ. דאָ אין האַמבורג איז אייגנטלעך געשטאַנען דאָס וויגעלע פון יידישער פאָלקלאָריסטישער פאַראינטערעסירונג; דאָ איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר דער שפּעטערדיקער צעצווייגטער פאָרשונג פון יידישן פאָלקלאָר. אין יאָר 1898 איז טאַקע געגרינדעט געוואָרן דער „מוזעום און ביכעריי פיר יידישע פאָלקסקונדע“. עס האָט תחילת געדאַרפט זיין אַ מין עקספּערימענט־לאַבאָראַטאָריע פאַר יידישן פאָלקלאָר. מיט דער צייט איז עס אויסגעוואַקסן צו איינער פון די גרעסטע יידישע קונסט־זאַמלונגען. די ערשטע פאַרצייכענונגען, ריכטיקער: קאַטאַלאָג, פון די זאַמלונגען פון דער „געזעלשאַפט פיר יידישע פאָלקסקונדע“, געדרוקט אין יאָר 1900, ציילט שוין הונדערטער וווּנדערלעכע חפצים, דאָקומענטן, כתב־ידן, ביכער. אָבער אויפן ערשטן אָרט גייען דאָרטן די עקספּאָנאַטן פון מעטאַל, ביין, האָלץ, לעדער, וואַקס, טעקסטיל און פּאַפּיר. אויך פון דער זאַמלונג איז גאָרנישט געבליבן.

6. וואָרמס: נישט איין מאָל איז אונדז שוין אויסגעקומען זיך צוריקצוקערן צו דער רש״י־שטאָט וואָרמס־ווירמייזא, איינע פון די שו״ם־קהילות, ווו עס איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון אשכנז. די שטאָט גופא איז א יחוסדיקע. וואָרמס, די ניבעלונגען־שטאָט, איז אייך ווידער מוזיי, דער אַלגעמיינער מוזיי פון וואָרמס איז אַ שפּיגל פון קאַרגע צוויי טויזנט יאָר געשיכטע. און אָנגעשטעקט פון דער דאָזיקער אַנטיקוואַרישקייט פון דעם אַרום, האָבן די יידן געוואָלט ווייזן, אַז זיי שטייען נישט אָפּ... אין רעזולטאַט איז אַנטשטאַנען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע יידישע מוזייען. דער פונדאַטאָר פון מוזיי איז געווען י. קיפּער (היינט אין די שטאַטן). הונדערטער און הונדערטער עקספּאָנאַטן, וואָס וואָלטן געקענט אויספילן נישט איין מוזיי. עס איז דאָרטן געווען זילבער־באַצירונג פון תורה־קרוינען, רימונים און שילדן פון 17טן יאָרהונדערט און ווייטער; 800 ווימפּלען (דער עלטסטער פון יאָר 1570); גרוי־

סע זאַמלונגען פון היסטאָרישע דאָקומענטן, חוץ פּנקסים און מנהגים־ביכער אוי דאָ רייכע קאָלעקציע מיט „פּריווילעגיעס" און „שוץ־בריוו" פון די יאָרן 1551 און ווייטערע יאָרהונדערטער.

בעת דער „קרישטאַל־נאַכט", ווען מען האָט פאַרברענט די 900־יאָריקע סינאַגאָגע, און עס איז פאַרניכטעט געוואָרן די „רש"י־קאַפּעלע", איז אויך געפאַלן, טיילוויז, אַ קרבן דער מוזיי. טיילן, גאָר באַדייטנדיקע, געפינען זיך ווי אַ „דעפּאָזיט" אין דעם שטאָטישן מוזיי. דער לייטער פון מוזיי, ד״ר איללערט, טראָגט זיך מיט אַ געדאַנק. מען וועט צוריקאויפבויען די צע־שטערטע אַלטע סינאַגאָגע, און טאַקע נאָך איר פריערדיקן אויסזען און סטיל. דאָרטן וועט מען מאַכן אַ יידישן מוזיי. ער מיינט דערביי צו דער־גרייכן אַ סך זאַכן מיט איין מאָל:

עס וועט זיין, לויט זיין מיינונג, אַ מין „ווידערגוטמאַכונג";

צווייטנס — וועט מען קענען פאַרהאַלטן די עקספּאָנאַטן ביי זיך, מען וועט עס נישט דאַרפן אָוועקגעבן די יעניקע, וואָס שטעלן אַרויס תביעות אויף זיי;

דריטנס — עס וועט זיך פאַרשטאַרקן דער „פרעמדן־באַזוך" אין וואָרמס. דער יידישער מוזיי אין דער אָפּגעבויטער, נאָך איר פריערדיקן אויסזען, 900־יאָריקער סינאַגאָגע, וועט צוציִען מאַסן טוריסטן, ראשית יידן...

7. מינכען: דאָ האָט דער „יידישער מוזעום־פעראיין" אָנגעהויבן צו שאַפן אַ קונסט־זאַמלונג. גאָר גרויס איז די זאַמלונג נישט געווען, אָבער זי איז שוין דערגאַנגען ביז 100 קעגנשטאַנדן; ראשית, חפצים פון רעליגיעזן קולט. פון דער זאַמלונג איז נישט געבליבן קיין שום שפור.

8. מאַינץ: דאָ האָט זיך אין יאָר 1926 געגרינדעט די „היסטאָרישע זאַמלונג דער איזראַעליטישען געמיינדע". אויפןביישפיל פון וואָרמס, איז עס אויך געווען אַ קאָמבינאַציע פון קאָלעקציעס, היסטאָרישע דאָקומענטן און קונסט־קעגנשטאַנדן. רייך איז געווען די זאַמלונג מיט כתב־יד — מגילות, הפטרות, מעמאָר־ביכער; דאָקומענטן פון יידישן בראשית פון מאַינץ — מאַגענצא און אַרומיקע אַלטע קהילות; לסוף אַ ריזיקע קאָלעקציע פון סינאַגאָגע־קעגנשטאַנדן, ראשית וווּנדערלעכע פּרוכתן, אָנהייבנדיק פון יאָר 1761 און שפּעטער. פון דער דאָזיקער זאַמלונג איז קיין שריד נישט געבליבן.

9. פראַנקפורט אַם־מאַין: דאָ איז געווען איינע פון די גרעסטע יידישע קונסט־זאַמלונגען אין דער וועלט. דער דאָרטיקער „מוזעום יידישער אַלטערטי־מער" איז געשאַפן געוואָרן פון דער „געזעלשאַפט צום ערפאָרשונג יידישער דענקמעלער". אינטערעסאַנט, אַז דער אַקטיווסטער אינספּיראַטאָר פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט איז געווען נישט קיין ייד: דער דירעקטאָר פון דעם

דיסלדאָרפער מוזיי, פּראָווּבערגער. אונטער זײַן רעדאַקציע האָט אויך אָנגע־הויבן אַרויסצוגיין איינע פון די ערשטע קונסט־היסטאָרישע צײַטשריפטן: „מיטטיילונגען דער געזעלשאַפט צור ערפאָרשונג יידישער קונסטמעלער". דער נומער 1 איז דערשינען אין אָקטאָבער 1900 און איז געווען אָפּגעגעבן בעיקר פאַר געשיכטע און בוי־טעכניק פון די יידישע סינאַגאָגעס. די דאָ־זיקע געזעלשאַפט האָט דעם מוזיי געשאַפן אין יאָר 1922. אין יאָר 1927 איז איינגעאָרדנט געוואָרן די ערשטע אויסשטעלונג, בשייכות מיט דעם 30סטן גרינדונג־יאָר פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט. דאַן האָט שוין דער מוזיי געהאַט ביז 4000 פאַרשידענע מוזעאַלע אָביעקטן. ערב דעם חורבן האָט שוין דער דאָזיקער מוזיי געציילט ביז אַכצן טויזנט עקספּאָנאַטן, צווישן זיי ביז צוויי הונדערט מנורות. איז דאָך נישט שייך אויסצורעכענען וואָס אַלץ עס איז געווען צווישן די 18.000 מוזעאַלע איינסן.

דער דאָזיקער פראַנקפורטער יידישער מוזיי איז אויך געווען באַקאַנט מיטן נאָמען „ראָטשילד־מוזעום". נישט נאָר צוליב דעם וואָס גרויסע טיילן פון די זאַמלונגען האָבן געשטאַמט פון געשענקען פון דער ראָטשילד־משפחה. דער מוזיי האָט זיך געפונען אין דעם אַלטן ראָטשילד־הויז, ווו עס האָט אין יאָר 1796 דער באַרימטער אַנשיל־מאיר ראָטשילד מיט זײַן ברו־דער קאַרל, געגרינדעט זייער ערשטע ראָטשילדישע באַנקהויז. טאַקע אין דער אַלטער ראָטשילד־באַנק זענען די צימערן געוואָרן אויסגעשטעלט מיט די טויזנטער און טויזנטער שטיינערנע, הילצערנע, גלעזערנע, גאָלדענע, זילבערנע, ביינערנע אַ״אַ עדות פון יידישע פאַרשווונדענע תקופות. ספּע־ציעלע צימערן פאַר דער „יידישער חתונה". דאָ איז געווען אַלץ וואָס עס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער חתונה־צערעמאָניע, מיט דער חופּה אינמיטן. אַ צימער פאַר פּסח; אַ צימער — אַ סוכה; אַ באַזונדער טייל פאַר ברית־מילה; ספּעציעלע ביבליאָטעק־ און שטודיר־צימערן.

אַרום דעם „ראָטשילד־מוזעום" האָט זיך אין משך פון יאָרן, נאָך דער נאַצישער מפּלה, געפירט אַ קאַמף. די עקספּאָנאַטן זענען „ערגעץ" יאָ גע־ווען, עס איז שווער געווען צו געפינען דעם „ערגעץ". עס האָט איינער געשיקט צום צווייטן. אָבער מען האָט דעם גרעסטן און וויכטיקסטן טייל פון מוזיי געפונען.

**
*

מיר זענען דערגאַנגען צום סוף פון דעם שפּאַציר אין רעיון, איבער די ערטער ווו עס זענען געווען די קונסט־שאַפונגען פון יאָרהונדערטער. ווייט, גאָר ווייט זענען מיר פון האָבן אַפילו אַ לפי־ערכדיקן באַגריף פון אַלץ וואָס עס איז געווען, וואָס עס האָט געדאַרפט זײַן.

מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז צווישן ייִדן (און ראשית־כל דייטשע ייִדן) זענען געווען אַ סך הונדערטער ליבהאָבער פון ייִדישע אַלטערטימלעכקייטן. צענדליקער פון די דאָזיקע ליבהאָבער האָבן אַליין געהאַט גאָר גרויסע זאַמלונגען, מיט וועלכע מען וואָלט געקענט אויסשטאַטן גאָר פיינע מוזייען.

עס וועט זיין נישט ווייט פון אמת, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז אין די נאַציישע הענט זענען אַריינגעפאַלן מינדעסטנס אַ האַלבער מיליאָן ייִדישע קונסט־אָביעקטן.

עס איז נישט קיין גוזמא: נעמט אַריין אין חשבון חוץ די צענדליקער מו־זייען אין גאַנץ אייראָפּע, וווהין דער ברוינער באַרבאַר איז געקומען; נעמט אַריין אין חשבון די פּריוואַטע זאַמלונגען און לסוף די אָביעקטן, וואָס זיי האָבן צוגע־רויבט אין די העכער 4000 סינאַגאָגעס, שולן, קלויזן, בתי־מדרשים א״אַ פון די לענדער, וואָס זענען אַרונטערגעפאַלן אונטער זייער מיליטערישער אָקופּאַציע.

דאָס וואָס עס איז געלונגען אויסצוגעפינען איז ממש אַ טראָפּן פון דעם ים פון גזילה. שוין נאָך אַלעמען, שוין נאָך דעם ווען מען פלעגט זיין זיכער, אַז מען האָט שוין אַלץ דערגאַנגען, פלעגן אַרויסשווימען נייע „צופעליקע" אַנטדעקונגען. אָן ספק ליגן נאָך גענוג קאַסטנס „פאַרלאַגערט" און די וואָס היטן עס וואַרטן אויף אַ מער פּאַסיקערע, דער עיקר ווייטערע צייט, זיי זאָלן קענען אויספּאַקן די דאָזיקן גזילה און נישט מורא האָבן, אַז מען וועט עס ביי זיי צוריק אָפּנעמען.

***

נישטערנדיק איבער די פאַרשידענע מוזייען און פּריוואַטע זאַמלונגען, פלעגט אויסגעקומען אָפט זיך צוזאַמענצוטרעפן מיט קוריאָזן, מיט אויסטערלישע געשיכ־טעס; געשיכטעס מיט פאַרשידענע מוסר־השכלס און קוריאָזן ווו מען ווייס נישט ווו עס הייבט זיך אָן פאַנטאַזיע און ווו וואָר. מען וואָלט מיט דעם געקענט אויס־פילן אַ שיינע פּאָר הונדערט בוך־זייטלעך. הגם דאָס ליגט אויפן וועג פון אונדזער טעמע און מען וואָלט געקענט אַריינפלעכטן אַ גרעסערע קאָלעקציע פון די דאָ־זיקע געשיכטעס אין אונדזער באַקאַנטשאַפט מיט די „שייטן", מוז איך זיך מקצר זיין. עטלעכע פאַלן פון דעם מין ברענג איך אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

צוויי „מזרחים" אין פירשטלעכן מוזעום פון אַמאָרבאַך

דער רוב פון די ייִדיש־לייענער ווייסן וואָס דאָס איז אַ „מזרח" — נישט די מזרח־וואַנט פון דער שיל אָדער בית־המדרש, נאָר די באַפּוצונג, וואָס פלעגט אין די אַלטע היימען, כמעט אין יעדער ייִדישער שטוב, הענגען אויף דער מזרח־וואַנט.

פון דעם דין, אַז מ'זאָל בעת דעם דאַווענען האָבן אין זינען ירושלים; אַז מען זאָל ציון שטענדיק האָבן פאַר די אויגן, איז געוואָרן אַ מנהג, אַז אין ייִדישע הייזער פלעגט מען אויפהענגען אַזעלכע קעגנשטאַנדן, וואָס זאָלן נישט לאָזן פאַרגעסן די עיר־הקודש — דאָס פאָלק האָט עס אַ נאָמען געגעבן „מזרח"..

אַ שלל מיט וווּנדערבאַרער פאָלקס־פאַנטאַזיע און פאָלקס־שאַפונג, אָפּט פּרימיטיווע, האָבן אַנטפּלעקט די „מזרחים". כל־המינים זענען עס געווען. לכתחילה זענען עס געווען געמאַכטע מיט דער האַנט אויסגעהאָפּטענע, אויסגענייטע פון טוך, פון לייוונט, אויף קאַנווע. הגם עס איז געווען אַ שאַבלאָן — (דער כותל־המערבי, די מצודת־דוד אָדער דער קבר־רחל באַצירט מיט ביימער — איז דאָך יעדער פאַר זיך געווען עפּעס נייעס. און אויסגעאיידלטע פינגער פון יונגע מיידלעך האָבן זיך געפלייסט צו געבן מער חן זייערע אויסגעהאָפּטענע „מזרחים". נייע טענער, נייע פאַרבן און שענעדע פּעדים האָבן געדאַרפט איבערשטייגן דעם „מזרח" פון דער חברטע. עס זענען אויך געווען פאַפּירענע „מזרחים" אויסגעשוירענע, וואָס ייִדישע קינסטלער פון פאָלק, בעלי־מלאכות, פלעגן אויסשערן פון ווייס פּאַפּיר און אין די אויסגעשוירענע בויגנס האָט זיך באַוויזן אַ מאָזאַיִק פון פיגורן מיט ווערטער. די דאָזיקע אויסגעשוירענע מזרח־וויניעטעס זענען געוואָרן אַן ענין פון שטודיום פאַר קונסט־היסטאָריקער. אַ זכר פון אַזאַ אויסגעשניטענעם „מזרח" האָב איך געזען אין דער ליטווישער שול פון מאָזעסוויל, וואָס באַשיינט דעם עמוד. אַ צווייטן, ממש ווונדערבאַרן „מזרח" האָב איך געזען אין ריוועראַ, — אַן איבערבלייב פון דער קאָלאָניע באַזשאַדאַרוווקע.

אין די לעצטע 100 יאָר האָבן זיך באַוויזן געדרוקטע „מזרחים". דאָ האָט

שוין די טעכניק געלאָזט אין גאַנג אַלע אירע מעגלעכקייטן, און די פּריער פּשוטע „מזרחים" האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין בילדער־פּאַנאָראַמעס, אָנגעפּיקעוועטע מיט געשיכטע קאַפּיטלען, היסטאָרישע פיגורן פון תנ"ך און באַטיטלט מיט פּסוקים פון דאָרטן. די דרוק־טעכניק האָט דערמעגלעכט, אַז די „מזרחים" זענען געוואָרן אַ נאַטירלעכער באַשטאַנדטייל פון דער שטוב־איינריכטונג אין אַ סך יידישע היימען.

אָפט פלעגט דער „מזרח" איבערגיין בירושה פון דור צו דור. און נישט זעלטן פלעגט טאַקע אין אַ פּשוטער יידישער כאַטקע זיך פאַרוואַלגערן אַ קונסט־פּערל, אַ וווּנדערבאַרער עקספּאָנאַט, וואָס וואָלט זיך געדאַרפט געפינען אויף אַ חשובן אָרט אין אַ מוזיי.

זעלטן ווען עס איז היינט צו טרעפן אין יידישע הייזער אַ „מזרח", אמת, אַנדערע סימנים, אויך יידישע, באַפּוצן די ווענט. האָבן טאַקע זייער פיל פון דעם מין זיך אויסבאַהאַלטן אין מוזייען דאָרטן געפונען זייער תיקון. וועגן 2 אַזעלכע מזרח־גילגולים ווילט זיך דערציילן. איך זאָג גילגולים, ווייל נאָך פאַרשידענע „איבערלעבענישן" האָבן זיי באַקומען מנוחה אין אַ נישט־יידישן מוזיי — אין דעם משפּחה־מוזיי פון דעם דייטשן פירשטלעכן שטאַם לייניגען, וואָס געפינט זיך אין דעם בייערישן שטעטל אַמאָרבאַך.

*****

די פירשטן־משפּחה לייניגען איז איינע פון די עלטסטע און פאַרשפּרייטסטע דייטשע אַדל־משפּחות. צווייגן פון דעם דאָזיקן שטאַם האָבן פאַרמאָגט זייערע גיטער אין פראַנקען, אין באַדען און אין העסען — אין די ערטער פון דרום־דייטשלאַנד וואָס איז געווען געדיכט באַזעצט מיט יידישע ישובים.

די לייניגער זענען אין משך פון יאָרן געווען די „שיצער" פון הונדערטער יידישע ישובים. ווען אַנדערע פירשטן און בישאָפן האָבן די יידן געטריבן, האָט דער לייניגער הויף זיי אויפגענומען. און דער זיץ־אָרט פון דער פירשטן־דאָמינע איז געווען דאָס שטעטל אַמאָרבאַך. אין דעם דאָזיקן שיינעם פּונקט פון בייערן איז געווען די רעזידענץ פון דער יחוסדיקער פירשטן־משפּחה.

דאָ, אין אַמאָרבאַך, איז אַמאָל געווען אַ יידישער ישוב. פון 16טן ביזן 17טן יאָרהונדערט האָבן דאָרטן יידן געהאַט אַ נישט־גרויסע קהילה. קיין גאָר גרויסע עובדות זענען נישט באַקאַנט פון דער דאָרטיקער געוועזענער עדה. עס איז פון די יידן, וואָס שוין באַלד אַ יאָרהונדערט ווי זיי זענען פון דאָרטן אַוועק, קיין שום זכר נישט געבליבן. פאַרגעסן זענען זיי געוואָרן, אָפּגעווישט.

געדופן קיין אַמאָרבאַך האָט מיך אָבער די רעזידענץ פון די לייניגער מיט זייער וווּנדערבאַרן אַרכיוו. אין דאָזיקן אַרכיוו זענען אויפגעהיט געוואָרן אוצרות

פון ייִדישער געשיכטע. דאָ ליגן אין פײַער־זיכערע קאַסטנס עטלעכע הונדערט אַקטנבענדער מיט מאַטעריאַלן וועגן ייִדישן לעבן און שאַפן פון קרוב פיר יאָר־הונדערטער אין העכער 100 פּונקטן פון בײַערן, באַדען און העסען.

עטלעכע טעג האָט געדויערט דאָס דורכקוקן די מוסטערהאַפט געאָרדנטע „יודען־אַקטען" פון דעם פירשטלעכן אַרכיוו. זעלטענע „שוץ־בריוו", קלאַגעס און געריכטן; סיכסוכים צווישן קהילות און רבנים; משפּחה־שטײַגער און האַנדלס־תּקנות. לעבעדיק האָט זיך באַוויזן אַ וועלט אַ פאַרגאַנגענע, אַ לעבן אַ געוועזנס.

צווישן די מאַטעריאַלן זענען אויך דאָ קוריאָזן און מערקווירדיקייטן — אַ „פאַנג־בריוו" פאַר די מיטאַרבעטער פון דעם היינט אַזוי באַרימטן „הויף־יודע" ייד־זיס, פון יאָר 1746. פון אייגנאַרטיקייט איז אַ העברעיִש „ליד פון לויב און דאַנק", וואָס איז מיט העכער 100 יאָר צוריק פאַרפאַסט געוואָרן פון דעם רב שלמה קאָהן פון באַד־מערגענטהיים, בעת דעם חנוכּת־הבית פון דער דאָרטיקער סינאַגאָגע. דאָס „לויב־ליד" פאַרן פירשט האָט 22 סטראָפעס און איז אַ וויכ־טיקער שפּראַך־דאָקומענט.

אין דער צײַט, ווען עס זענען אויף דער פאַראָדענונג פון דעם אַרכיוו־לײַטער מאַקס וואַלטער געמאַכט געוואָרן פאַר מיר גענויע קאָפּיעס פון אַ טייל אַרכי־וואַליען און אַ פולשטענדיקער רעפּערטאָריום פון גאַנצן ייִדישן טייל פון אַרכיוו, האָב איך מיטן זעלביקן וואַלטער, וואָס איז שוין באַלד 50 יאָר דער דאָמיניען־לײַטער פון דער פירשטלעכער רעזידענץ, געמאַכט אַ שפּאַציר אין די אַנדערע טיילן פון דעם פירשטלעכן פּאַלאַץ.

די פירשטלעכע משפּחה־ביבליאָטעק (פאַרמאָגט העכער 200 טויזנט ביכער) האָט אויך אַ ספּעציעלע ייִדישע אָפּטיילונג. נישטאָ דאָרטן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל קאָנען אימפּאָנירן, אויסער די וווּנדערבאַרע אײַנבונדן, מיט וועלכע די ביכער זענען אײַנגעהילט.

פון דער דאָזיקער לוקסוס־אויסגעשטאַטעטער ביבליאָטעק זענען מיר געקו־מען אין דעם משפּחה־מוזיי, וווּ עס האָט מיך דערוואַרט אַ סיורפּריז. אויפן סאַמע אויבנאָן, צווישן די אורעלטערן פון דעם פירשטנשטאַם הענגט אַ „מזרח". אַ האַנט־געצייכנטער, אַן גרויסע באַפּוצונגען. און דאָך האָט זיך דער דאָזיקער עקספּאָנאַט אויסגעטיילט פון די אַנדערע, פיל שענערע און פאַרביקערע קעגנ־שטאַנדן פון דעם מוזיי.

פון סוף 16טן יאָרהונדערט שטאַמט דער פּאַפּירענער, האַנט־געמאָלענער „מזרח". און מיט אומגעפער 100 יאָר צוריק איז ער געגעבן געוואָרן אַ מתּנה דעם פירשט פון זײַנעם אַ „שוץ־יודע".

פּשוט איז ער, דער דאָזיקער „מזרח", זעקס פיגור־פעלדער, סימעטריש גע־צייכנטע און מיט פּרימיטיווע ווינייעטן אַרומגעצוימט. אינמיטן דאָס וואָרט „מזרח", אין אַ רונדיק פעלד און אין די פיר ווינקלען האַרץ־אַרטיקע פעלדער, אין וועלכע

עס געפינט זיך דער (אין יעדן פעלד איין וואָרט) זאַץ „מצד זה רוח חיים". נעמט מען די ראשי־תיבות פון די פיר ווערטער, קומט אַרויס דאָס וואָרט „מזרח". אין צוויי אַנדערע קעסטעלעך געפינט זיך דער נאָמען פון דעם מזרח־אייגנטימער — בינוש הירש. פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען דאָ בלומען, אַ קרוין און אַנדערע באַצירונגען.

און דאָס וואָס דער דערמאָנטער מ. וואַלטער דערציילט וועגן דעם מזרח, איז ממש אַ לעגענדע.

דער בראשית פון מזרח איז באַקאַנט. עס איז אַ מתנה פונעם „שוץ־יודע" הירש. מער ווי 100 יאָר איז דער עקספּאָנאַט רויק געהאָנגען אויף אַ וואַנט פון מוזיי. ווען נישט די קרוין, וואָס עס איז פאַראַן אויף דעם עקספּאָנאַט און די 4 „הערצער", וואָלט זיכער דאָס בילד געהאָנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ. זאָגט מיר וואַלטער, ווייל אַלע האַלטן, אַז די „בוכשטאַבן שטייען אויפן קאָפּ".

באַזוכער פון מוזעום פלעגן באַוווּנדערן דעם דאָזיקן עקזאָטישן עקספּאָנאַט; ער האָט קיינעם נישט געשטערט, — ביז 1934, דאַן איז געקומען דער גאַולייטער פון דער ס"ס און באַפוילן צו באַזייטיקן דאָס דאָזיקע „יודען־דרעק".

דער מזרח אין דעם משפחה־מוזיי פון די פירשטיין לייניגנען אין סאַמאָרבאַד

האָט זיך צוזאַמענגענומען דער שטאַם־טריומוויראַט צו באַטראַכטן, וואָס צו טון מיטן באַפּעל. בכלל האָט די נאַצי־פּאַרטיי געהאַט אַ קרום אויג אויפן דאָזיקן פּירשטן־שטאַם. מען האָט זייערע עלטערן פאַרגעוואָרפן אַ היפּש ביסל חטאים. ערשטנס, זענען זיי שולדיק פאַרוואָס „אונדזער ליבע היימאַט איז מיט יודען באַמיסטיקט געוואָרן". דאָס וואָס די אור־עלטערן האָבן געגעבן די פּאַרצייטיקע פּאַריאַגטע אַ דאַך איבערן קאָפּ, איז עס די נאַציס נישט געפעלן געוואָרן. והשנית, האָבן די זיפּן־פּאָשער, די יעניקע, וועלכע זוכן די ראַסישע ריינקייט פון די דייטשע פאָלקס־גענאָסן, אויסצוגעפונען, אַז צופיל פרעמד בלוט איז צונויפגעמישט ביי די לייִנינגער. זיי האָבן אַנטדעקט, אַז עס זענען געווען אַ פּאָר פאַלן ווען די לייִנינגער האָבן באַפלעקט דעם שטאַם זייערן מיט „ראַסענשאַנדע"...

די לייִנינגער, פון זייער זייט, האָבן דער נאַצי־פּאַרטיי געצאָלט מיט דער זעלבער פאַראַכטונג.

אויפן צוזאַמענקום פון דעם משפחה־ראַט איז באַשלאָסן געוואָרן: באַפּעל איז באַפּעל, אָבער מ'וועט זיי, די נאַציס, אָפּטון אַ שפּיצל. מ'וועט טאַקע אַראָפּנעמען דעם „מזרח" און ער וועט דאַך הענגען. ווי אַזוי? — מען האָט גענומען דאָס בילד פון דעם גרינדער פון דעם לייִנינגען־שטאַם און מען האָט עס אַרויסגענומען פון דער ראַם און אונטער אים אַריינגעטון דעם „מזרח".

און אַ געהיימער משפחה־פּראָטאָקאָל איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן, ווו עס זאָגט זיך, אומגעפער אַט־וואָס:

...דורך געוואַלט און צוואַנג איז באַזייטיקט געוואָרן פון אונדזער מוזעאום איינע פון די שענסטע אָנדענקונגען פון אונדזערע ליבע „שוץ־יודען". מיר קענען נישט קעגנשטעלן זיך דער מאַכט פון באַפּעל. אָבער מיר ווילן עס אויך נישט באַזייטיקן. זאָל דאָס זיין אַ פּאַרלויפיקער ערנפּלאַץ פּאַר דער באַליידיקטער ערנפולער מתנה פּאַר אונדזער גרויסן אורפּאַטער. און ווען דער וועכטער פון הימל וועט העלפן, אַז מיר וועלן פּטור ווערן פון דער הערשאַפט פון ברייזהייט, זאָל דער „מזרח" צוריק זיין ערנפּלאַץ פּאַרנעמען.

דער דאָזיקער פּראָטאָקאָל איז אין אַ פערגאַמענט־קאָנווערט פאַרלאַקירט געוואָרן און אין דעם סייף פון דער משפחה אַריינגעלייגט געוואָרן. אויפן קאָנווערט איז דאָ אַן אויפשריפט אַז נאָכן טויט פון דעם עלטסטן פון שטאַם דאַרף עס עפענען זיין נאָכפאָלגער און צוריק פאַרמאַכן נאָכן באַקענען זיך מיט זיין אינהאַלט.

פון 1934 ביז 1945 איז דער „מזרח" געהאָנגען אונטערן בילד פון דעם שטאַם־גרינדער פון דער פּירשטן־משפחה.

דעם 6טן אויגוסט 1945 איז צושטאַנדגעקומען אַ זיצונג פון דעם משפחה־

ראַט און מען האָט דעם קאָנוועדט געעפנט. מען האָט דאָן אַ צװײטן פּראָטאָקאָל, אַ קורצן, געמאַכט, װוּ עס זאָגט זיך קורץ:

...הײנט, נאָכדעם װען מיר זענען פון דער פּעסט אָפּגערײניקט געװאָרן, זאָל דער „מזרח" זײַן פריערדיקן ערנפּלאַץ פאַרנעמען.

אויף דעם פּראָטאָקאָל זענען אונטערגעשריבן די אַלטע אין לעבן געװעזענע לײַנינגער.

בײדע פּראָטאָקאָלן ליגן אויף אַ טיש, אונטער אַ גלאָז־װיטרינע, בײַם „מזרח".

חוץ דעם „מזרח" געפינען זיך אין דעם לײַנינגשן מוזײ נאָך אַנדערע ייִדישע עקספּאָנאַטן. ראשית אַ צװײטער מזרח, שוין אַ מאָדערנער, אַ געדרוקטער, אָן אָנגעפּיקעװעטער מיט אַ צענדליק בילדער אויף תנ״ך־טעמעס. דער מזרח, די לוחות, די עקידה, יצחק בענטשט יעקבן, שלמה המלכס משפּט, ירמיהו באַקלאָגט דעם חורבן אאַ״װ, און פאַרשטײט זיך, אַז אומעטום די געהעריקע אויפשריפטן. דער דאָזיקער „מזרח" איז אײַנגעקויפט געװאָרן פון מוזײ אין יאָר 1900, כדי צו באַװײַזן אַ קעגן־עקזעמפּליאַר צו דעם פריערדיקן.

עס איז אויך פאַראַן אַ בילד געמאָלן אין יאָר 1834 פון די לעצטע „שוץ־ייִדן" בײַ די לײַנינגער, אַ מאַן מיט אַ פרוי — און אינמיטן איז פאַראַן אַן אונטער־שריפט: „דער בערעלע בײַ זײַן שבת־רו". אַ זעלטן כאַראַקטער־בילד.

אַ גאַר שײנע קאָלעקציע פון ייִדישע טריװיאַקס־שטעמפּלען פון די פירשט־לעכע „הויף־ייִדן" און „הויף־ליפעראַנטן" דערגענצן די ייִדישע עקספּאָנאַטן.

װען איך האָב געדאַרפט פאַרלאָזן אַמאָרבאַך, האָט מיר דער דאָמיניען־לײטער, װאַלטער, געפרעגט צי װאָלט איך נישט װעלן זיך טרעפן מיטן ראש פון דער לײַנינגען־משפּחה, אַ געװעזענער גענעראַל פון דער קײזער װילהעלמס אַרמײ, אַ זקן פון קרוב אַ מאה.

פאַרװאָס זאָל איך נישט װעלן? און מיר האָבן אים, אין באַגלײטונג פון דער אַכציק־יאָריקער טאָכטער פון דעם שטאַם־עלטסטן, אין זײַן ליג־צימער באַזוכט.

אַ געשפּענסט (אָדער אַ גײַסט) פון יענער װעלט, צװײ אויסגעלאָשענע אויגן, אײַנגעראַמט אין בײנערדיקע אויסגעטריקנטע קינבאַקן און שלײפן, אַ הויט־פּנים װאָס פאַרענדיקט זיך מיט צװײ משונהדיק לאַנגע באַקנבערד.

אַ שטים פון אַ גענעראַל פון קבר אַרויס:

— זאָ, גיבט עס נאָך װירקליך יודען? זאָנדערבאַר! אונד זי זינד ניע מער קײן „שוץ־יודען"? זאָ, זאָנדערבאַר!

ער האָט געמײנט, אַז נאָכדעם װי דער לעצטער לײַנינגער „שוץ־יודע" בעערלע איז נישטאָ, זענען שוין מער קײן ייִדן נישט פאַראַן.

— אונד דער קלײנער „שנורבאַרד" (געמײנט היטלערן מיט זײַנע קלײנע

וואָנצן) דער האָט עס ניכט עררייכט, וויר האַבען דען „מזרח“ צוריק אַן זיינעם פּלאַץ געבראַכט! יאָוואָל, וויר האַבען דאָך רעכט!

פּלוצים פאַלט אים איין צו פרעגן, צי איך לייען העברעיִש.

— אַך זאָ! הער מאַקס האַלן זי ביטע דאָס לאָבליד פאָן דען ראַבינער קאָהן. מען האָט געבראַכט דאָס העברעיִשע בילד פון פאַר הונדערט יאָר צוריק און איך האָב געדאַרפט פאַרטייטשן די 22 שטראָפעס פון דעם מערגענטהיימער רב.

די ליולקע, אַ לאַנגע פאַרצעלייענע, איז אויסגעלאָשן געוואָרן.

— הער מאַקס, נאָך איין ביסכען טאַבאַק...

ביים געזעגענען זיך זאָגט מיר דער אַלטער „בסוד“:

— יאָ, די שוויינענהונדע וווּסטען דאָך, דאָס מיין זעליגער פאַטער מיט דער ברײַנדל פאָן דען איזאַק, דען „האָפפאַקטאָר“ ראָמאַנסירטע. אונד וויר זינד שטאָלץ, דאָס ביי אונדז דאָס אַלטע העברעער־בלוט איינגעפלאָסן האָט.

דאָס פאַרזעסענע מיידל פון אַלטן פירשט, די 80־יאָריקע מאַטילדע, האָט באַגלייטנדיק מיך דערציילט, אַזש 2 „סודות“.

— אויך איר טאַטע, דער גענעראַל, האָט בעת דעם פראַנצויזישן קריג אין 1870 „אונטערגעזינדיקט“ מיט אַ ייִדיש מיידל אין שטראַסבורג און ער, דער טאַטע, פלעגט שיקן „געשענקע“ פאַר איר ייִדישער שוועסטער. אויך איר ברודער רודאָלף, וואָס איז היינט אין סאַינט־לויִס, אין די נאָרד־שטאַטן פון אַמעריקע, האָט אַ ייִדישע פרוי.

איצט פאַרשטיי איך שוין, פאַרוואָס זיי האָבן נישט געקענט באַליידיקן דעם „מזרח“.

— דער „מזרח“ איסט איין טייל אונדזערעס שטאַמעס!... וויר קאָנטען עס ניכט באַליידיגען לאַסען!!!

צוואַנציק חנוכה־לאָמפּן אין רהיינישן מוזעום

בישטאָ ביי קיין שום יידישן קולט־קעגנשטאַנד אַזאַ שפע ווי ביי חנוכה־לאָמפּן. עס איז נישטאָ קיין איין מער וויכטיקער מוזיי אין דער וועלט (אויך נישט־יידישע געמיינט), וווּ עס זאָל זיך נישט געפינען אַ גרעסערע אָדער אַ קלענערע קאָלעקציע עקספּאָנאַטן פון דעם מין. אויך פּריוואַטע זאַמלער האָבן געהאַט אַ באַזונדערע שוואַכקייט צו דעם דאָזיקן תשמיש־קודש און אין זייער אַ סך הייזער וווּ מען זעט שוין נישט קיין שבת־לייכטער, קאָן מען טרעפן אַ חנוכה־לאָמפּ. זענען דאָך די לייכטער אַן ענין גאָר פאַר פרויען, דער חנוכה־לאָמפּ האָט אָבער געהערט צו אַלעמען.

אָן ספק איז עס טיילווייז צוליב דעם כאַראַקטער פונעם יום־טוב, מיט וועלכן דער דאָזיקער עקספּאָנאַט איז פאַרבונדן. פאַראַן אָבער נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט פאַר דעם: דער חנוכה־לאָמפּ האָט זיך אין לויף פון תקופות פאַרוואַנדלט פון אַ קולט־קעגנשטאַנד אין אַ קונסט־עקספּאָנאַט, נישט רעליגיעזע פּיעטעטלייך, נאָר אויך עסטעטישע טעמים האָבן צו דעם גורם געווען. דער חנוכה־לאָמפּ געהערט צו די באַצירונגען פון די יידישע הייזער, פון אַלע יידישע הייזער. ביים קבצן אַ בלעכענער לאָמפּ, אַ פּשוטער, און ביים גביר — אַ זילבערנער, אַ גאָלדענער און מיט אַ באַפּוצונגען.

עס איז נישט קיין מנורה, הגם אין טייל ערטער (בעיקר אין די שולן און בתי־מדרשים) דערשיינט דער חנוכה־לאָמפּ אין דעם קאַנדילאַברישן לייכטער־פאָרעם. לרוב איז עס געמאַכט נישט פאַר ליכט, נאָר פאַר בוימל.

דער חנוכה־לאָמפּ איז געוואָרן אַ דאַנקבאַרער עלעמענט פאַר דער יידישער קונסט־פאָרשונג. יעדע תקופה און יעדער קיבוץ האָבן זייער אייגענעם חידוש צוגעבראַכט. יעדער שיכט האָט זיין לאָמפּ געשאַפן. מיר פאַרמאָגן דאָך לייַמענע, ערדענע, בלעכענע, צינענע, מעשענע, קופּערנע, זילבערנע און (זעלטענער) אויך פון גאָלד.

און די באַצירונגען, באַפּוצונגען, אויסגעגאָסענע פיגורן און אויסגעהאַמערטע

מיט דער האַנט אָרנאַמענטן; די „שמשים״, זייער אויסזען און זייער אָרט אין דעם לאָמפּ דאָס אַלץ האָט טאַקע דעם חנוכה־לאָמפּ געמאַכט סיי פאַר דעם גאַנג־באַרסטן קולט־אַרטיקל אין יידישע הייזער און דערביי פון דעם פאַרשיידנאַר־טיקסטן אַסאָרטימענט.

אַ באַזונדער „שוואַכקייט״ צו חנוכה־לאָמפּן האָבן געהאַט די דייטשע יידן, פון לאַנגע צייטן זענען איבערגעגאַנגען פון דור צו דור וווּנדערבאַרע עקזעמפּ־ליאַרן. די רייכע „האָף־יודען״, די ווערטהיימערס און אָפּענהיימערס; די גאָט־שאַלקס און די געלדערינס, האָבן איבערגעגעבן פון טאַטן צום זון און ווייטער זייערע אָריגינעלע חנוכה־לאָמפּן. אין הונדערטער יידישע הייזער אין דייטש־לאַנד האָט מען געקענט געפינען אַ חנוכה־לאָמפּ מיט אַ גרויסן „יחוס״. און די יעניקע, וועלכע האָבן עס נישט געהאַט בירושה אַזאַ מין „געדעט״, האָט זיך באַ־מיט אַזאַ איינצושאַפן.

ווען די נאַציס האָבן דורכגעפירט די קאָנפיסקאַציע פון די אידעלע מע־טאַלן ביי די יידן איז אין זייערע הענט אַריינגעפאַלן אַ שלל מיט חנוכה־לאָמפּן. אַ גרויסער טייל פון דעם רויב איז אַוועק אויף שמעלץ. אָבער די „יודענעקס־פערטן״ האָבן פון דער דאָזיקער גזילה אויסגעקליבן אַ סך הונדערטער אוניקומס און עס אַריינגעגעבן אין פאַרשידענע קונסט־זאַמלונגען און מוזייען. טייל נאַ־צישע גדולים (הימלער בתוכם) האָבן פאַר זיך צוגענומען טייל פון די זעלטענע עקזעמפּלאַרן.

נאָך דעם צוזאַמענברוך פון נאַצישן דייטשלאַנד זענען אין קעלערס, אויף בוידעמער און אַנדערע באַהעלטענישן, אין דער געשטאַפּאָ, אין אַרכיוון און מאַ־גיסטראַטן געפונען געוואָרן גרויסע סכומים אַנגערויבטע יידישע קולטור־אוצרות, צווישן זיי אַ שלל מיט חנוכה־לאָמפּן.

די ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן אויסזוכן און צונעמען ביי די דייטשן דעם גערויבטן יידישן אייגנטום, האָט צוזאַמענגעשטעלט וווּנדערבאַרע קאָלעקציעס און עס צוריק איבערגעגעבן אין יידישן באַזיץ. די גרעסטע און שענסטע קאָלעקציע האָט באַקומען דער „בצלאל״ אין ישראל.

אין קעלן, איינע פון די עלטסטע שטעט אין דייטשלאַנד (אין יאָר 1950 איז געפייערט געוואָרן דער 1900סטער יובל פון דער שטאָט), איז פאַראַן דער באַ־רימטער „רהיינישער מוזעום״. עס זענען דאָרטן צונויפגעקליבן טויזנטער עקס־פּאָנאַטן פון אַרכעאָלאָגישן, היימאַט־פאָרשערישן כאַראַקטער; צענדליקער טויזנ־טער דאָקומענטן; פיל טויזנטער קונסט־קעגנשטאַנדן און פאַרשידענע כלים, מכשיר׳ים, בגדים, היימישע געשיר או״וו, פון יאָרהונדערטער, אַלץ וואָס האָט נאָר אַ שייכות צו דעם רהיין־געביט.

אַזוי ווי דער רהיין־ברעג איז געווען דאָס וויגעלע פון די דייטשע יידן און

די ערשטע דאַטעס וועגן יידן בכלל האָט טאַקע אַ שייכות צו קעלן (מיט העכער 1600 יאָר צוריק) איז ביים דאָזיקן מוזיי געווען אַ גרויסע ייִדישע סעקציע.

בכלל איז קעלן באַקאַנט מיט אירע סיי דייטשע, סיי אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונגען. און שוין אַ פּאָר מאָל ווי ייִדן האָבן פאַרנומען זייער אָנגעזעענע ערטער אויף די קעלנער אויסשטעלונג. צום ערשטן מאָל האָט די ייִדישע פּרעסע זיך באַוויזן מיט איר גאַנצער פאַרצווייגטקייט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער פּרעסע־אויסשטעלונג אין קעלן, אין יאָר 1928. עס איז געווען אַ געשעעניש אין דער ייִדישער קולטורוועלט.

מיט עטלעכע יאָר פאַר דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע פון ייִדישן גייסטיקן שאַפן, איז אין קעלן פאָרגעקומען די אויסשטעלונג „טויזנט יאָר" — געמיינט טויזנט יאָר זינט קעלן איז אַריין אונטער דער השפעה פון דייטשן רייך.

אויף דער דאָזיקער ריזיקער אויסשטעלונג איז געווען אַ ייִדישע אָפּטיילונג, וואָס האָט פאַרנומען פיר פּאַוויליאָנען (36, 37, 38, 39), ווו עס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אַ פּאָר טויזנט דאָקומענטן און עקספּאָנאַטן וועגן די ייִדן אין רהיינלאַנד. עס זענען געווען מאַטעריאַלן פון דעם יאָר 321 ביז די לעצטע צייטן.

צו דער אויסשטעלונג האָט דער מוזיי אויסגעבאָרגט אַ סך עקספּאָנאַטן. ער האָט אָבער אויך זייער פיל איינגעקויפט און דער „רהיינישער מוזעום" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן פאַר איינעם פון די גרעסטע זאַמלונגען (ביי די נישט־ייִדן) פון ייִדישע קולטור־ און קונסט־ווערק. צווישן די דאָזיקער זאַמלונגען האָט פאַרנומען אַ ספּעציעל אָרט אַ קאָלעקציע פון צוואַנציק חנוכה־לאָמפּן, אַ זאַמלונג וואָס האָט געהאַט אַ שם אין דער ייִדישער וועלט אויך מחוץ דייטשלאַנד.

**
*

זייענדיק באַשעפטיקט אין דער אינסטיטוציע פון אויסזוכן די ייִדישע קעגנשטאַנדן געראַבטע פון די נאַציס, איז מיר נישט איינמאָל אויסגעקומען צו נישטערן אין דעם „רהיינישן מוזעום". זייער אָפט פלעג איך באַקומען פון אויסלענדישע אינסטיטוציעס אָנפראַגעס וואָס הערט זיך מכוח דעם ייִדישן פאַרמעג פון דאָזיקן מוזיי.

אַ לאַנגע צייט האָב איך נישט געהאַט קיין מזל. מען האָט מיר אַפילו אינפאָרמירט, אַז מען האָט אַלע ייִדישע קעגנשטאַנדן געמוזט אָוועקגעבן דעם ספּעציעלן „גערינג־מעטאַל־פאָנד" (אַזאַ מין נאַצישע אַקציע בעת דער מלחמה, וואָס האָט געזאַמלט די נייטיקע מאַטעריאַלן פאַר אמוניציע) און אַז „אַלע קולטור־גערעטע זיינד צערשמעלצט". איך האָב זיך טאַקע מייאש געווען.

ביז... עס איז געווען אין מיטן דעצעמבער 1950, פּונקט ערב־חנוכה, איך באַקום אַ ידיעה פון דער געהילף־דירעקטאָריום פון „רהיינישן מוזעום" ד"ר עליזאַ

פליגען, אַז מען האָט „אַנטדעקט״ די יידישע קאַסטנס, זיי זענען געווען „פאַר־לאַגערט״, דאָס הייסט פּאַרפּאַקט, און אויב איך וויל, קאָן איך זיין דערביי, ווען מען וועט די קאַסטנס עפענען.

דאָס האָט אויך געמיינט, אַז איך וועל זיך קענען איבערצייגן, אַז צווישן די דאָזיקע עקספּאָנאַטן זענען אַלץ „אייגענע״, נישט צוגענומענע בעת דער היטלער־צייט.

צו דער דריטער ליכטל בין איך שוין געווען אין די קעלערן פון דעם „רהיינישן מוזעום״. און דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז די ערשטע קאַסטנס, וואָס מען האָט געעפנט זענען געווען די געזוכטע חנוכה־לאָמפּן.

אַ גאַנצער שטאַב מיט באַאַמטע — אויף עפענען די קאַסטנס, אויף אַרויס־נעמען די חפצים, קאָנטראָלירן דעם אינוועטאַר־נומער, פעסטשטעלן דעם צו־שטאַנד פון דעם עקספּאָנאַט אא״וו.

איינגעפּאַקט אין האָלצזעגעכץ איז יעדער חפץ באַזונדער געווען איינגע־וויקלט אין וואַטע־אָפּפאַל, מען האָט זיי מיט גרויס פּאַרזיכטיקייט אַרויסגענומען. זיי, די שרידים פון יאָרהונדערטער, האָבן געהאַט אַ בעסערן מזל ווי די אור־אייניקלעך פון זייערע פריערדיקע אייגנטימער.

פאַרגרינט מעש, פאַרשטויבט צין, פאַרראָסטעט בלעך, אויסגעבויגענע זייטן, אויסגעקרימטע טיילן, אַ צעקאַליעטשעטער „שמש״ — אָבער ווי וווּנדערבאַר, ווי פּרעכטיק זיי זעען אויס — אַ תחית־המתים־סצענע, אַ בר־מינן־קאַראַוואַנע, וואָס איז אַרויסגעקראָכן פון גילגול־מחילות

וואָלטן זיי געקענט דערציילן! וואָלטן זיי זיכער אָן אייגענעם על־הניסים אויפגעזונגען!

חנוכה־לאָמפּ
רהיינישער מוזיי, קעלן,
נומער: 867־26729

אינמיטן זענען אויסגעהאַמערט די ווערטער: „נר מצוה ותורה אור״

און אַט ווערן זיי שוין אויסגעשטעלט אויפן ווייס־מירמלשטיינערנעם טיש פאַרן מוזיי־קוסטאַש. ער קאָנטראָלירט אַלץ פּינקטלעך ,עס מוז שטימען, ביי אים זענען עס „נומערן״ — „אינווענטאַר־נומערן״.

— „אַלזאָ, וויר בעגינען... ביטע, יאָ, היר האַבען וויר עס, אַלעס איזט פאָן סעקציאָן 867״... עס שטימט, עס איז די סעקציע 867 און מיר הייבן אָן.

— רופט אויס איינער:

— נומער 26654...

און דער קוסטאַש לייענט פון קאַטאַלאָג־נומער:

— חנוכה־לאָמפּ פון 17טן יאָרהונדערט, מעש, מיט אַכט איילרערן. „לאַנג־זאַם... לאַנגזאַם... דאָ מוסטען נאָך צוויי שאַמאַשים״... יאָ, די „שמשים״, צוויי שמשים פון בײדע זייטן זענען דאָ, אויך די לייבן פון אויבן זענען פאַראַן.

— נומער 26986 — פון בלעך, 8 ריטשקעלעך פאַר קנייטלעך און בוימל, 18טער יאָרהונדערט. דער „שמש״ אין דער פאָרעם פון אַ לייב מיט אַ קענדל אין די לאַפּעס. — עס שטימט.

— נומער 26729 — פון צין, אַ האַלברונדיק ווענטל פון הינטן דער „שמש״, איבער די אייל־באַסיינדלעך, איבערן שמש אַן אויסגראַווירטער שפּרוך „נר מצוה ותורה אור״.

— נומער 26462 — פון ליים באַדעקט מיט גרינלעכן גלאַזור, לפי ערך 18טער יאָרהונדערט, דער „שמש״ אָפּגעבראָכן.

— נומער 26471 — בליי מיט מעשענע אייל־בעכערלעך, 4 פיסלעך, 17טער יאָרהונדערט, צוויי טויבן פון בײדע זייטן. צוויי „שמשים״...

— נומער 26461 — מעשענער הינטערגרונט, אויסגעהאַמערטע בלומען־אָר־נאַמענטן, אויבן אַ קרוין און פון בײדע זייטן פויגלען; די אייל־בעכערלעך אין דער פאָרעם פון בלומען־גלעקעלעך — „אָהנע שאַמאַשים״ — גייט צו דער קוס־טאַזש.



חנוכה־לאָמפּ
רהיינישער מוזיי, קעלן,
נומער: 26461־867

— „יאַוואָל! הער!... ענטפערט דער באַאַמטער.

— „פּאַרזיכטיק! האַלט! היר קאָמט איינע מענאָראַ! איינע אַכטאַרמדיקע כאַנוקאַ־מענאָראַ״...

אַזוי איז עס, ער איז גערעכט דער קוסטאַש, עס איז נישט קיין לאָמפּ, נאָר אַ מנורה מיט 8 אָרעמס. זי שטאַמט פון אַ סינאַגאָגע אין אַ שטעטלביים טייך מאָזעל, וואָס פאַלט אַריין אינעם רהיין, צווישן קאָבלענץ און טריער. פון אָנהייב 17טן יאָרהונדערט איז זי. דאַן האָט זיך דאָרטן די סינאַגאָגע אויסגעבויט און מען האָט די מנורה אַריינגעשטעלט. פון 1872 איז שוין דאָרט קיין קהילה נישטאָ. וואַנדערט זי, די דאָזיקע מנורה, פון האַנט צו האַנט, שוין באַלד 300 יאָר, נע ונד, ביז זי האָט באַקומען אַ „תיקון״.

— נומער 26770 ?

— יאַוואָל !...

— סעקציאָן 867 ?

— יאַוואָל !...

— אַכט אָרעמס !...

— יאַוואָל !...

— דער שמש פאַראַן ?

— ניין ! אָפּגעבראָכן !...

שטייען זיי די חנוכה־לאָמפּן שוין נאָך דער „סעלעקציע״, נאָך דעם „קאָנטראָל״ און אויף יעדן איז אָנגעהאָנגען זיין „שטאַמבאַום״, זיין יחוס־בריוו... נומערן...

— נומערן! געצייכנטע אינווענטאַר־נומערן! אויף מוזיי־עקספּאָנאַטן און טאַטוירטע נומערן אויף לעבעדיקע לייבער, אויף הענט פון נישט־פאַרגאַזטע און נישט פאַרקאַלכטע אין אָשוויענטשים.

— נומער 26647: קופּער — 17טער יאָרהונדערט!

— נומער 26459: צין — 18טער יאָרהונדערט!



חנוכה־לאָמפּ
רהיינישער מוזיי, קעלן,
נומער: 26471־867

—נומער 26458: בלעך — 18טער יאָרהונדערט, „שאַמעש אַבגעטרענט״!

— נומער 26487, מעסינג — 16טער יאָרהונדערט, לייכט באַשעדיקט!

— נומער... נומער... נומער...

און פאַר די אויגן האָט אַ שווינדל געטון און אין מוח האָט זיך אַ באַוויז געטון דער ס. ס.־מאַן מיט דער סוואַסטיקע, מיט די הויכע שטיוויילעס און אַ פּאָר הינט ביי דער זייט. עס איז צווישן די באַראַקן אין אַ סטראַדאָם אָדער בעלזשיץ אין אַ יאַנאָווע אָדער מיידאַנעק.

— נומער... שנעלער דאָנערוועטער; נומער... יודע פאַררעקע; נומער... צום טויפעל מיטן דרעקישן געזינדל; נומער...

— אָבער די בלעכענע, ליימענע, מעשענע און צינענע „נומערן״ שטייען „לעבעדיק״. אפשר שעפּטשען זיי שטיל, די דאָזיקע „נומערן״, אפשר האָבן זיי זיך דערמאָנט, אַז עס איז כסליו. אפשר זאָגן זיי זייער אייגענעם „על הניסים״. זיכער געדענקען זיי אים פון די אַמאָליקע צייטן, ווען זיי זענען נישט געשטאַנען אויפן ווייסן מירמלשטיין, נאָר אין פשוטע ייִדישע הייזער. זיכער האָבן זיי נישט פאַרגעסן זייערע „יוגנט־יאָרן״ — געווען איז עס דאָך גאָרנישט לאַנג, ערשט מיט יאָרהונדערטער צוריק...



חנוכה־לאָמפּ
רהיינישער מוזיי קעלן
נומער: 26654־867

דריי „שלח־מנות־טעלער" פון ווירצבורג

קומט קיין ווירצבורג; איר מוזט זיין אין ווירצבורג; אייער קאָלעקציע פון אשכנז וועט נישט זיין קיין פולשטענדיקע, אויב איר וועט אויסמיידן ווירצבורג, — אַזוי פלעגט מען מיר כסדר דערמאָנען וועגן דער דאָזיקער שטאָט.

פון דאַנען וויל איך אין אונדזער קראַנץ פון „נישט־דערברענטע שייטן" אַריינפלעכטן נאָך אַ צוגעסמאַלעטע האַלעווּעשקע — דריי „שלח־מנות־טעלער".

ווי קען מען אָבער אַרויסכאַפּן דעם דאָזיקן „שייט" און נישט דערציילן וועגן דעם גרויסן הויפן פון „שייטן" וואָס האָט דאָ געברענט און געפלאַקערט אין משך פון גאַנצע תקופות? ווי קען מען רעדן וועגן אַ קליינעם פּרט און נישט דערציילן וועגן גרויסן שייטערהויפן, וואָס האָט געשרפהט אין משך פון לאַנגע דורות אין דער דאָזיקער עיר ואם בישראל?

דערמאָנט מען ווירצבורג, קומט אויפן רעיון די סטראָפע:

„על ווירצבורג ההדורה
הקריה העליזה
היתה לשרפת אש
ללעג ולביזה..."

אויף יידיש מיינט עס:

וועגן ווירצבורג דער פיינער,
דער שטאָט דער לוסטיקער;
געוואָרן איז פון פייער פאַרברענט
צו שפּאָט און צו רויב...

עס איז אַ סטראָפע פון אַ טרויער־עלעגיע, פון אַ קינה וועמענס מחבר עס איז אומבאַקאַנט.

און גייענדיק איבער די ווירצבורגער גאַסן, האָב איך שטענדיק געטראַכט וועגן דער דאָזיקער „קריה עליזה", וואָס איז געוואָרן „ללעג ולביזה".

כמעט אַ צענדליק מאָל בין איך געווען אין ווירצבורג. יעדער באַזוך האָט אויפגעדעקט נייע און נייע שפורן, וויכטיקע מקורים און זייער אינטערעסאַנטע פּרטים פון דער דאָזיקער אין משך פון דורות געוועזענער ייִדישער מעטראָפּאָליע.

היינט איז די דאָזיקע שטאָט אַ צענטער פון קאַטוילישקייט, טויזנטער עולה־רגלניקעס קומען אַהער; סתם טוריסטן און אויספלוגלער קומען באַוווּנדערן די דאָזיקע, ביים טייך מאַין, רחבותדיקע אויסגעשפּרייטע שטאָט מיט איר הער־לעכער רעזידענץ; זיי קלעטערן אויפן מאַריענבורג און באַטראַכטן די מיטלאַל־טערלעכע פעסטונג, וועלכע מען זעט פון פיל קילאָמעטערס אַרום; עס ציִען זיך קונסט־היסטאָריקער און פאַרשער צו די צענדליקער סטאַטועס און דענקמעלער, וועלכע זענען אין פאַרשידענע צייטן געשטעלט געוואָרן פאַר הייליקע, פאַר ריטער און פאַר סתם שררות.

און די דאָזיקע טויזנטער גייען און וויסן נישט, אַז דאָס טרעטן זיי אויף ייִדישער ערד; אויף גאַסן און פּלעצער, וועלכע זענען געווען פאַרהײליקט מיט ייִדיש געבעט, מיט ייִדיש געזאַנג און געוויין; זיי באַזוכן די פאַרשידענע „מערק־ווירדיקע" און „הייליקע" געביידעס און וויסן גאָרנישט, אַז ווען מען זאָל פון די דאָזיקע קירכעס און פּאַלאַצן אָפּקראַצן דעם טינק און די געמעלן, וועט מען אין טייל ווענט זיכער געפינען די טעקסטן פון די דאָרטן איינגעמויערטע אַלטע מצבות.

בין איך אייגער פון די דאָזיקע טויזנטער ווירצבורגעס עולה־רגלניקעס, אָבער איך גיי נישט אין זייערע פּראָצעסיעס מיט די קול רינה וצהלה מאַרשן. מיין פּילגרימקע פּירט, הגם אויף די זעלביקע גאַסן, צו אונדזערע שיריים, אויף קבר־אבות פון דער קריה העליזה, וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן.

***

די געשיכטע פון ייִדישן ישוב אין ווירצבורג איז זייער אַלט, האָט שוין הינטער זיך אַ קנאַפּן יאָרטויזנט. אין די עלטסטע ייִדישע פאַרצייכענונגען און אין די כל־המינים פרעמדע כראָניקעס ווערט שוין דער ייִדישער ישוב אין ווירצבורג אין 12טן יאָרהונדערט דערמאָנט; וועגן די פאַרשידענע „ייִדן־גאַסן" און „ייִדן־פּלעצער" דאָרט.

רייך און פאַרשידנפאַרביק איז די דאָזיקע געשיכטע פון דעם יאָרטויזנט, וואָס איז אַזוי איבערפולט מיט דראַמאַטישע געשעענישן פון די ייִדן אין אשכנז; אויפשוווּנג און חורבן, גלאַנצפעריאָדן און אויסראָטונגען. עס איז שווער, אַפילו ראשי־פּרקימדיק איבערצוגעבן אין איין קאַפּיטל די דאָזיקע געשיכטע.

פונדעסטוועגן אַ פּאָר פּרטים.

ווירצבורגער רבנים, זענען געווען אין זייער דור און פאַר די ווייטערדיקע דורות די באַרימטסטע אויטאָריטעטן, וועמענס מיינונג איז געווען אַ כמו הלכה

למשה מסיני; ווירצבורגער יידישקייט־תקנות האָבן אָנגעהאַלטן דורותלאַנג און דערגרייכן ביז אונדזערע הייגטיקע טעג. האָט אַ װעלכער פּוסק געוואָלט זיין מיינונג פאַרפעסטיקן איז געגוג געווען אָנצוגעבן, אַז דאָס שטאַמט פון די „בני ווירצבורג". נישט איין גדול פלעגט זיך אויף זיי סומך זיין. ווירצבורג פלעגט אַפילו מיט זייערע תקנות אַרויסטרעטן קעגן די גדולי „שו"ם" (שפּייער, וואָרמס און מאַינץ).

בלויז פאַר דער צייט פון 12—13 יאָרהונדערט איז באַוווסט אַ רשימה פון 20 גדולים, וואָס ווערן פאַררעכנט צו די עמודי־התורה, צווישן זיי די באַרימטע רבי אליעזר בן יואל הלוי (איינער פון די בעלי־התוספות, באַקאַנט ווי דער ראבי"ה אָדער אביאסף און אביעזר); רבי אליעזר בן הקדוש רבי משה הדרשן (דער מחבר פון „ספר גימטריות").

אויך וועלטלעכע גדולים האָט ווירצבורג גאַר אין די אַלטע צייטן פאַרמאָגט. פון דאָרטן שטאַמט איינער פון די געציילטע יידישע טרובאַדורן, די א"ג מינעזינגער (פאָלקס־ליבע־לידער) זיסקינד פאָן טרימבערג (13טער יאָרהונדערט) טייל פון זיינע וווּנדערבאַרע שאַפונגען זענען אין כתב־יד אָפּגעהיט געוואָרן אין אַ קאָלעקציע אין היידלבערג.

גאָר פרי טרעפן מיר אין ווירצבורג אַ רייע יידישע דאָקטוירים — דער אויבנדערמאָנטער זיסקינד איז געווען דאָקטער און די דעמאָלט עקזיסטירנדיקע עפנטלעכע שפּיטעלער, פון הייליקן עגיד און פון דיטריך. נאָכדעם איז געווען באַקאַנט דער ד"ר היילמאַן. אין 15טן יאָרהונדערט און דער לייב־דאָקטער פון ווירצבורגער בישאָף יאָהאַן דער 2טער, געוועזן ד"ר זעליגמאַן, אין דער זעלבער צייט איז אין ווירצבורגער קרייז געווען באַרימט די יידישע דאָקטערין שרה (1419).

פון גאָר פרי הייבן אָן די ווירצבורגער יידן שפּילן אין ווירטשאַפטלעכן לעבן אַ גרויסע ראָל. צווישן אַנדערע איז באַקאַנט דער ייד יחיאל, וועלכער איז געווען דער מטבע־גיסער (מינצער) בעת דער ממשלה פון בישאָף אָטאָ פאָן לאָבערבורג. די פון אים געגאָסענע מטבעות האָבן אויף זיך זיין נאָמען יחיאל איז העברעיש. טייל פון די דאָזיקע מטבעות זענען אויפגעהיט געוואָרן אין די זאַמלונגען פון ווירצבורגער היסטאָרישן פאַריין.

עס האָט אָבער ווירצבורג נישט אויסגעמיטן די כוואַליע פון גגישות, גזירות, השמדות און שריפות, וועלכע פלעגן זייער אָפט פאַרפלייצן דייטשלאַנד.

פון דעם ערשטן פאַרצייכנטן פּאָגראָם אויף די ווירצבורגער יידן איז יאָר 1147, ביים 2טן קרייץ־צוג, ווען עס זענען דערהרגעט געוואָרן 21 יידן. צווישן זיי 3 רבנים ביז 1567, ווען די יידן זענען פון ווירצבורג אַרויסגעטריבן געוואָרן, ציט זיך אַ לאַנגע קייט פון יידישן פּיין, פון פאַרגאָסענעם בלוט, פון קידוש־השם.

אין צענדליקער קינות, סליחות, און כראָניקעס זענען די דאָזיקע גזירות פאַרייביקט געוואָרן. לאָמיר ברענגען אַ פּאָר אויסצוגן פון זיי:

אין דעם „ספר זכירה" פון דעם בעל־התוספות און פייטן רבי אפרים ב"ר יעקב מבונא (געלעבט אין 12טן יאָרהונדערט), וואָס געפינט זיך אין כתב־יד אין אָקספאָרד, איז פאַראַן אַ ספּעציעלער קאַפּיטל וועגן דער שחיטה פון ווירצבורג און דעם דאָרטיקן ביישפּיללאָזן קידוש־השם. אין מיטן פון זיין כראָניק פלעכט ער אַריין עלעגיע־שורות; וועגן ווירצבורג שרייבט ער:

„אהא נפשי נוגה, כאיל תערוג ערגה
על הרוגי ו י ר צ ב ו ר ג א קהילה כגפן משורגה..."

דער פייטן־מקונן רבי יהושע ב"ר מנחם, וועלכער האָט באַקלאָגט די גזירות „רינדפליש" פון סוף 13טן יאָרהונדערט, האָט אין זיין סליחה „אל מלך נאמן" (געפינט זיך אין דער כתב־יד־זאַמלונג אין פּאַרמאַ), אָפּגעגעבן אַ טייל אויך פאַר ווירצבורג. ער שרייבט דאָרטן:

„...דחפו כל עצמותי את החלב ואת האליה
על קדושי ו י ר צ ב ו ר ק רבתה תאניה ואניה
הו הו בכל חוצות אעורר ואהמיה
רשפיה רשפי אש שלהבתיה"...

און דער מקונן רבי משה ב"ר אליעזר האָט אין זיין קינה „מה קול הצאן הזה" (געפינט זיך אין דער קאָלעקציע פון די כתב־ידן אין האַמבורג), קלאָגט אויס צווישן אַנדערע:

„...כנסיתי ש ב ו י ר צ ב ו ר ק היקרה והתמימה
הנאוה והמעונגה בזיו והדר מסוימה
נגדעה קרנה ונפלה מבלי תקומה..."

און רבי תמר ב"ר מנחם, אין זיין קינה „אספרה ואיללה" (געפינט זיך אויך אין כתב־יד אין האַמבורג), מאַכט טאַקע אַ הספד:

„...עדת קהילת ו י ר צ ב ו ר ק הנאוה והדורה
לעוף השמים נתנו נבלתם להפקירה
פלגים עיני תזל ותדמע עליהם בעתירה
אבל שאול חדרי מות ארד אתם לקבורה..."

אויך דער מקונן רבי אברהם הלוי האָט אין זיין קינה „ציון ומכון שבתך נהרס ונחרב", אָפּגעגעבן אָרט פאַר ווירצבורג, קלאָגט אויס זיין וויי:

„...עיני הלא נוזלים דמעה כמעין
וים עלי שלש מבצרי נהרס מעוניך
המה נקובי השם
ו י ר צ ב ו ר ק רוטנבורק ונורנבורק
שמה נסוכי אנוש המה ופרוריך...״

אַן אומבאַקאַנטער פּייטן, וועמענס פּיוט עס איז פאַראַן אין דעם סאַלאָניקער מחזור פון 16טן יאָרהונדערט, קלאָגט אויס אין זיין עלעגיע אונטערן נאָמען: „אבכה לקשי יום״:

„...ירח אב לצרות אשליך פאר ואגוזה
על ו י ר צ ב ו ר ק ההדורה הקריה העליזה
היתה לשרפת אש ללעג ולביזה
ואין שריד באהלי שם לטבח נמשכים
ויהי לאבל כנורי ועגבי לקול בוכים...״

די אַלע דאָזיקע טרויער־לידער פאַרגעסן נישט צו שילדערן מיט די שענסטע אויסדריקן דער ווירצבורגער קהילה: זי איז ווי אַ ווייגאָרטן; זי איז טייער און ליב; זי איז שיין און באַחנט; די פּראַקטיקע און וווּנדערלעכע; זי איז אַ פעסטונג; זי איז די פרייִלעכע, די לוסטיקע שטאָט.

פון יענעם גירוש אין 1567 ביז אָנהייב 19טן יאָרהונדערט איז ווירצבורג געווען כמעט יידן־ריין.

בלעטערן מיר ווייטער די געשיכטע־זייטלעך און מיר דערוויסן זיך, אַז פון 14 יידישע משפחות אין יאָר 1813 איז מיט 120 יאָר שפּעטער (אין בלוטיקן יאָר 1933, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט) זענען שוין אין ווירצבורג געווען 2261 יידישע נפשות.

ווייטערדיקע 10 יאָר פייניקונגען על פי נוסח „שטירמער״ און אין 1942 זענען די לעצטע יידן „דעפּאָרטירט״ געוואָרן צו פאַרטיליקונג אין טערעזיענ־שטאָט און אין אַנדערע כליון־מקומות. טרעטן מיר ווידער אויף ווירצבורגער גאַסן און זוכן דעם קלאַנג פון דעם ויהי, פון דעם אַמאָל איז געווען, פון דער ווייטער פאַרגאַנגנהייט און פון דעם גאָר נאָענטן עבר.

1. יוליוש - שפּיטאָל

דעם ערשטן אָפּהאַלט וועלן מיר מאַכן אין איצט באַרימטן יוליוש־שפּיטאָל. דאָרט וועלן מיר זיך אָנטרעפן אויף די עלטסטע, בלוטיקסטע און הייליקסטע שפּורן.

ווער פון די טוריזנטער, וועלכע הערן דעם אויפרוף פון טראַמוויי־קאָנדוקטאָר: „האַלטע־שטעלע יוליוס־שפּיטאַל", אָדער די הונדערטער פּאַציענטן, וועלכע גייען דורך אין די אַמבולאַטאָריעס, ווייסן, אַז זיי זענען אין דעם ייִדישן בראשית פון ווירצבורג? עס ווייסן אויך נישט די חולאים, וועלכע שפּאַצירן אין שפּיטאָל־פּאַרק, אַז זיי טרעטן אויפן אַלטן ייִדישן בית־עולם, ווו עס ליגן די קדושים, די ערשטע מאַרטירער פון ייִדישן ישוב.

פאַר אונדז דאַרף מען דאָס אָבער דערמאָנען און זאָגן: של נעליך מעל רגליך! — טו אויס די שיך פון דיינע פיס!

אויף דעם דאָזיקן אָרט, וועלכעס איז דאַן געווען דאָס אייגנטום פון ווירצבורגער בישאָף, זענען געקומען צו קבורה די ערשטע קרבנות פון 24סטן פעברואַר 1147, בעת דעם 2טן קרייצצוג. די גופים פון די געשענדעטע האָבן זיך געוואַלגערט אויף די ווירצבורגער גאַסן (פון קרעמאַטאָריעס האָבן די אור־זיידעס פון די נאַציס נישט געוווסט) און פאַרסמט די לופט. האָט דער בישאָף געהייסן אויפּ־קלייבן די קערפּערס און אויף אַ וואָגן האָט מען זיי אַוועקגעפירט און מקבר געווען אויפן דאָזיקן אָרט. 21 קדושים — מענער, פרויען און קינדער — זענען געווען די ערשטע, וועלכע זענען דאָ געקומען צו קבר־ישראל. צווישן די קדושים איז אויך געווען דער ווירצבורגער רב רבי יצחק בן אליקום.

רבי יצחקס ברודער, דער שפּעטערדיקער ווירצבורגער רב, רבי חזקיה און זיין פרוי יהודית האָבן דעם דאָזיקן פּלאַץ אָפּגעקויפט ביים בישאָף און דאָרט געשאַפן דעם בית־החיים. דאָס אָרט האָט טאַקע באַקומען דעם נאָמען דער „יודען־גאַרטען".

אַהער האָט מען געבראַכט די קדושים פון גאַנצן אַרום. אַזוי זענען געקומען צו קבורה די קדושים פון קיטצינגען, וועלכע מען האָט דאָרט פאַרפייניקט דעם 5טן אויגוסט 1243. צוויי וואָכן זענען זייערע קערפּערס געלעגן אויף קיטצינגער גאַסן ביז מען האָט זיי געבראַכט צום „יודען־גאַרטען", אין ווירצבורג.

דאָ זענען געקומען צו קבורת ישראל די קדושים פון רעטלינגען, וועלכע זענען פאַרפייניקט געוואָרן אין 1298, בעת אַ ביילבול וועגן „האָסטיע־שענדונג".

אין די יאָרן 1348—1349 פלעגט מען אַהער ברענגען די צענדליקער קרבנות פון די שחיטות בעת דער גזירה פון דער „שוואַרצער מגפה".

ביז... ביז גירושים האָבן אויסגעליידיקט די לעבעדיקע ייִדן פון ווירצבורג און מיט די מתים איז נישט שווער אַנגעקומען זיך אַן עצה צו געבן. די מצבות האָבן געדינט פאַר אַ זייער גוטן בוי־מאַטעריאַל. און איצט איז דאָ דער „יוליוש־שפּיטאַל".

2. מאַריען - קירכע

היינט איז זי אַ חורבה, די באַמבאַרדירונג האָט פון איר געמאַכט אַ תל. אָבער ביז דאַן איז זי געווען אַ פּראַכט־געביידע, וועלכע האָט מיט אירע טורעמס זיך געריסן צום הימל, ווי זי וואָלט דעמאָנסטרירן איר נצחון איבער דעם יידישן בית־המדרש, אויף וועמענס אָרט זי איז אויסגעבויט געוואָרן.

יאָרן, דורות האָט די מאַסיווקייט געוואָלט מאַכן פאַרגעסן וועגן דעם אָרט, אויף וועלכן די קירכע איז געבויט געוועזן. ביז די סימנים פון עבר האָבן זיך אַנטפּלעקט, ביז נישט נאָר פון כראָניקעס און אַרכיוון האָט מען זיך וועגן דעם געקענט דערוויסן.

געשען איז עס מיט 600 יאָר צוריק. די בילבולים, אַז יידן פאַרסמן די ברונעמער האָבן זיך געמערט, געוואַנדערט פון שטאָט צו שטעטל און דערגאַנגען אויך אין ווירצבורג. און אין אַ פרימאָרגן, דינסטיק דעם 20סטן אַפּריל 1349, האָט אַן אויפגעהעצטער המון באַפאַלן דעם יידישן געגנט, אונטערגעצינדן די הייזער און אין דער ערשטער ריי דעם בית־המדרש (ווי ענלעך צו דעם, וואָס עס איז געווען אין דער טרויעריקער היטלערישער קרישטאַל־נאַכט פון נאָ־ווער 1938). אין די פלאַמען זענען אויך אומגעקומען די רבנים גאָלדענקאָפּ, רבי דוד און רבי משה הדרשן.

פון דער צעריבעטער, פאַרברענטער סינאַגאָגע איז געוואָרן די "מאַריען־קירכע".

די דאָזיקע געשעעניש איז פאַראייביקט געוואָרן אין דער קינה:

...ווירצבורג אשר שגבה
קמה ונצבה
ראשים שלושה בה
נטע אשליך;

— — — — — — — — —

רב כפתור זהב*
משכיל וגם נאהב
ד ו ד כפז מצהב
כוהני כליליך;
גם בשלושה ראש
מ ש ה אשר דרש

---

* געמיינט דעם רב גאָלדקנאָפּ.

ורב לפרש
את מיכשוליך;
— — — — — — — —
בתי כנסיות
בנוים לתלפיות
יכוננו למשכיות
צלמי נבליך"...

(מחבר ישראל בן יואל זוסלין פון ערפורט, געלעבט אין יענער צייט, פון אַן אַלטן כתב־יד אין „עמוד העבודה").

איצט איז אין דעם חורבן־סקעלעט פון דער קירכע צו באַמערקן די רעשט־לעך פון די איינגעמויערטע אין זיי מצבות. עס איז שווער איבערצולייענען דעם טעקסט ווייל זיי זענען הויך אין סופיט, אָבער דעם „פה נטמן" זעט מען קלאָר.

3. אויגוסטינער שטראַסע

אויסגעמיטן דעם דאָס, פאַרבייגעגאַנגען דעם אַלטן ראַטהויז, גענומען ליגקס און מיר זענען אויף דער אויגוסטינער שטראַסע, פונקט ווי אַלע אַנדערע טיילן פון ווירצבורג איז דער דאָזיקער קוואַרטאַל צעשעדיקט פון די לופט־אַנגריפן.

איצט גייט דאָ אַ פיבערהאַפטע בוי־אַרבעט, אַלטע חורבות ווערן אָפּגע־רוימט, עס וואַקסן אויס נייע בנינים.

און מיר זענען ביי דער חורבה פון דייטש באַרטה, אייגנטימער פון אַ גרויסן אייזן־געשעפט. אין דער דאָזיקער חורבה האָבן די בוי־אַרבעטער געפונען מאָדנע שטיינער מיט אויסטערלישע אויפשריפטן. זיי האָבן וועגן דעם מודיע געווען ווייטער, די זאַך איז דערגאַנגען צום מוזיי־דירעקטאָר ד"ר פרידען און דער דאָ־זיקער האָט זיך טאַקע צו מיר געוואַנדן וועגן דעשיפרירן די געהיימניספולע צייכנס.

געפונען האָב איך אַ באַרג ברוכשטיקער פון אַלטע יידישע מצבות. 2 פון זיי זענען גאַנץ. נאָך אַ געהעריקער אָפּרייניקונג פון שטויב, ליים, וואַפּנע, לייענען מיר:

1.

פה נטמן הזקן
ר' יעקב ברב'
משה ונקבר ט'
באלול יום ג'
צ"ט לפרט ת' נ' צ' ב' ה'

2.

עד הגל הזה
ועדה המצבה
אשר שמתי לראש
הבחור ר׳ יעקב
בן הקדוש ר׳
מרדכי ונקבר כ״ה
ימים לחודש כיסלו ביום ג׳
ס״ו לפרט בשנת לאלף הששי
תהא נשמתו בגן־עדן.

אַלזאָ צוויי מצבות מיט העכער 600 יאָר צוריק.

די אַרבעטער דערציילן, אַז אַזעלכע שטיינער זענען זייער פיל געווען אין די שכנותדיקע חורבות. טייל זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אין די ערטער, וווהין מען שיט אויס דעם נישט־נייטיקן ברוך, טייל זענען צוריק איינגעמויערט געוואָרן. אַזוי האָט דער שכן פּישער אַ קצב, פון דער זעלבער אויגוסטינער גאַס עטלעכע צענדליק אַזעלכע שטיינער צוריק איינגעמויערט.

פונוואַנען קומען זיי אַהער די דאָזיקע מצבות פאַר די קדושים און בני־קדושים? אַלטע פּאַפּירן, אַלטע פּלענער העלפן לייזן די רעטעניש. דער דאָזיקער קוואַרטאַל געפינט זיך נישט ווייט פון דעם אָרט, ווו עס איז געווען דער אַלטער יידישער בית־עולם. נאָכן גירוש אין מיטלאַלטער איז דער דאָזיקער פּלאַץ פאַרקויפט געוואָרן און די מצבות זענען „פּראָדוקטיוו" פאַרנוצט געוואָרן.

טאָמער וועט אייך אויסקומען איבערנעכטיקן אין אַ האָטעל אין יענער געגנט, אָדער עס וועט אייך אויסקומען צו זיין אין אַ וועלכע נישט איז „גאַסט־שטעטע" אָדער „ביר־שטובע", וועלכע זענען דאָרט פאַראַן לרוב, זאָלט איר וויסן זיך, אַז איר געפינט זיך אַרומגערינגלט מיט שטיקער פון אונדזער אייגענעם עבר. וואָלטן מיר פאַרמאָגט דעם געהעריקן חוש־השמיעה צו פאַרשטיין, וואָס די דוממים רעדן צווישן זיך, וואָלטן מיר געקענט אונטערהערן זייער אינטערעסאַנטע געשיכטעס, וואָס די שטיינער אין די ווענט דערציילן זיך.

4. אויפן מאַריענבערג

כ׳בין שוין געווען ביים „בראשית" פון יידישן ווירצבורג — אין „יוליוס־שפּיטאַל"; שוין באַטראַכט דעם יידישן חורבן פון מיטלאַלטער — די מאַריען־קירכע; געזען שוין די „עדות" פון דער דייטשער „שפּאַרזאַמקייט" און „טיכטי־

קייט" — די אַלטע יידישע מצבות אין די בנינים פון דער אויגוסטינער שטראַסע און איצט פירט די „עקספעדיציע" ווייטער: צום מאַריענבערג, צו דער פעסטונג, וואָס שטייט אויף דער צווייטער זייט פון מאַין. דאָרטן וועלן אפשר זיין די „שטומע עדות" פון דעם דאָזיקן יאָרהונדערטער־גאַנג פון דער „קריה העליזה", וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן.

אַלט, גאָר אַלט און יחוסדיק איז די געשיכטע פון דעם מאַריענבערג; היינט איז ער באַבויט מיט פעסטונג־מויערן; באַצירט מיט טורעמס; אַרומגערינגלט מיט שוצוועגט; איידער מען קומט צו צו די טויער־בריקן, וואָס הענגען איבער טיפע קאַנאַלן, מוז מען זיך נאָר אַרויסקריגן דורך ברייטע טרעפ.

דער יחוס פון דער פעסטונג דערגייט אַזש ביז 3000 יאָר צוריק; דאָ זאָל שוין מיט אַ טויזנט יאָר פאַר דער וועלטלעכער צייט־רעכענונג האָבן געווען אַ קעלטישע באַפעסטיקונג.

עס פירט אייך דער „פירער" און ווען איר שלייכט זיך דורך די טויערן, אונטערערדן, קאַטאַקאָמבעס, דורכגענג און ווען איר קריכט דורך די שווינדלטרעפ דערציילט ער אייך דעם גאַנצן שלשלת־היוחסין, די יחוס־קייט, פון דער פעסטונג.

אויפגעבויט איז דער ריזיקער פעסטונג־קאָמפּלעקס אין 13טן יאָרהונדערט; פון 1253 ביז 1719, אַ האַלבער יאָרטויזנט, איז דאָ געווען די רעזידענץ פון די פירשטן־בישאָפן. פון דאַנען האָבן זיי אויסגעשפּרייט זייער ממשלה...

ער וואַרפט פון זיך אַרויס נעמען, טיטלען, יאָרן, אויפטוען... אָבער וואָס גייט עס מיר אָן?

**
*

שטיי איך אויפן העכסטן טורעם פון מאַריענבערג...

— איך אַ גליד פון דעם פאַראַכטעטן, פאַרטריבענעם שטאַם; אַן אור־אור־אייניקל פון די יעניקע וועמענס פאַרפייניקטע הייליקע גופים זענען געקומען צו קבר־ישראל אין דעם „יוליוס־שפּיטאַל"; איך, אפשר אַ גאָר־נאָענטער קרוב פון די יעניקע בני־קדושים, וועמעס מצבות מ'האָט איינגעמויערט אין דער אויגוסטינער שטראַסע...

— איך, דער שריד, דער שפּליטער פון דעם אויסגעקוילעטן פאָלק, שטיי אויפן העכסטן, אויף דעם שטאָלצסטן טורעם פון דעם אומבאַזיגבאַרן מאַריענבערג...

— איך, דער פון דער „נידעריקער ראַסע" — טו „פאַרשוועכן" דער צירונג פוןווירצבורג...

איך דערמאָן זיך, אַז מיין ציל איז נישט געווען די פעסטונג און אירע אונטערערדישע היילן; איך בין דאָך אָהער נישט געקומען צו באַקוקן די היסטאָרישע

קאַפּעלעס און די אויסטערלישע קאַטאַקאַמבעס. איך בין דאָך געקומען זוכן די שיריים פון די יידישע קונסט־אוצרות, אפשר געפינען זיי זיך דאָ, אין דער דאָ־זיקער פעסטונג.

אַהער, אויפן מאַריענבערג, האָט מען איבערגעפירט דעם מאַינפרענקישן מוזיי, וואָס האָט זיך ביזן יאָר 1945 געפונען אונטן, אין שטאָט גופא. זינט 1913 האָט זיך דער מוזיי געפונען אויף דער מאַרקשטראַסע 4. געווען איז ער פון די גרעסטע אין דייטשלאַנד. אין יאָר 1933 זענען דאָרטן געווען 70 צימערן מיט בערך פערציק טויזנט קעגנשטאַנדן.

בעת אַ גאָר שאַרפער באָמבאַרדירונג פון דער שטאָט, אין 1945, איז דער גרעסטער טייל פון ווירצבורג צעשטערט געוואָרן. בעת דער דאָזיקער מיליטע־רישער אַקציע איז אויך חרוב געוואָרן דער מוזיי.

אין דאָזיקן מוזיי איז געווען איינע פון די אָריגינעלסטע יידישע זאַמלונגען. אַ ספּעציעלער צימער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ יידישע סינאַגאָגע. די ווענט זענען געווען באַדעקט מיט די ווונדערלעכע מאָלערייען פון דער הילצערנער סינאַ־גאָגע פון קירכהיים. די דאָזיקע סינאַגאָגע איז געמאָלט געוואָרן פון דעם בראָדער יידישן מאָלער־קינסטלער שמואל בן אליעזר כ״ץ, דער זעלביקער וואָס האָט אין סוף פון 16טן און אָנהייב זיבעצנטן יאָרהונדערט געמאָלן די סינאַגאָגעס אין בעכהאָפען, באַר־האָרב און אונטערלימבורג (וועגן דעם גענויער אין מיין בוך „אין לאַבירינטן פון תקופות״, זייטן 255—270).

דער דאָזיקער „יידישער צימער״ איז געווען אויסגעשטאַט מיט אַלע מעג־לעכע עקספּאָנאַטן וואָס אַ סינאַגאָגע האָט פאַרמאָגט. אַן עמוד און אַ בעלעמער

אַרומגעזוימט איז די דאָזיקע ״פּורים־טעלער״ מיט די ווער־טער פון דער מגילה: „ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר ומשלוח מנות איש לרעהו״. נאָך דעם זענען אויסגעקריכט צוויי כוהנים־הענט ביים „דוכן״. משמעות אַז דער הירש מיכל, וועמענס נאָמען עס איז אויס־געקריצט אויפן טעלער, איז געווען אַ כהן. אויפן טעלער געפינט זיך דאָס יאָר תקי״ד.

(טאָקע פון דער קירכהיימער סינאַגאָגע), פאַרשידענע תשמישי־קודש און אַ גאָר זעלטענעם ארון־קודש פון דער סינאַגאָגע אין גערעדא (אַ קהילה אין יענעם קרייז).

געוווּסט האָבן מיר שוין, אַז דער מוזיי איז צעשטערט — אָבער אולי? אפשר? אַזויפיל ניסים געשען, אפשר איז געשען אַ נס?

ד״ר האַנס פרעעדען, דער דירעקטאָר פון מוזיי „באַדויערט" אויך וואָס עס זענען חרוב געוואָרן די „ייִדישע דינגע", אָבער וואָס קען מען מאַכן?

— עס וואַר קריג, טאָטאַלער קריג, מיין הער! אונד די אַליאירטן פליגער די וואַרען טיכטיק, יאַ, אַלעס, אַלעס פערניכטעט!...

איינצלנע ייִדישע עקספּאָנאַטן האָבן זיך אָפּגעפונען, אַ בעכער, אַ זייער כאַראַקטעריסטישע ייִדישע „פּאַגאַדע" — האַלץ־ליאַלקעס פון אַ רב מיט אַ רביצן ביים געבעט. יענע עקספּאָנאַטן פון דער מאַרקשטראַסע וועט מען אָבער שוין נישט מחיה־מתים זיין.

***

נאָכדעם זענען זיך געזעסן מיר איבער פאָטאָגראַפיעס פון די פאַרניכטעטע ייִדישע קונסט־ווערק. מיר האָבן זיי באַטראַכט און באַוווּנדערט.

איינמיטן טעלער געפינט זיך אויסגעקריצט
די סצענע ווי המן פירט מרדכין. אַרום,
ביים ברעג, זענען די ווערטער פון דער
מגילה: „ויקח המן את הלבוש ואת הסוס
וילבש את מארדכי (!)"

— פּאָטאָגראַפּיעס, — אַ נייער מין „נישט־דערבערנטע שייטן״: אַ „גילגול״ פון געוועזענע עקספּאָנאַטן. און וואָס איז דער עקספּאָנאַט גופא? אויך אַ שאָטן — הכלל אַ שאָטן פון אַ שאָטן. וואָס פאַר אַ נאָמען קאָן מען עס געבן?

דאַרף מען עס „מחיה מתים״־זיין. אָבער וואָס? בשמים־ביקסלעך? אַ בעכער? אַ מנורה? שוין אַלץ פאַראַן לרוב. און געבליבן איז, אַז מען זאָל נעמען די „שלח־מנות־טעלער״.

מיר האָבן געוווסט פון „סדר־טעלער״, אָבער „פּורים־טעלער״? — אַ נייעס. ביי די דייטשע ייִדן איז עס געווען אָנגענומען צו שיקן די שלח־מנות אויף ספּעציעל קינסטלעריש־געצייכנטע טעלערס.

דריי האָב איך אויסגעקליבן, כדי צו באַשיינען אונדזערע „נישט־דערבערנטע שייטן״.

און געוואָלט האָב איך זיי פרעגן:

— אפשר קענט איר דערציילן אין וויפל הייזער האָט מען אייך שוין אַרומגעטראָגן?

— און וואָס פאַראַ מתנות זענען דורך אייך דורכגעגאַנגען אין משך פון אייערע יאָרן?

איינער פון די טעלערס וואָלט מיט 2 יאָר צוריק געפייערט זיין 100סטן „געבורטסטאָג״, ער איז פון יאָר תקי״ד (1854).

און אפשר האָבן אויך דוממים נשמות? און אויב זיי האָבן עס טאַקע, אפשר האָט זיך די „נשמה״ פון דעם „פּורים־טעלער״ פון דעם הערש־מיכל זיך גע־

די דאָזיקע טעלער האָט אייגנטלעך „פאַרבלאָנדזשעט״ צו פּורים. אויבן איז אָנגעשריבן „חכמת שלמה״. דאָס בילד שטעלט טאַקע פאָר דעם משפּט ביי שלמה המלך פון די צוויי פרויען, וואָס האָבן זיך געקריגט וועגן אַ קינד. — דאָס יאָר איז אויסגעקריצט 1831.

טראָפּן טאָקע מיט דעם פּריִערדיקן באַלעבאָס אירן? אָדער גאָר מיט זיינע איי־ניקלעך וועלכע זענען אויך פאַרברענט געוואָרן?

מיר ווייסן שוין פון פריִער, אין אַ קאַפּיטל געלייענט, אַז די פאַרברענטע גופים האָבן אויך נשמות — העכערע נשמות, געלייטערטע גייען זיי גלייך צום כסא־הכבוד.

אפשר האָבן זיי, די דאָזיקע „טעלער" פון די היכלע היכן געזען די מפּלה פון דעם וואָס האָט די וועלט אַריינגעפירט אין דעם פייער־בראַנד פון פאַרניכטונג?

איך האָב זיך געזעגנט מיט די פאַרברענטע דוממים און געגאַנגען זען די ריכטיקע, די לעבעדיקע „נישט־דערברענטע שייטן".

5. אויף וואַלענטין־בעקער שטראַסע נומער 11

עס איז דער לעצטער וויזיט, דאָ געפינט זיך דאָס שיריים פון געוועזענעם ייִדישן ווירצבורג — דאָס וואָס עס איז איבערגעבליבן פון דער „עיר העליזה" פון דער לוסטיקער שטאָט. דאָ געפינט זיך דער ייִדישער מושב־זקנים.

אין אַ צוויי־שטאָקיקער געביידע וווינען אַ פּאָר צענדליק זקנים, טייל פון זיי אינוואַלידן — דאָס זענען די יעניקע וואָס זענען געקומען נישט־דערברענט פון טערעזיענשטאָט און אַנדערע נאַצישע פאַרניכטונגס־ערטער. דאָ האָט די דאָזיקע שארית־השריפה זייער תפילה־זאַל.

געטראָפן האָב איך פּונקט צו קבלת־שבת. דער „מנין" איז באַשטאַנען פון 6 מענער און 5 פרויען. דער חזן איז דער זקן ראָזנבלום, אַ ווירצבורגער פון קדמונים. ער זינגט אויס לויט זייער נוסח דעם „לכה דודי" און דער דאָזיקער מנין העלפט אים צו.

אויך איך האָב באַקומען אַ „תפילה" (אויף זייער לשון מיינט עס אַ סידור), איך האָב זיך צוגעקוקט צו זייער מאָדנער, פאַר אונדז פרעמדער „עבודה".

און אָט קומט דער „מנין" צו דער סטראָפע „בואי כלה", ווען דער „עולם" דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו דער טיר, ווו מען „פאַרבעט דער פרינצעסין שבת", זאָל זי קומען, די הייליקע פרינצעסין ,זאָל זי קומען מיט געזאַנג און מיט פרייד. דער דאָזיקער צוגעסמאַליעטער רעשטל דאַרף עס נייטיק דער „פרינצעסין" — און צווישן „מנין" געפינט זיך אויך איינער אויף אַ פאַרשטול, אַ פּאַראַליזירטער איז ער געקומען פון גיהנום טערעזיענשטאָט, אויך ער דרייט זיך אויף זיין שטול, ער, דער צעבראָכענער שאַרבן, לעכצט אויך נאָך דער „פרינצעסין שבת"...

פּונקט מיט אַ טאָג פריִער איז אין ווירצבורג געווען אַ גרויסער קאַטוילישער פעסט, מען האָט „איינגעווייעט" דעם דאָם — עס איז פאָרגעקומען די צערעמאָניע פון חנוכת־הבית פון דער ניי־אויפגעבויטער קאַטוילישער קאַטעדרע, וואָס איז גע־ווען צעשטערט פון די באָמבעס.

און איך האָב פאַרגליכן:

דאָרטן זענען אונטער פענער און הייליקע בילדער געגאַנגען עטלעכע הונ־דערט טויזנט — אין צענדליקער געשטאַלטן איז געטראָגן געוואָרן די „מאַדאָנע"...
„אווע מאַריאַ" האָבן פרום געצויגן די הונדערטער טויזנטער...

דאָ זיצט אַ „מנין" און זינגט אויס די בענקשאַפט נאָך דער „שבת כלה"...
אַ „מנין"? אַ בינטל אָפּגעסמאַליעטע האַלעוועשקעס...

ווער איז שטאַרקער?

און איך האָב זיך דערמאָנט — די דריי פאָטאָגראַפּיעס פון די „פּורים־טעלער", די טעלער וואָס דערמאָנען אַז דעם נס פון זיג איבער דער רישעות פון אַ המן...

איך האָב זיך מצרף געווען צו דעם „מנין", געשטאַנען בין איך גראָד נעבן שטול פון דעם פּאַראַליזירטן, זיך טאַקע אָנגעהאַלטן אָן דער פּאַרענטש פון דער דאַזיקער שטול אויף רעדלעך, צוזאַמען מיט די ווירצבורגער „נישט־דערברענטע שייטן", — האָב איך אויך איינגעלאַדן דער „פּרינצעסין".

איך מיש אויף מיינע נאָטיצן: ערב דעם חורבן בית־שלישי, אין יאָר 1932, האָט ווירצבורג פאַרמאָגט:

2261 יידן; העכער צוואַנציק אינסטיטוציעס און פאַריינען;

טייל פון זיי מיט היימישע נעמען: „עץ־חיים־פאַריין" (געגרינדעט אין יאָר 1862); „אהבי אמת פאַריין"; „עזרה" — פרויען־פאַריין; אַ ייִדישע פאָלקסשולע: 5 קלאַסן און 143 קינדער; אַ לערער־בילדונג־אינסטיטוט — 96 תלמידים; מושב־זקנים, בית־יתומים און נאָך און נאָך.

פון דעם אַלץ איז געבליבן אַ קליין הייפל, אַן אַנטרונענער פון די קאַלך־אויוונס.

און עס האָט זיך דערמאָנט די עלעגיע פון משה בן אליעזר, וואָס איז איי־בערגעזעצט געוואָרן פון י. י. שוואַרץ. ער קלאָגט דאָרט אויס:

...„פרעגט זיך נאָך און זעט, איר אַלע איינוווינער פון דער ערד,
עפּעס אַזוינס איז אַן אַנדער אומה באַשערט,
ווי גאָט, דער באַשעפער פון דער וועלט, האָט געטון צו מיר אַצינד?
אַז מיין נשמה איז ביז צו דר'ערד געפאַלן, וויי און ווינד!
מיטוואָך, דעם 13טן אב, בין איך פאַרגאַנגען אין יסורים,
אין טאָג פון גרויסער הריגה, געפאַלן מויער און טורעם.
די טייערע ערלעכע ווירצבורגער קהילה
די שיינע פאַרצערטלטע שטאָט פון תורה און גדולה;
פאַרוועלקט איז געוואָרן איר בלום און געפאַלן אָן תקומה, —
די ערשטע און שענסטע פון שטעט, די קרוין פון מיין אומה".

דאָ איז אויסגעוויינט געוואָרן דער חורבן ווירצבורג מיט 600 יאָר צוריק.

די גונצענהאַוזענער תורה־שילדן

האָט איר שוין עפּעס אַ ידיעה וועגן די גונצענהאַוזענער תורה־שילדן?

דאָס איז געווען אַ שאלה וואָס איז מיר נישט איין מאָל געשטעלט געוואָרן בעת מיינע באַריכטן אין נירנבערג אין יוסטיץ־פּאַלאַץ, ווו איך פלעג קומען מיט די ראַפּאָרטן וועגן די אויסגעפונענע יידישע אוצרות, וואָס זענען אין דער נאַצי־צייט „פאַרלאָרן געגאַנגען".

צווישן די פאַרשוואונדענע אָביעקטן האָט מען אויך אַרומגעזוכט צוויי תורה־שילדן פון דער קהילה גונצענהאַוזען.

פאַרוואָס גונצענהאַוזען האָט זוכה געווען צו אַזאַ ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט האָב איך נישט געקענט פעסטשטעלן. אפשר האָבן זיך גונצענהאַוזענער יידן, וואָס זענען באַצייטנס אַוועק פון דייטשלאַנד און זיך געראַטעוועט אין אויסלאַנד, געמאָנט און דערמאָנט, אַז עס דאַרפן ערגעץ זיין זייערע תורה־שילדן.

איך האָב געהאַט די גענויע באַשרייבונג פון די דאָזיקע שילדן, אַז איינע איז פירקאַנטיק און האָט די מאָס: 22 צענטימעטער די הויך און 19 די ברייט; די צווייטע איז אַ האַלב־רונדיקע. געוווסט אויף אויסנווייניק דעם אויסזען פון די שילדן: וואָס פאַר אַ באַפוצונג זיי האָבן געהאַט, וועגן די קרוינען און לייבן, וועגן אַ צוויי־קעפּיקן אָדלער וואָס עס געפינט זיך אויף איינעם. איך האָב אויך געוווסט דעם יחוס פון די „שילדן" — איינער איז פון דער צווייטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט און דער צווייטער פון סוף פון 17טן יאָרהונדערט.

איך בין געווען אין גונצענהאַוזען. געהאַט די זעלטענע געלעגנהייט צו זען אַ שטעטל, וואָס איז דורכגעווייקט מיט יידיש בלוט אין משך פון אַרום 600 יאָר. אַ יידישע קהילה, וואָס וואָלט אין דעם יאָר 1943, ווען זי וואָלט געלעבט, ווען זי וואָלט געווען, געפייערט איר 600סטן יובל, ווייל דער ערשטער דאָקומענט פון דער קהילה שטאַמט פון יאָר 1343.

איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט אַריינצובליקן אין די פאַרשידענע אַרכיוון און זיך דערוויסן וועגן דעם גילגול פון דער דאָזיקער קהילה, וואָס האָט

זיך אָנגעהויבן מיט העכער 600 יאָר צוריק מיט 1 ייִד און האָט שוין אין יאָר 1374 געהאַט אַן אייגענעם ייִדישן בית־עולם, וועלכער איז שפּעטער פֿאַראַקערט געוואָרן, אָבער דער פּלאַץ הייסט עד־היום דער „יודענקירכהאָף".

מען האָט מיר אויך געפֿירט אין די פֿאַרשידענע סינאַגאָגעס, בעסער געזאָגט, אין הייזער, וווּ עס זענען אַמאָל געווען סינאַגאָגעס. איך האָב אויך באַזוכט דער לעצטער, דער ריזיקער סינאַגאָגע, וואָס איז גאַנץ געבליבן אין דער „קרישטאַל־נאַכט". מען האָט איר נישט געקענט פֿאַרברענען, — זי איז צו מאַסיוו. אויפֿרייסן מיט דינאַמיט איז געווען געפֿערלעך, ווייל אַרום וווינען הונדערטער דייטשע משפּחות. מען האָט פֿון איר נאָר „אַראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ", אָפּגעשניטן די צוויי שיינע טורעמס, וואָס האָבן באַשיינט דעם דאָזיקן קאָלאָסאַלן בנין.

געווען אויפֿן ייִדישן בית־עולם, ווו מען האָט אַראָפּגעריסן די עטלעכע הונדערט מצבות, געלאָזן נאָר געציילטע, אויסגעשטעלט ביים וואַנט און אויף איינער האָט מען איצט, נאָך דער נאַצישער מפּלה, ארויפֿגעמאַכט אַ מין „נר־תמיד" מיט אַ צושריפֿט לזכר די קרבנות פֿון דער נאַצישער בעסטיאַליטעט.

אַלץ האָב איך זיך דערוווּסט:

אַז פֿון דעם ערשטן ייִד אין 1343, איז נאָכדעם געוואָרן אַ מנין; האָט מען זיי אַרויסגעיאָגט; ווידער געקומען; ווידער אַרויסגעטריבן, — ביז אין יאָר 1808 זענען שוין דאָרטן געווען 54 משפּחות, 235 נפֿשות.

אין דעם שטאָטישן שטאַנדעסאַמט האָט מען מיר געגעבן אַ גענויע סטאַטיסטיק אין משך פֿון די וויכטערדיקע יאָרן:

1833 — 267 ייִדן; 1858 — 202 ייִדן (אינצווישן איז געווען די גרויסע עמיגראַציע פֿון בייערישע ייִדן אין אַמעריקע); 1885 — 293 ייִדן; 1905 — 297 ייִדן; 1925 — 219 ייִדן.

די דאָזיקע צאָל איז אויך געווען אין יאָר 1933, ווען היטלער איז געוואָרן דער מושל אין דייטשלאַנד.

שפּעטער?

1936 — 113 ייִדן;

1942 — די לעצטע פּאָר ייִדן „אויסגעזידלט"...

1951 — ווען איך בין געווען — נישטאָ קיין איין ייִדישער נפֿש!

מיין ספֿר־הזכרונות וועגן דער קהילה דערציילט מיר:

1933 — אַלגעמיינע צאָל באַפֿעלקערונג — 5424; ייִדן — 219; אַ סינאַגאָגע, אַ בית־עולם, אַ מיקווה. פֿאַריינען: „חברה גמילות־חסדים" (געגרינדעט 1740) — 37 מיטגלידער; „איזראַעליטישער פֿרויען־פֿאַריין" (געגרינדעט 1750), 57 מיטגלידער; צדקה־קאַסע ביי דער קהילה; פֿאַריין „האַרמאָניאַ" און אַ ייִדישער יוגנט־פֿאַריין.

אין דער איזראַעליטישער פאָלקסשול איז פאַראַן 1 קלאַס, עס לערנען 17 קינדער, דער לערער — מאַקס לעוויטע.

עס איז דאָ אַ חזן און אַ שוחט אין איין פּערזאָן — מאַרקוס רעהפעלד.

געהערט צום ראַבינאַט־באַצירק אַנסבאַך, דער דאָרטיקער רב איז אליה מונק.

אַלץ האָב איך געוווּסט — אָבער שטענדיק פלעגט מיר אַנטקעגן געטראָגן ווערן די פראַגע:

— האָט איר שוין עפּעס ידיעות וועגן די תורה־שילדן פון גונצענהאַוזען?

***

תורה־שילדן, אין די טויזנטער זענען זיי געווען אין די דייטשע סינאַגאָגעס און אין פּריוואַטע הייזער. דער נוסח כמעט דער זעלביקער אומעטום — אַ באַ־פּוצונג צו דער תורה, וואָס פלעגט מיט קייטלעך אָנגעהאָנגען ווערן אויף די עץ־חיימס. אין מיטן פון „שילד", וואָס איז געווען באַצירט מיט די פאַרשידנסטע אָרנאַמענטן, האָט זיך געפונען אַ ליידיק קעסטעלע, וווּ מען פלעגט אַריינשטעלן די פאַרשידענע טאָוועלעך, די נעמען פון די יום־טובים, ווען מען פלעגט דעם ספר באַנוצן.

צינענע, זילבערנע און באַגלידעטע. אָפטמאָל זענען נאָך געווען אויסגע־קריצט די נעמען פון די מנדבים און ווען דער „שילד" איז געמאַכט געוואָרן. אין טייל ערטער האָט עס אויך געהייסן תורה־טאַסן.

אין וויסבאַדען, אין דעם לאַנדעס־מוזעום, ווהין מען האָט די אַלע אויס־געפונענע עקספּאָנאַטן געבראַכט, האָב איך געזען הונדערטער פון דעם מין. אַן אמתע קונסט־מאָזאַיק פון סטילן, זשאַנערן און פאָרמען.



גונצענהויזענער „תורה־שילד" פון סוף 17טן יאָרהונדערט.

אָבער ווו זענען די תורה־שילדן פון גונצענהאַוזען?

דאָ מוז איך דורכלאָזן אַ קאַפּיטל און אַריבערגיין צום צופאַל.

אין אַנסבאַך בין איך געווען צוליב אַ סך טעמים. זייך אין אַנסבאַך און נישט זען די דאָרטיקע סינאַגאָגע מיט דעם וווּנדערבאַרן באַראָק־אַלמאַמער וואָלט גע־מיינט באַגיין אַן עבירה.

אַז מען איז שוין אין דער סינאַגאָגע דאַרף מען זען וואָס עס געפינט זיך אין די אַרומיקע „שטיבלעך". פון דער פּראַקטיק האָב איך געוווּסט, אַז דאָ קאָן זיך עפּעס פאַרוואַלגערן.

און אין איינעם פון די דאָזיקע „שטיבלעך", אויף אַ בוידעם האָב איך גע־פונען אַן אמתן אוצר: אויף צוויי בעטן און אונטער זיי איז געווען אָנגעשליידערט אַ באַרג מיט „אַלטוואַרג", מיט „שמעלץ" און צווישן די צענדליק וווּנדער־אָביעקטן האָב איך דאָרטן געפונען די געזוכטע גונצענהאַוזענער תורה־שילדן.

פרעגט נישט ווי אַזוי זיי זענען אַהין געקומען; איך וועל אויך נישט דער־ציילן ווער האָט עס געהאַלטן אין אַזאַ מושב די ייִדישע קונסט־דענקמעלער. עס איז נישט אינטערעסאַנט. דער עיקר איז דאָך:

איך האָב אין נירענבערגער יוסטיץ־פּאַלאַץ געבראַכט נישט נאָר דעם ראַ־פּאָרט, אַז איך האָב געפונען די געזוכטע תורה־שילדן. עס זענען אויך געבראַכט געוואָרן די דאָזיקע חפצים מיט אַ גאָר גרויסן פּראָצענט...

נאָך יאָרן נע־ונד און שענדונג האָבן זיי באַקומען אַ תיקון.

ווייטערדיקע צוויי אַרויסגעראַטעוועטע „נישט־דערברענטע ייייטן".



גונצענהויזענער „תורה־שילד"
אויסגעאַרבעט אין נירנבערג
צווישן די יאָרן 1675—1680

די געטינגענער תורה־ווימפּלען

...דורות אין שטויביקן פּאַרמעט, צעביסן פון וואָרם,
ספרים —
דער שטענדער פון זקנים אין הסד פון דרימל —
דער נס פון הימל.
— —
— —
דער תהום פון די אותיות איז הייליק, וועט הייליק פאַרבלייבן
אַ סופר וועט שרייבן:
געוועזן, סע וועט זיין, און ס'וועט תמיד זיך ציען דער פאָדעם —
זיין ניסים און חסדים.

(אברהם טווערסקי — דורות, 1944)

ביים גריבלען זיך אין אַלטע פּאַרמעטן, ביים נישטערן אין שטויביקע שמות פון ספרים, פאַנאַנדערשיפרירנדיק שוין לאַנג אָפּגעבליאַקעוועטע אותיות, פלעג איך שטענדיק נאָך אַמאָל און נאָך אַ מאָל איבערחזרן די וואונדערבאַרע ווערטער פון אברהם טווערסקיס ליד „דורות". איך האָב דעם נס פון געווען און סע וועט זיין אָנגעטראָפן אין דייטשלאַנד אויף יעדן וועג און שטעג.

וואַנדערנדיק איבער די מקומות, ווו עס האָט אַ מאָל געשפּרודלט מיט יידישע לעבן, בפרט איבער די ערטער פון וואַנען עס האָבן אַרויסגעלויכטן די מאורי־הגולה, קען מען אָנטרעפן דעם נס, דעם שטויביקן, דורות־לאַנגן נס, וואָס האָט איבערגעלאָזן זיין חותם פון יענער ווייטער צייט, ווען נוסח אשכנז האָט זיין דרך אָנגעוויזן די תפוצות.

חרוב זענען געוואָרן קהילות, די לעבעדיקע עדות זענען פאַרגאַזט, פאַר־ברענט און זייער אַש איז איבער זיבן ימים צעזייט. די סינאַגאָגעס זענען מיט פייער־בראַנדן אַוועק, די בית־עולמס געשענדט; אָפּגעמעקט האָט געדאַרפט זיין זייער געדעכעניש, קיין סימן זאָל נישט בלייבן; אַזוי האָט מען געוואָלט, אַזוי האָט

מען געטאָן. אָבער דאָ און דאָרט זענען צעזייט און צעשפּרייט די שיריים פון דעם „וואָס געווען״, איבערבלייבענישן, וואָס זענען פאַרוואַלגערט געוואָרן אין ווענט פון מויערן, אויף פּלעצער, אין קלויסטער־קאַרניזן, אויף בית־עולמס, אין אַרכיוו־קעלערן אָדער מוזיי־בוידעמער.

פון אונטער אַ דיקן שטויבשיכט וויל איך דאָ אַרויסהייבן אַ פראַגמענט פון דעם ייִדישן זיטן־ און שטייגער־לעבן פון די דײַטשע ייִדן. אַ פראַגמענט אַ ווייניק באַוווּסטער. ברעקלעך דערפון האָב איך אָנגעטראָפן אין אַ ריי ערטער. זיי האָבן זיך פאַרוואַלגערט און איבערגעלעבט דעם בלוטיקן מבול, איבערגעלעבט, כדי ווידער אַ מאָל צו דערמאָנען — מיר זענען געווען און מען האָט אונדז פאַרשניטן.

עס איז כולו נוסח אשכנז דער דרך אין דער רעליגיעז־ליטורגישער ייִדישקייט, וועלכער איז געוואָרן דאָמינירנדיק ביי ייִדן בכל מקום שהם. בעיקר איז עס ריכטיק לגבי דעם מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, וואָס איז געווען דער אייגנטלעכער המשך פון דער, אין מיטלאַלטער, אונטערגעגאַנגענער דײַטשער העגעמאָניע־תקופה.

עס ווייזט זיך אַרויס: נישט אַלע מינהגים, פירונגען און צערעמאָניאַלן זענען דורך אונדז איבערגענומען געוואָרן, אָדער אין וואַנדל פון דורות זענען אפשר אַ סך פאַרגעסן געוואָרן אָדער לכתחילה נישט אָנגענומען געוואָרן.

אָט איז ביי דײַטשע ייִדן געווען אַ שטייגער־אײַנפירונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן קרוב 500 יאָר — די זייער פּאָפּולערע תורה־ווימפּלען, תורה־וויקל־גאַרטלען. אין די הונדערטער האָבן זיי זיך געפונען אין זייערע בתי־מדרשים, קלויזן און סינאַגאָגעס. די דאָזיקע פירונג איז אונדז נישט געווען באַוווּסט.

וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די ווימפּלען?

ביים געבוירן ווערן פון אַ ייִנגל ביי ייִדן אין דײַטשלאַנד האָט מען צו דער ברית־מילה פאַר אים צוגעגרייט אַ ספּעציעל ווינדעלע, אויף וועלכן עס פלעגט דורכגעפירט ווערן דער ברית־אַקט. נאָכן מל זיין פלעגט מען די דאָזיקע ווינדל צעשניידן אויף פיר פּאַסן, זיי פלעגן צוזאַמענגענייט ווערן און עס איז געוואָרן אַ וויקל־באַנד; אויפן דאָזיקן באַנד האָט מען נאָך דעם אויסגענייט אָדער אויסגעמאָלט אַ געוויסן סטאַנדאַרט־נוסח. ער איז באַשטאַנען פון דעם ייִנגלס נאָמען און אַ ווונטש, אַז ער זאָל דערצויגן ווערן לתורה לחופה ולמעשים טובים (וועגן דעם אינהאַלט פון די אויפשריפטן אויף די ווימפּלען וועלן מיר שפּעטער זיך אָפּשטעלן).

דאָס ייִנגל, שוין אַן אונטערגעוואַקסענער, פלעגט דעם דאָזיקן ווימפּל ברענגען אין דער סינאַגאָגע אַרײַן. לרוב — ווען ער איז געוואָרן בר־מצווה און מען פלעגט אים אויפרופן צו דער תורה. מיט דעם דאָזיקן ווימפּל האָט מען דעמאָלט אַרומגעבונדן די תורה, און דער ווימפּל איז שוין געבליבן אין דער

סינאַגאָגע. ער פלעגט נאָר פאַרביטן ווערן מיט אַ נייעםווימפּל, וואָס אַ פרישער בר־מצווה האָט געבראַכט. אַזוי אַרום פלעגן זיך אין די סינאַגאָגער אָנקלייבן זייער ־אַ סך ווימפּלען.

זייער זעלטן פלעגט דער ווימפּל צוריקגענומען ווערן. געשען איז עס נאָר אין פאַלן ווען די משפּחה פון יינגל איז אַריבערגעפאָרן וווינען אין אַ צווייטן אָרט; אויך אין פאַלן פון קראַנקייט פון יינגל פלעגט מען אויסבאָרגן דעם ווימפּל, כדי מיט אים אַרומצוּוויקלען דעם חולה. מ׳האָט געהאַלטן, אַז עס איז אַ סגולה פאַרן קראַנקן.

וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון דעם דאָזיקן מינהג זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס מען טרעפט זיך זייער אָפט אָן, אין דייטשלאַנד, אויפן דאָזיקן מין עקספּאָ־נאַטן. קלענערע און גרעסערע זאַמלונגען פון ווימפּלען זענען פאַראַן אין פיל ערטער.

אין וואָרמסער שטאָטישן מוזיי געפינט זיך אַ קאָלעקציע פון לערך אַכט הונדערט ווימפּלען פון די יאָרן 1570 ביז 1841. די דאָזיקע ווימפּלען האָבן פריער זיך געפונען אין דער רש״י־שול. די רש״י־שול, וועלכע איז אַלט געווען

סעריע תורה־ווימפּלען פון וואָרמס, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער וואָרמסער סינאַגאָגע.

העכער 900 יאָר (אין 1934, שוין בימי היטלער, איז געפּייערט געוואָרן דער יובל פון 900 יאָר רש״י־שול) איז אין דער בלוטיקער „קריסטאַל־נאַכט״ אונ־טערגעצונדן געוואָרן. פון אונטער די חורבות האָט מען נאָך דעם אַרויסגענומען די דאָזיקע ווימפּלען. זענען זיי טאַקע אין דער גרעסטער מערהייט צוגעשרפט.

אין שנייטאַך, ביי נירנבערג, איינע פון די עלטסטע קהילות אין בייערן, איז פאַראַן אַ זייער רייכע קאָלעקציע פון יידישע תשמישי־קודש. העכער 10! ספר־תורהס, מגילות, פּרוכתן, תורה־מענטעלעך, חנוכה־לאָמפּן, תורה־קרוינען, ריוונים, עץ־חיימס, ידן וכדומה. די דאָזיקע זאַמלונג געפינט זיך אין אַ ספּע־ציעלער „יידישער אָפּטיילונג״ ביים אָרטיקן היימאַטס־מוזיי, וועלכער איז אגב איינגעאָרדנט אין דער געוועזענער סינאַגאָגע. אויפן בוידעם פון דער סינאַגאָגע האָב איך געפונען 160 פאַרשיידענע תורה־ווימפּלען.

אין קאַסעל האָב איך אין אַ שאַנק פון דער דאָרטיקער בית־תפילה געפונען העכער 50 ווימפּלען. די סינאַגאָגע, ווו זיי זענען געלעגן, איז בשעתה דורך די נאַציס פאַרברענט געוואָרן. בעת דעם פּאָגראָם זענען די אינעווייניקסטע איינ־ריכטונגען צערויבט געוואָרן. ערשט נאָך דעם צוזאַמענבראָך פונעם היטלער־רעזשים האָבן דייטשן אָנגעהויבן צוריקברענגען די „געפונענע״ (לייען: געגזלטע) חפצים.

אין מאַרבורג (העסען־נאַסאַו) האָב איך אין דער געביידע פונעם אָרטיקן יידישן קאָמיטעט געפונען אויפן בוידעם ביי 40 ווימפּלען.

אין נירנבערגער געבעט־זאַל, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין יידישן מושב־זקנים, געפינען זיך אַ פּאָר צענדליק ווימפּלען.

די אינטערעסאַנטסטע קאָלעקציע, הגם אין צאָל קלענער ווי אין וואָרמס, שנייטאַך און קאַסעל, האָב איך געפונען אין דעם שטאָטישן מוזיי פון געטינגען. די דאָרטיקע 28 ווימפּלען געהערן צו די זעלטנסטע זאַמלונגען פון דעם מין.

די דאָזיקע ווימפּלען אַנטהאַלטן אַ שפע מאַטעריאַלן און פאַקטן פאַר אונ־דזערע פאָרשערס פון פאַרשיידענע געביטן. עס איז אַן אמתער קוואַל פאַר די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אונדזער פאָלקס־קונסט; די פאַרבן, פיגורן, צייכנס און אָרנאַמענטן איז פאַר דער פאָרשונג ממש אַן אוצר. די, וועלכע זוכן מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון יידישער הלבשה וועלן אין די פיגורן אויף די ווימפּלען געפינען זייער ווערטפולע פּרטים.

וויכטיקס וועלן אויך געפינען יענע וויסנשאַפטלער, וועמען עס אינטערע־סירט די עוואָלוציע פון יידישע נעמען, די פאַרוועלטלעכונג, אָדער פאַרגויישונג, פון טייל אַלט־יידישע נעמען; דאָס גלייכן דאָס פאַרשווינדן פון נעמען וואָס זענען אַ מאָל געווען פּאָפּולער ביי אונדז. די ווימפּלען זענען אויך אַ וויכטיקער צו־שטייער צו דער פאַמיליען־פאָרשונג, פאַר גענעאַלאָגישע שטודיעס וכדומה. אָפּ־געריסט שוין פון די פאָלקלאָריסטן, וועלכע האָבן דאָ פאַר זיך אַן אינטערעסאַנטן

מינהג, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן יאָרהונדערטער און ווערט אָפּגעהיטן עד־היום. אָט האָב איך בעת מיין באַזוך אין דער קאָלאָניע „אביגדור", אין ענטרע־ריאָס, אַ קאָלאָניע וואָס איז מיט לערך 17 יאָר צוריק געגרינדעט געוואָרן דורך יידן פון דייטשלאַנד, געפונען ווימפּלען פון צוריק מיט 100 יאָר און אויך נייע, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן שוין דאָ אין אַרגענטינע, אין די לעצטע 15 יאָר.

דער דאָזיקער געביט איז ביז איצט זייער ווייניק אויסגעפאָרשט געוואָרן, בפרט איז ער פרעמד אונדזערע, מיזרח־אייראָפּעישע, יידן. איך וועל בכן געטרייער באַשרייבן די אויבנדערמאָנטע געטינגער ווימפּלען־קאָלעקציע.

די כל־המינים „יידנספּעצן" מיט וועלכע עס האָט געווימלט אין דייטשלאַנד, האָבן גראָד יאָ אַרויסגעוויזן אַ געוויסן אויפמערק צו די ווינדלען. איינער פון די דאָזיקע „ספּעצן" וואָס האָט זיך בעיקר פאַרנומען מיט אויסזוכן די „יודען־באַנדעס", די „יידישע מערדער, רויבער און גנבים" האָט געגומען די „ווימפּ־לען" צו הילף אין זיין מעטאָד פון אויספאָרשן די דאָזיקע „פאַרברעכער".

דער דאָזיקער מומחה אין קאַמף מיט די „פאַרברעכער" הייסט יאָהאַן יאַקוב בירנברויער, וועמען מיר האָבן שוין, אגב, אויבן דערמאָנט, בשייכות מיטן קידוש־השם־פאַל פון אַ יידישן גנב. דער דאָזיקער בירנברויער האָט אין זיין ווערק



קינסטלעריש־געצייכנטע תורה־ווימפּלען

וועגן די „יידישע דיבס־ מערדער אונד ראַובער־באַנדען" געלערנט די פּאָליציי ווי אַזוי זי זאָל אַרויסקריגן ביים פאַרברעכער ריכטיקע פאַקטן און דאַטן וועגן זיין פּערזאָן. צווישן די פראַגעס, וואָס ער רעקאָמענדירט מען זאָל פרעגן דעם פאַרברעכער איז דאָ אויך די פראַגע:

...ווו ליגט זיין מאַפּע אָדער ווימפּל?...

בירנברויער דערקלערט אויך וואָס איז דאָס אַזוינס די „מאַפּע" אָדער „ווימפּל". עס איז פון די זעלטענע אויפקלערונגען וועגן דאָזיקן מנהג און דעריבער וועלן מיר עס דאָ ברענגען, טאַקע פון בירברויערס „ווערק".

...„ב. די ווינדל אויף וועלכער מען האָט דאָס יינגל באַשניטן ווערט נאָכדעם אין צוויי אָדער מער טיילן צעשניטן און צונויפגענייט אין דער לענג, ביז עס באַקומט זיך די פאָרם פון אַ האַנטעך. אויף דעם דאָזיקן האַנטעך ווערט נאָכדעם אויסגעמאָלט, אָדער אויסגענייט, אָפּהענגיק פון דעם שטאַנד פון די עלטערן, מיט ליצן, זייד אָדער זילבער־ און גאָלד־פעדים דער נאָמען פון קינד. דאָס רופן די יידן ווימפּל אָדער מאַפּע, זיי קייקלען דאָס צונויף און ווען דאָס קינד ווערט אַלט 1 יאָר טראָגט מען עס אַוועק אין דער שול, וואָס דינט ווי אַ סימן, אַז די באַשניידונג איז צושטאַנד געקומען. דאָרט ליגן די דאָזיקע ווימפּלען לאַנגע יאָרן..."

דער דאָזיקער דייטשער שפּיצל־מייסטער פון מיטן 18טן יאָרהונדערט (זיין בוך איז דערשינען אין קאַסעל, אין יאָר 1758) האָט, ווי מיר זעען, צום ענין „ווימפּלען" צוגעגעבן אַ גרויסע באַדייטונג, דורך וועמענס הילף עס וועט לייכטער זיין צו כאַפּן די יידישע „פאַרברעכער".

אינהאַלט און אויסזען פון די ווימפּלען:

די הונדערטער וויקלבענדער, וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו זען, האָבן כמעט אַלע איין און דעם זעלביקן סטאַנדאַרטן אינהאַלט. אין די ביישפּילן וועל איך אין קלאַמערן אָנגעבן די נומערן פון מוזיי־קאַטאַלאָג, אין וועלכן זיי זענען פאַרצייכנט. איך וועל לסוף אויך ברענגען אַ גענויען אינוועטאַר פון דער גאַנצער געטינגער קאָלעקציע.

אָט איז דער אינהאַלטן פונעם עלטסטן וויקלבאַנד פון דער קאָלעקציע:

נתן בן הר״ר אברהם שליט״א נולד במזל־טוב יום כ״ו שבט ת״ז לפ״ק
השם יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים אמן סלה.
(אינוו. נומער 1 פון יאָר 1646).

דער דאָזיקער נוסח חזרט זיך איבער כמעט אויף אַלע אַנדערע ווימפּלען. טייל זענען מיט ראשי־תיבות, פאַרקירצטע ווערטער אאַ״וו. די אותיות אויף די בענדער (זיי זענען פון זייד אָדער לייוונט) זענען פאַרשיידנפאַרביק געמאָלן אָדער אויסגעהאַפטן. זייער אָפט איז יעדעס אות מיט אַן אַנדער פאַרב אָדער אַן אַנדערע אָרנאַמענטירונג. די ווערטער האָבן זייערע באַפּוצונגען און עס טרעפט אויך, אַז יעדעס וואָרט אויף דעם זעלביקן ווימפּל איז אויסגעהאַפטן אָדער געמאָלן אין אַן אַנדער סטיל. די אותיות און ווערטער זענען באַצירט מיט כל־המינים בלומען, בלעטער, קוויטן, געוויקסן, חיות, פייגל, פיש און סימבאָלן. זייער אָפט זענען צווישן די חיות פאַראַן פאַנטאַסטישע ברואים, וועלכע עקזיסטירן גאָרנישט; דער אַנאָנימער פאָלקס־קינסטלער האָט זיי נאָר פון דמיון אויסגעטראַכט.

אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט איז געשענקט געוואָרן דעם למד, וועלכער איז באַפּוצט מיט כל־המינים אויסטערלישע קעפּ פון אַלע מעגלעכע און נישט מעגלעכע באַשעפענישן. אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמען אין די באַפּוצונגען די ווערטער „לתורה״ און „לחופה״. כמעט אויף אַלע ווימפּלען זענען די דאָזיקע ווער־ווערטער פאַרגעשטעלט בילדעריש, זענען אילוסטרירט מיט סימבאָלן און פיגורן און פאַרזען מיט כלערליי צושריפטן פון קלענערע אותיות, טעקסטן וועלכע דער־גאַנצן די דאָזיקע ווערטער.

וואָס עלטער אַ ווימפּל איז, אַלץ שענער, רייכער, פאַרביקער און אָריגינעלער איז ער. בכלל זענען די עלטסטע ווימפּלען נישט געמאָלן, נאָר אויסגענייט אָדער אויסגעהאַפטן.

די גרויסע פאַרפּוצונגען פון די ווימפּלען האָט משמעות אַריינגעטריבן אין גרויסע אויסגאַבעס, ווייל אין די תקנות קעגן לוקסוס געפינען מיר אייך באַ־וואָרענישן וועגן דעם. אַזוי לייענען מיר אין די תקנות וועגן בגדים פון די קהילות אה״ו (אַלטאָנאַ, האַמבורג, וואַנדזבעק) פון יאָר תע״ה (1715) לייענען מיר אין דעם פונקט כ״ג, וווּ עס רעדט זיך וועגן דעם, אַז די קוואַטערס טאָרן נישט פאָרן מיט אַ קאַטש אין דער שול אַריין צום ברית, אויך אַז

„...קיין גפאַטרן צייק צו געבן רק ווינדל בלי כסף וזהב וועלכש חרם מקדש איז״.

דער קוואַטער זאָל קיין שום מתנות נישט געבן פאַרן רך הנולד, נאָר אַ ווינדל, אָבער אָן גאָלד און זילבער, געמיינט נישט אויסגענייט מיט גאָלד־ אָ־ער זילבער־פעדים. דערביי ווערט דערמאָנט, אַז אויף דעם איז פאַראַן אַ חרם (!) פון פריערדיקע צייטן.

עס איז כדאי צו ברענגען אַ פּאָר ביישפּילן.

ביים וואָרט „לתורה״ געפינט זיך ווי אַ כלל אַן אויפגעוויקלטע תורה. לרוב

געפינט זיך אין דער דאָזיקער אויפגעוויקלטער תורה עפּעס אַן אויפשריפט, למשל:

„זאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל על פי ה׳ ביד משה״ (אינוו. נומ׳ 2 פון יאָר 1695). אויפן דאָזיקן ווימפּל ווערט פאָרגעשטעלט אַ ייִד אין אַ רבנישער הלבשה, וועלכער האַלט די תורה אויפגעהויבן ווי בעת הגבהה.

אין אַנדערע פאַלן זענען די טעקסטן ביים לתורה:

„זאת תורת משה אמת ויציב״ (אינווענטאַר נומ׳ 7 פון יאָר 1738);

„עץ חיים היא למחזיקים בה״ (אינווענטאַר נומ׳ 12 פון יאָר 1752). ביים „לתורה״, ווערן אין אַנדערע ווימפּלען באַוויזן די לוחות און ביי זיי אַ בילד פון משה רבינו (אינוו. נומ׳ 3 פון יאָר 1700).

ספּעציעל באַצירט איז דאָס וואָרט „לחופּה״. כמעט שטענדיק איז טאַקע פאַראַן אַ חופּה מיט 4 שטאַנגען. זייער אָפט באַשטייט די חופּה פון דעם אות „ח״ פון לחופּה. אונטער דער חופּה זענען נישט זעלטן אויסגעמאָלט אָדער אויסגענייט חתן־כלה, דער מסדר־קידושין, מחותנים, אונטערפירער וכדומה. ווידער אַ מאָל: וואָס עלטער דער ווימפּל איז, אַלץ קאָלירפולער איז די חופּה פאָרגעשטעלט. אַלץ שענער און אָריגינעלער ווערט די חתונה־צערעמאָניע אויסגעמשלט: מיר זעען דאָרט די צירונג פון יונגן פּאָר, זייער קליידונג — מיר האָבן פאַר זיך די הלבשה פון יאָרהונדערטער צוריק.

פּונקט ווי ביים וואָרט „לתורה״ האָבן מיר אויך ביי „לחופּה״ אַ סעריע פאַרשיידענע צושריפטן. ראשית איז פאַראַן דער מזל־טוב, טייל מאָל נאָר די ראשי־תיבות „מ. ט.״. אַרום די אויסגעמאָלטע חופּה שטאַנגען, אָדער אין זיי טרעפט מען די ווערטער: „קול ששון וקול שמחה״ (אינווענטאַר נומ׳ 20 פון יאָר 1795).

אין טייל פאַלן ווערט געלייגט אַכט אויפן קידושין־רינג. חוץ וואָס ער איז אויסגעמאָלט אָדער אויסגעהאַפטן אַנטהאַלט ער די ווערטער „טבעת קידושין״ אָדער „הרי את מקודשת״ (אינוו. נומ׳ 2 פון יאָר 1695).

כמעט אויף אַלע ווימפּלען זענען אָפּגעצייכנט די סימנים פון די 12 מזלות, נאָך די חדשים, אין וועלכע די ייִנגלעך זענען געבוירן געוואָרן, משמעות, אַז די האָראָסקאָפּישע סימנים האָבן ביי דעם געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָל. געבוירענע אין תשרי האָבן ביים סטאַנדאַרט־וואָרט „נולד במזל־טוב״ נאָך אַ צוגאָב: „מזל מאזנים״ און דערצו אַן אויסגעמאָלענע אָדער אויסגעהאַפטענע וואָג. אין דעם חודש טבת איז אָנגעשריבן „מזל גדי״ און אַ ציגעלע דערביי; אין שבט „מזל דלי״ און דערביי אַן עמער, אַ ברונעם, אַ וואַסער־טרעגער אאַז״וו.

ווי אַ ספּעציעלער מאָטאָ גייט דורך איבער אַלע ווימפּלען דער אַפאָריזם פון יהודה בן תימא: „הוי עז כנמר וקל כנשר, רץ כצבי וגיבור כארי לעשות

רצון אביך שבשמים" (פרקי אבות ה. כ"ג). די ווימפּלען זענען טאַקע פול מיט אָדלערס, הירשן, לייבן און לעמפּערטן.

ביי קינדער־לוויים זענען חוץ די פּריערדיקע פּרטים נאָך פאַראַן פאַר־שיידענע סימנים, וואָס דאַרפן ווייזן, אַז דאָס יינגל געהערט צום לוויים־שטאַם. אַזוי געפינען מיר אויף די דאָזיקע ווימפּלען אַ קריגעלע און אַ שיסל (דער סימ־באָלישער סימן פון שבט לוי) און אויך צושריפטן „סגן לוי" אָדער „עבודת הלוויים".

איין ווימפּל פון דער געטינגער־קאָלעקציע האָט מיט זיינע פּסוקים, באַפּו־צונגען, סימנים און אילוסטראַציעס ממש געשלאָגן רעקאָרד. דאָס איז דער נומ' 5 פון אינווענטאַר פאַרן יאָר 1715.

אויף דער דאָזיקער ווימפּל האָט דעם סטאַנדאַרט־נוסח:

„אברהם בן הר"ר אברהם מרדכי ס"גל נולד במזל־טוב ביום ד' ט"ו שבט ת"ע..." היות אָבער דאָס יינגל איז געבוירן געוואָרן אין שבט, דער חודש וואָס איז אונטער מזל דלי, געפינט זיך אַ צושריפט „יזל מים מדליו" און אַ ברונעם דערביי. אַזוי ווי ער איז אויך אַ לוי איז פאַראַן אַ קריגל וואָס ווערט געטראָגן פון 2 לייבן, און ביי זיי אַ צושריפט „זאת עבודת הלוויים". ביים וואָרט „לתורה" שטייט משה רבינו, וועמען אַ פליענדיקער מלאך דערלאַנגט די לוחות. אויף די לוחות געפינען זיך די ערשטע ווערטער פון די עשרת הדיברות; אונטער דער חופּה שטייען חתן־כלה ביי וועלכע עס איז פאַראַן אַ צושריפט „תרנגולת תרנגול" וואָס אָס דאַרף באַטייטן איז מיר בשום אופן נישט געלונגען פעסטצושטעלן. ווייטער געפינען זיך די חיות פון יהודה בן תימאס אַפאָריזם און חוץ זיי — אַ גאַנצער זאָאָלאָגישער גאָרטן פון חיות, פייגל, פיש, אַ צווייקעפּיקער אָדלער מיט קרוינען, אַ קו, ביי וועלכער עס איז פאַראַן אַ צושריפט „סוף בהמות לשחיטה". די ווימפּל־באַצירונגען ווערן דאָ פאַרענדיקט מיט אַ גאַנצער סטאַדע פוקסן ביי וועלכע עס שטייען 2 זאַצן: „אל תהי ראש לשועלים" און „אחזו לנו שועלים". דאָס אַלץ איז, אגב, נישט געצייכנט, נאָר אויסגענייט מיט פאַרשיידנפאַרביקע און זילבערנע פעדים.

נעמען - עוואָלוציע:

די ווימפּלען־קאָלעקציע אין געטינגען נעמט אַרום אומגעפער אַ משך פון 200 יאָר צייט, פון ת"ז ביז תקצ"ט (1646—1838), דער לעצטער ווימפּל שטאַמט, ווי מיר זעען, פון מיט אַ העכער 100 יאָר צוריק.

די אַנדערע ווימפּלען, וועלכע איך האָב באַטראַכט אין דייטשלאַנד דערגייען ביז די יאָרן 1931. די „אביגדור"־ווימפּלען זענען געמאַכט שוין דאָ אין אַרגענ־טינע און זענען משמעות די פרישסטע, וועלכע מיר פאַרמאָגן. פאַרגלייכנדיק

נישט־דערברענטע רעשטן פֿון די 800 וואָרמסער תּורה־ווימפּלען.
אַרויסגעראַטעוועט פֿון דער שׂריפֿה בעת דער קרישטאָל־נאַכט, נאָוו.
1938, ווען די נאַציס האָבן פֿאַרברענט די סינאַגאָגע.

דעם אויסזען פון די דאָזיקע ווימפּלען זעט מען ווי אָרעם, סיי אינהאַלטלעך, סיי אויסערלעך, עס זענען די נייע ווימפּלען. נישטאָ די פאַרפּוצונג, באַצירונג, רייכקייט פון פאַרבן, אָרנאַמענטירונג און פאַנטאַזיע. דער עיקר: מיר טרעפן זיך שוין אָן אויף דער פאַרגוייִשונג, אַסימילירונג פון די ייִדישע נעמען.

צוזאַמען מיטן ייִדישן נאָמען וואָס דאָס ייִנגל באַקומט, ברענגען די לעצטע ווימפּלען אויך דעם אַזוי־גערופענעם „וועלטלעכן", דעם פאַרדייטשטן נאָמען. מיר דערוויסן זיך אויף וואָס פאַר אַ נאָמען דער פריִערדיקער נאָמען איז פאַרביטן געוואָרן. עס פעלן נישט דערביי קיין קוריאָזן.

אָט געפינט זיך אויף אַ קאַסעלער ווימפּל הילד אליקום המכונה לעקיש. פאַראַן דאָ אַ צוגאָב: לעאָפּאָלד. גיי זיי אַ חכם, אַז אליקום איז לעקיש, פון וועלכן עס איז געוואָרן לעאָפּאָלד!

פון אברהם איז געוואָרן אַדאָלף, אַלפּו־עד אָדער גאָר װערנער; ירמיהו איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יוליאַן; פּסח אין גוסטאַוו, אַ צווייט מאָל איז גוסטאַוו גאָר פון גרשון; יצחק איז איין מאָל איזידאָר און אַ צווייט מאָל — האַנס; יהודה איז אָדער יוליוס אָדער לעאָפּאָלד; אויך איז יוחנן מגולגל געוואָרן אין אַ יוליוס; שלום איז געוואָרן זיגפריד; ברוך האָט באַקומען דעם נאָמען בערטהאָלד און שלמה איז געוואָרן זיגבערג.

אויך איז צו באַמערקן, אַז די לעצטע צייטן האָבן די אויספּאַרטיקער פון די ווימפּלען אָנגעהויבן אונטערצוהינקען אויף דער עברי. עס טרעפן זיך פאַרגרייזטע נעמען ווי יאַקוב, יוכיעל, יוכענען (אנשטאָט יעקב, יחיאל, יוחנן). עס זענען אָבער אויך פאַראַן קוריאָזע גרייזן, אַ מין נח מיט זיבן גרייזן. איינער אַזאַ געפינט זיך אין מאַרבורג, וועלכן עס איז כדאי פאַרצושטעלן, און נעמלעך:

נאָך דעם וואָרט לתורה (דער דאָזיקער ווימפּל איז טאַקע פאַרגעשטעלט ווי אַ פאַנאַנדערגעוויקלטע תורה) געפינט זיך דער ווייטערדיקער פּסוק:

„כי לקח טוב נזתי (נתתי) לחם (לכם) תורתי על תיזבי (אל תעזבו) עצ (עץ) חיים הי (היא) למכזקם (למחזיקים) בה".

און אין דער „לחופה" געפינען מיר די ווייטערדיקע צושריפט:

„קול תשן (ששון) וקול סימחה (שמחה) קול חתן וקול קלה (כלה)".

דער רוב פון די ווימפּלען זענען פאַרבלוטיקטע. ווער ווייס צי דאָס זענען שפּורן פון דעם דם־מילה אָדער פון דעם דם־שחיטה. די דאָזיקע שטומע בענדער דאַרפן אָבער ריידעוודיק ווערן, און דאָס קאָן נאָר געשען ווען מען וועט זיי צונויפקלייבן אין איין צענטער, אָדער אין אַ ריי צענטראַלע אינסטיטוטן און מוזייען, וווּ מען זאָל זיי ווידמען דעם פאַרדינטן אויפמערק. עס איז כדאי זיך צו נעמען אויספאָרשן דעם דאָזיקן מינהג, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן יאָרהונדערטער ביז אין אונדזערע היינטיקע טעג.

אינווענטאַר פון די ווימפּלען אין שטאַטישן מוזיי אין געטינגען

איך ברענג דאָ די קאַטאַלאָגישע פאַרצײכעניש פון די געטינגער ווימפּלען, ווי אויך זייער אינהאַלט, סטאַנדאַרט־נוסח און די ספּעציעלע צושריפטן אויף אַ טייל פון זיי. דער אינווענטאַר־קאַטאַלאָג וועט, גלייבן מיר, זיין דער ערשטער פון דעם מין וואָס איז ווען־עס־איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן. די פאַרצייכענונג וועט באַשטיין פון דריי טיילן.

א) דער נוסח פון ווימפּל;

ב) די אויפשריפטן, וואָס זענען אַנדערש ביי די באַזונדערע ווימפּלען;

און ג) די באַשרייבונג פון ווימפּל ווי זיין מאַטעריאַל, פאַרב, טעכניק פון דער אָרנאַמענטירונג, אויסהעפטונג, די גרייס אאַז״וו. ביים צוזאַמענשטעלן דעם אינווענטאַר־קאַטאַלאָג (ספּעציעל דעם 3טן טייל) האָט מיר, מיט ראָט און טאַט, געהאָלפן דער קוסטאָש פון דעם מוזיי פרוי ד״ר וויטינגען, פּראָפעסאָר פאַר ביל־דענדער קונסט אין געטינגער אוניווערסיטעט.

די נומערן באַטייטן אומעטום די קאַטאַלאָג־נומערן פון דעם אַלגעמיינעם מוזיי־אינווענטאַר. אַלע נומערן האָבן פאַר זיך דעם אות יוד (כאָטאָ אין דייטש), וואָס מיינט, אַז דאָס איז די יידישע אָפּטיילונג. לסוף האָב איך צו דעם אינווענ־טאַר אויך צוגעגעבן די רשימה פון אַ ריי אַנדערע קונסטהיסטאָרישע קעגנשטאַנדן, וועלכע באַציִען זיך צו יידן און געפינען זיך אין דעם דאָזיקן מוזיי, טאָקע אין דער זעלביקער אָפּטיילונג.

די קעגנשטאַנדן זענען דאָס אייגנטום פון מוזיי זינט לאַנגע יאָרן; בשעתם (פון 1900 און ווייטער) זענען זיי דורך דער דירעקטאָריע איינגעקויפט געוואָרן אָדער זענען איר געשענקט געוואָרן. יעדער קעגנשטאַנד האָט זיין אוקציאָנס־נומער, וועלכער באַווייזט ווען, ווו, ביי וועמען ער איז איינגעשאַפט געוואָרן. די ווימפּלען שטאַמען פון דער קהילה אַדעלעבסען. דער מוזיי האָט אומגעפער אין 1918 זיי באַקומען אַלס מתנה פון דער דאָרטיקער קהילה־פאַרוואַלטונג. דעמאָלט איז אויך איינגעשטעלט געוואָרן די יידישע אָפּטיילונג.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז ווי אַזוי די דאָזיקע רייכע זאַמלונג איז געראַטע־וועט געוואָרן. נישט היינט איז די צייט און אויך נישט דאָ איז דאָס אָרט צו שרייבן וועגן דעם אופן ווי אַזוי דער דאָזיקער אוצר פון יידישער פאָלקס־קונסט האָט אויסגעמיטן די פאַרניכטונג...

בכן טרעטן מיר צו צום אינווענטאַר:

נומער יוד 1, תורה־ווימפל פון יאָר 1646

א) נתן בן ה״ר״ אברהם שליט״א נולד במזל טוב יום א׳ כ״ו שבט ת״ז לפ״ק יגדלהו לתורה ולחופה ולמעשים טובים אמן סלה.

ג) דער ווימפל איז פון ווייסן לייוונט, אַ ביסל פאַרגעלבט, געהאַפטן מיט פאַרביקע זייד און זילבער־פּאָדעם אין פלאַט און לאַנגוטען־שטעך. ביים וואָרט „נולד במזל־טוב״ געפינט זיך אַ סימבאָל וואָס דאַרף פאַרשטעלן דעם מזל דלי, אַ מענטש מיט צוויי עמערס; ביים וואָרט „לתורה״ אַ בילד פון משה רבינו מיט די לוחות, אויף וועלכע עס געפינען זיך די ערשטע ותיות פון די עשרת הדיברות; ביי „לחופה״ איז אויסגע־האַפטן אַ חופה, אונטער וועלכער עס געפינט זיך די חתן־כלה. ביים סוף פון ווימפל איז פאַראַן אַ חיה, אַ כמו לעמפערט, וועלכער האַלט אַן עמער מיט אַן איבערשריפט „מזל דלי״. די אותיות זענען אַרומגעצוימט מיט זילבער־פּאָדעם, די גאַנצע לענג פון ווימפל איז פאַרשיידנאַרטיק אויסגעהאַפטן און מיט כל־המינים פאַרביקע בלומען אַר־נאַמענטירט. דער אות למד האָט פאַרלענגערונגען און קעפלעך אין דער פאָרעם פון קעפ פון חיות אָדער בלומען. ביים אָנהייב און סוף פון טעקסט ווי אויך צווישן די באַזונדערע ווערטער זענען פאַראַן וואַזעס מיט בלומען; איבער און אונטער דער שריפט — בלומען־קראַנצן, פייגל, שפּרינגענדיקע האָזן; די ראַנדן פון ווימפל זענען אַרומ־געזיימט מיט לאַנגוטענשטעך; די באַזונדערע פיר טיילן פון באַנד זענען פאַראייניקט מיט ציר־שטעך און זייד־פּאָדעם. די לענג פונעם באַנד 375, ברייט — 15 צנטמ.

נומער יוד 2, תורה־ווימפל פון יאָר 1695

א) מאיר בן נפתלי שליט״א נולד במזל־טוב יום א׳ כ״ה שבט תנ״ו לפ״ק, יגדלהו לתורה ולחופה ולמעשים טובים אמן סלה.

ב) נאָכן וואָרט „שבט״ — שטייט „מזל דלי״; ביי „לתורה״ געפינט זיך די צושריפט: „זאת התורה״ אשר שם משה לפני בני ישראל על פי ה׳ ביד משה״; ביי „לחופה״ זענען דאָ די ווערטער „הרי את מקודשת״.

ג) ווייסער לייוונט (פאַרגעלבט) אויסגעהאַפטן מיט פאַרשיידנפאַרביקע זיידענע פעדים און אויך זילעברפעדים; געהאַפטן אין סטיל פלאַט און לאַנגוטענשטעך. דער האָראָס־קאָפּ־צייכן שטעלט פאָר אַ מאַן וואָס טראָגט אַ וואַסער־עמער. די תורה ווערט גע־האַלטן פון אַ יידן אין פאַרצייטישער קליידונג דערביי איז נאָך פאַראַן אַ בילד פון משה רבינו מיט די לוחות. ביי דער חופה זענען אַ חוץ חתן־כלה נאָך פאַראַן דער מסדר־קידושין מיט אַ בעכער אין דער האַנט, דערנעבן שטייט, משמעות, דער פאָטער פון חתן, ביי דער כלה אַ פּרוי, משמעות, די מוטער פון דער כלה. די באַזונדערע אותיות זענען מיט פאַרשיידנפאַרביקע סטילשטעך אַרומגעזיימט. דער חלל פון יעדן אות איז באַצירט מיט פאַרשיידענע בליטן אָדער פייגל. איבער די ווערטער אַ דינער שטריך. ביים אָנהייב פון טעקסט אַ בלומען־וואַזע. דער גאַנצער באַנד איז אַרומגע־זיימט מיטן לאַנגוטענשטעך; אויך די באַזונדערע טיילן פון באַנד זענען אויפן זעלביקן אופן צווישן זיך פאַראייניקט. לענג פון באַנד — 345, ברייט 15.5 צנטמ.

נומער יוד 3, תורה־ווימפל פון יאָר 1700

א) שמואל בן יעקב שליט״א נולד במזל־טוב יום ה׳ ו׳ אדר תס״א לפ״ק, יגדלהו לתורה ולחופה ולמעשים טובים אמן סלה.

ב) ביים וואָרט „לתורה״ שטייט „עשרת הדיברות״.

ג) ווייסער לייוונט (פאַרגעלבט), אויסגענייט מיט קאַליריקע און זילבערפּעדים אין סטיל לאַנגוטען־ און שפּאַן־שטעך. ביים וואָרט „נולד״ אַ פּאָדים־צייכענונג פון אַ מענטש מיט אַ פולער פּיע־נעץ. דאָס זאָל זיין אַן אָנדייטונג פאַרן האָראָסקאָפּישן צייכן מזל דגים; ביי „לתורה״ געפינען זיך די לוחות אין די הענט פון משהן, אויף די לוחות די ערשטע ווערטער פון די עשרת הדיברות. משה רבינו האַלט אין דער צווייטער האַנט אַ שטעקן, פאַראַן אויך די זון, לבנה און שטערן. ביי „לחופה״ אַ שטאָרך מיט אַ קינד אין שנאָבל; אַ התן־כלה אונטער דער חופּה, דערביי אַ קידושין־רינג. די אויס־געהאָפטענע אותיות זענען אַרומגעזיימט מיט פאַרשיידנפאַרביקע קאָנטורן; טייל מיט בליעכץ, אַנדערע מיט פייגל באַצירט. איבער און אונטער די ווערטער איינצלנע בלומען־קנאָספּן אונטער דעם טעקסט געפינען זיך אַ סך בעלי־חיים: אַ הירש, אויף וועלכן עס שיסט אַ יעגער, פויגל, פוקס, פערד, אַן אָדלער מיט צוויי קעפּ, שפּרינגענדיקע אינדן, שלאַנגען. ביים אָנהייב פון טעקסט און נאָכן ערשטן זאַץ געפינען זיך בלומען־וואַזעס דער ראַנד איז אין גאַנצן אַרומגעזיימט מיט לאַנגוטען־שטעך. די באַזונדערע טיילן פון באַנד זענען פאַראייניקט מיט זילבער־פּעדים. לענג — 345, ברייט — 79 צנטמ.

נומער יוד 4, תורה־ווימפל פון יאָר 1708

א) עקיבא בן הר״ר אברהם־מרדכי סגל נולד במזל־טוב יום ג׳, כ״ג חשוון תס״ט יגדלהו לתורה ולחופה ולמעשים טובים אמן סלה.

ב) ווייסער לייוונט (פאַרגעלבט) אויסגעהאָפטן מיט זיידנפעדים אין סטיל־, פּאָר־ און שפּאַן־שטעך. דער ווימפל הייבט זיך אָן מיט אַ קריגעלע באַצירט מיט בליטן, אַ צווייט קריגעלע געפינט זיך ביים נאָמען פון פאָטער. דאָס צווייטע קריגל ווערט געהאַלטן פון אַ האַנט און שטעלט פאָר ווי דאָס וואַסער גיסט זיך אַריין אין אַ שיסל, וווּ עס איז פאַראַן אַ פיש. אונטער די אותיות אַ בלומען־אָרנאַמענטירונג מיט מילגרוים־מאָטיוון. אויפן גאַנצן באַנד — פאַרשיידענע חיות ווי הירשן, איינהאָרנס, פייגל. די פאָרעם פון די באַזונדערע אותיות איז אויסגעבילדעט פון געדיכטע האַפטשטעך; דער ראַנד איז אַרומגענומען מיט אַ זיים אין לאַנגוטענשטעך סטיל; די באַזונדערע טיילן פון באַנד זענען איינע מיט די אַנדערע פאַראייניקט מיט זילבער־פּעדים. די אויבערשטע טייל פון אות למד איז אין דער פאָרעם פון אַ שלאַנגען־קאָפּ, וועלכער ציט זיך אויס איבער דער גאַנצער ברייט פונעם אות. די לענג — 282, די ברייט 19 צנטמ.

נומער יוד 5, תורה־ווימפל פון יאָר 1715

א) אברהם בן הרב אברהם מרדכי סגל, נולד במזל־טוב ביום ד׳ ט״ו שבט תע״ו יגדלהו לתורה, לחופה ולמעשים טובים.

(משמעות אַ ברודער פון נומער 4 עקיבא)

ב) אויפן ווימפל געפינען זיך די צושריפטן: ביים וואָרט סגל „זאת עבודת הלוויים״ד וויטער אין פאַרשידענע ערטער: „קל כנשר״; „רץ כצבי״; „גבור כארי״; ביי דער חופה די ווערטער „הרי את מקודשת״, אויסער דעם נאָך „תרנגול״ ביים חתן און „תרנגולת״ ביי דער כלה; צום סוף פון באַנד „סוף בהמות לשחיטה״ און ביי אַ גרופּע פוקסן צוויי צושריפטן: „אחוז לנו שועלים״ און „אל תהי ראש לשועלים״

ג) ווייסער לייוונט (פאַרגעלבט), אויסגעהאַפטן מיט פאַרביקע זיידפעדים אין סטיל־ קייטל און פלאַט־שטעך. ביים „זאת עבודת הלוויים״ געפינט זיך אַ קריגל געהאלטן דורך צוויי באַקרויינטע לייבן. ביים „יזל מים מדליו״ איז פאַראַן אַ ברונעם, ביי וועלכן עס הענגט אַן עמער. ביי „לתורה״ — משה רבינו, וועמען אַ מלאך גיט איבער די לוחות; ביי „לחופה״ די חתן־כלה און אין די זייטן אַ הון (ביי דער כלה) און אַ האָן (ביים התן). ביים „אל תהי ראש לשועלים״ שטייען 2 פוקסן איינער קעגן צווייטן און אַ בלומען־וואַזע צווישן זיי. ביים „רץ כצבי״ איז פאַרגעשטעלט אַ לויפנדיקער הירש און אַנט־קעגן אים אַן איינהאָרן; ווייטער געפינט זיך אַ פוקס מיט דער צושריפט „אחוז לנו שועלים״; צום סוף פון באַנד אַ צייכענונג פון אַ קו מיט אַ צושריפט „סוף בהמות לשחיטה״. איבער און אונטער דער שריפט זענען פאַראַן פאַרצירונגען פון בליעטער און בלומען; פאַרשיידענע חיות פילן אויס די ליידיקע שטחים צווישן די אותיות; יעדעס אות באַזונדער איז אויסגעפולט מיט פאַרשידנפאַרביקע אויסהעפטונגען; די למדן זענען מיט פייגל־קעפּ. דער גאַנצער ראַנד איז מיט לאַנגוטען־שטעך אַרומגעזיימט; די באַזונדערע טיילן זענען פאַראייניקט מיט געלן זייד־ און זילבער־פעדים אין לאַנ־גוטען־ און שפּאַן־שטעך. לענג 385, ברייט 13,5 צנטמ.

נומער יוד 6, תורה־ווימפל פון יאָר 1719

א) ייהודה ליב בן כמר אחנן (יוחנן?) שליטא נולד במזל־טוב ביום ה׳ י״א כסלו ת״פ לפ״ק השם יגדלהו לתורה ולחופה ולמעשים טובים אמן סלה.

ב) ביים נאָמען יהודא־ליב איז פאַראַן די צושריפט „אריה שאג מי לא ירא״.

ב) ווייסער לייוונט (פאַרגעלבט), די ראַנדן אַרומגעזיימט מיט פאַרביקע זיידפעדים אין סטיל־פאַט, קייטל־ און לאַנגוטען־שטעך. ביי די ווערטער „אריה שאג מי לא ירא״ שטייט אַ לייב מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ. טייל ווערטער זענען געשריבן אין ראשי־תיבות (למ״ט, ולמע״ט, א״ס: — למזל־טוב, ולמעשים־טובים, אמן סלה); די סימנים. אַז דאָס זענען ראשי־תיבותן זענען מיט מגן־דווידס אָפּגעצייכנט. די איינצלנע אותיות האָבן פאַרביקע קאָנטורן, אינעווייניק אָנטהאַלטן זיי פאַרשיידענע אָרנאַמענטן, טיילווייז אויך מיט כל־המינים געאָמעטרישע שטריכן. אין אָנהייב פון באַנד געפינט זיך אַ בלומען־וואַזע; די באַזונדערע טיילן פון שטאָף זענען מיט פאַרשיידנפאַרביקע פעדים אין לאַנגוטען־שטעך פאַראייניקט. לענג 375, ברייט 14.5 צנטמ

נומער יוד 7, תורה־ווימפל פון יאָר 1738

א) מאיר בן נתן הלוי נולד יום ד׳ י״ג אלול תצ״ט לפ״ק ה׳ יגדלהו לתורה ולחופה ולמעשים טובים א״ס.

ב) ביים וואָרט הלוי איז צוגעגעבן „סגן לוי"; ביים וואָרט נולד די ווערטער „מזל בתולה"; ביי לתורה זענען אַרייַנגעשריבן „זאת תורת משה אמת ויציב".

ג) געלבער לייוונט, פּאַרביק באַמאָלן, טיילווייז אָפּגעבליאַקעוועט. ביי די ווערטער „סגן לוי" געפינט זיך אַ קריגל און אַ שיסל; ביי „מזל בתולה" איז פאַראַן אַ בילד פון אַ פרוי; ביי „לתורה" איז איבער דעם תורה־בילד פאַראַן אַ קרוין, פון ביידע זייטן די אותיות כ"ת, וואָס מיינט כתר־תורה. די באַזונדערע אותיות האָבן אַ פאַרשיידנאַרטיקע פאַרביקע קאָנטורירונג, אין די קאָנטורן פאַרשיידענע בלומען, בלעטלעך, בליעכץ און אַנדערע אָרנאַמענטן. די איבערשטע טיילן פון די אותיות שטעלן מיט זיך פאָר פאַרשיידענע צייכענונגען פון חיות־ און פייגל־קעפּ אָדער פיש. בעיקר די למדן, צדיקן און יודן. לענג 298, ברייט 19 צנטמ.

נומער יוד 8, תורה־ווימפּל פון יאָר 1741

א) משה בן ה"ר יצחק שליטא נולד במזל־טוב יום א' אב ת"קב ה' יגדלהו לתורה לחופּה ולמעשים טובים.

ב) אין וואָרט „לתורה" איז אַרייַנגעשריבן „זאת הברכה אשר שם משה".

ג) ווייסער לייוונט, שטאַרק פאַרגעלבט, אויסגענייט מיט פאַרביקע זייד־פעדים אין סטיל־קייטל־ און לאַנגוטען־שטעך. איבערן וואָרט במזל־טוב 2 לייבן, וואָס האַלטן אַ קרוין, אין וועלכער עס זענען אייַנגעפאַסט די אותיות מ"ט (מזל־טוב); די צושריפט ביי „לתורה" איז אויסגעפירט אין דער פאָרעם פון אַן אויפגעוויקלטער תורה; דער אות חית פון „לחופּה" שטעלט פאָר אַן אויפגעשטעלטע חופּה, איבער וועלכער עס זענען פאַראַן שטערן און גאָלד־אותיות „מ"ט" וואָס הייסט מזל־טוב. די אותיות האָבן קאָנטורן פון פאַרשיידנפאַרביקע פעדעם אויסגענייט אין קייטלשטאָך. די קאָנטורן זענען אויסגעפילט מיט אָרנאַמענטן פון בלומען, פייגל, הירשן. די אונטערשטע פאַר־ענדיקונגען פון די אותיות זעען אויס ווי פיש, די אייבערשטע טיילן פון די אותיות זענען געפורעמט ווי בלומען־קראַנצן. דער באַנד פאַרענדיקט זיך מיט אַ בלומען־וואַזע. לענג 300, ברייט 17 צנטמ.

נומער יוד 9, תורה־ווימפּל פון יאָר 1744

א) חיים זעליג בן ר' שמעון שליטא נולד במזל־טוב ביום ג' ח' שבט תק"ה יגדלהו לתורה לחופּה ולמעשים טובים.

ב) ביים וואָרט שבט איז צוגעגעבן „מזל דלי", ביי לחופּה איז פאַראַן די צושריפט „טבעת קידושין"

ג) געלבער לייוונט, פאַרביק באַמאָלט (זייער אָפּגעבלאַקעוועט). ביי די ווערטער „מזל דלי" — אַן עמער מיט אַ קרוין פון אויבן. ביי „לתורה" איז פאַראַן אַ ברילנדיקער לייב און איבער דער תורה אַ קרוין, ביי „לחופּה" איז אויפגעשטעלט אַ חופּה. דער אינעווייניק פון די פאַרביק קאָנטורירטע אותיות אַנטהאַלט אָרנאַמענטן פון בלומען און בלעטער. אויך איבער און אונטער די אותיות זענען פאַראַן ענלעכע פאַרפּוצונגען. די באַזונדערע שטאָפּטיילן פון באַנד זענען פאַראייניקט מיט קייטלשטעך פון געלבע זייד־פעדים. לענג 370, ברייט 15 צנטמ.

נומער יוד 10, תורה־ווימפל פון יאָר 1745

א) אברהם ב״ר משה שליטא נולד ביום כ׳ יום א׳ בסוכות ט״ו תשרי ת״קו. יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב)ביים וואָרט „תשרי״ איז צוגעשריבן מזל מאזנים.

ג) ווייסער לייוונט, פאַרביק באַמאָלן (פאַרגעלבט און בלאָס); ביי „מאזנים״ איז אָנגעצייכנט אַ וואָג; ביי „לתורה״ איז פאַרגעשטעלט אַן אויפגעוויקלטע תורה מיטן וואָרט „תורה״ אינעווייניק און אַ קרוין אויבן. ביי לחופה איז דאָ די חופה מיט חתן־כלה און מסדר־קידושין. איבער די אותיות און אונטער זיי איינצלנע בלומען. ביים אָנהייב פון באַנד איז פאַראַן אַ הירש, וואָס איז געיאָגט פון אַ הונט; דערביי איז אויך דאָ אַ שלאַנג, וואָס וויל איינשלינגען אַ פראָש; ווייטער איז פאַראַן אַ קרוין און פוןביידע זייטן שלאַנגען און פייגל. יעדעס אות האָט זיין באַזונדערע פאַרב: בלוי, רויט אָדער געלב און אויף דעם געצייכנטן אות נאָך קאָנטורן און אָרנאַמענטן. דער קאָפּ פון אות למד ציט זיך איבער דער גאַנצער ברייט פון אות און האָט די פאָרעם פון אַ קנאָספּ אָדער שלאַנג. לענג 374, ברייט 20 צנטמ.

נומער יוד 11, תורה־ווימפל פון יאָר 1747

א) זכריה מענדל בן הר״ר משה הלוי נולד במזל טוב יום ב׳ כ״ב אלול תק״ז יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) ביים וואָרט הלוי איז צוגעגעבן „עבודת הלוויים״; ביי אלול די ווערטער „מזל בתולה״.

ג) ווייסער לייוונט (פאַרגעלבט), פאַרביק באַמאָלן. ביי „עבודת הלוויים״ געפינט זיך אַ קריגל מיט אַ שיסל; ביים וואָרט „בתולה״ אַ בילד פון אַ פרוי; ביי „לחופה״ אַ חופה אונטער וועלכער עס שטייען חתן־כלה און דער מסדר־קידושין, דערנעבן אַ לייב; ביי „לתורה״ שטייט משה רבינו מיט די לוחות איבער די ווערטער איינצלנע בלומען. פון אָנהייב באַנד און אונטער די שריפט אַ שפרינגענדיקער הירש, פראָש און שטאָרך. די אייבערשטע טיילן פון למד האָבן די פאָרעם פון בלומען אָדער שלאַנגענקעפּ. די באַזונדערע אותיות זענען בלוי, רויט אָדער געלב. די קאָנטורן זענען אויסגעפילט מיט פאַרשיידנאַרטיקע אָרנאַמענטן. לענג 271, ברייט 23.5 צנטמ.

נומער יוד 12, תורה־ווימפל פון יאָר 1752

א) ראובן בן כ״מ יוסף שליטא נולד במזל־טוב יום כ׳ תמוז תקי״ג השם יגדלהו לתורה לחופה ולשאר מעשים טובים אמן.

ב) ביי לתורה איז אַריינגעשריבן „עץ חיים היא למחזיקים בה״; ביי לחופה די ווערטער „הרי את מקודשת לי״.

ג) געלבער לייוונט, פאַרביק באַמאָלן. די תורה איז פאַרגעשטעלט ווי אַן אויפגעוויקלטע בעת הגבהה אין וועלכער עס זענען איינגעשריבן די אויבנדערמאָנטע ווערטער;

איבער דער תורה אַ קרוין און די אותיות „כ. ת.". די חופה אויפגעשטעלט און אונטער איר די חתן־כלה. יעדעס אות איז פון אַן אַנדערער פאַרעם און געמאָלט מיט פּאָר־שיידענע פאַרבן — רויט און געלב. דער לעצטער אות פון באַנד ווערט געהאַלטן פון אַ שפּרינגענדיקן לייב. אין אָנהייב באַנד געפינט זיך אַ בלומען־וואַזע. אונטער די אותיות ציט זיך אויף דער גאַנצער לענג פון באַנד אַ פאַרביקער בלומען־קראַנץ. דער אות למד האָט דעם קאָפּ (װעלכער איז ליגנדיק) אין דער פאָרעם פון אַ בלום די באַזונדערע שטאַפּטיילן פון באַנד זענען פאַראייניקט מיט קייטל־שטעך פון גרינער זייד. לענג 335, ברייט 19 צנטמ.

נומער יוד 13, תורה-ווימפּל פון יאָר 1771

א) יוסף בכ"ה יאקב (!) סגל נולד במזל טוב ראש חודש תמוז תקל"ב השם יגדלהו לתורה ולחופה ומעשים טובים.

ב) ביי סגל „עבודת הלוויים", אין דער אויפגעוויקלטער תורה די צושריפט „וזאת הברכה".

ג) ווייסער לייוונט (פאַרגעלבט), פאַרביק באַמאָלן, ביים וואָרט „תמוז" איז פאַראַן אַן עקדעש, דער האָראָסקאָפּישער צייכן, מיט אַ קרוין פון אויבן. אונטער דער חופה חתן־כלה און דער מסדר־קידושין מיט אַ בעכער אין האַנט, וועלכן ער דערלאַנגט די חתן־כלה. יעדעס וואָרט איז פון אַן אַנדערער פאַרב. די אותיות אין געגעבענעם וואָרט זענען אייגנהייטלעך געצייכנט מיט די זעלביקע געאָמעטרישע קאַנטורן און אָרנאַ־מענטן. איבער די ווערטער — איינצלנע בלומען. דער באַנד הייבט זיך אָן מיט אַ לוויים־קריגעלע. דער באַנד איז אַרומגעזיימט מיט געלבע זייד־פעדים אין לאַנגער־טענשטעך. אויף אַזאַ אופן זענען אויך פאַראייניקט די באַזונדערע טיילן פון באַנד. לענג 328, ברייט 20 צנטמ.

נומער יוד 14, תורה-ווימפּל פון יאָר 1775

א) מנחם ב"ר מאיר הלוי שליטא נולד יום א' כ"א אלול תקל"ה השם יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) ביי לתורה אַן אויפגעוויקלטע תורה און אויבן אַ קרוין; דערביי אַ יונגפרוי, משמעות דער האָראָסקאָפּישער צייכן פון מזל בתולה. די חופה איז אָן חתן־כלה, אָבער איבער איר שוועבט אַ מלאך מיט אַ פאָנפאַר. דערביי אַ לוויים־קריגעלע מיט אַ שיסל; איבער די ווערטער איינצלנע פייגל, שפּרינגענדיקע האָזן און הירשן. אויך אַ נימפע איז דאָ (אפשר באַציט זיך דאָס אויך צו מזל בתולה). די קאָנטורן פון די באַזונדערע אותיות זענען בלוי און רויט, אינעווייניק אויסגעפילט מיט פשוטע געאָמעטרישע שטריכן. לענג 365, ברייט 19.5 צענטמ.

נומער יוד 15, תורה-ווימפּל פון יאָר 1777

א) משה בן כ"ה יהודה שליטא נולד במזל־טוב יום ג' כ"ג תשרי תקל"ז יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ג) ווייסער לייוונט (פּאַרגעלבט) פּאַרביק באַמאָלן. ביים וואָרט „לתורה" אַן אויפגע־ וויקלטע תורה מיט אַ קרוין פון אויבן, דערביי אויך אַ וואָג, אַן אָנדייטונג צום האָ־ ראָסקאָפּ מאזנים; ביי „לחופה" שטייט אַ חופה, איבער וועלכער עס שוועבט אַ מלאך מיט אַ טראָמפּייט. איבער די אותיות פאַרשיידענע פייגל, אַ נימפע, בלומען־קרענצלעך, שטייענדיקע און שפּרינגענדיקע אינדן, אַ מאַלפּע. די באַזונדערע אותיות זענען קאָנ־ טורירט מיט פאַרשיידענע פאַרבן, אין די קאָנטורן איינפאַכע שטריך־צ״כנס. די אייבערשטע טיילן פון אות למד ענדיקן זיך אין בלומען־בלעטער. לענג 373, ברייט 21 צנטמ.

נומער יוד 16, תורה־ווימפּל פון יאָר 1779

א) ברוך בר מאיר שליט״א, נולד במזל־טוב יום ה׳ ג׳ תשרי תקל״ט יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) נאָך דעם וואָרט תשרי די צושריפט „מזל מאזנים".

ג) ווייסער לייוונט (פּאַרגעלבט), פּאַרביק באַמאָלן. ביים „מזל מאזנים" געפינט זיך אַ וואָג דער האָראָסקאָפּישער צייכן. די אותיות פון יעדן וואָרט האָבן די זעלביקע פאַרביקע קאָנטורן. איין וואָרט טיילט זיך אָזוי אַרום אָפּ פון צווייטן. זיי בייטן זיך פון בלויען אויף רויטן קאָליר. איבער די אותיות זענען געמאָלן פייגל, בלומענקראַנצן, נימפעס, אַ הירש און אַן אינד. לענג 360, ברייט 18.5.

נומער יוד 17, תורה־ווימפּל פון יאָר 1782

א) שמעון בר זלמה (!) שליטא נולד במזל־טוב יום ה׳ ראש־חודש טבת תקמ״ג יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) ביים וואָרט טבת די צושריפט „מזל גדי".

ג) ווייסער לייוונט (פאַרגעלבט) אויסגעהאַפטן מיט פאַרביקע זיידפעדים אין סטיל קייטל־ און שפּאַן־שטעך. ביים „מזל גדי" איז פאַראַן דער האָראָסקאָפּישער צייכן — אַ ציג; ביים וואָרט „לתורה" געפינט זיך אַ תורה מיט אַ קרוין פון אויבן; ביים וואָרט „לחופה" איז פאַראַן אַ חופה, וואָס ווערט געהאַלטן פון 4 הענט (קיין מענטשן זעט מען נישט) און דערנעבן אַ נימפע מיט אַ בעכער אין האַנט איבער די ווערטער — איינצלנע בליעכץ־צווייגעלעך, פייגל און חיות, לרוב פאַנטאַסטישע, אַז עס איז אומ־ מעגלעך פעסטצושטעלן וואָס מען מיינט מיט זיי. די באַזונדערע אותיות האָבן פאַר־ שיידענע קאָנטורן, אויסגעפילטע מיט כל־המינים באַצירונגען. לענג 359, ברייט 18.5 צ.

נומער יוד 18, תורה־ווימפּל פון יאָר 1785

א) הירש בן כ״ה מאיר סגל נולד במזל־טוב פרייטאג (!) ב׳ ניסן יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) ביים אָנהייב פון באַנד די ווערטער „רץ כצבי", אַן אָנדייטונג משמעות אויפן נאָמען הירש; דערנעבן אויך די ווערטער „וגבור כארי"; ביים „נולד" דער סימן „מזל טלה".

ג) ווייסער לייוונט (פאַרגעלבט) פאַרביק באַמאָלן. ביים וואָרט „סגל״ געפינט זיך אַ לוויים־קריגעלע מיט אַ שיסל; ביים וואָרט „לתורה״ שטייט אַ רב מיט אַ תורה אין האַנט; ביי „לחופה״ איז פאַראַן אַ חופה מיט חתן־כלה, מסדר־קידושין און די עלטערן פון יונגן פּאָר. איבער און אונטער די ווערטער איינצלנע בליעכץ־צווייגן, פייגל, האָזן, איינהאָרנס, רינדער, קעמלען, ביים „רץ כצבי״ — אַ לויפנדיקער הירש און ביים „גבור כארי״ — אַ ברילנדיקער לייב; ביים סוף פון באַנד איז אַ בלומענוואַזע; דער אות למד איז אין דער פאָרעם פון פייגל־קעפּ; די אותיות פון די באַזונדערע ווערטער זענען געמאָלן אין רויטער, געלבער אָדער בלויער פאַרב. לענג 368, ברייט 18.5 צנטמ.

נומער יוד 19, תורה־ווימפּל פון יאָר 1789

א) קלונימוס בן כ׳ חיים שליטא נולד במזל־טוב יום ה׳ כ״ח טבת תק״ן יגדלהו לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

ב) ביי לתורה איז די צושריפט „וזאת הברכה אשר שם משה״; ביי לחופה די ווערטער „הרי את מקודשת״.

ג) ווייסער לייוונט פאַרביק באַמאָלן. ביי „לתורה״ אַן אויפגעוויקלטע תורה ווי צו הגבהה; ביי „לחופה״ — אַן אויפגעשטעלטע חופה. אונטער די אותיות פון גאַנצן באַנד אַן אָרנאַמענט פון בלומען־מאָטיוון און פאַרשיידענע חיות ווי לייבן, הירשן, שאָף, פייגל און פיש. די אותיות זענען אין בלויער, רויטער, געלבער און גרינער פאַרב אָן אָרנאַמענטן. לענג 329, ברייט 21 צנטמ.

נומער יוד 20, תורה־ווימפּל פון יאָר 1795

א) אליעזר ב״ר מאיר שליטא נולד במזל־טוב יום ט״ז שבט תקנ״ה לפ״ק. יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) ביי לתורה די ווערטער „וזאת התורה אשר שם משה״; ביי לחופה די ווערטער „קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה״ עס געפינען זיך אויך די ווערטער „רץ כצבי וגבור כארי״.

ג) ווייסער לייוונט, פאַרביק באַמאָלן (פאַרגעלבט). די תורה איז פאַרגעשטעלט ווי איינער האַלט אַן אויפגעוויקלטע תורה ווי ביי הגבהה, ווו עס געפינט זיך די אויבנדערמאָנטע אויפשריפט; די חופה האָט אויבן אַ קרוין און אונטער דער חופה חתן־כלה און דער מסדר־קידושין מיט אַ בעכער אין האַנט. אַ לויפנדיקער הירש און אַ ברילנדיקער לייב זענען אויך דערביי. די באַזונדערע אותיות זענען אויסגעפירט מיט רויט, געלב, אָדער בלוי; אינעווייניק באַצירט מיט בלעטער־ און בלומען־אָרנאַמענטן; אין אָנהייב פון באַנד אַ בלומען־וואַזע; איבער די ווערטער און אונטער זיי פאַנטאַסטישע חיות מיט בליעכץ־צווייגלעך דורכגעוואָרפן. לענג 354, ברייט 17 צענטמ.

נומער יוד 21, תורה־ווימפּל פון יאָר 1796

א) יהודה ב״כ נתן שליטא נולד במזל־טוב יום יוד חשוון תקנ״ז יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) וויסער לייוונט, פאַרביק באַמאָלן. איבער און אונטער די שריפט פון גאַנצן באַנד פאַרשיידענע בלומען־מאָטיוון, פייגל, פיש, לייבן. די פאַרב פון די אותיות זענען רויט, גרין אָדער געלב אָן וועלכע עס איז אָרנאַמענטן. לענג 340, ברייט 19.5 צענטם

נומער יוד 22, תורה־ווימפל פון יאָר 1811

א) משה־צבי ב״ר שמואל נולד במזל־טוב יום ו׳ ג׳ שבט תקע״ב יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ג) ביי „לתורה״ דאָס בילד פון אַן אויפגעוויקלטער תורה, איבער איר אַ קרוין און פון פון ביידע זייטן די אותיות „כ. ת.״. ביי „לחופה״ אַן אויפגעשטעלטע חופה און פון אויבן די אותיות „מ. ט.״, וואָס מיינט מזל־טוב ביים סוף פון באַנד געפינט זיך אַ האַלבע לבנה. די אותיות פון יעדן באַזונדערן וואָרט זענען געמאָלן מיט אַן אַנדער פאַרב און האָט אַן אַנדערע אָרנאַמענטירונג. לענג 325, ברייט 13 צענטם.

נומער יוד 23, תורה־ווימפל פון יאָר 1820

א) הילד רפאל בן הר״ר יצחק שליטא נולד במזל־טוב יום כ״ז טבת יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) ביים וואָרט טבת די צושריפט „מזל גדי״.

ג) ביי „מזל גדי״ דאָס בילד פון האָראָסקאָפּישן צייכן, אַ ציגעלע. די אותיות פון יעדן באַזונדערן וואָרט האָבן אַן אַנדערע פאַרב און אַ באַזונדערע אָרנאַמענטירונג. ביים אָנהייב אַ צווייג מיט אַ קרוין. לענג 209, ברייט 20 צענטם.

נומער יוד 24, תורה־ווימפל פון יאָר 1823

א) מאיר בן כ״ה יהודה המכונה לייב שליטא נולד במזל־טוב יום א׳ כ״ז ניס; תקפ״ד יגדלהו לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

ב) ביי „לחופה״ די ראשי־תיבות ק״ש וק״ש ק״ה וק״ב, וואָס באַדייטן: קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה.

ג) וויסער לייוונט פאַרביק באַמאָלן. ביים וואָרט „לייב״ געפינט זיך אַ ברילנדיקער לייב. תורה איז פאַרגעשטעלט ווי אַן אויפגעוויקלטע תורה און אויבן אַ קרוין מיט די אותיות „כ. ת.״; קיין חופה איז נישטאָ, אָבער עס שטייט אַ יונג פּאָרל ביי וועלכע עס זענען דאָ די פריער אָנגעגעבענע ראשי־תיבות; איבער און אונטער דער שריפט פון גאַנצן באַנד זענען צעוואָרפן איינצלנע בלומען־אָרנאַמענטן .די אותיות פון איין וואָרט האָבן די זעלביקע פאַרב, רויט אָדער בלוי, וועלכע בייטן זיך כסדר. לענג 366, צברייט 22 ענטםמ

נומער יוד 25, תורה־ווימפל פון יאָר 1831

א) רפאל בר׳ מאיר נולד במזל־טוב עש״ק ט״ו סיון תקצ״א השם יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב)ביים וואָרט „לתורה" — „תורת משה אמת".

ג) ווייסער לייוונט (פאַרגעלבט) מיט פאַרביקע זיידפעדים אויסגענייט אין קייטל־ און סטיל־ שטעך. די תורה איז פאַרגעשטעלט ווי אַן אויפגעוויקלטע תורה מיט די אוי־ בנדערמאָנטע ווערטער. איבער די ווערטער פון גאַנצן באַנד ליניע־אָרנאַמענטן; די באַזונדערע אותיות זענען מיט פאַרשיידנפאַרביקע קאָנטורן אָבער אַן וועלכער נישט איז פאַרצירונגען. לענג 338, ברייט 16 צנטמ.

נומער יוד 26, תורה־ווימפּל פון יאָר 1836

א) הקטן חיים המכונה זעליג בן כ"ה יעקב־נתן נולד במזל־טוב יום א' כ"ד שבת תקצ"ז. השם יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) ווייסער לייוונט פאַרביק באַמאָלן. ביי „לתורה" אַ תורה אויפגעוויקלט און אויבן אַ קרוין; ביי „לחופה" אַ חופה און איבער די אותיות „מ. ט." די אותיות פון יעדן וואָרט באַזונדער האָבן דעם זעלביקן מין פאַרביקע קאָנטורן, רויט אָדער בלוי; די קאָנטורן זענען אויסגעפילט מיט בלומען; אונטער און איבער די ווערטער פון גאַנצן באַנד פאַרשיידענע בלומען־אָרנאַמענטן און בעלי־חיים: פערד, אָקס, אַ בוים מיט פייגל, אַ הירש, אַ האָז, אַ קעמל, אַ הונט. לענג 340, ברייט 20 צנטמ.

נומער יוד 27, תורה־ווימפּל פון יאָר 1838

א) הקטן שמואל בן כ"ר יהודא נולד למזל־טוב ביום ו' י"ו חשוון שנת תקצ"ט לפ"ק יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים אמן סלה.

ג) ווייסער לייוונט, פאַרביק באַמאָלן; ביים וואָרט „לתורה" אַן אויפגעוויקלטע תורה; ביי „לחופה" אַן אויפגעשטעלטע חופה; אונטער דער חופה אַ חתונה־פּאָר; צום סוף אַ שפּרינגענדיקער הירש; די אותיות פון יעדן וואָרט האָבן אַ באַזונדערע קאָנטו־ רירונג, געביטן מיט בלויער, רויטער אָדער גרינער פאַרב. לענג 330, ברייט 19 צנטמ.

נומער יוד 28, תורה־ווימפּל, נישט באַוווּסט דאָס יאָר, עס פעלט דער אָנהייב און הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

א) ...יגדלהו לתורה לחופה ולמעשים טובים.

ב) ביי „לחופה" די ווערטער „הרי את מקודשת".

ג) איבער דער תורה אַ קרוין מיט די ראשי־תיבות פון כתר־תורה; אונטער דער אויפ־ געשטעלטער חופה שטייען חתן־כלה, דער מסדר־קידושין מיט אַ בעכער אין האַנט; דער חתן האַלט אַ קידושין־רינג; דער באַנד איז אָרנאַמענטירט מיט פאַרשיידענע בליעכצן, מילגרוימען, פייגל; די אותיות פון די באַזונדערע ווערטער זענען מיט איין פאַרב געמאָלן — טוישן זיך רויט אָדער גרין אָן אָרנאַמענטן. לענג 165, ברייט 19.5 צענטמ.

*
* *

אין דער דאָזיקער זאַמלונג פון געטינגער שטאָטישן מוזיי געפינען זיך נאָך די ווייטערדיקע תשמישי־קודש:

תורה־מענטעלע (נומער י. 29);

פּרוכת פון יאָר 1747 (נומער י. 30);

פּרוכת פון יאָר 1743 (נומער י. 31);

פּרוכת פון יאָר 1767 (נומער י. 32);

אַ זיידענער באַנד מיט דער ברכה פון עטיפת טלית (נומער יוד 33);

טלית מיט אַן עטרה פון סוף 18 און אָנהייב 19 יאָרהונדערט (נומער י. 34);

זייד־בראָקאַטענער עמוד־טישטעך פון יאָר 1834 (נומער י. 35);

תפילין־זעקל, אויסגעהאַפּטן מיט זילבער־פעדים (נומער י. 36);

אַ פּאָר תפילין (נומער יוד 37);

אַ קאָמפּלעט צום מל־זיין: מוהל־מעסער, אַ גלעזל צו מציצה, 4 ווינדעלעך, וואַטע־פּעקל; יאַרמעלקע פון סאַמעט; די ברכות פון ברית־מילה אויף פּאַרמעט (נומער י. 38);

צוויי קאָמפּלעטן מיט אַמולעטן און קמיעות פאַר נימולים, באַשטייען פון פאַרשיידענע אַלטע מטבעות פון 18טן יאָרהונדערט (נומער י. 39 א. און ב.);

אַ כיור פון 18טן יאָרהונדערט, אַ צייטווייליקער: אַ קאַן און אַ שיסל (נומער י. 40);

אַ מעשענער שבתדיקער הענג־לאָמפּ, אַ זעקסעקיקער שטערן (נומער י. 41);

אַ זעקסרעריקער שבתדיקער הענג־לאָמפּ פון מעש (נומער י. 42);

אַ זעקסשטערנדיקער שבתדיקער הענג־לאָמפּ פון מעש (נומער י. 43);

צוויי מעשענע וואַנט־לייכטעערס פון אַ סינאַגאָגע, מיט אויפשריפטן פון יידישע מנדבים פון פיורט אין יאָר תק״פ — אין יעדן לייכטער 3 ליכט־האַלטערס (נומער י. 44 א. און ב.);

חנוכה־לאָמפּ פון צין (נומער י. 45);

חנוכה־לאָמפּ פון בלעך (נומער יוד 46);

חנוכה־לאָמפּ פון בלעך (נומער יוד 48);

פּסח־קערה פון צין פון יאָר 1876 (נומער יוד 49);

פּסח־קערה פון יאָר 1820, לאַקירטע בלעך (נומער יוד 50);

שופר (נומער יוד 50);

אַ סידור, אַמסטערדאַם 1712, איינגעבונדן אין רויטן סאַמעט און באַצירט מיט זילבער־בראָקאַט (נומער יוד 52);

אין פּאַרמעט איינגעבונדענער תהילים, מיניאַטור־פאָרעם (יאָר ?), (נומער יוד 53);

מעדאַל צום חנוכת־הבית פון דער סינאַגאָגע אין ערפורט פון יאָר 1886 (נומער יוד 55);

אַ מטבע מיטן אויפשריפט „שקל ישראל" (נומער יוד 56).

***

חוץ די אויבנגעבראַכטע 51 קעגנשטאַנדן געפינט זיך אין דעם זעלביקן מוזיי אַ קאָלעקציע פון 30 קאַלענדאַרן, אַרויסגעגעבן אין האַנאָווער פון די יאָרן תקי"ג ביז תקנ"ב (1852—1892). די דאָזיקע האַנאָווערישע לוחות אין העברעיִש און יידיש געהערן צו די זעלטענע אויסגאַבעס פון דעם מין. אויסער די געוויינטלעכע יידישע דאַטעס און ימים־טובים אַנטהאַלטן זיי אויך גענויע אָנווייזונגען וועגן די פאַרשיידענע יאַרמערק און מעסעס, וואָס קומען פאָר אין משך פון יאָר אין די שטעט און שטעטלעך אין דייטשלאַנד. עס ווערן אויך אין פאַרשיידענע פיגורן אָנגעוויזן די ספּעציפישקייטן פון די מערק. די קאַלענדאַרן אַנטהאַלטן דאָס גלייכן אַ ריי וויכטיקע באַריכטן וועגן דער טעטיקייט פון פאַרשיידענע חברות און פאַראיינען אין באַזונדערע קהילות און זענען אַזוי אַרום זייער אַ ווערטפולער מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון פאַרשיידענע יישובים. אגב זענען אין די לוחות אויך פאַראַן פאַרשיידענע ציטאַטעס און אַפאָריזמען פון תלמוד און מדרשים אין דייטשער איבערזעצונג.

דער ברענענדיקער דאָרן

די וועלט נעמט מיך אַרום מיט שטעכיקע הענט
און טראָגט מיך צום פייער, און טראָגט מיך צו שייטער;
איך ברען און איך ברען און ווער ניט פאַרברענט, —
איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן ווייטער.
(ה. לייוויק — „אייביק״)

דענען מיר שוין ביים סוף; מיר האָבן פאַרגעשטעלט אַ ברוכטייל פון אונדזערע „נישט־דערברענטע שייטן״. עס איז אַ שטויבטייל פון דער מחנה, פון די וואָס זענען געווען אין פלאַקער און אַרויס.

אין די לייוויקישע שורות: „איך ברען און איך ברען און ווער נישט פאַרברענט״... איז פאַרקערפּערט יעדער פאַל, סיי ווען עס רעדט זיך וועגן לעבעדיקע „שייטן״, סיי ווען מען דערציילט וועגן טויטע קעגנשטאַנדן.

איך ברען און ברען און ווער נישט פאַרברענט!

דאָס איז דאָך די אַלטע לעגענדע פון דעם סנה וואָס משה האָט געזען אין מדבר. די דאָזיקע זעונג דערציילט:

„וירא והנה הסנה בער באש והסנה איננו אכל״.
און ער האָט געזען, ערשט דער דאָרן ברענט אין פייער,
און דער דאָרן ווערט נישט פאַרצערט.

(שמות ג׳, פסוק 2)

און אַזוי דויערט עס זינט וועלט איז וועלט — דער פייער פון רשעות קען נישט פאַרברענען די אייביקייט; דער פייער קען נישט פאַרצערן דעם דאָרן, אַפילו ווען דער דאָרן איז איינזאַם און געפינט זיך אין אַ מדבר, אין אַ וויסטעניש.

דער פייער פון אַמאַליקן אָפּגאָט מולך האָט נישט געקענט פאַרברענען די קעמפער פאַר יושר און צדק; אַזוי האָט אויך דאָס פייער פון נאַצישן טעווטאָן

נישט געקענט פאַרלענדן און פאַרצערן אונדזער ס נ ה, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם היינטצייטיקן מדבר.

מיר דערציילן עס אין פריידן.

— טאָקע אין „פריידן"? איז שייך פרייד נאָך דעם וואָס די וועלט האָט די לעצטע יאָרן געזען?

— טאָקע אין פריידן! די „נישט־דערברענטע שייטן" איז די גרעסטע סאַטיספאַקציע, די לעבעדיקע, טאַטוירטע „שייטן" און די צעקנייטשטע, צעקראַצטע, צעקאַליעטשעטע און צעבראָכענע „שייטן" פון צין, מעש, קופּער, זילבער, גאָלד, בייך, שטיין, בראָקאַט, סאַמעט און זייד.

זיי אַלע, יעדער אויף זיין לשון, יעדער אויף זיין שפּראַך און דיאַלעקט, דעמאָנסטרירט אין איין קול:

איך ברען און איך ברען און ווער נישט פאַרברענט.

אין דעם כאָר פון אַלע „נישט־דערברענטע שייטן" — סיי די וואָס זענען געקומען פון יידישע שטעט און שטעטלעך; סיי די וואָס זענען געקומען פון על־זאַסישע דערפער און פלאַנדריען; סיי די וואָס מען האָט זיי פאַרשלעפּט פון פּאָליעשער בלאָטעס אָדער אוקראַינער סטעפּעס; סיי די וואָס מען האָט אַרויסגענומען פון שלעזישע גרובן; סיי די וואָס זענען געקומען פון האָלענדישע בלומען־פעלדער...

אין דעם כאָר, פון די „מוסולמאַנער" וואָס זענען אַרויס נישט־פאַרצערט פון בוכאַו און מאַטהאַוזען; פון בוכענוואַלד און אָראַניענבורג; פון מאַידאַנעק און ראַווענסברוק; פון ווערק צע און גראָס־ראָזען; פון אוישוויץ און בערגען־בעלזען — פון אַלע טויזנטער גיהנומס — הערט זיך אַמקרעפּטיקסטן אונדזער רוף:

איך ברען און איך ברען און ווער נישט פאַרברענט!

**
*

ווילט זיך דאָ ביים סוף דערציילן אַן עפּיזאָד מיט איינעם אַזאַ „שייט". אייגנטלעך איז דער דאָזיקער „שייט" דער „שולדיקער" אין דעם נאָמען פון איצטיקן בוך.

און געשען איז עס אַזוי:

אין דעם „העסישן לאַנדעס־מוזעום" אין וויסבאַדען ווו עס איז געווען דער דעפּאָזיט־לאַגער פון אַלע חפצים, קונסט־קעגנשטאַנדן, ביכער און אַנדערע אָבּיעקטן, וואָס מען האָט צוריקגענומען פון דער נאַצישער גזילה, האָט געאַרבעט אַ יידישער יונגערמאַן, אַן אָפּשטאַמיקער פון אונגאַרן, פון דעם ווינקל וואָס האָט געהייסן „שבע קהילות" — די זיבן קהילות, מיט דער אַלטער און באַרימטער יידישער קהילה אייזנשטאָט בראש.

דער יונגערמאַן איז געווען באַשעפטיקט ביים אָנהענגען די „פּאַספּאַרטן", די סיגנאַטור־בלעטלעך אויף די הונדערטער און הונדערטער חפצים. געווען איז ער א שטאַרק פרומער, געהאַט שטענדיק „פּראָבלעמען" פון כשרות אין וויסבאַדען. איך האָב געוווּסט, אַז ביי יעדן וויזיט דאַרף איך עפּעס באַזאָרגן, כדי צו לייזן זיינע שוועריקייטן. פון זיינע קאַרגע צוואַנציק יאָר האָט ער הינטער זיך געהאַט אַ גרויס קאַפּיטל פון נאַצי־לאַגערן און אַרויס אַ טאַטוירטער פון אוישוויץ.

איך האָב שוין געוווּסט, אַז יעדעס מאָל ווען מיר טרעפן זיך האָט ער זיינע „ענינים", אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט זיין אונגאַרישער „יידישקייט".

איין מאָל איז ער גאָר אַוועק אויף אַן אַנדער טעמע — מיר זענען געזעסן אויף אַ באַנק קעגנאיבער דעם קורהויז, איינעם פון די שענסטע פּלעצער פון וויסבאַדען. און ער הייבט אָן:

— איר ווייסט, הער בערנשטיין, ביי אונדז אין מאַטערסדאָרף פלעגט מען דערציילן, אַז אין די מנורות, וואָס שטייען אין דער שול ברענען ליכט, אַפילו ווען מען צינדט זיי נישט אָן. געזאָגט האָט מען, אַז דאָס „ברענען" יאָרצייט־ליכט נאָך די יעניקע, וואָס האָבן נישט געלאָזט נאָך זיך קיין קדיש, אָדער אַ יאָרצייט־אָפּהיטער. אָך־און־וויי איז געווען צו דעם יעניקן, וואָס האָט דערזען די דאָזיקע „ברענענדיקע ליכט" אין די שול־מנורות. ער פלעגט זיין יאָר נישט אויסלעבן.

— אַזעלכע לעגענדעס חזרן זיך איבער אין פאַרשידענע נוסחאות, זאָג איך אים.

— ניין, נישט וועגן לעגענדעס וויל איך אייך דערציילן, — שלאָגט ער מיר איבער, — איך זיץ שוין דאָ חדשים־לאַנג, הונדערטער מנורות זענען שוין דורך מיינע הענט באַהאַנגען געוואָרן מיט זייערע „קענצייכנס" — די אינווענטאַר־נומערן. שטעלט אייך פאָר, אַז איין מאָל, אַזוי אַ פאַרנאַכט, איך האָב שוין געהאַלטן ביים שליסן די אַרבעט, ד״ר לעווענטאַל איז שוין אַרויס, פּלוצים דערזע איך אַז אין מנורות ברענען ליכט! תחילת האָב איך געטראַכט, אַז צוליב פאַרמאַטערטקייט שווינדלט מיר פאַר די אויגן. אָבער איך האָב געזען ממש ליכט, די פלעמלעך האָבן זיך געוויגט הין און צוריק, אַפילו דעם רויך פון די שלעכט־ברענענדיקע ליכט האָב איך דערפילט.

— זיכער אַ מיראַזש, דערקלער איך אים.

— איך בעט אייך, לאָזט רעדן — זאָגט ער — ביי אונדז אין מאַטערסדאָרף ווייסט איר דאָך וואָס מען האָט געזאָגט און איך האָב געוואָלט אַנטלויפן. אָבער פון דעם טאָג כסדר זע איך פלאַמען אין די חנוכה־לאָמפּן, ליכט ברענען אין די מנורות. איך בין מיט די דאָזיקער פייערלעך געוואָרן היימיש און איך שרעק זיך שוין נישט.

— איר ווייסט, הער בערנשטיין, איך הייב אָן צו פאַרשטיין פון וואַנען זיי קומען די דאָזיקע ליכט — דאָס זענען די פלעמעלעך פון אַלע נישט אויסגע־

ברענטע שבת־ און יום־טוב־ליכט; דאָס ברענען זיי איצט אָפּ פאַר דער צייט ווען זיי זענען געווען אין דעם רשות פון דער טומאה.

איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן, אַז דער יונגערמאַן רעדט פון וועג, אַז עפּעס טוט זיך אין זײַנע געהירן.

— אפשר זענען עס גאָר פלעמעלעך פון די, פאַר זייער צייט, פאַרשניטענע נשמות, פאַר וועלכע מען האָט נישט אָנגעצונדן קיין יאָרצייט־ליכטלעך?... איר ווייסט, אַז די דאָזיקע ליכטלעך האָבן מיר אָנגעהויבן פעלן. אין טעג ווען איך זע נישט די „ברענענדיקע ליכט" פֿיל איך, אַז עפּעס איז געשען. איך זוך די סיבה, אפשר האָב איך מיט שלעכטע מחשבות פאַרטריבן די קדושים. איך הייב אָן תשובה־טון, ביז איך דערזע ווידער די פלעמלעך.

עס איז ביי מיר קלאָר געוואָרן, אַז דער יונגערמאַן וואָס איז אין משך פון חדשים געווען צווישן די מעשענע, קופערנע, זילבערנע, גאָלדענע תשמישי־קודש הייבט אָן אָראָפּצוגיין פון זינען.

איך האָב איבערגעהאַקט דעם דאָזיקן שמועס.

אויף שבת פלעגט ער פאָרן קיין פראַנקפורט. איין מאָל איז אונדז אויסגעקומען צוזאַמען צו פאָרן קיין פראַנקפורט מיטן אויטאָ. ווידער האָט ער אָנגעהויבן זיין איבערגעריסענעם שמועס:

— איך ווייס, אַז איר האַלט מיך פאַר אַ חסר־דעה, אַז עפּעס איז איבערגעמישט אין מיין מוח. אפשר טראַכט איר אויך, אַז איך וויל אייך מאַכן משוגע אָדער אַרויסשטעלן צום נאַר, אָבער הערט:

— איך בין ביי מיינע געדאַנקען. יעדע זאַך האָט אַ ריח, וואָס לעבט נאָך דעם ווי די זאַך איז שוין נישטאָ; יעדער האָט אַ שאָטן, ווען ער שטאַרבט לעבט ווייטער דער שאָטן — ער לעבט אויף אַלע ערטער ווו עס איז געפאַלן; יעדער מאכל האָט זיין געשמאַק, ער לאָזט עס איבער אַפילו ווען מען האָט עס נאָר איין מאָל אַריינגעגאָסן אין אַ כלי. דערפאַר טאַקע מוז מען זיך שטאַרק היטן מיט בשר־וחלב, מילכיק־פליישיק... וואָס מיינט איר, אַז איך פיל נישט אין אַלע מיינע מאכלים דעם גערוך פון די געברענטע לייבער פון אוישוויץ? איר מיינט דען, אַז איך טראָג אַן אַנצוג ווי אַלע מענטשן — דאָס איז דאָך דער געשטרייפטער העפטלינג־מונדיר... און איר זעט מיין פנים? — ער איז טאַטויִרט. נישט נאָר אויף מיין אָרעם האָב איך דעם אויסגעטאַטויִרטן נומער — אומעטום, אויף מיין גאַנצן קערפּער ברענט ער מיר...

ערשט איצט האָב איך אויף אַן אמת אָנגעהויבן טראַכטן, אַז ער איז פאַקטיש משוגע, און פרוּוו אים איבעררייסן:

— איך מיין, אַז איר זענט איבערגעמאַטערט. איר וואָלט געדאַרפט אַריינגיין צום דאָקטער.

— ניין, פריינד בערנשטיין, איך בין נישט משוגע — איך זע די פייערלעך

אין די מנורות. זיי זענען דאָ, זיי קענען נישט אַוועקגיין — די גאַנצע מנורה איז איין גרויסער פלאַם. איר הערט? — נעכטן האָב איך געמאַכט דעם „פּאַס־פּאָרט" פאַר דעם בעכער פון דער בינגענער חברה־קדישא. איך האָב געפילט די וואַרעמקייט פון דעם גבאיס פינגער, וואָס האָט געהאַלטן דעם בעכער אין זיינע הענט, איך האָב אויך געשפּירט דעם ריח פון דעם קידוש־וויין, וואָס עס איז דאָרט געווען.

זע איך דאָך, אַז עס וועט דערפון גאָרנישט אַרויס, האָב איך אָנגעהויבן „מיטשפּילן" און פרעג אים:

— דאַרפט איר זיין זייער פּאָרזיכטיק, איר קענט זיך אַמאָל אָפּברענען די פינגער פון די „פלאַמען" וואָס איר זעט...

— איר זענט אַ חכם, — שלאָגט ער מיר איבער, — שוין איין מאָל אַ חכם. האָט איר שוין געזען, אַז איין פייער זאָל פאַרברענען אַ צווייטן? אַז איין פלאַם זאָל פאַרלענדן זיינס גלייכן? ווער זענען מיר — איך, דער אונגאַרישער ייִד, און איר — דער פּוילישער ייִד? — מיר זענען דאָך שטיקלעך פייער, נישט־דער־ברענטע שייטן זענען מיר... וואָס פאַר אַ פלאַם קען אונדז שוין נעמען?

איך האָב אָנגעהויבן נאַכטראַכטן וועגן די „משוגענע" געדאַנקען פון מיין יינגערן אונגאַרישן פריינט, וואָס איז געלייטערט געוואָרן אין אוישוויץ, דער וואָס איז שוין געלעגן אויף אַ פור מיט „מוסולמענער", אָפּגעטראַנספּאָרטירט צו ווערן צום קרעמאַטאָריע־פלאַם.

זיינע חסר־דעה רייד האָבן אָנגעהויבן ביי מיר אויסזען גאָר אַנדערש.

און דאַן האָב איך געטראַכט — אויב עס וועט מיר זיין באַשערט צו דער־ציילן וועגן די אָפּגעראַטעוועטע אוצרות פון אונדזערע פאַרשניטענע דורות, וועל איך אָנרופן די דאָזיקע עפּאָפּעע מיט דעם טרעפלעכן נאָמען נישט־דערברענטע שייטן — שייטן, וואָס זענען אַרויס פון פייער און דאָך היטן זיי אָפּ זייער פלאַם, דעם פלאַם פון אייביקייט.

***

איך האָב דערמאָנט דעם דאָזיקן, אפשר קאָמישן, עפּיזאָד. מיר דוכט אָבער, אַז ער איז גאָרנישט קאָמיש.

אונדזער דור, דער דור וואָס איז אַדורך אַזויפיל מדורי־גהינומס און זיך געלייטערט אין אַזויפיל פייערן, האָט מיט זיך מיטגענומען אַ טייל פון דעם פלאַקער; עס האָט זיך אָן יעדן אָנגעקלעפּט עפּעס אַ פלאַם — אַ פלאַם וואָס אין אים האָבן אויסגעהויכט די נשמות אונדזערע קדושים, אַ פלאַם וואָס היט און באַשיצט אונדז.

און איך וואָלט געוואָלט, אַז אַזוי זאָל מען פאַרשטיין דעם זין פון די געבראַכטע אין דעם בוך נישט־דערברענטע שייטן.

סוף־וואָרט

ווער איז די מערכה פון ספר בכלל און פון ייִדישן בוך בפרט, עס קענען די אַרויסגעבערס און קודם־כל דער מחבר, דערציילן וויפל מיכשולים, וויפל שטיינער עס דאַרפן באַזייטיקט ווערן פון וועג ביז אַ נײַ ייִדיש בוך דערזעט די ליכטיקע שײַן.

מײַנע „**נישט־דערברענטע שײַטן**" זענען נישט געווען קיין אויסנאַם; זיי האָבן געהאַט גאָר שווערע חבלי־לידה און דעריבער איז פאַר־שטענדלעך מײַן גרויסע פרייד וואָס איך קען זיי שוין צוטראָגן דעם ייִדישן לייענער.

ווייל איך פון דעם אָרט אויסדריקן מײַן אויפריכטיקן דאַנק די אַלע וואָס האָבן מיר צוגעגעבן מוט, געמונטערט און מיטגעהאָלפן, אַז די „**שײַטן**" זאָלן אויסגע־לייזט ווערן פון מײַן „רשות־היחיד" און קענען איבערגיין צום ייִדישן כלל.

דער בראשיתדיקער פּאַרדינסט איז אָבער פון דעם **געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט**, וואָס האָט איניצירט דאָס אַרויסגעבן פון דעם בוך ווי אַ מתנה צו מײַן ווערן אַ בן־חמישים. זייער איניציאַטיוו האָט מיר געגעבן דעם קוראַזש צו דערפירן די אַרבעט ביזן פינאַל.

**
*

אין פאַרשידענע קאַפּיטלען דערמאָן איך די אינסטיטוציע „**אירסאָ**", וואָס איז געווען טעטיק אין דעם נאָכמלחמהדיקן דײַטשלאַנד, וועמענס עובדא עס איז געווען אָפּצונעמען דאָס צוגעגזלטע ייִדישן האָב־און־גוטס. ווי אַ מיטאַרבעטער אין די ראַמען פון דער דאָזיקער טעטיקייט, ווי אַ באַראַטער און פאָרשער פון דעם סעקטאָר פאַר ייִדישע גײַסטיקע אוצרות בײַ דער „אירסאָ", איז מיר טאַקע געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט פון אַ ברייטער און טיפער שטודיע וועגן די פאַרשניטענע טויזנט יאָר פון **נוסח אשכנז**.

עס איז בכן אַן אָנגענעמער חוב אויסצודריקן מיין דאַנק די פירער פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, איר גענעראַל־דירעקטאָר **בנימין ב. פערענץ** און סעקרעטאַר **שאַול קאַגאַן**, די יעניקע וואָס האָבן מיין אַרבעט סטימולירט און געהאָלפן.

אין סך־הכל פון דער דערמאָנטער טעטיקייט האָב איך אַרויסגעבראַכט מיין ערשט בוך „**אין לאַבירינטן פון תקופות**" און דעם איצטיקן „**נישט־דערברענטע שייטן**". ביידע ביכער זענען טיילן פון דער פאַרטראַכטער דרייבענדיקער סעריע „**אויף די שפּורן פון טויזנט יאָר אשכנז**". עס ליגט שוין איצט גרייט דאָס דריטע און סוף־בוך פון דער דאָזיקער סעריע מיטן טיטל:

„און דאָס איז געווען נוסח אשכנז..."

איך בין פול מיט גלויבן, אַז פונקט ווי עס איז אונדז געלונגען בייצושטיין די פילע שוועריקייטן און אַרויסצוגעבן די ביז־איצטיקע צוויי ביכער וועט אויך דאָס דריטע בוך קענען גאָר בקרוב דערשיינען, כדי דאָס העראָיש־טראַגישע קאַפּיטל פון דער תקופה אשכנז זאָל בשלימות אַריינגענומען ווערן אין ספר־טאָוולען.
דאָס דריטע בוך קענען גאָר בקרוב דערשיינען, כדי מיינע צונויפגעזאַמלטע מאַטעריאַלן וועגן דעם העראָיש־טראַגישן קאַפּיטל פון דער תקופה אשכנז זאָלן בשלימות באַקומען אַ תיקון אין ספר־טאָוולען.

פון זעלביקן מחבר:

1) **צווי רעצעפּטן־ביכער אין אַלט־ייִדיש פון 1474 און 1509.**
סעפּאַראַט־אָפּדרוק פון „דווקא", נומער 17, בוענאָס־איירעס, 1953.

2) **תקנות ביי ייִדן קעגן לוקסוס און אויסברענגעריי.**
סעפּאַראַט־אָפּדרוק פון יאָרבוך תשט"ו פון דער ייִדישער קהילה אין בוענאָס־איירעס, 1955.

3) **אין לאַבירינטן פון תקופות**
(ערשט בוך פון דער סעריע „אויף די שפּורן פון 1000 יאָר אשכנז")
פאַרלאַג „ייִדבוך", בוענאָס־איירעס, 1955.

4) **דער ייִדיש־גלאָסאַר פון „חיי־אדם"**
(אַ צושטייער צום גרויסן ווערטערבוך)
סעפּאַראַט־אָפּדרוק פון באַנד 6 „אַרגענטינער ייוואָ־שריפטן", ב. איירעס, 1955.

גרייט צום דרוק:

א) **און דאָס איז געווען נוסח אשכנז...**
(דריט, און לעצט, בוך פון דער סעריע: „אויף די שפּורן פון 1000 יאָר אשכנז").

ב) **דורך קאַלט און וואַרעם**
נע־ונד־געשיכטעס: פון פּראַסטיקן לאַגער סוכאַ־בעזוואָדנאַ,
ביז דער הייסער פּערגאַנער דאַלינע.

ג) **אונטער שטרויענע דעכער**
די עפּאָפּעע פון ייִדישע ישובניקעס אין ווייסרוסלאַנד.

אַדרעס פון מחבר:

M. BERNSTEIN

HONDURAS 4178 - Dto. D.

Buenos Aires

Mardoqueo W. Bernstein

BRANDS PLUCKED OUT OF THE FIRE

★

Instituto Científico Judío - IWO
Buenos Aires — 1956

Mardoqueo W. Bernstein

TIZONES SACADOS DE LA HOGUERA

(NISHT DERBRENTE SHAITN)

★

Instituto Científico Judío - IWO

Buenos Aires — 1956